STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09941

IDEALEN UN VIRKLEKHKAYT IN DER RUSISHER LITERATUR

Petr Alekseevich Kropotkin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּעטער קראָפּאָטקין

געזאַמעלטע שריפטען

אידעאַלען און ווירקליכקייט אין דער רוסישער ליטעראַטור

איבערזעצט פון ה. ראָזענפעלד

ערשטער באַנד

ארויסגעגעבען פון דער
קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאפט
ניו יאָרק, 1922

פון די אַרויסגעבער

מיט דער אַרויסגאַבע פון די דריי קראָפּאָטקין ביכער, ערפילט די געזעלשאַפט טיילוויז די אויפגאַבע, וואָס זי האָט זיך געשטעלט, נאָך קראָפּאָטקינ׳ס טויט, אַרויסצולאָזען אין אידיש 5 בענד פון זיינע שריפטען. די איבעריגע צוויי בענד וועלען ענטהאַלטען זיין לעצטע אַרבייט, וועלכע דאַרף קירצליך ערשיינען אין אַנדערע שפּראַכען און וועט איבערזעצט און אַרויסגעגעבן ווערן פון דער געזעלשאַפט אַזוי שנעל ווי מעגליך.

עס וואָלט אודאי געווען אַ גליכע זאַך אַרויסצוגעבען אַלע זיינע געזאַמעלטע שריפטען, אַפילו די וואָס זיינען שוין פריהער ערשינען אין פאַרשיידענע פאַרלאַגען, אין אַן איינהייטליכע אויסגאַבע, און אייניגע ווערק אפילו אין אַ נייער פּינקטליכער איבערזעצונג, פון וועלכע עס וואָלט געקאָנט צונויפגעשטעלט ווערן אַן ערך 15 גרויסע בענד. דאָס וואָלט געווען אַ שעהנער אָנדענק פאַר דעם נאָמען פון אונזער גרויסען לעהרער, צו וועמען מיר זיינען אַלע אַזוי פיל פאַרפליכטעט, און אַ אומערשעפּליכער קוואַל פון געדאַנקען און וויסען פאַר אַלע אידישע פאָרטגעשריטענע אַרבייטער. ליידער אָבער ערלויבען ניט די איצטיגע אומשטענדען זיך צו נעמען פאַר אַזאַ אַרבייט, און מוז איבערגעלאָזט ווערן פאַר אַ גינסטיגערער צייט.

די איבערזעצונג פון אַט די איצטיגע דריי בענד איז געמאַכט געוואָרן אונטער דער רעדאַקציע פון דר. י. א. מעריסאָן, וועלכער האָט פאַרגליכען כמעט יעדען זאַץ מיט׳ן אָריגינאַל און געזאָרגט פאַר דער פּינקטליכקייט און טרייקייט פון דער איבערזעצונג מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. דער לעצטער קאַפּיטעל פון „די אידעאַלען און ווירקליכקייט אין דער רוסישער ליטעראַטור" איז אינגאַנצען איבערזעצט פון איהם אַליין. (ער האָט אויך צונויפגעשטעלט דעם „אָנצייגער" צו די צוויי „רוסישע ליטעראַטור" בענד.) דערביי מוז אויך באַמערקט ווערן, אַז די איבערזעצער פון די צוויי בענד „ליטעראַטור" האָבען זיך באַנוצט אויך מיט דער רוסישער איבערזעצונג פון דעמזעלביגען ווערק, אין וועלכער דער פאַרפאַסער האָט געמאַכט אייניגע ענדערונגען און אויסבעסערונגען, און האָבען אַריינגענומען יעדע וועזענטליכע ענדערונג און וויכטיגע הוספה אין דער אידישער איבערזעצונג.

די קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט.

אינהאַלט

פאָררעדע .. .. 11—13

קאַפּיטעל איינס

איינלייטונג: די רוסישע שפּראַך .. .. 15—61

די רוסישע שפּראַך. — די אַלטע פאָלקס־ליטעראַטור: פאָלקלאָר — לידער — לעגענדען — די לעגענדע וועגען איגאָר׳ס איבערפאַל — בראָניקעס — דער מאָנגאָלישער איבערפאַל; זיינע פאָלגען. — די קאָרעספּאָנדענץ צווישען יאָהאַן דעם פערטען און קורבּיטסקי׳ן. — די שפּאַלטונג אין דער קירך. — אַוואַקום׳ס מעמואַרען: דער אַכטצעהנטער יאָהרהונדערט. פּעטער דער ערשטער און זיינע צייט־חברים. — טרעטיאַקאָווסקי. — לאָמאָנאָסאָוו. — סומאַראָקאָוו. — די צייטען פון יעקאַטערינא דער צווייטער: דערזשאַווין — פאָנוויזין. — די מאַסאָנען: נאָוויקאָוו; ראַדישטשעוו. — דער אָנפאַנג פון׳ם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט: קאַראַמזין און זשוקאָווסקי — די דעקאַבּריסטען — רילעיעוו.

קאַפּיטעל צוויי

פּושקין און לערמאָנטאָוו .. .. 62—96

פּושקין: די שעהנקייט פון פאָרם. — פּושקין און שילער. — זיין יוגענט; זיין פאַרשיקונג; זיין שפּעטערדיגע קאַריערע און טויט. — צויבער מעשיות: „רוסלאַן און לודמילא״. — זיין ליריק. — „בייראָניזם״ — דראַמאַטישע ווערק׳ — „יעווגעני אָניעגין״. — לערמאַנטאָוו: פּושקין אָדער לערמאַנטאָוו? — זיין לעבען: קאַווקאַז. — נאַטור־פּאָעזיע. — שעלי׳ס ווירקונג. — „דעמאָן״. — „מצירי״. — ליבע צו פרייהייט. זיין טויט. — פּושקין און לערמאַנטאָוו אַלס פּראָזע־שרייבער. — אַנדערע דיכטער און נאָוועליסטען פון דער זעלביגער עפּאָכע.

קאַפּיטעל דריי

גאָגאָל .. .. 97—124

מאַלאָראָסיע. — אָוועגטען אויף אַ כוטאָר נעבען דיקאַנקע״ און „מירגאָראָד״. — דאָס דאָרפס־לעבען און הומאָר. — „ווי איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך צוקריגט מיט איוואַן ניקיפאָראָוויטש״. — די היסטאָרישע דערצעהלונג „טאַראַס בולבאַ״. — „דער שינעל״. — דראַמע: „דער רעוויזאָר״. — זיין איינפלוס. — „טויטע נשמות״. — די הויפּט־טיפּען. — רעאַליזם אין דער רוסישער דערצעהלונג.

קאַפּיטעל פיר

טורגעניעוו. — טאָלסטאָי . . . . 125—208

טורגעניעוו: די הויפּט־שטריכען פון זיין קונסט. — „נאָטי־
צען פון אַ יעגער". — דער פּעסימיזם פון זיינע ערשטע דער־
צעהלונגען. — זיין סעריע דערצעהלונגען, וואָס שילדערן די
לייטענדע טיפּען פון דער רוסישער געזעלשאַפט. — רודין. —
לאַוורעצקי. — העלענאַ און אינסאַראָוו. — באַזאַראָוו. —
פאַרוואָס „פאָטערס און קינדער" איז ניט פאַרשטאַנען געוואָרן.
— האַמלעט און דאָן קיכאָט. — נייער באָדען: די באַוועגונג
פון געהן אין פאָלק. — פּערזען אין פּראָזע. טאָלסטאָי:
„קינדהייט און בחור'שאַפט". — אין דער צייט פון און נאָך
דער קרימער מלחמה. — יוגענט: אין זוכעניש פון אַן אידע־
אַל. — דערצעהלונגען. — מעשה'לאך. — „קאָזאַקען". —
פּעדאַגאָגישע אַרבייט. — „קריג און פרידען". — „אַננאַ קאַ־
רענינא".— דער רעליגיעזער קריזיס. — זיין אויסטייטשונג פון
דער קריסטליכער לעהרע. — די הויפּט־פּונקטען פון דער קריסט־
ליכער עטיק. — די לעצטע קונסט־ווערק. — „די קרייצער
סאָנאַטאָ". — „תחית המתים".

קאַפּיטעל פינף

גאָנטשאַראָוו. — דאָסטאָיעווסקי. — נעקראַסאָוו 209—261

גאָנטשאַראָוו: „אָבלאָמאָוו". — די רוסישע אָבלאָ־
מאָוו־קרענק. — איז זי טאַקע אַן אויסשליסליך רוסישע? —
„ביים ראַנד". — דאָסטאָיעווסקי: זיין ערשטע
נאָוועלע. — דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון זיינע ווערק. —
„מעמואַרען פון אַ טויטהויז". — „די דערנידעריגטע און באַ־
לייִדיגטע". — „פאַרברעכען און שטראָף". — „די ברידער קאַ־
ראַמאַזאָוו". — נעקראַסאָוו: דיסקוסיע וועגען זיין
טאַלאַנט. — זיין ליבע צום פאָלק. — דער אפּאָפעאָז פון אַ רוסי־
שער פרוי. — אַנדערע פּראָזע־שרייבער פון דער זעלביגער
עפּאָכע. — סערגעי אַקסאַקאָוו. — דאַל. — איוואַן פּאַנאַיעוו.
— כוואסטשינסקאַיאַ (וו. קרעסטאָווסקי פּסעוודאָנים). — דיכ־
טער פון דער זעלביגער עפּאָכע. — קאָלצאָוו. — ניקיטין. —
פּליעשטשעיעוו. — די פאַרעהרער פון דער ריינער קונסט:
טיוטשעוו. — א. מאַיקאָוו. — שטשערבינאַ. — פּאָלאַנסקי. —
א. פעט. — אַ. ק. טאָלסטאָי. — די איבערזעצער.

פאָררעדע.

אָט־דאָס בוך איז אַרויסגעקומען פון א סעריע פון אכט לעק־ציעס איבער דער רוסישער ליטעראַטור אינ׳ם משך פונ׳ם נײַנצעהנ־טען יאָהרהונדערט, וועלכע איך האָב געהאַלטען אין מערץ 1901 אין דעם לאָועל אינסטיטוט אין באָסטאָן.

בעת איך האָב אָנגענומען די אײַנלאַדונג דורכצופיהרן אָט־דעם קורס, האָב איך באַגריפען די שוועריגקייטען, וואָס זײַנען גע־שטאַנען אין מיין וועג. עס איז בשום אופן ניט קיין לייכטע אויפ־גאַבע צו ריידען אָדער שרייבען וועגען א ליטעראַטור פון א לאַנד, ווען אָט־די ליטעראַטור איז קוים באַקאַנט צו די צוהערער אָדער צו די לעזער. נאָר דריי אָדער פיר רוסישע שריפטשטעלער זײַנען גע־ווען געהעריג און איבערהויפּט פאַלשטענדיג איבערזעצט אין ענג־ליש; אזוי אז אָפט האָב איך געמוזט ריידען וועגען א פּאָעמע אָדער א דערצעהלונג, בעת זיי וואָלטען געקאָנט געווען לייכט כאַ־ראַקטעריזירט ווערן, ווען מען לייענט פּשוט איבער פון זיי א פּאַר שטעלען.

אָבער, אויב די שוועריגקייטען זײַנען געווען גרויס, איז דער־פאַר דער געגענשטאַנד ווערט געווען די אָנשטרענגונג. די רוסישע ליטעראַטור איז א רייכער קוואַל פון אָריגינעלען פּאָעטישען גע־דאַנק. זי פאַרמאָגט א רייכקייט און א יוגענטליכקייט, וואָס מען קאָן ניט געפינען אין דערזעלביגער מאָס אין עלטערע ליטעראַטורען. נאָך מעהר, זי פאַרמאָגט אַן ערנסטקייט און איינפאַכקייט פון אויס־דרוק, וואָס מאַכען איר אַלץ מעהר אָנציהענד פאַר׳ן גייסט, וועלכער איז שוין מיד געוואָרען פון ליטעראַרישער קינסטליכקייט. און זי האָט אָט־דעם כאַראַקטעריסטישען שטריך, וואָס זי טראָגט אַריין אין דעם רייך פון קונסט — פון דער פּאָעמע, דערצעהלונג, דראַמע — כמעט אַלע יענע פראַגען, סאָציאַלע און פּאָליטישע, וואָס ווערן אין מערב־אייראָפּא און אַמעריקא, ווענינגסטענס אין אונזער איצ־

טיגען דור, דיסקוטירט אין די פּאָליטישע ווערק פונ'ם טאָג, אָבער זעלטען ווען אין דער ליטעראַטור.

אין קיין אנדער לאַנד פאַרנעהמט ניט די ליטעראַטור אַזאַ איינפלוסרייכען פּלאַץ, ווי אין רוסלאַנד. אין ערגעץ איבט זי ניט אויס אַזאַ טיפע און דירעקטע ווירקונג אויף דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פונ'ם אינגערען דור. עס זיינען פאַראַן ראָמאַנען פון טורגענעוו'ן און אפילו פון ווינציגער באַוואוסטע שריפטשטעלער, וואָס זיינען געווען אמת'ע שטאַפּלען אין דער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער יוגענט אין דעם משך פון די לעצטע פופציג יאָהר.

די אורזאַך פאַרוואָס די ליטעראַטור איבט אויס אַזאַ איינפלוס אין רוסלאַנד איז זעלבסטפאַרשטענדליך. עס איז דאָרט ניטאָ קיין אָפען פּאָליטיש לעבען, און מיט דעם אויסנאַהם פון עטליכע יאָהר, בעת דער אָפּשאַפונג פון לייב־אייגענטום, האָבען די רוסען קיינמאָל קיין מעגליכקייט ניט געהאַט צו נעהמען אַן אקטיווען אַנטייל אין דער פאָרמירונג פון די אינסטיטוציעס פון זייער לאַנד. דערפאַר האָבען די בעסטע מחות פונ'ם לאַנד אויסגעקליבען די פּאָעמע, די דערצעהלונג, די סאַטירע, אָדער די ליטעראַרישע קריטיק אַלס מיטעל אויסצודריקען זייערע שטרעבונגען, זייערע באַגריפען פון נאַציאָנאַלען לעבען, אָדער זייערע אידעאַלען. נישט צו די אָפיציעלע אויסגאַבען אָדער צו די פיהרער פון צייטונגען, נאָר צו איהרע קונסטווערק מוז מען זיך אין רוסלאַנד ווענדען, כדי צו פאַרשטעהן די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אידעאַלען פונ'ם לאַנד — די שטרעבונגען פון יענע טיילען פון דער רוסישער געזעלשאַפט, וואָס מאַכען געשיכטע.

אַזוי ווי עס וואָלט געווען אוממעגליך צו אויסשעפּען אַזאַ ברייטען געגענשטאַנד, ווי די רוסישע ליטעראַטור אין די גרעניצען פון אָט־דעם בוך, האָב איך קאָנצענטרירט מיין הויפּט־אויפמערקזאַמקייט אויף דער מאָדערנער ליטעראַטור. די ערשטע שריפטשטעלער, ביז פּושקין און גאָגאָל — די גרינדער פון דער מאָדערנער ליטעראַטור — ווערן באַהאַנדעלט אין אַ קורצער איינלייטענדער שילדערונג. נאָכדעם ווערן באַטראַכט די שריפטשטעלער, וואָס פאַרטרעטען אַם־מעהרסטען די פּאָעזיע, דערצעהלונג, דראַמע, פּאָליטישע ליטעראַטור און קונסט־קריטיק; אַרום זיי האָב איך גרופּירט די ווינציגער־פּראָמינענטע שריפטשטעלער, פון וועלכע די

וויכטיגסטע ווערן דערמאָהנט אין קורצע נאָטיצען. מיר איז באַ־קאַנט, אַז יעדער איינציגער פון אַט־די לעצטע שטעלט ארויס עט־וואָס אינדיווידועלעס, וואָס איז גאַנץ כדאי צו וויסען; און אַז אייניגע פון די ווינציגער־באַוואוסטע שריפטשטעלער האָט זיך אפילו צייטענווייז איינגעגעבען בעסער פאָרצושטעלען א געוויסע שטרעמונג פון געדאַנק, ווי זייערע מעהר־באַוואוסטע קאָלעגען; אָבער אין א בוך, וואָס איז באַשטימט צו געבען נאָר א ברייטען אַלגעמיינעם באגריף פון דעם געגענשטאַנד, איז דער פּלאַן, וועלכען איך האָב נאָכגעפאָלגט, געוועזן נויטיג.

ליטעראַטור־קריטיק איז שטענדיג געוועזן גוט פאָרטראָטען אין רוסלאַנד, און די אָנזיכטען פון אָט דעם בוך מוזען טראָגען שפּורען פון דער ארבייט פון אונזערע גרויסע קריטיקער — בעלינסקי, טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו און פיסארעוו, און זייערע מאָ־דערנע נאָכפאָלגער: מיכאילאָווסקי, ארסעניעוו, סקאָביטשעווסקי, ווענגעראָוו און אַנדערע. פאַר ביאָגראַפישע דאַטען בנוגע צו מאָ־דערנע שריפטשטעלער בין איך אויך שולדיג א דאַנק צו דעם אויס־געצייכענטען ווערק איבער מאָדערנער רוסישער ליטעראַטור פון דעם צולעצט דערמאָהנטען אויטאָר און צו די אַכציג בענד פון דעם וואונדערבאַרען רוסישען ענציקלאָפּעדישען ווערטער־בוך.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך אויסדריקען מיין האַרציגען דאַנק צו מיין אַלטען פריינד מר. ריטשארד היטה, וואָס איז געוועזן אזוי פריינטליך און האָט איבערגעלייענט אָט־דאָס גאַנצע בוך אי אין מאַנוסקריפּט, אי אין קאָרעקטור.

ברעמלי, קענט,

יאַנואַר, 1905.

קאַפּיטעל איינס.

איינלייטונג: די רוסישע שפּראַך.

די רוסישע שפּראַך. — די אלטע פאָלקס־ליטעראטור: פאָלקלאָר—לידער—לעגענדען — די לעגענדען וועגען איגאָר׳ס איבערפאַל—כראָניקעס—דער מאָנגאָלישער איבערפאַל; זיינע פאָלגען — די קאָרעספאָנדענץ צווישען יאָהאַן דעם פערטען און קורביטסקי׳ן — די שפּאַלטונג אין דער קירך — אַוואַקום׳ס מ ע מ ו אַ ר ע ן: דער אַכט־צעהנטער יאָהרהונדערט — פּעטער דער ערשטער און זיינע צייט־חברים. — טרעטיאַקאָווסקי. — לאָמאָנאָסאָוו. — סומאראקאָוו. — די צייטען פון יעקאַטערינאַ דער צווייטער: דערזשאַווין — פאָנ־וויזין. — די מאַסאָנען: נאָוויקאָוו; ראַדישטשעוו. — דער אָנפאנג פונ׳ם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט: קאַראַמזין און זשוקאָווסקי — די דעקאַבריסטען — רילעיעוו.

די צוואה, וואָס טורגענעוו האָט אַדרעסירט צו די רוסישע שריפטשטעלער פון זיין טויטען־בעט, איז געווען אַ בקשה, אַז זיי זאָלען אויפהאַלטען אין איהר ריינקייט „אָט־די ווערטפולע ירושה אונזערע — די רוסישע שפּראַך.“ ער, וואָס האָט אויסגעצייכענט געקאָנט די מעהרסטע שפּראַכען, וועלכע ווערן גערעדט אין מערב־אייראָפּא, האָט געהאַט די העכסטע מיינונג פון רוסיש אַלס אינ־סטרומענט אויסצודריקען אַלע מעגליכע שאַטירונגען פון געדאַנק און געפיהל, און ער האָט באַוויזען אין זיינע שריפטען וואָס פאַר אַ טיפקייט פון קראַפט און אויסדרוק, וואָס פאַר אַ מעלאָדישע פּראָזע עס קאָן ארויסגעבראכט ווערן אין זיין מוטער־שפּראַך. אין זיין הויכער שעצונג פון רוסיש, איז טורגענעוו, ווי מען וועט דאָס אָפט זעהן אויף אָט־די זייטען, געווען פולשטענדיג גערעכט. די רייכקייט פון דער רוסישער שפּראַך אין ווערטער איז ערשטוינענד: בעת אין די שפּראַכען פון מערב־אייראָפּא איז אָפט פאַראַן נאָר איין־איינציג וואָרט צו אויסדריקען אַ געוויסען באַגריף, — זיינען אין דער רוסישער שפּראַך פאַראַן דריי אָדער פיר עקוויוואַלענטען,

וואָס ברענגען ארויס פּאַרשיידענע שאַטירונגען פון דעמזעלבען באַגריף. זי איז ספּעציעל רייך אין אויסדריקען, וואָס ברענגען ארויס פאַרשידענע שאַטירונגען פון מענשליכע געפיהלען — צערטליכקייט און ליבע, אומעטיגקייט און פרעהליכקייט — ווי אויך פאַרשיידענע מדרגות פון דערזעלביגער האַנדלונג. איהר בויגזאַמקייט צייגט זיך ספּעציעל ארויס אין איבערזעצונגען: אין קיין אַנדער שפּראַך טרעפען מיר ניט פונקט אַזוי פיל פון די שעהנסטע, קאָרעקטע און אמת־פּאָעטישע איבערזעצונגען פון אויסלענדישע פאַרפאַסערס, ווי אין דער רוסישער. פּאָעטען פון די פאַרשיידענאַרטיגסטע כאַראַקטערען, אַזעלכע ווי היינע און בעראַנזשע, לאָנגפעלאָו און שילער, שעלי און געטע — שוין ניט ריידענדיג וועגען דעם ליבלינג פון די רוסישע איבערזעצער, שעקספּיר'ן — זיינען אַלע אַלע איינס גוט איבערזעצט אין דער רוסישער שפּראַך. דער סאַרקאַזם פון וואָלטער'ן, דער לוסטיגער הומאָר פון דיקענס'ן, דער גוטמוטיגער געלעכטער פון סערוואַנטעס'ן ווערן מיט אַ גלייכער לייכטקייט אויסגעדריקט אין רוסיש. נאָך מעהר, צוליב איהר מוזיקאַלישען כאַראַקטער, איז די רוסישע שפּראַך וואונדערבאַר צוגעפּאַסט איבערצוגעבען פּאָעזיע מיט אַלע מעטרישע אייגענטימליכקייטען פונ'ם אָריגינאַל. לאָנגפעלאָ'ס „הייאַוואַטאַ" (אין צוויי פאַרשיידענע איבערזעצונגען, ביידע אויסגעצייכענטע), די קאַפּריזנע ליריק פון היינע'ן, שילער'ס באַלאַדען, די מעלאָדישע פאָלקס־לידער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטען, און די שפּילעוודיגע שאַנסאָנעטען פון בעראַנזשע — לייענען זיך אין רוסיש פונקט מיט דעם זעלביגען ריטם, ווי אין די אָריגינאַלען. די געוואַלטיגע נעבעלדיגקייט פון דער דייטשער מעטאַפיזיק איז פונקט אַזוי היימיש אין דער רוסישער שפּראַך, ווי דער זאַכליכער סטיל פון די פילאָזאָפען פונ'ם אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט; און די קורצע, קאָנקרעטע און אויסדרוקספולע, גראַציעזע זאַצען פון די בעסטע ענגלישע שריפטשטעלער שאַפען ניט קיין שוועריגקייטען פאַר דעם רוסישען איבערזעצער.

די רוסישע שפּראַך, צוזאַמען מיט דער טשעכישער און פּוילישער, מאָראַווישער, סערבישער און באָלגאַרישער, ווי אויך מיט עטליכע קלענערע דיאַלעקטען, געהערט צו דער גרויסער סלאַווישער פאַמיליע פון שפּראַכען, וועלכע געהערט אין איהר ריע, — צוזאַ־

מען מיט דער סקאַנדינאַוויש־זאַקסישער און לאַטיינישער פאַמיליעס, און אויך מיט דער ליטווישער, פּערסישער, אַרמענישער און גרוזינישער שפּראַכען — צו דער גרויסער אינדאָ־אייראָפּעאישער אָדער אַרישער צווייג. מיט דער צייט, — לאָמיר האָפען, אַז דאָס וועט זיין אין גיכען: וואָס גיכער, אַלץ בעסער — וועלען די אוצרות פון דער פאָלקס־פּאָעזיע פון די דרום־סלאַווען און די יאָהרהונדערטען־אַלטע ליטעראַטורען פון די טשעכען און פּאָליאַקען, ווערן צוגענגליך פאַר די מערב־אייראָפּייאישע לעזער. אין דעם ווערק אָבער דאַרף איך נאָר באַריהרען די ליטעראַטור פון דער מזרח־צווייג פון דער גרויסער סלאַווישער פאַמיליע, ד. ה. פון דער רוסישער; און אין דער צווייג וועל איך מוזען איבערהיפּען די זיד־רוסישע אָדער אוקראַינישע ליטעראַטור און די ווייס־אָדער מערב־רוסישע פאָלקס־ליטעראַטור און לידער. איך וועל נאָר באַהאַנדלען די ליטעראַטור פון די גרויסרוסען אָדער פּשוט'ער, פון די רוסען. פון אַלע סלאַווישע שפּראַכען ווערט זייער שפּראַך אַם־מעהרסטען גערעדט. דאָס איז די שפּראַך פון פּושקין און לערמאָנטאָוו, טורגענעוו און טאָלסטאָי.

די רוסישע שפּראַך, פּונקט ווי אַנדערע שפּראַכען, האָט אויפגענומען פיל פרעמדע ווערטער: סקאַנדינאַווישע, טערקישע, מאָנגאָלישע און, שפּעטער, גריכישע און לאַטיינישע. אָבער, ניט געקוקט אויף דער אַסימילאַציע פון אַ סך נאַציאָנאַליטעטען און שבטים פון דער אוראַל־אַלטאַאישער אָדער טוראַנישער אָפּשטאַמונג, וואָס איז אויסגעפאַלען אויפ'ן גורל פון דער רוסישער נאַציע, אין אַ משך פון דורות, איז דאָך איהר שפּראַך געבליבען מערקווירדיג ריין. עס איז פּשוט איבעראַשענד צו זעהן, אַז די איבערזעצונג פון דער ביבעל, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אינ'ם ניינטען יאָהרהונדערט אין אַ שפּראַך, אויף וועלכער עס האָבען גערעדט די מאָראַווער און די דרום־סלאַווען, איז נאָך עד היום פאַרשטענדליך צום דורכשניטליכען רוס. די גראַמאַטישע פאָרמען און דער געבוי פון זאַצען זיינען איצטער אַ סך אַנדערש; אָבער די שטאַמען און אַ היבשע צאָהל ווערטער, בלייבען די זעלביגע, וואָס מען האָט געברויכט אין דער גאַנגבאַרער שפּראַך מיט טויזענט יאָהר צוריק.

עס מוז געזאָגט ווערן, אַז אפילו אין יענער פריהער עפּאָכע האָבען די זידליכע סלאַווען דערגרייכט אַ הויכע מדרגה פון פּול־

קאָמענהייט. זעהר ווינציג ווערטער פון דעם עוואנגעלישען טעקסט האָבען געמוזט איבערזעצט ווערן אין גריכיש — און יענע ווערטער זיינען נאָר נעמען פון געגענשטאנדען, וואָס זיינען געווען אומבאַקאַנט צו די דרום־סלאַווען; אין דערזעלביגער צייט האָבען די איבערזעצער ניט געהאַט קיין שוועריגקייטען צו געפינען דעם פּאַסיגען אויסדרוק פאַר יעדען אַבסטראַקטען באַגריף, פאַר יעדען פּאָעטישען בילד פונ'ם אָריגינאַל. נאָך מעהר, אייניגע ווערטער, וואָס זיי האָבען געברויכט, צייכענען זיך אויס מיט אַ מערקווירדיגער שעהנקייט, און אָט־די שעהנקייט איז ניט פאַרלוירען געגאַנגען ביז'ן היינטיגען טאָג. יעדער איינציגער געדענקט, למשל, די שוועריגקייטען, וואָס דער געלערנטער דאָקטאָר פאַוסט, אין געטע'ס אומשטערבליכער טראַגעדיע, האָט באַגעגענט ביי דער איבערזעצונג פונ'ם זאַץ: „אין אָנפאַנג איז געווען דאָס וואָרט". „וואָרט" אין דער מאָדערנער דייטשער שפּראַך, האָט זיך דעם דאָקטאָר פאַוסט געדוכט צו זיין אַ צו פלאַכער אויסדרוק פאַר'ן באַגריף: „דאָס וואָרט איז געווען גאָט". אין דער אַלטער סלאַווישער איבערזעצונג האָבען מיר דאָס וואָרט „סלאָוואָ", וואָס מיינט טאַקע אויך „וואָרט", נאָר האָט אָבער אין דערזעלביגער צייט, אפילו פאַר דעם מאָדערנעם רוס אַ פיל טיפערען מיין, ווי דאָס וואָרט „דאָס וואָרט". אין דער אַלט־סלאַווישער שפּראַך איז אינ'ם באַגריף „סלאָוואָ" אויך איינגעשלאָסען דער דייטשער באַגריף פאַרנונפט; דער פּועל יוצא איז, אַז עס שאַפט אין דעם לעזער אַן אידעע, וואָס איז גענוג טיף, כדי ניט צו ווידערשפּרעכען דעם צווייטען טייל פון דעם ביבלישען זאַץ.

איך וואָלט זעהר געוואָלט דאָ געבען אַ באַגריף וועגען דער שעהנקייט פון דער סטרוקטור פון דער רוסישער שפּראַך, ווי זי איז גערעדט געוואָרען אין דעם אָנפאַנג פונ'ם עלפטען יאָהרהונדערט, און אַ מוסטער פון וועלכער עס איז אויפגעהיט געוואָרען אין אַ דרשה פון אַ נאָווגאָראָדער בישאָף (פונ'ם יאָהר 1035). די קורצע זאַצען פון אָט דער דרשה, וואָס זיינען לכתחילה אויסגערעכענט געווען, אַז אַ ניי־באַקעהרט קהילה זאָל זיי פאַרשטעהן, זיינען באמת שעהן; אין דערזעלביגער צייט זיינען די קריסטליכע אָנשויאונגען פונ'ם בישאָף, וואָס האָבען ניט קיין שפּור פונ'ם ביזאַנטישען גנאָסטיציזם, זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אופן, אויף וועלכען

דאָס קריסטענטום איז פאַרשטאַנען געוואָרן און ווערט נאָך איצטער פאַרשטאַנען דורך די מאַסען פון דעם רוסישען פאָלק.

אין דער געגענוועריגער צייט איז די רוסישע שפּראַך (די גרויס־רוסישע) מערקווירדיג פריי פון פּראָווינציעלע דיאַלעקטען (Patois). די קליין־רוסישע אָדער אוקראַינישע שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט פון כמעט פופצעהן מיליאָן מענשען און האָט אַן אייגענע, סיי אַ מאָדערנע, סיי אַ פאָלקס־ליטעראַטור, איז אָהן ספק אַ באַזונדערע שפּראַך אין דעם זעלביגען זין, ווי נאָרוועגיש אָדער דעניש זיינען אָפּגעזונדערט פון שוועדיש, אָדער פּאָרטוגעזיש און קאַטאַלאָניש זיינען אָפּגעזונדערט פון קאַסטיליאַניש אָדער שפּאַניש. די ווייס־רוסישע שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט אין אייניגע פּראָווינצען פון מערב־רוסלאַנד, באַזיצט אויך גיכער כאַראַקטער־שטריכען פון אַ באַזונדערער שפּראַך, איידער פון אַ לאָקאַלען דיאַלעקט. וואָס ס'איז שייך צו דער רוסישער שפּראַך, רעדט אויף איהר גאַנץ רוסלאַנד, און אויך אין צפון־קאַווקאַז און אין סיביר. איהר אויסשפּראַך האָט קליינע וואַריאַציעס אין פאַרשידענע טיילען פון אָט־דער גרויסער טעריטאָריע; פונדעסטוועגען איז די ליטעראַרישע שפּראַך פון פּושקין, גאָגאָל, טורגענעוו און טאָלסטאָי פאַרשטענדליך צו דער אומגעהייערער מאַסע פון'ם פאָלק. די רוסישע קלאַסיקער ווערן פאַרשפּרייט אין די דערפער אין מיליאָנען עקזעמפּליאַרען, און ווען עס האָבען זיך, צוריק מיט עטליכע יאָהר, געענדיגט די רעכט פון די פאַרלעגער אויף פּושקינ'ס ווערק (פופציג יאָהר נאָך זיין טויט), זיינען פולשטענדיגע אויסגאַבען פון זיינע ווערק — אייניגע פון זיי אין צעהן בענדער — פאַרקויפט געוואָרן אין הונדערטער טויזענטער עקזעמפּליאַרען פאַר דעם אומגעהערטען פּרייז פון דריי שילינג (פינף־און־זיבעציג סענט) אַ גאַנג; אין דער זעלביגער צייט ווערן מיליאָנען עקזעמפּליאַרען פון זיינע איינציגע פּאָעמען און מעשות פאַרקויפט דורך טויזענדער וואַנדערענדע בוכהענדלער אין די דערפער פאַר דעם פּרייז פון איין ביז דריי קאָפּיקעס אַ שטיק. אַפילו פולשטענדיגע אויסגאַבען פון גאָגאָל, טורגענעוו, גאָנטשאַראָוו אין צוועלף־באַנדיגע אויסגאַבען זיינען צייטענווייז פאַרקויפט געוואָרן אינ'ם משך פון איין יאָהר צייט, ביז צוויי הונדערט־טויזענט גענג. די נוצען פון אָט־דער אינטעלעקטועלער איינינקייט פון דער נאַציע זיינען קלאָר.

די ערשטע פאָלקס־ליטעראטור: פאָלקלאָר.—לידער.—לעגענדען.

די ערשטע פאָלקס־ליטעראטור פון רוסלאנד, א טייל פון וועלכער איז נאָך אַלץ אויפגעהיט נאָר אין זכרון פון דער פויערשער באפעלקערונג, איז וואונדערבאר רייך און זעלטען אינטערעסאנט. קיין איין נאציע פון מערב־איירפּאַ באזיצט ניט אזא איבערראשענדע רייכקייט פון לעגענדען, מעשיות און לירישע פאָלקס־לידער — דערביי צייכענען זיך אייניגע פון זיי אויס מיט אַן אומגעוועהנטליכער שעהנקייט — און אזא רייכען ציקל פון עפּישע לידער, ווי רוסלאנד. פארשטעהט זיך, אַלע אייראָפּעאישע נאציעס האָבען אמאָל באזעסען פונקט אזא רייכע פאָלקס־ליטעראטור; נאָר דער גרעסטער טייל איהרער איז פארלוירן געגאנגען איידער די וויסענשאפטליכע פאָרשער האָבען באגריפען איהר ווערט אָדער אָנגעפאנגען איהר אויפצוזאמלען. אין רוסלאנד איז אָט דער אוצר אויפגעהיט געוואָרן אין די וויטע דערפער, אומבארירט פון דער ציוויליזאציע, ספּעציעל אין דעם געגענט ארום דער אָנעגאָ־אָזערע; און ווען די פאָלקלאָריסטען האָבען זיי אָנגעפאנגען אויפצוזאמלען, אין דעם אכצענטען און נייגצענטען יאָרהונדערטע, האָבען זיי געטראָפען אין צפון־רוסלאנד און אין קליינרוסלאנד אַלטע זינגער און מעשה־דערצעהלער, וואָס זיינען אומגעגאנגען איבער די דערפער מיט זייערע פּרימיטיווע סטרונע־אינסטרומענטען, געזונגען לידער און דערצעהלט מעשיות, וועלכע זיינען אנטשטאנען אין די גאָר אַלטע צייטען.

א חוץ דעם, ווערן אין די דערפער נאָך עד היום געזונגען טאקע פון די דאָרפ׳ס מענשען גופא, א היבשע צאָל לידער. יעדער יערליכער יום־טוב — וויינאכטען, פּאסכע, דער טאָג פון „איוואַן קופּאַלאָ" — האָט זיין אייגענעם ציקל פון לידער, וואָס זיינען אויפגעהיט געוואָרן אפילו מיט זייערע נגונים נאָך פון דער געצענדינערישער צייט. ביי יעדער חתונה, וואָס ווערט געפּראוועט מיט זעהר קאָמפּליצירטע צערעמאָניעס, ביי יעדער לויה, זינגען די דאָרפס פרויען אַזעלכע אַלטע לידער. א סך זיינען, פארשטעהט זיך, שוין פארדאָרבען געוואָרן אינ׳ם לויף פון די דורות; פון א סך אנדערע זיינען נאָר איבערגעבליבען פראגמענטען; נאָר האָבענ־

דיג אין זינגען דאָס פאָלקס־ווערטעל, אז „א וואָרט פון א ליד וואַרפט מען ניט אַרויס", זינגען ווייטער די פרויען אין א סך געגענטען פון רוסלאַנד אָט־די ועלטען־אַלטע לידער ווי זיי געהען, הגם דער מיין פון פיל ווערטער איז שוין פארגעסען געוואָרן.

אויסער די לידער זיינען נאָך פאראַן מעשיות. א סך פון זיי זיינען, פארשטעהט זיך, די זעלביגע, וואָס מען געפינט ביי אַלע נאַציעס פון אַרישער אָפּשטאַמונג: מען קאָן זיי טרעפען אין גרים'ס זאַמלונג פון צויבער־מעשיות; אַנדערע ווידער זיינען גע־קומען פון די מאָנגאָלען און טערקען; עס זיינען אָבער אויך פאראַן אייניגע, וואָס שיינען צו זיין, לויט זייער אָפּשטאַמונג, ריין רוסישע. דערנאָך קומען די לידער, וואָס די וואַנדערענדע זינגער — די קאַליקי — זינגען, אויך זעהר אַלטע. זיי שטאַמען אינגאַנצען פון מזרח; די העלדען און העלדינען זיינען פאַרשטעהער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען, למשל, „אקיב דער קעניג פון אשור", „די שעהנע העלענע", „אַלעקסאַנדער דער גרויסער" אָדער „ראסטעם פון פערסיע". ווי אינטערעסאַנט עס זיינען פאַר דעם פאָרשער פון פאָלקלאָר אָט־די רוסישע ווערסיעס פון די מזרח־לעגענדען איז זעלבסטפאַרשטענדליך.

צו לעצט קומען די עפּישע לידער: די „בילינע", וואָס אַנט־שפּרעכען די איסלאַנדישע סאַגען. און עד־היום קאָן מען זיי נאָך הערן אין די דערפער פון צפון־רוסלאַנד וואו זיי ווערן געזונגען פון זינגער־דערצעהלער, וואָס אַקאָמפּאַנירן זיך אליין מיט אַזא ספּעציעלען אינסטרומענט, וועלכער שטאַמט אויך פון גאָר אַלטע צייטען. דער אַלטער זינגער זאָגט אָפּ האַלב־זינגענדיג, האַלב־דעקלאַמירענדיג איינעם אָדער צוויי זאַצען און אַקאָמפּאַנירט זיך מיט זיין אינסטרומענט; נאָכדעם פאָלגט א מעלאָדיע, אין וועל־כער יעדער אינדיווידועלער זינגער פאַסט אריין זיינע אייגענע מאָ־דולאַציעס, שפּעטער קומט ווידער דער רוהיגער רעטשיטאַטיוו פון דער עפּישער דערצעהלונג. צום אומגליק שטאַרבען שנעל אויס אָט־די אַלטע זינגער. אָבער מיט א יאָהר פינף־און־דרייסיג צוריק האָבען נאָך עטליכע פון זיי געלעבט אין אָלאָנעצקער גובערניע, צו צפון־מזרח פון פעטערבורג, און איינמאָל האָב איך געהערט איי־נעם פון זיי, וועמען א. הילפערדינג האָט געבראַכט אין דער הויפּט־שטאָדט, זינגען זיינע וואונדערליכע באַלאַדען פאַר דער רוסישער

געאָגראפישער געזעלשאפט. די זאמלונג פון עפּישע לידער איז, גליקליכערווייזע, אָנגעפאנגען געוואָרן אין א גוטער צייט — נאָך אין׳ם אכצעטנטען יאָהרהונדערט — און איז פלייסיג פאָרגעזעצט געוואָרן פון ספּעציאליסטען אזוי, אז רוסלאנד באזיצט איצטער אפשר די רייכסטע קאָלעקציע פון אזעלכע לידער (ארום פיר הונ־דערט), וואָס זיינען אָפּגעראטעוועט געוואָרן פון פארגעסענהייט.

די העלדען פון די רוסישע עפּישע לידער זיינען וואנדערענדע ריטער, וועמען די פאָלקס־טראדיציע פאראייניגט ארום טיש פונ׳ם קיעווער פירשט, וולאדימיר די שעהנע זון. באשאַנקען מיט איבער־נאטירליכער פיזישער קראפט, ווערען אָט־די העלדען — איליא דער מוראָמער, דאָברינא ניקיטיטש, מיקאָלא דער דאָרפסמאן, אלעק־סיי דעם גלח׳ס זוהן, א. ז. וו. — פאָרגעשטעלט ווי זיי פאָהרען ארום איבער רוסלאנד, רייניגען אָפּ דאָס לאנד פון די ריזען, וואָס קוועלען רוסלאנד, אָדער פון די מאָנגאָלען און טערקען. אָדער זיי לאָזען זיך גאָר אוועק אין ווייטע לענדער צו קריגען א כלה פאר זייער פירשט, פאר וולאדימיר׳ן, אָדער פאר זיך אליין; אויף אָט־די רייזעס פאסירן מיט זיי, פארשטעהט זיך, זעלטענע צו־פאלען, אין וועלכע כישוף שפּילט א וויכטיגע ראָלע. יעדער פון די העלדען פון אָט־די לעגענדען האָט זיך זיין אייגענעם אינדי־ווידועלען כאראקטער. למשל, איליא, דער פויערים־זוהן, יאָגט זיך ניט נאָך גאָלד און רייכטום: ער קעמפט נאָר, כדי אָפּצורייניגען דאָס לאנד פון די פרעמדע ריזען. מיקאָלא דער דאָרפסמאן איז די פארקערפּערונג פון דער קראפט, מיט וועלכער עס איז באשאָנ־קען דער פויער, וואָס באארבייט זיין לאנד: קיינער קאָן ניט ארויס־שלעפּען פון דער ערד זיין שווערען אקער, בעת ער אליין הויבט איהם אויף מיט איין האנט און שליידערט איהם ביז איבער די וואָלקענס; דאָברינא באזיצט אייניגע שטריכען פון די, וואָס האלטען מלחמה מיט פליגעלדיגע עקדישען, צו וועלכע עס גע־הערט אויך דער הייליגער דזשאָרדזש. סאדקא איז די פארקער־פּערונג פון דעם רייכען סוחר, און טשורילא איז דער ראפינירטער, שעהנער שטאָטמאן, אין וועמען אלע פרויען פארליבען זיך.

אין דער זעלביגער צייט, זיינען אין יעדען פון אָט־די העלדען פאראן אומצווייפעלהאפטע מיטאָלאָגישע שטריכען. דערפאר האָבען די ערשטע רוסישע פאָרשער פון די „בילינע״, וואָס האָבען גע־

ארבייט אונטער דעם איינפלוס פון גרים'ען, זיך פּרובירט זיי צו דערקלערן אַלס פראַגמענטען פון אַן אַלטער סלאַווישער מיטאָ־לאָגיע, אין וועלכער די נאַטור־קרעפטען זיינען פּערזאָניפיצירט דורך העלדען. אין איליאַ'ן האָבען זיי געפונען די שטריכען פון דעם גאָט פון דונערן. דאָברינײאַ, האָבען זיי זיך משער געווען, שטעלט מיט זיך פאָר די זון אין איהר פאַסיווער קראַפט, די אַקטיווע קאַמפּס־קרעפטען זיינען איבערגעלאָזט געוואָרן פאַר איליאַ'ן. סאַדקאָ איז געווען די פּאַרקערפּערונג פון נאַוויגאַציע, און דער ים־גאָט, מיט וועלכען ער האָט צו טאָן, איז געווען נעפּטון. טשורילאָ איז באַטראַכט געוואָרן אַלס פאָרשטעהער פון דעם דעמאָנישען עלעמענט, א. ז. וו. אזוי, לכל הפחות, האָבען די ערשטע פאָרשער פּרובירט צו דערקלערן די לעגענדען.

וו. וו. סטאַסאָוו האָט אין זיין ווערק „די אַנטשטעהונג פון די רוסישע בילינע" (1868) אינגאַנצען צושטערט אָט־די טעאָריע. דורך אַ זעהר רייכער אַרגומענטאַציע האָט ער באַוויזען, אַז אָט־די עפּישע לידער זיינען ניט קיין פראַגמענטען פון אַ סלאַווישער מיטאָלאָגיע, נאָר זיינען פּשוט שטיקער אַנטנומען פון מזרח־לעגענדען. איליאַ איז דער ראָסטעם פון די אוראַנישע לעגענדען, אַוועקגעשטעלט אין אַ רוסישער סביבה. דאָברינײאַ איז דער קרישנאַ פון די פאָלקס־מעשיות פון אינדיע; סאַדקאָ איז דער סוחר פון די מזרח־מעשיות, ווי אויך פון אַ נאָרמאַנישער מעשה. אַלע רוסישע עפּישע העלדען שטאַמען פון מזרח. אַנדערע פאָרשער זיינען אַוועק נאָך ווייטער פון סטאַסאָוו'ן. זיי האָבען דערזעהן אין די העלדען פון דער רוסישער עפּיק אומבאַדייטענדע פּערזאָנען, וואָס האָבען געלעבט אין דעם פערצעהנטען און פופצעהנטען יאָהרהונדערט (איליאַ דער מוראָמער ווערט באמת דערמאָנט אַלס היסטאָרישע פּערזאָן אין אַ סקאַנדינאַווישער כראָניק), צו וועמען די גרויסע טאַטען פון די מזרח־העלדען, אַנטנומען פון די מזרח־מעשיות, זיינען צוגעשריבען געוואָרן. פאָלגליך, האָבען, לויט אָט־דער טעאָריע, די העלדען פון די „בילינע" קיין שום שייכות ניט מיט די צייטען פון דעם פירשט וולאַדימיר, און נאָך ווינציגער מיט דער אַלטער סלאַווישער מיטאָלאָגיע.

די שטופּענווייזע עוואָלוציע און וואַנדערונג פון די לעגענדען, וואָס ווערן נאָכאַנאַנד אָנגעקניפּט אָן נייע לאָקאַלע העלדען, בעת

זיי, די לעגענדעז, דערגרייכען נייע לענדער, קאָנען פּילייכט העל־פען צו דערקלערן אַט־די ווידערשפּרוכען. אז עס זיינען פאראַן מיטאָלאָגישע שטריכען אין די העלדען פון דער רוסישער עפּיק, קאָן אָנגענומען ווערן אַלס זיכערע השערה; די מיטאָלאָגיע, צו וועלכער זיי געהערן, איז נישט קיין סלאַווישע, נאָר גאָר אַן ארישע. פון אַט־די מיטאָלאָגישע פּאַרקערפּערונגען פון די נאַטור־קרעפטען זיינען אין דעם מזרח צוביסלאַך אויסגעוואַקסען מענשליכע העלדען.

אין אַ שפּעטערדיגער עפּאָכע, בעת אַט־די מזרח־לעגענדען האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו פאַרשפּרייטען אין רוסלאַנד, האָט מען די טאַטען פון זייערע העלדען צוגעשריבען צו רוסען; מען האָט די מזרח־העלדען געצוואונגען צו האַנדלען אין אַ רוסישער סביבה. די רוסישע פאָלקלאָר האָט זיי אַסימילירט; און בעת זי האָט אין זיי אויפגעהיט זייערע טיפּסטע האַלב־מיטאָלאָגישע שטריכען און די הויפּט אייגענטימליכקייטען פון זייערע כאַראַקטערען, האָט זי אין דער זעלביגער צייט באַשאָנקען דעם איראַנישען ראָסטעם, דעם זינגער פון די פליגעלדיגע עקדישען פון אינדיע, דעם סוחר פון מזרח, א. ז. וו., מיט נייע ריין־רוסישע שטריכען. זי האָט פון זיי אַראָפּגעשלעפּט, אַזוי צו זאָגען, די קליידער, מיט וועלכע מען האָט באַקליידט זייערע מיטאָלאָגישע וועזענס, בעת די אי־ראַניער און די איינוואוינער פון אינדיע האָבען זיי אין אָנפאַנג צוגענומען פאַר זיך און פאַרמענשליכט, און זיי אָנגעטאָן אין רוסישע קליידער — פּונקט ווי אין די מעשיות פון אלעקסאַנדער דעם גרויסען, וואָס איך האָב געהערט אין טראַנסבאַיקאַליע, האָט מען צום נריכישען העלד צוגעשריבען בוריאַטישע שטריכען, און אַ געוויסען טראַנסבאַיקאַלישען בארג געמאַכט פאַר זיין טעטיג־קייטס־פּלאַץ. פונדעסטוועגען, האָט די רוסישע פאָלקלאָר נישט פּשוט געענדערט די קליידער פון דעם פּערסישען פירשט, ראָסטעם, אויף די קליידער פון אַ רוסישען פּויער, פון איליאַ'ן. די רוסישע לעגענדען, אין זייער סטיל, אין די פּאָעטישע בילדער און טייל־ווייז אין די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון זייערע העלדען, זיינען געווען נייע שאַפונגען. זייערע העלדען זיינען דורך־און־דורך רוסישע: למשל, זיי זוכען קיינמאָל נישט קיין בלוטיגע נקמה, ווי די סקאַנדינאַווישע העלדען; זייערע האַנדלונגען, ספּעציעל ביי די „עלטערע גבורים", ווערן קיינמאָל נישט דיקטירט דורך פּערזענליכע

צוועקען, נאָר זיי זיינען דורכגעדרונגען מיט'ן קהילה־גייסט, וואָס איז אַ כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פון דעם רוסישען פאָלקס־לעבען. זיי זיינען אויף אַזוי פיל רוסישע, אויף וויפיל ראָסטעם איז געווען אַ פּערסישער. וואָס איז שייך צו דער צייט פון דער אַנטשטעהונג פון אָט־די לעגענדען, ווערט זי בכלל אָנגעוויזען אויף דעם צעהנטען, עלפטען און צוועלפטען יאָרהונדערט, אָבער זייער פאָרם, אין וועלכער זיי האָבען צו אונז דערגרייכט, האָבען זיי באַקומען אין דעם פערצענטען יאָרהונדערט. פון יענער צייט אָן האָבען זיי זיך ווינציג געענדערט.

אין אָט־די לעגענדען באַזיצט רוסלאַנד אַ טייערע נאַציאָ־נאַלע ירושה פון אַ זעלטענער פּאָעטישער שעהנקייט, וואָס איז פולשטענדיג אָפּגעשאַצט געוואָרן אין ענגלאַנד דורך ראַלסטאָנען און אין פראַנקרייך דורך דעם היסטאָריקער ראַמבאָ.

די לעגענדע וועגען איגאָר'ס איבערפאַל

ניט געקוקט אויף דער רייכקייט פון איהר עפּיק, האָט פונ־דעסטוועגען רוסלאַנד ניט קיין אייגענע איליאַדע. עס האָט זיך אין יענע צייטען ניט געפונען קיין דיכטער, וואָס זאָל באַגייסטערט ווערן פון די העלדענטאַטען פון איליאַ, דאָברינאַ, סאַדקאָ, טשור־רילאָ און אַנדערע, און שאַפען פון זיי אַ פּאָעמע עהנליך צו האָמער'ס פּאָעמע, אָדער צו דער „קאַלעוואַלאַ" פון די פינען. דאָס איז געטאָן געוואָרן נאָר מיט איין ציקל פון די פאָלקס־לעגענדען: אין דער פּאָעמע, „די לעגענדע וועגען איגאָר'ס איבערפאַל" („סלאָווא אָ פּאָלקו איגאָרעווע").

אָט־די פּאָעמע איז פאַרפאַסט געוואָרן ביים סוף פונ'ם צוועלפ־טען יאָרהונדערט אָדער ביים אָנפאַנג פונ'ם דרייצענטען (איהר מאַנוסקריפּט, וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן אין דער גרויסער מאָסקווער שריפה פונ'ם יאָהר 1812, האָט געהאַט שפּורען פון דעם פערצעהנטען אָדער פופצעהנטען יאָרהונדערט). זי איז אָהן ספק גע־ווען די ארבייט פון איין מחבר, און, לויט איהר שעהנקייט און פּאָעטישער פאָרם, קאָן זי אַוועקגעשטעלט ווערן זייט ביי זייט מיט „דעם ליד וועגען די ניבעלונגען" אָדער מיט „דעם ליד וועגען ראָלאַנדען". עס ווערט אין אָט דער פּאָעמע דערצעהלט וועגען אַן

אמת'ער געשעהעניש, וואָס האָט טאַקע פּאַסירט אינ'ם יאָהר 1185. איגאָר, אַ קיעווער פירשט, לאָזט זיך אוועק מיט זיין „דרוזשינאַ" (מחנה) פון קריגסלייט צו מאַכען אַן איבערפאַל אויף די פּאָלאָווצעס, וואָס האָבען פאַרנומען די סטעפּעס פון דרום־מזרח פון רוסלאַנד, און פלעגען כסדר מאַכען איבערפאַלען אויף די רוסישע דערפער. אַלערליי בייזע באַגעגנישען טרעפען זיך זיי אויפ'ן וועג דורך די סטעפּעס: די זון ווערט פאַרפינסטערט און וואַרפט איהר שאָטען אויף דער מחנה פון די רוסישע קריגסלייט; די חיות וואָרענען איהם, נאָר איגאָר שרייט אויס: „ברידער און פריינט: בעסער צו פאַלען טויט, איידער צו זיין געפאַנגענע ביי די פּאָלאָווצעס! לאָמיר געהן ביז צו די בלויע וואַסערען פון דעם דאָן. לאָמיר צעברעכען אונזערע שפּיזען אָן די שפּיזען פון די פּאָלאָווצעס. און אָדער איך וועל דאָרט אוועקלעגען מיין קאָפּ, אָדער איך וועל טרינקען די וואַסער פון דעם דאָן מיט מיין גאָלדענעם העלם." און זיי געהען ווייטער, באַגעגנען די פּאָלאָווצעס און עס פאַנגט זיך אָן די גרויסע שלאַכט.

די באַשרייבונג פון דער שלאַכט, אין וועלכער די גאַנצע נאַטור נעמט אַן אַנטייל — די אָדלערס, די וועלף און די פוקסען, וואָס בילען אויף די רויטע שילדען פון די רוסען — איז באמת וואונדערבאַר. איגאָר'ס חיל ווערט צוקלאַפּט. „פון פריהמאָרגען ביז אָוונט פליהען די שטאָלענע פיילען, עס קלאַפּען די שווערדען אויף העלמען, די שפּיזען ווערן צעבראָכען אין אַ ווייט אומבאַקאַנט לאַנד — אינ'ם לאַנד פון די פּאָלאָווצעס." „די שוואַרצע ערד אונטער די קאָפּיטעס פון די פערד איז באַזייהט מיט ביינער און באַגאָסען מיט בלוט; אַן אומגליק איז דערפון אַרויסגעוואַקסען פאַר דעם לאַנד פון די רוסען. וואָס רוישט עס מיר, וואָס קלינגט עס מיר אַזוי פריה פאַרטאָג? איגאָר קעהרט אום די פּאָלקען: עס טוט איהם באַנג זיין ליבער ברודער וסעוואָלאָד. אַ טאָג זיך געשלאָגען און אַ צווייטען: אויפ'ן דריטען טאָג אַרום מיטאָג זיינען געפאַלען איגאָר'ס פאָהנען. דאָ האָבען די ברידער זיך צעשיידט, ביים ברעג פון דער שטראָמיגער קאַיאַלאַ. דער בלוטיגער וויין האָט דאָ מעהר ניט געקלעקט. און דאָ האָבען די מוטיגע רוסינען געענדיגט די סעודה: די מחותנים האָבען זיי אָנגעטרונקען און אַליין געפאַלען אויף דער רוסישער ערד. איינגעבויגען האָט

זיך פון צער דאָס גראָז, פון טרויער האָבען די בוימער צוגעבויגען זייערע קעפּ צו דער ערד."

באַלד נאָכדעם קומט איינער פון די בעסטע מוסטערן פון דער אַלטער רוסישער פּאָעזיע — דער יאָמער פון יאַראָסלאַוונאַ'ן, איגאָר'ס ווייב, וואָס וואַרט אויף זיין צוריקקעהר קיין פּוטיוול:

„מיט'ן טאָג-ליכט קלינגט אָפּ, ווי דער יאָמער פון קוקוק יאַראָסלאַוונאַס קול:

„ווי א קוקוק וועל איך צום טייך פליהען. איך וועל מיינע ביבער-אַרבעל אין דער קאַיאַלאַ איינגעצען: די בלוטיגע וואונדען פון מיין העלד — פון מיין פּרינץ מיט זיי אַרומוואַשען.

„יאַראָסלאַוונאַ יאָמערט אויף די ווענט פון פּוטיוול:

„אָ, ווינט, שרעקליכער ווינט! וואָס בלאָזסטו, מיין האַר, אַזוי שטאַרק? וואָרום טראָגסטו אויף דיינע לייכטע פליגלען די פיילען פון כאַן אויף די קריגסלייט פון מיין העלד? איז דען פאַר דיר ווינציג דאָרט צו פליהען צווישען די וואָלקענס? צו הוידען די שיפען אויף דעם בלויען ים? וואָס האָסטו צעזייט מיין פרייד איבער די גראָזען פון די סטעפּעס?

„יאַראָסלאַוונאַ יאָמערט אויף די ווענט פון פּוטיוול:

„אָ פּרעכטיגער דניעפּער! דו האָסט דורכגעשניטען דיין וועג דורך די פעלזען-בערג צום לאַנד פון די פּאָלאָווצעס. דו האָסט אויף דיין רוקען געצערטעלט די שיפען פון סוויאַטאָסלאַוו ביז צו דער מחנה פון כאַן קאָביאַק: ברענג זשע צוריק מיר מיין האַר, דעם מאַן מיינעם, און איך וועל ניט שיקען קיין טרערען שוין מעהר צום ים דורך דיין שטראָם.

„יאַראָסלאַוונאַ יאָמערט אויף די ווענט פון פּוטיוול:

„ליכטיגע, ליכטיגסטע זון! דו שיקסט דיין וואַרעמקייט צו אַלעמען, דו שיינסט פאַר אַלעמען. וואָס האָסטו געשיקט דיינע פייערדיגע שטראַלען אויף די קריגסלייט פון מיין העלד? פאַר-וואָס האָסטו, אין טרוקענעם סטעפּ, פאַרטריקענט די בויגענס אין זייערע הענט? פאַרוואָס מאַטערסטו זיי מיט דורשט און מאַכסט אַזוי שווער די פיילען אויף זייערע רוקענס?"

אָט-דער קורצער אויסצוג קאָן שאַפען אַ באַגריף וועגען דעם

אַלגעמיינעם כאַראַקטער און שעהנקייט פון דער לעגענדע וועגען איגאָר'ס איבערפאַל.*)

אָט די פּאָעמע איז זיכער ניט געווען די איינציגע, וואָס איז פאַרפאַסט און געזונגען געוואָרן אין יענע צייטען. שוין אין דעם אריינפיהר צו דער פּאָעמע ווערט גערעדט וועגען פאָלקס־זינגער (באַרדען), און ספּעציעל וועגען איינעם א באיאַן, וועמעס דעקלאַ־מאַציעס און לידער ווערן פאַרגליכען מיט'ן ווינט, וואָס רוישט אויף די שפּיצען פון די ביימער. א סך אַזעלכע באיאַנען פלעגען, וואַרשיינליך, אומגעהן איבער רוסלאַנד און זינגען עהנליכע פּאָעמען אויף די סעודות פון די פּרינצען און זייערע קריגסלייט. די רוסישע קירך, ספּעציעל אין פופצעהנטען, זעכצעהנטען און זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט, האָט אומברחמנות'דיג פאַרבאָטען דאָס זינגען פון עפּישע לידער, וואָס זיינען געווען פאַרשפּרייט צווישען פאָלק. זי האָט זיי גערעכענט פאַר היידנישע, און האָט אַרויפגעלעגט שווערע שטראָפען אויף די „באַרדען" (פאָלקס־זינגער) און בכלל אויף אַלע, וואָס האָבען געזונגען אַלטע לידער צווישען זייערע קרייזען. דער פּועל יוצא דערפון איז געווען, אַז נאָר א קליינע צאָל פראַגמענטען פון דער אַלטער פאָלקס־פּאָעזיע האָט צו אונז דערגרייכט.

נאָר אפילו אָט די ווייניגע רעשטלאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט האָבען אויסגעאיבט א מעכטיגען איינפלוס אויף דער רוסישער ליטעראַטור, זינט זי האָט באַקומען די מעגליכקייט צו באַהאַנדלען, אויסער ריין־רעליגיעזע, אויך אַנדערע געגענשטאַנדען. אויב די רוסישע ווערסיפיקאַציע האָט אָנגענומען די ריטמישע פאָרם אָנ־שטאַט דער סילאַבישער, איז דאָס נאָר דערפאַר, וואָס אָט־די פאָרם איז אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויף די רוסישע דיכטער דורך די פאָלקס לידער. א חוץ דעם, זיינען, ביז מיט א קורצער צייט צוריק, די פאָלקס־לידער געווען א זעהר וויכטיגער שטריך אין דעם רוסישען

*) די ענגלישע לעזער וועלען געפינען א פולשטענדיגע איבערזעצונג פון אָט־דער פּאָעמע אין דעם אויסגעצייכענטען ווערק פון פּראָפ. וויענער: "Anthology of Russian Literature from the earliest period to the present time." ארויסגעגעבען אין 2 בענד. (ניו יאָרק). וויענער קען זעהר גוט די רוסישע ליטעראַטור און האָט געמאכט א זעהר געלונגענעם אויסוואהל פון די בעסטע פלעצער אין די ווערק פון די רוסישע שריפט־

דארפס־לעבען, — סאי אין די הייזער פון די פריצים, סאי אין די שטיבלאך פון די פויערים, — און זיי האבען אומפארמיידליך גע־מוזט אויסאיבען א טיפע ווירקונג אויף די רוסישע דיכטער; און דער ערשטער גרויסער דיכטער פון רוסלאנד, פושקין, האט אנגע־פאנגען זיין קאריערע מיט איבערדערצעהלען אין פערזען די מעשות פון זיין אלטער ניאניע, וואס ער פלעגט פון איהר הערן אין די לאנגע ווינטער אווענטען. א דאנק אונזער כמעט אומגלויבליכען רייכטום פון העכסט־מוזיקאלישע פאלקס־לידער, האט זיך אין רוסלאנד שוין אינ'ם יאהר 1835 באוויזען אן אפערע („אסקאלד'ס קבר", פון ווערסטאווסקי'ן), געבויט אויף פאלקס־לעגענדען; איהרע ריין־רוסישע מעלאדיעס ווערן לייכט אויפגעכאפט אפילו פון דעם ווינציג מוזיקאליש־געבילדעטען רוס. צוליב די זעלביגע אורזאכען האבען די אפערעס פון דארגאמיזשסקי'ן און פון אונזערע איינגערע קאמפאזיטארס געהאט אזא ערפאלג ביי די פויערים אין די דער־פער, וואו די כארען ווערן צוזאמענגעשטעלט פון לאקאלע פויערים־זינגער.

אויף אזא אופן האבען די פאלקס־פאעזיע און די פאלקס־לידער אן אומגעהויערע טובה געטאן רוסלאנד. זיי האבען אויפגעהיט א געוויסע איינינקייט אין דער פאלקס־שפראך איבער גאנץ רוס־לאנד, ווי אויך די איינינקייט צווישען דער ליטעראטור־שפראך און דער שפראך פון די פאלקס־מאסען, צווישען דער מוזיק פון גלינקא, טשאיקאווסקי, רימסקי־קארסאקאוו, באראדין, א. אז. וו., און דער מוזיק פון די פויערים־כארען, — און דערפאר געמאכט אי דעם דיכטער, אי דעם קאמפאזיטאר צוגענגליך צום פויער.

די כראניקעס

בעת מען רעדט וועגען דער ערשטער רוסישער ליטעראטור, מוז מען זאגען לכל הפחות עטליכע ווערטער וועגען די כראניקעס.

קיין איין לאנד האט ניט קיין רייכערע קאלעקציע פון כרא־ניקעס. פון דעם 10טען ביז דעם 13טען יאהרהונדערט זיינען אין רוסלאנד געווען עטליכע אנטוויקלונגס־צענטערען: קיעוו, נאוו־גאראד, פסקאוו, דאס לאנד פון וואלין, דאס לאנד פון סוזדאל

שטעלער, אנפאנגענדיג פון דעם אלטסטען פעריאד (911) און ענדיגענדיג מיט אונזערע היינטיגע שריפטשטעלער, גארקי און מערעזשקאווסקי.

(וולאדימיר, מאָסקווא), ריאזאַן, א. א. וו., וואָס זיינען אין יענע צייטען געווען זעלבסטשטענדיגע רעפּובליקען. פאַרבונדען צווישען זיך זיינען זיי געווען נאָר דורך דער איינינקייט פון שפּראַך און רעליגיע און אויך דורך דעם, וואָס זיי פּלעגען אויסקלייבען זייערע פירשטען — די מיליטערישע אָנפיהרער און ריכטער—פון רוריק'ס משפחה. יעדער פון אָט־די צענטערען האָט זיך געהאַט זיינע אייגענע כראָניקעס, וואָס האָבען אָפּגעשפּיגעלט דאָס אָרטיגע לע־בען, דעם לאָקאַלען כאַראַקטער. די זיד־רוסישע אָדער וואָלינער כראָניקעס, — פון וועלכע די אַזוי־גערופענע נעסטאָר־כראָניקעס זיינען די פולשטענדיגסטע און מעהר באַוואוסטע, זיינען ניט נאָר פּשוט'ע פאַרצייכנונגען פון פאַקטען: אָפט טרעפען מיר דאָרט פּלעצער פול מיט איינבילדונגס־קראַפט און פּאָעזיע. די נאָווגאָראָדער כראָניקעס טראָגען סמנים פון א שטאָט פון רייכע סוחרים: זיי זיינען שטאַרק זאַכליך און דער כראָניקער קומט אריין אין באַ־גייסטערונג פון זיין אַרבייט נאָר בעת ער באַשרייבט די נצחונות פון דער נאָווגאָראָדער רעפּובליק איבער דעם לאַנד פון סוזדאַל. פאַרקעהרט, די כראָניקעס פון דער דערבייאיגער פּסקאָווער רע־פּובליק זיינען דורכגעדרונגען מיט א דעמאָקראַטישען גייסט און מיט דעמאָקראַטישען מיטגעפיהל, און אויף א זעהר בילדליכען אופן דערצעהלען זיי וועגען דעם קאַמף צווישען די אָרימע און רייכע פון פּסקאָוו — צווישען די „שווארצע" און „ווייסע" מענ־שען. בכלל זיינען די כראָניקעס זיכער ניט די אַרבייט פון מאָ־נאַכען, ווי מען פּלעגט זיך משער זיין; זיי האָבען געמוזט גע־שריבען ווערן פאַר די פאַרשיידענע שטעט דורך מענשען, וואָס זיינען גוט באַהאַווענט געווען אין זייער פּאָליטישען לעבען, אין זייערע אָפּמאַכען מיט אַנדערע רעפּובליקען, אין זייערע אינערליכע און אויסערליכע קאָנפליקטען.

נאָכמער, די כראָניקעס, ספּעציעל די קיעווער, אָדער די נ ע ס ט אָ ר ־ כ ר אָ נ י ק ע ס, זיינען עטוואָס מעהר ווי פּשוט'ע פאַרצייכנונגען פון געשעהעניסען; זיי זיינען, ווי מען קאָן דאָס זעהן פון דעם נאָמען פון דער לעצטער („פ ו ן ו ו א נ ע ן א ו ן ו ו י א ז ו י א י ז ע נ ט ש ט א נ ע ן ד אָ ס ר ו ס י ש ע ל אַ נ ד"), פאַרזוכען צו שרייבען א געשיכטע פון דעם לאַנד אונ־טער דער ווירקונג פון גריכישע מוסטערען. די מאַנוסקריפּטען,

וואָס האָבען צו אונז דערגרייכט, — און ספּעציעל איז דאָס אמת וועגען די קיעווער כראָניקעס — האָבען אַ קאָמפּליצירטע סטרוקטור, און די היסטאָריקער באַמערקען אין זיי עטליכע „שיכטען“, אַרויפגעלעגט איינע אויף דער אַנדערער, וואָס האָבען אַ שייכות צו פאַרשיידענע פעריאָדען. אַלטע טראַדיציעס; פראַגמענטען פון פריהצייטיגע היסטאָרישע ידיעות, וואַהרשיינליך אַנטנומען פון ביזאַנטישע היסטאָריקער; אַלטע אָפּמאַכען; פולשטענדיגע פּאָעמעס, וואָס דערצעהלען וועגען געוויסע עפּיזאָדען, עהנליכע צו איגאָר׳ס איבערפאַל; און לאָקאַלע כראָניקעס פון פאַרשיידענע פעריאָדען, געהען אַריין אַלס זייערע באַשטאַנדס־טיילען. היסטאָרישע פאַקטען, וואָס האָבען אַ שייכות צו אַ זעהר פריהען פעריאָד און פולשטענדיג באַשטעטיגט פון די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער כראָניקער, זיינען, פאָלגליך, צוזאַמענגעמישט מיט לעגענדאַרישע טראַדיציעס. נאָר טאַקע אָט־די אייגענטימליכקייט גיט צו אַזאַ הויכען ליטעראַרישען ווערט צו די רוסישע כראָניקעס, ספּעציעל צו די דרום׳דיגע און דרום־מערב׳דיגע, וואָס אַנטהאַלטען די ווערטפולסטע פראַגמענטען פון דער ערשטער ליטעראַטור.

אָט אַזוי, אין אַלגעמיין, זיינען געווען די ליטעראַרישע אוצרות, וואָס רוסלאַנד האָט באַזעסען ביים אָנפאַנג פון דעם דרייצעהנטען יאָהרהונדערט.

די מיטעלאַלטערליכע ליטעראַטור

דער מאָנגאָלישער איבערפאַל, וואָס איז געשעהן אינ׳ם יאָהר 1223, האָט חרוב געמאַכט אָט־די גאַנצע יונגע ציוויליזאַציע און אוועקגעפיהרט רוסלאַנד אויף גאָר אַן אַנדער וועג. קיעוו, וואָס איז געווען אַ שטאַרק־באַפעלקערטע שטאָט און אַ צענטער פון קולטור, איז רעדוצירט געוואָרן צו דער מדרגה פון עפּעס אַ צוואָרפּען דערפעל און איז פאַרשוואונדען פון דער געשיכטע פאַר׳ן משך פון די נעקסטע צוויי יאָהרהונדערטען. גאַנצע באַפעלקערונגען פון גרויסע שטעט האָבען די מאָנגאָלען אָדער גענומען אין געפאַנגשאַפט, אָדער אומ׳ברחמנות׳דיג אויסגעשאָכטען פאַר דעם מינדעסטען ווידערשטאַנד. און עפּעס אַזוי ווי כדי אָנפילען דעם בעכער פון רוסישען אומגליק, זיינען נאָך די מאָנגאָלען געקומען די טערקען, אָנגעפאַלען אויף דעם באַלקאַנישען האַלבאינזעל, און ביים סוף פונ׳ם פופצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען די

צוויי לענדער, סערביע און בולגאריע, דורך וועלכע עס פלעגט אריינ־קומען בילדונג קיין רוסלאנד, שוין געטראגען דעם יאָך פון די אָס־מאַנען. דאָס גאַנצע לעבען פון רוסלאנד האָט דורכגעמאכט טיפע ענדערונגען.

פאַר דעם מאָנגאָלישען איבערפאַל איז דאָס לאַנד געווען באַ־דעקט מיט זעלבסטשטענדיגע רעפובליקען, עהנליכע צו די מיטעל־אַלטערליכע שטאָט־רעפובליקען פון מערב־אייראָפּע. איצטער האָט זיך אין מאָסקווע אָנגעפאַנגען לאַנזאַם אויסצובילדען אַ מיליטע־רישער שטאַאט, שטאַרק אונטערשטיצט פון דער קירך, וועלכע האָט מיט דער הילף פון די מאָנגאָלישע כאַנען באַזיגט די זעלבסט־שטענדיגע אַרומיגע מלוכות. די הויפּט־אָנשטרענגונגען פון די שטאַאטסלייט און פון די אַקטיווע פאָרשטעהער פון דער קירך זיינען אָנגעווענדעט געוואָרן צו באַשאַפען אַ מעכטיגע קעניג־רייך, וואָס זאָל זיין בכח אָראָפּצואוואַרפען דעם מאָנגאָלישען יאָך. די פריהערדיגע אידעאַלען פון לאָקאַלער אויטאָנאָמיע און פעדע־ראַציע זיינען פאַרביטען געוואָרן אויף די אידעאַלען פון אַ צענ־טראַליזירטען שטאָט. די קירך איז פאַרוואַנדעלט געוואָרן דורך איהרע אָנגשטרענגונגען צו באַשאַפען אַ קריסטליכע נאַציאָנאַלי־טעט, פריי פון יעדען אינטעלעקטועלען און מאָראַלען איינפלוס פון די פאַרהאַסטע הײדנישע מאָנגאָלען, אין אַ שטרענגער צענטראַ־ליזירטער קראַפט, וועלכע האָט אומ'ברחמנות'דיג פאַרפאָלגט אַלץ וואָס האָט נאָר געקאָנט דערמאָנען די הײדנישע פאַרגאַנגענהייט. אין דער זעלביגער צייט האָט די קירך אונערמידליך געאַרבייט צו באַשאַפען, לויט'ן ביזאַנטישען מוסטער, די אומבאַגרעניצטע מאַכט פון די מאָסקווער פירשטען. כדי צו פאַרגרעסערן די מיליטערישע כחות פונ'ם שטאַאט איז איינגעפיהרט געוואָרן לייב־אייגענטום. דאָס גאַנצע זעלבסטשטענדיגע אָרטיגע לעבען איז דערשטיקט גע־וואָרן. די אידעע, אַז מאָסקווע ווערט דער צענטער פון קירכליכען און שטאַאטליכען לעבען איז שטאַרק געשטיצט געוואָרן פון דער קירך, וואָס האָט געפּרעדיגט, אַז מאָסקווע איז דער יורש פון קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל — אַ מין „דריטער רוים", דאָס איינציגע פּלאַץ, וואו דאָס אמת'דיגע קריסטענטום דאַרף זיך איצטער אַנטוויקלען. און אין אַ שפּעטערדיגער עפּאָכע, ווען מען האָט זיך שוין באַפרייט פונ'ם מאָנגאָלישען יאָך, איז די אַרבייט צו באַפעסטיגען די מאָס־

קווער מאָנארכיע ווייטער פאָרגעזעצט געוואָרן דורך די צארען און דער קירך, וואָס האָבען געקעמפט געגען דער אריינדרינגונג פון דער מערב-אייראָפּעאישער ווירקונג, כדי צו שטערען דער „לאטיינישער" קירך אויסצושפּרייטען איהר אויטאָריטעט איבער רוסלאנד.

אָט־די נייע באַדינגונגען האָבען נויטווענדיגערווייזע אויסגע־איבט א שטאַרקען איינפלוס אויף דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור. די פרישקייט און ענערגישע יוגענטליכקייט פון דער ערשטער עפּישער פּאָעזיע זיינען פאַרשוואונדען געוואָרן אויף אייביג. טרויער, מעלאנכאָליע און געהאָרכזאַמקייט זיינען געוואָרן די לייטענדע שטריכען פון דער רוסישער פאָלקלאָר. די שטענדיגע איבערפאַלען פון די טאָטערען, וואָס פלעגען פאַנגען גאַנ־צע דערפער און זיי אַוועקשלעפּען אין די זיד־רוסישע סטעפּעס; די וויזיטען פון די ב א ס ק א ר ע ן, וועלכע פלעגען ארויפלעגען גוואלטיגע צינזען און זיך אויפפיהרען ווי זיגער אין א באַזיגט לאנד; די לאַסטען, וואָס זיינען ארויפגעוואָרפען געוואָרן אויפ'ן פאָלק דורך דעם וואַקסענדען מיליטערישען שטאַט — אָט דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אויף די פאָלקס-לידער, זיי באַפאַרבט מיט א טיפען טרויער, פון וועלכען זיי האָבען זיך נאָך ניט באַפרייט ביז'ן היינטיגען טאָג. אין דער זעלביגער צייט זיינען די פרעהליכע יום־טוב'דיגע לידער פון אַלטערטום און די עפּישע לידער פון די וואַנדערענדע זינגער שטרענג פאַרבאָטען געוואָרן, און מענשען, וואָס האָבען זיי געוואַגט צו זינגען, זיינען ברוטאַל באַשטראָפט געוואָרן פון דער קירך, וועלכע האָט אין די לידער געזעהען ניט נאָר אן ערינערונג פון דער היידנישער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך א מעגליכען שריט צו א פאַראייניגונג מיט די טאָטערען.

די בילדונג איז צוביסלעך קאָנצענטרירט געוואָרן אין די מאָ־נאַסטירען, פון וועלכע יעדער איז געווען א מין פעסטונג פאַר דער באַפעלקערונג אין דער צייט פון אן איבערפאַל מצד די טאָטערען, און אָט־די בילדונג האָט זיך איינגעשלאָסען אין די ד' אמות פון דער קריסטליכער ליטעראַטור: זי איז אינגאַנצען געוואָרן סכאָ־לאַסטיש. צו שטודירן די נאַטור איז געווען א חלול השם, ווי, למשל, צו באַשעפטיגען זיך מיט כשוף. אַסקעטיזם איז געפּרעדיגט געוואָרן אַלס די העכסטע טוגענד און איז געווען דער דאָמינירענ־דער שטריך פון דער דאָמאָלסטדיגער ליטעראַטור. אַלערליי מעשיות

וועגען קדושים זיינען פיל געליייענט און דערצעהלט געוואָרן, און אַט דעם מין ליטעראַטור האָט אפילו געפעלט די גלייכגעוויכט פון דער וויסענשאַפט, וואָס האָט זיך געהאַט אַנטוויקעלט אין די מיטעל־אַלטערליכע אוניווערזיטעטען פון מערב־אייראָפּע. די שטרעבונג צו נאַטור־וויסענשאַפטליכע ידיעות איז פאַראורטיילט געוואָרן פון דער קירך, אַלס אַן אַנדייטונג אויף גאוה. אויף פּאָעזיע האָט מען געקוקט, ווי אויף אַ זינד. די כראָניקעס האָבען אַנגעוואָרן זייער אַמאָליגען לעבהאַפטען כאַראַקטער און פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין טרוקענע באַריכטען וועגען די ערפאָלגען פון דעם וואַקסענדען שטאַאַט אָדער זיינען אויסגעפילט געוואָרן מיט קליינליכע דער־טאַלען, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו די אָרטיגע בישאָפען אָדער צו די עלטסטע פון די מאָנאַסטירען.

אינ'ם משך פונ'ם צוועלפטען יאָהרהונדערט איז אין די צפון־רעפובליקען פון נאָווגאָראָד און פסקאָוו אַנטשטאַנען אַ שטאַרקע שטרעמונג פון רעליגיעזען געדאַנק, וועלכע האָט געפיהרט, פון איין זייט, צום פּראָטעסטאַנטישען ראַציאָנאַליזם, און פון דער צווייטער זייט — צו דער אַנטוויקלונג פון קריסטענטום אויף די יסודות פון די אַלט־קריסטליכע ברודערשאַפטען. דאָס אַפּאָקריפישע עוואַנ־געליום, די ביכער פונ'ם אַלטען טעסטאַמענט און פאַרשיידענע ביכער, וואָס באַהאַנדלען די פּראַגע וועגען אמת'ן קריסטענטום, זיינען פלייסיג איבערגעשריבען און שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן. איצט אָבער, האָבען די פיהרער פון דער קירך אין צענטראַל־רוסלאַנד זיך שטאַרק ארויפגעוואָרפען אויף אַלע טענדענציעס צו אַ רעפאָרמירטען קריסטענטום. פון דער עדה האָט מען געפאָדערט שטרענג זיך צו האַלטען ביים בוכשטאַב פון דער לעהרע פון דער ביזאַנטישער קירך. יעדער פאַרזוך צו דערקלעהרן דאָס עוואַנ־געליום פלעגט באַטראַכט ווערן אַלס אפיקורסות. דאָס גאַנצע איג־טעלעקטועלע לעבען אויף דעם רעליגיעזען געביט, ווי אויך יעדע קריטישע באַציהונג צו די אויטאָריטעטען פון דער מאָסקווער קירך, זיינען פאַררעכענט געוואָרן אַלס געפעהרליכע; מענשען, וואָס האָבען געוואַגט זיך נעמען אויף אַזאַ וועג זיינען געצוואונגען גע־וואָרן צו אַנטלויפען פון מאָסקווע און זוכען אַ מקום מקלט אין די פאַרוואָרפענסטע מאָנאַסטירען פון דעם וויייטען צפון. וואָס ס'איז שייך צו דער גרויסער באַוועגונג פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע, וואָס האָט

אריינגעגאָסען אַ נייַ לעבען אין מערב־אייראָפּע, האָט זי צו רוס־לאַנד גאָר ניט דערגרייכט: די קירך האָט אויף אָט־דער באַוועגונג געקוקט, ווי אויף אַ צוריקקעהרונג צום היידענטום און ברוטאַל אויסגעראָטען איהרע פאָרלויפער, וואָס זיינען איהר געקומען אין די הענט, זיי געברענט אויף די שייטער־הויפען, אָדער זיי פאַר־פייניגט צום טויט אין איהרע פייניגונגס־קאַמערען.

איך וועל זיך ניט אָפּשטעלען אויף אָט־דעם פּעריאָד, וואָס כאַפּט ארום כמעט פינף יאָרהונדערטען, ווייל ער האָט ווייניג וואָס אינטערעס פאַר דעם פאָרשער פון רוסישער ליטעראַטור; איך וועל נאָר דערמאָהנען די נעמען פון צוויי אָדער דריי ווערק, וואָס איך קאָן ניט שטיל פאַרבייגעהן.

איינס פון אָט־די ווערק איז די קאָרעספּאָנדענץ צווישען דעם צאַר יאָהאַן דעם שרעקליכען (יאָהאַן דער פערטער) און איינעם פון זיינע הויפּט־וואָסאַלען, פירשט קורביטסקי, וואָס איז אוועק פון מאָסקווע אין דער ליטאַ. פון יענער זייט ליטווישען גרענעץ האָט קורביטסקי געשריבען צו זיין גרויזאַמען, האַלב־משוגע'נעם, געוועזענעם הערשער לאַנגע מוסר־בריף, אויף וועלכע יאָהאַן האָט געענטפערט, אַנטוויקלענדיג אין זיינע ענטפערס די טעאָריע וועגען דער געטליכער אָפּשטאַמונג פון דעם צאַר'ס אויטאָריטעט. אָט־די קאָרעספּאָנדענץ איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר די פּאָליטישע אידעען און פאַר דער מדרגה פון בילדונג פון יענער צייט.

נאָך דעם טויט פון יאָהאַן דעם שרעקליכען (וועלכער פאַרנעמט אין דער רוסישער געשיכטע דעם זעלביגען פּלאַץ וואָס לודאָוויק דער עלפטער אין דער פראַנצויזישער, ווייל ער האָט צושטערט מיט פייער און שווערד — נאָר מיט אַן אמת־טעאַטרישער גרויזאַמקייט— די מאַכט פון די פעאָדאַלע פירשטען), האָט רוסלאַנד דורכגעלעבט, ווי עס איז באַוואוסט, יאָהרען פון גרויסע אומרוהען. פון פּוילען איז געקומען עפּעס אַ פּרעטענדענט, איינער אַ דימיטרי, וואָס האָט זיך דערקלערט אַלס יאָהאַנ'ס זוהן און פאַרכאַפּט דעם טראָן אין מאָסקווע. די פּאָליאַקען זיינען אריינגעדרונגען קיין רוסלאַנד, האָבען פאַרכאַפּט מאָסקווע, סמאָלענסק און אַלע מערב־שטעדט; און ווען דימיטרי איז אראָפּגעזעצט געוואָרן פון טראָן, עטליכע חדשים נאָך זיין קרוינונג, האָט אויסגעבראָכען אַן אַלגעמיינער אויפשטאַנד פון די פּויערים, גאַנץ צענטראַל־רוסלאַנד ווערט

באפאלען פון קאזאקען־באנדעס, און עס באווייזען זיך דערביי עט־ליכע נייע פראטעטענדענטען אויפ׳ן טראן. אט־די אומרוהיגע יאהרען האבען געמוזט איבערלאזען שפורען אין די פאלקס־לידער, נאר די לידער פון יענער צייט זיינען פארגעסען געווארן נאכדעם, ווען עס איז אנגעקומען די פינסטערע עפאכע פון לייב־אייגענטום, וואס האט נאכגעפאלגט, און מיר דערוויסען זיך וועגען זיי א דאנק דעם ענגלענדער, ריטשארד דזשיימס, וועלכער איז געווען אין רוסלאנד אינ׳ם יאהר 1619, און וועלכער האט פארשריבען עטליכע לידער, וואס האבען א שייכות צו אט־דעם פעריאד. דאס זעלביגע מוז אויך געזאגט ווערן וועגען דער פאלקס־ליטעראטור, וואס האט זיכער געמוזט אנטשטעהן אין דעם לעצטען טייל פונ׳ם זיבעצענ־טען יאהרהונדערט. זי איז פולשטענדיג פארלוירן געווארן. די ענדגילטיגע איינפיהרונג פון לייב־אייגענטום אונטער דעם ערש־טען ראמאנאוו (מיכאאיל, 1612-1640); די אלגעמיין אויפגעפלא־קערטע אויפשטאנדען, וואס האבען נאכגעפאלגט און זיך געענדיגט מיט׳ן גוואלטיגען אויפשטאנד פון סטעפאן ראזין, וועלכער איז פון יענער צייט אן געווארן דער ליבלינג העלד פון די אונטער־דריקטע פויערים; און, ענדליך, די שטרענגע און ברוטאלישע פאר־פאלגונג פון די קירך־שפאלטער און זייער אויסוואנדערונג קיין מזרח אין די געדיכטע וועלדער פון די אוראל־בערג — אט־די אלע געשעהענישען האבען, אהן ספק, געפונען אן אויסדרוק אין די פאלקס־לידער; אבער דער שטאט און די קירך האבען אזוי ברוטאל פארפאלגט אלץ, וואס האט געהאט דעם מינדעסטען שפור פון אויפשטאנדס־גייסט, אז צו אונז האט ניט דערגרייכט קיין איין ווערק פון פאלקס־שאפונג פון יענער צייט. נאר עטליכע ווערק פון א פאלעמישען כאראקטער און אן אויסגעצייכענטע אויטאביא־גראפיע פון א פארשיקטען גלח זיינען אויפגעהיט געווארן צווישען די קירך־שפאלטער.

די שפאלטונג אין דער קירך — די מעמוארען פון אוואקום.

די ערשטע רוסישע ביבעל איז געדרוקט געווארן אין פוילען אינ׳ם יאהר 1580. עטליכע יאהר שפעטער איז אין מאסקווע גע־עפענט געווארן א דרוקעריי און די רוסישע קירך־אויטאריטעטען

האָבען געדאַרפט באַשטימען, וועלכען פון די געשריבענע טעקסטען, וואָס זיינען דעמאָלט געווען פאַרשפּרייט, מען דאַרף נעמען אַלס אָריגינאַל ביים אָפּדרוקען די הייליגע ביכער. די געשריבענע קאָפּיעס, וואָס מען האָט דעמאָלט גענוצט, זיינען געווען פול מיט גרייזען, און עס איז קלאָר געווען, אַז מען מוז זיי אויסבעסערן און פאַרגלייכען מיט די גריכישע טעקסטען איידער מען גיט איינע פון זיי אַריין אין דרוק. אָט־די אויסבעסערונג איז אונטערנומען געוואָרן אין מאָסקווע מיט דער הילף פון געלערנטע לייט, וואָס מען האָט אַריבערגעבראַכט טיילווייז פון גריכענלאַנד און טיילווייז פון דער גריכיש־לאַטיינישער אַקאַדעמיע פון קיעוו; נאָר צוליב פיל און פאַרשיידענע אורזאַכען איז אָט־די אויסבעסערונג געוואָרן דער קוואַל פון אַ ברייטער אומצופרידענהייט, און אין מיטען פון דעם 17־טען יאָהרהונדערט איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקע שפּאַלטונג אין דער קירך. עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז אָט־די שפּאַלטונג האָט ניט געשטאַמט נאָר פון טעאָלאָגישע חלוקי־דעות אָדער פון די גריכישע נוסחאות. דער 17טער יאָהרהונדערט איז געווען אַ יאָהרהונדערט, ווען די מאָסקווער קירך האָט ערוואָרבען אַ גוואַלטיגע מאַכט אין שטאַאַט. איהר פיהרער, דער פּאַטריאַרך ניקאָן, איז געווען אַ זעהר עהרגייציגער מענש, וואָס האָט חשק געהאַט צו שפּילען אין מזרח די זעלביגע ראָלע, וואָס דער פּויפּסט האָט געשפּילט אין מערב; צוליב דעם פלעגט ער זיך פלייסען צו ערשטוינען דאָס פאָלק מיט זיין קייזערליכען פּראַכט און לוקסוס — וואָס האָט, פאַרשטעהט זיך, געמיינט נאָך שווערערע לאַסטען און צינזען אויף די פּלייצעס פון די קירכליכע פּאַנשטשיזנע־ פּויערים. גאָר שווער געווען פון דעם נידעריגסטען קלערוס. געהאַסט האָבען איהם אי די פּויערים, אי דער נידעריגסטער קלערוס, און איינגיכען האָט מען איהם אָנגעקלאָגט אין נייגונגען צו „לאַטיניזם"; אַזוי אַז די שפּאַלטונג צווישען פאָלק און דעם קלערוס — ספּעציעל דעם העכערן קלערוס — האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ פאַרשפּרייטער פאָלקס־אָפּזונדערונג פון דער גריכישער קירך.

די מעהרסטע שריפטען פון די קירך־שפּאַלטער פון יענער צייט זיינען ריין־סכאָלאַסטישע און, פאָלגליך, האָבען זיי ניט קיין ליטעראַרישען אינטערעס. נאָר די מעמוארן פון׳ם גלח, דעם קירך־שפּאַלטער, אַוואַקום (געשטאָרבען אינ׳ם יאָהר 1681), וועלכער איז

פארשיקט געוואָרען קיין סיביר, און איז געגאַנגען צו־פוס מיט קאָזאַקען־פּאַרטיעס ביז די ברעגען פון דעם טייך אַמור, פאַרדינען רעכט דערמאַנט צו ווערן. לויט זייער איינפאַכקייט, ערנסטקייט און אָפּוועזענהייט פון יעדער מין סענסאַציאָנאַליזם, זיינען זיי פאַרבליבען דער פּראָטאָטיפּ פון רוסישע מעמואַרען ביז דעם היינטיגען טאָג. אָט איז אַן אויסצוג פון אָט־דעם וואונדערבאַרן ווערק:

„ווען איך בין אריין קיין יעניסעיבורג, איז אָנגעקומען אַן אַנדער באַפעהל פון מאָסקווע מיך צו שיקען קיין דאוריא, צוויי טויזענט מייל פון מאָסקווע, אונטער דער קאָמאַנדע פון פּאַשקאָוו'ן. ער האָט מיט זיך גענומען זעכציג מענשען, און צוליב מיינע זינד האָט ער זיך ארויסגעוויזען צו זיין אַ זעהר שרעקליכער מענש. נאָכאַנאַנד ברענט ער און מוטשעט, און שלאָגט זיינע מענשען, און איך האָב אָפט צו איהם גערעדט און איהם גע־מוסר'ט, אז ער טוט ניט גוט, און איצטער בין איך אַליין אריינגעפאַלען אין זיינע הענט. בעת מיר זיינען געפאָהרן אויף דעם טייך אַנגאַראַ האָט ער מיך באַפוילען: געה ארויס פון דיין שיף, דו ביסט אַן אַפּיקורס, דערפאַר קאָנען די שיפען ניט פאָהרן ווייטער. דו געה צופוס אריבער די בערג." דאָס איז זעהר שווער געווען. הויכע בערג, אומדורכדרינגליכע וועלדער, משופּע'דיגע פעלזען, ווי ווענט — און מיר האָבען דאָס אַלץ געמוזט דורכגעהן, אומגעהענדיג מיט ווילדע חיות און פויגעל. און איך האָב איהם צוגעשריבען אַ קליין בריוועלע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אַזוי: „מענש, האָב מורא פאַר גאָט. אפילו די הימעלישע כחות, אַלע לעבעדיגע ברואים און מענשען האָבען פאַר איהם מורא. דו אַליין קימערסט זיך ניט וועגען איהם". און נאָך פיל איז געשריבען געווען אין אָט־דעם בריף, און איך האָב דעם בריף צו איהם אַראָפּגעשיקט. גלייך האָב איך דערזעהן פופציג מענשען לויפען צו מיר, און זיי האָבען מיך אוועקגעשלעפּט צו איהם. ער האָט געהאַלטען זיין שווערד אין דער האַנט און געציטערט פון ווילדען כעס. פאַנגט ער מיך אָן צו פרעגען: „ביסטו אַ גלח, אָדער אַ גלח אין חרם?" ענטפער איך: איך בין אַוואַקום, אַ גלח; וואָס ווילסטו פון מיר? און ער האָט מיך אָנגעפאַנגען צו שלאָגען איבער'ן קאָפּ און האָט מיך אומגעוואָרפען אויף דער ערד און האָט מיך ווייטער געשלאָגען בעת איך בין געלעגען אויף דער ערד, און נאָכדעם האָט

ער באַפוילען מיר צו געבען צוויי־און־זיבעציג שמיץ מיט'ן קנוט, און איך האָב אַ זאָג געטאָן: „יעזוס קריסטוס, געטליכער זוהן, העלף מיר!" דאָס זעלביגע האָב איך אַלץ געהאַלטען אין איין ווידערהאָלען, און ער איז אַלץ מעהר אַריין אין כעס, וואָס איך בעט איהם ניט: „האָב רחמנות!" ביי יעדער קלאַפּ האָב איך געזאָגט אַ תפילה. נאָכדעם האָב איך צו איהם אויסגעשריען: „הער אויף שלאָגען!" האָט ער געהייסען אויפהערן. זאָג איך צו איהם: „פאַרוואָס שלאָגסטו מיך? ווייסטו דאָס אפשר?" און ער האָט באַפוילען מיך ווידער צו שלאָגען איבער די זייטען; נאָכדעם האָבען זיי מיך אָפּגעלאָזט. איך האָב אָנגעהויבען ציטערן און בין געפאַלען. האָט ער באַפוילען מיך אוועקשלעפּען אויף אַ רעגירונגס־שיפעל: האָט מען מיר געקאָוועט הענט און פיס און אַריינגעוואָרפען אין שיפעל. דאָס איז געווען אין הערבסט: עס האָט געדעגנט, און אַ גאַנצע נאַכט בין איך געלעגען אונטער אַ גוס־רעגען. נאָכדעם האָבען זיי מיך געבראַכט צו אַ קליינעם פאָרט, דאָרט מיך פארשפאַרט אין אַ תפיסה און אַריינגעגעבען נאָר אַ ביסעל שטרוי; דעם גאַנצען ווינטער האָט מען מיך געהאַלטען אין טורם אָהן באַהייצונג. און דער ווינטער דאָרט איז שרעקליך קאַלט; גאָט האָט מיר אָבער געהאָלפען, הגם איך האָב קיין פעלץ ניט געהאַט. אַזוי בין איך געלעגען, ווי אַ הונט, אויף דער שטרוי. איין טאָג האָבען זיי מיך געשפּייזט, אַ צווייטען — ניט. מיט ראַצען האָט דאָרטען געשוויבעלט און געגריבעלט. איך פלעג זיי הרג'ענען מיט מיין היטעל. די שוטים האָבען מיר אפילו ניט געגעבען קיין שטעקען."

שפּעטער, ווען מען האָט אַוואַקום'ען איבערגעשיקט אויפ'ן אַמור, און ווען איהם מיט זיין פרוי איז אויסגעקומען צו געהן איבער'ן אייז פון דעם גרויסען פאַרפרוירענעם טייך, פלעגט זי אָפט אומפאַלען, פשוט אויסגעהן פון די כחות. „פלעג איך אונטערקומען, — שרייבט אַוואַקום, — זי אויפהויבען און זי האָט מיך נאָך גע'מוסר'ט: „ווי לאַנג נאָך וועלען, גייסטליכער, די צרות דויערן?" און איך פלעג איהר ענטפערן: „מאַרקאָווגאַ, ביז'ן טויט;" נאָכדעם איז זי אויפגעשטאַנען און געזאָגט: „גוט, פעטראָוויטש, לאָמיר ווייטער געהן". קיין ליידען האָבען ניט געקאָנט באַזיגען אָט־דעם גרויסען מענשען. פון אַמור האָט מען

איהם ארויסגערופען קיין מאָסקווע און ער האָט ווידער געמוזט דורכמאַכען די רייזע צו־פוס. פון מאָסקווע האָט מען איהם פאַר־שיקט קיין פוסטאָזיאָרסק, וואו ער איז אָפּגעוועזען פערצעהן יאָהר און, ענדליך, האָט מען איהם, פאַר א חוצפה'דיגען בריף צום צאַר, פאַרברענט אויף א שייטער־הויפען אין'ם יאָהר 1681.

דער אַכצעהנטער יאָהרהונדערט

די שטורמדיגע רעפאָרמען פון פעטער דעם ערשטען, וועל־כער האָט געשאַפען א מיליטערישען אייראָפּעאישען שטאַט פון דעם האַלב־ביזאַנטישען און האַלב־טאַטארישען שטאַט, וואָס רוס־לאַנד איז געוועזען אונטער זיינע פאָרגענגער, האָבען געגעבען א נייע ווענדונג צו דער ליטעראַטור. דאָ איז ניט דאָס פּלאַץ אָפּצושאַצען די היסטאָרישע באַדייטונג פון די רעפאָרמען פון פעטער דעם ערשטען, נאָר עס מוז דערמאָנט ווערן, אז אין דער רוסישער לי־טעראַטור זיינען פאַראַן, לכל הפחות, צוויי פאָרגענגער פון פע־טער'ס ארבייט.

איינער פון זיי איז געוועזען קאָטאָשיכין (1630־1667), א היס־טאָריקער. ער איז אַנטלאָפען פון מאָסקווע קיין שוועדען און האָט דאָרטען אָנגעשריבען, פופציג יאָהר איידער פעטער דער ערשטער איז געקרוינט געוואָרן אַלס צאַר, א געשיכטע פון רוסלאַנד, אין וועלכע ער האָט שטאַרק קריטיקירט די אומוויסענהייט, וואָס הערשט אין מאָסקווע און פאַרטיידיגט ברייטע רעפאָרמען. זיין מאַנוסקריפּט איז געבליבען אומבאַקאַנט ביז דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט, ווען מען האָט איהם אַנטדעקט אין אופסאַלאַ. דער צווייטער שריפטשטעלער, וואָס איז געוועזען דורכגעדרונגען מיט די זעלביגע אידעען, איז געוועזען א דרום־סלאַוו, קריזשאַניטש, וועמען מען האָט ארויסגערופען קיין מאָסקווא אין'ם יאָהר 1651, אויסצובעסערן די הייליגע ביכער; ער האָט אָנגעשריבען א מערק־ווירדיג ווערק, אין וועלכען ער האָט אויך געפּרעדיגט די נויט־ווענדיגקייט פון גרונטליכע רעפאָרמען. מיט צוויי יאָהר שפּעטער האָט מען איהם פאַרשיקט קיין סיביר, וואו ער איז געשטאָרבען.

פעטער דער ערשטער, וואָס האָט פולשטענדיג באַגריפען די וויכטיגקייט פון דער ליטעראַטור, און האָט זיך שטאַרק באַמיהט

איינצופלאַנצען צווישען זיינע אונטערטאַנען אייראָפּעאישע ביל־
דונג, האָט פאַרשטאַנען, אַז די אַלטע סלאַווישע שפּראַך, וואָס נאָר
די רוסישע שריפטשטעלער האָבען דעמאָלט געברויכט, אָבער ניט
די מאַסען פון פאָלק, שטערט נאָר דער אַנטוויקלונג פון ליטעראַ־
טור און בילדונג. איהרע פאָרמען, איהרע אויסדרוקען און די
גראַמאַטיק זיינען שוין געוועזען פרעמד צו די רוסען. אין רעליגיעזע
ווערק האָט מען זי נאָך געקאָנט געברויכען; אָבער ווערק וועגען
געאָמעטריע, אַלגעברע, אָדער קריגס־קונסט, געשריבען אין דער
ביבלישער אַלט־סלאַווישער שפּראַך, וואָלטען פּשוט געוועזען לעכער־
ליך. פּעטער האָט געמאַכט אַ סוף צו אָט־דער שווערינקייט אויף
זיין אייגענטימליכען שאַרפען שטייגער. ער האָט איינגעפיהרט אַ
נייעם אַלפאַבעט, כדי צו העלפען אריינברענגען אין דער ליטעראַ־
טור די געשפּראָכענע, אָבער ביז איצטער אומגעשריבענע, שפּראַך.
אָט־דער אַלפאַבעט, וואָס איז אַנטנומען געוואָרן פון דעם אַלט־
סלאַווישען, אָבער זעהר שטאַרק פאַראייפאַכט, ווערט געברויכט
ביז דעם היינטיגען טאָג.

ליטעראַטור, אין דעם אייגענטליכען זין פון דעם וואָרט, האָט
ווייניג־וואָס אינטערעסירט פּעטער דעם ערשטען. ער האָט גע־
קוקט אויפ'ן געדרוקטען וואָרט פון אַן אוטיליטאַרישען שטאַנד־
פּונקט; דערפאַר איז זיין הויפּט־צוועק געוועזען צו באַקענען די רוסען
מיט די ערשטע עלעמענטען פון די פּינקטליכע וויסענשאַפטען, ווי
אויך מיט דער נאַוויגאַציאָנס־ און קריגס־קונסט און מיט פאָרטי־
פיקאַציע. דערפאַר זיינען די שריפטשטעלער פון זיין צייט ווייניג־
וואָס אינטערעסאַנט פון אַ ליטעראַרישען שטאַנדפּונקט, און מיר
וועט אויסקומען דערמאָהנען נאָר עטליכע פון זיי.

דער אינטערעסאַנטסטער שריפטשטעלער פון די צייטען פון
פּעטער דעם ערשטען און זיינע באַלדיגע נאָכפאָלגער איז פיליכט
געוועזען פּ ר אָ ק אָ פּ אָ וו י ט ש , אַ גלח, אָהן דעם מינדעסטען
שפּור פון רעליגיעזען פאַנאַטיזם, אַ גרויסער פאַרהערער פון מערב־
אייראָפּעאישער בילדונג, וועלכער האָט געגרינדעט אַ גריכיש־סלאַ־
ווישע אַקאַדעמיע. עס איז אויך כדאי צו דערמאָהנען קאַנטעמיר'ן
(1709־1744), אַ זוהן פון אַ מאָלדאַווישען פּרינץ, וואָס האָט עמיג־
רירט מיט זיינע אונטערטאַנען קיין רוסלאַנד. ער האָט געשריבען

סאַטירעס, אין וועלכע ער פּלעגט זיך אויסדריקען מיט אַ פּרייקייט פון געדאַנק, וואָס איז געווען מערקווירדיג פאַר זיין צייט.*) טרעטיאַקאָווסקי (1703-1769), ווידער רופט ארויס אַ מעלאַנכאָלישען אינטערעס. ער איז געווען אַ גלח'ס אַ זוהן און איז אין דער יוגענט אַנטלאָפען פון זיין פאָטער, כדי צו שטודירען אין מאָסקווע. פון דאָרט איז ער אוועק קיין אַמסטערדאַם און פּאַריז, געהענדיג מעהרסטענס צופוס. ער האָט שטודירט אינ'ם פּאַריזער אוניווערזיטעט און איז געוואָרען אַ פאַרעהרער פון פּאָרטגעשריטענע אידעען, וועגען וועלכע ער פלעגט שרייבען אין זעהר אומגעלומפּערטע פערזען. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין פּעטערסבורג האָט ער פאַרבראַכט זיין גאַנץ שפּעטערדיג לעבען אָרעם און עלענד, פאַרפאָלגט און אויסגעלאַכט פון אַלע זייטען פאַר זיינע פאַרזוכען צו רעפאָרמירען די רוסישע ווערסיפיקאַציע. ער האָט אפילו ניט געהאַט קיין שפּור פון אַ פּאָעטישען טאַלאַנט, און דאָך האָט ער דער רוסישער פּאָעזיע אַ גרויסע טובה געטאָן. ביז יענער צייט איז דער פערז אין רוסלאַנד געווען אַ סילאַבישער, נאָר ער, טרעטיאַקאָווסקי, האָט פאַרשטאַנען, אַז דער סילאַבישער פערז איז ניט אין אַנקלאַנג מיט'ן גייסט פון דער רוסישער שפּראַך, און ער האָט געווידמעט זיין גאַנץ לעבען צו דערווייזען, אַז די רוסישע פּאָעזיע דאַרף געשריבען ווערן לויט די געזעצען פון ריטמישער ווערסיפיקאַציע. וואָלט ער געווען געהאַט כאָטש אַ פונק טאַלאַנט, וואָלט איהם זיכער ניט שווער אָנגעקומען צו דערווייזען די ריכטיגקייט פון זיין טעזיס; ער איז אָבער געווען טאַלאַנטלאָז און דערפאַר האָט ער געמוזט אָנקומען צו גאַנץ לעכערליכע המצאות. אייניגע פון זיינע פערזען זיינען פשוט געווען שורות פון ווערטער אָהן דעם מינדעסטען צוזאַמענהאַנג, אויפגעשריבען נאָר כדי צו ווייזען, ווי אַזוי מען שרייבט מיט ריטם און גראַם. איז איהם שווער געוואָרען צופּאַסען אַ גראַם, האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט, און ביי איהם איז רעכט געווען צו צושפּאַלטען אַ וואָרט ביים סוף פון אַ שורה און אָנפאַנגען די נעקסטע שורה מיט'ן טייל, וואָס איז געבליבען פון דער ערשטער. נישט געקוקט אויף זיינע

---

*) אין די יאָהרען 1730—1738 איז ער געווען דער אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן.

אבסורדען, האָט זיך איהם, פונדעסטוועגען, איינגעגעבען צו אי־בערצייגען די רוסישע דיכטער אַנצונהעמען די ריטמישע ווערסיפי־קאציע, און פון יענער צייט אָן האַלט מען זיך ביי זיינע כּללים. פאַקטיש איז דאָס מעהר ניט געווען ווי די נאַטירליכע אנטוויק־לונג פון דעם רוסישען פאָלקס־ליד.

אין יענער צייט האָט אויך געלעבט דער היסטאָריקער טאַטישטשעוו (1686־1750). ער האָט אָנגעשריבען א געשיכטע פון רוסלאַנד און אָנגעפאַנגען א גרויס ווערק איבער דער געאָגראַפיע פון דער רוסישער אימפּעריע. געווען איז ער א זעהר ארבייטסזאמער מענש, א סך שטודירט, סיי וויסענשאַפטען, סיי טעאָלאָגיע און איבערגעלאָזט עטליכע פּאָליטישע ווערק, א חוץ דער געשיכטע. ער איז געווען דער ערשטער אָפּצושאַצען דעם ווערט פון די כראָניקעס, וועלכע ער האָט געזאַמעלט און סיסטעמאַטיזירט, צוגרייטענדיג, אויף אזא אופן, מאַטעריאַלען פאַר די צוקונפטיגע היסטאָריקער; נאָר בכלל האָט ער ניט איבערגעלאָזט קיין אנזיכ־טיגען שפּור אין דער רוסישער ליטעראַטור. פאַקטיש איז נאָר פאראַן איין מענש פון יענעם פעריאָד, וואָס פאַרדינט מעהר ווי א פאַרבייגעהענדיגע אויפמערקזאַמקייט. דאָס איז לאָמאָנאָסאָוו (1712־1765). ער איז געבאָרען געוואָרען אין א דאָרף ביים וויי־סען ים, נעבען ארכאַנגעלסק, אין דער פאַמיליע פון א פישער. ער איז אויך, פּונקט ווי טרעטיאַקאָווסקי, אַנטלאָפען פון זיינע על־טערן, איז צו־פוס געקומען קיין מאָסקווע און אָנגעקומען אין א מאָנאַסטיר־שול, וואו ער האָט געלעבט אין אומבאַשרייבליכער אָרימקייט. שפּעטער איז ער אוועק קיין קיעוו, אויך צו־פוס און שיער ניט געוואָרן א גלח. אין יענער צייט גראד האָט זיך די פּעטערבורגער וויסענשאַפטליכע אַקאַדעמיע געווענדעט צו דער מאָסקווער אַקאַדעמיע און געבעטען צוועלף גוטע סטודענטען כּדי זיי אוועקשיקען אין אויסלאַנד שטודירן. לאָמאָנאָסאָוו איז אויסגעקליבען געוואָרן אלס איינער פון זיי. מען האָט איהם אוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד, וואו ער האָט שטודירט נאַטור־וויסענשאַפטען ביי די בעסטע געלערנטע פון יענער צייט, ספּעציעל ביי כריסטיאַן וואָלף. דערביי האָט ער געמוזט קעמפען געגען דער שרעקליכסטער אָרימקייט, שטענדיג האָט ער געהונגערט. אינ׳ם יאָר 1741 איז ער צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד און באַ־

שטימט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע פון וויסענ־שאַפטען אין פעטערבורג.

די אַקאַדעמיע איז דעמאָלט געווען אין די הענט פון עטליכע דייטשען, וועלכע האָבען געקוקט אויף אַלע רוסישע געלערנטע מיט אַפענער פאַראכטונג; פאָלגליך, האָבען זיי לאָמאָנאָסאָוו'ן אויפ־גענומען זעהר ניט־פריינדליך. איהם האָט ווינציג געהאָלפען, וואָס דער גרויסער מאַטעמאַטיקער יולער האָט געשריבען, אַז לאָמאָנאָסאָוו'ס ארבייט אין נאַטור־פילאָזאָפיע און כעמיע שטעלט איהם ארויס אַלס געניאַלען מענשען, און אַז די אַקאַדעמיע דאַרף זיך שעצען גליקליך, וואָס זי האָט איהם אריינגעקראָגען. אַ ביי־טערער קאַמף האָט זיך באַלד אָנגעפאַנגען צווישען די דייטשע מיטגלידער פון דער אַקאַדעמיע און לאָמאָנאָסאָוו'ן, וועלכער האָט געהאַט אַ זעהר קריגערישען טעמפעראַמענט, ספּעציעל ווען ער איז געווען ניט־ניכטער. אָרימקייט — זיין אַקאַדעמיש געהאַלט פלעגט מען ביי איהם שטענדיג קאָנפיסקירן אַלס שטראָף; דער פּאָליציי־צירקעל, וואוהין מען פלעגט איהם אָפט אָפּשיקען; און, ערגער פון אַלץ, פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען — דאָס איז געווען דער גורל פון לאָמאָנאָסאָוו'ן, וואָס איז צוגעשטאַנען צו דער פּאַרטיי פון עליזאַ־וועטאַ און איז, פאָלגליך, באַהאַנדעלט געוואָרן אַלס שונא פון יעקאַטערינאַ דער צווייטער, בעת זי איז ארויף אויפ'ן טראָן. ערשט אינ'ם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט האָט מען לאָמאָנאָסאָוו'ן נע־העריג אָפּגעשאַצט.

„לאָמאָנאָסאָוו איז אַליין געווען אַן אוניווערזיטעט", — האָט איינמאָל פושקין באַמערקט, און אָט־די באַמערקונג איז געווען אַ גאַנץ ריכטיגע: אַזוי פיל פאַרשידענאַרטיגע ריכטונגען האָט זיין ארבייט אָנגענומען. ניט נאָר האָט ער געמאַכט אויסגעצייכענטע פאָרשונגען אויפ'ן געביט פון פיזיק, כעמיע, פיזישע געאָגראַפיע און מינעראַלאָגיע; ער האָט אויך געלעגט דעם פונדאַמענט פאַר דער גראַמאַטיק פון דער רוסישער שפּראַך, וועלכע ער האָט באַ־גריפען אַלס טייל פון דער אַלגעמיינער גראַמאַטיק פון אַלע שפּראַ־כען, אין זייער נאַטירליכער אַנטוויקלונג. ער האָט אויך אויס־געאַרבייט פאַרשידענע פאָרמען פון דער רוסישער ווערסיפיקאַציע, און ער האָט באַשאַפען אַ נייע ליטעראַרישע שפּראַך, וועגען וועל־כער ער האָט געקאָנט זאָגען, אַז זי איז פּונקט אַזוי פּאַסיג איבערצו־

געבען „די קרעפטיגע רעדע־קונסט פון ציצעראָ, די גאָלדענע ערענסטקייט פון ווירגיל, דעם זאַפטיגען געשפּרעך פון אָוויד, ווי די איידעלסטע טרוימערישע באַגריפען פון פילאָזאָפיע, אָדער אָפּ־האַנדלונגען וועגען די פאַרשיידענע אייגענטימליכקייטען פון מאַ־טעריע און וועגען די ענדערונגען, וואָס קומען שטענדיג פאָר אין דעם געבוי פון׳ם אוניווערזום און אין מענשליכע טאַטען...״ דאָס האָט ער באַוויזען דורך זיין פּאָעזיע, דורך זיינע ווי־סענשאַפטליכע שריפטען און אין זיינע „רעדעס״, אין וועלכע ער פלעגט פאַראייניגען האָקסלי׳ס גרייטקייט צו פאַרטיידיגען די ווי־סענשאַפט געגען בלינדען גלויבען מיט הומבאָלדט׳ס פּאָעטישע אומ־פאַסונג פון דער נאַטור.

אמת, זיינע אָדען זיינען געווען געשריבען אין אַן אויפגע־בלאָזענעם סטיל, וואָס איז געווען אַזוי טייער ביי אַלע פסעוודאָ־קלאַסיקער; עס זיינען ביי איהם פאַרבליבען אַ סך אַלט־סלאַווישע אויסדרוקען אין דער באַהאַנדלונג פון „הויכע געגענשטאַנדען״, אָבער אין זיינע ווישענשאַפטליכע און אַנדערע שריפטען פלעגט ער קרעפטיג און גלענצענד נוצען די געוועהנליכע אומגאַנגס־שפּראַך. אַ דאַנק דער גרויסער פאַרשידענאַרטיגקייט פון וויסענשאַפטען, וועלכע איהם איז אויסגעקומען צו אַקלימאַטיזירן אין רוסלאַנד, האָט ער ניט געקאָנט אָפּגעבען קיין סך צייט פאַר זעלבסטשטענ־דיגע פאָרשונגען; אָבער ווען ער איז אַרויסגעטראָטען צו פאַר־טיידיגען די אידעען פון קאָפּערניקוס, ניוטאָן און הויגענס געגען טעאָלאָגישע אָנפאַלען, פלעגט זיך אין איהם אַרויסצייגען דער אמת׳ער נאַטור־וויסענשאַפטליכער פילאָזאָף אין דעם מאָדערנעם זין פון אָט־דעם טערמין. אין זיין פריהער יוגענט פלעגט ער באַ־גלייטען זיין פאָטער — אַן ענערגישער פישער פון דעם צפון — אויף זיינע רייזעס צום פיש־פאַנג, און דאָרט האָט ער באַקומען זיין ליבע צו דער נאַטור און די וואונדערבאַרע אויפפאַסונג פון נאַטור־ערשיינונגען; דאָס טאַקע האָט פאַדוואַנדעלט זיינע „מעמור־אַרן איבער אַרקטישע אויספאָרשונגען״ אין אַ ווערק, וואָס האָט ניט פאַרלאָרן זיין ווערט ביז דעם היינטיגען טאָג. עס איז כדאי צו באַמערקען, אַז אין אָט־דעם לעצטען ווערק רעדט לאָמאָנאָסאָוו וועגען דער מעכאַנישער טעאָריע פון וואַרעמקייט אין אַזעלכע באַשטימטע אויסדרוקען, פון וועלכע עס איז קלאָר, אַז נאָך דע־

מאָלט, מיט אריבער הונדערט יאָהר צוריק, האָט ער שוין פאָרגע־פיהלט די גרויסע אַנטדעקונג פון אונזער צייט — א פאקט, אויף וועלכען מען האָט אפילו ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט אין רוסלאַנד.

איך וויל דאָ נאָך דערמאָנען לאָמאָנאָסאָוו'ס א צייט־גענאָסע, סומאראָקאָוו'ן (1717־1777), וועמען מען פלעגט אין יענע יאָהרען רופען דער רוסישער „ראסין". ער האָט געהערט צום העכסטען אדעל און געקראָגען אַן עכט־פראַנצויזישע בילדונג. זיינע דראמען, וועלכע ער האָט אָנגעשריבען אין א גרויסער צאָהל, זיינען אינגאנצען אימיטאציעס פון דער פראַנצויזישער פסעוודאָ־קלאסישער שול; נאָר, ווי די לעזער וועלען זעהען אין איינעם פון די ווייטערדיגע קאפיטלען, האָט ער זעהר פיל געווירקט אויף דער אנטוויקלונג פון דעם רוסישען טעאטער. סומאראָקאָוו האָט אויך אָנגעשריבען לירישע פערזען, עלעגיעס און סאטירעס. אָט־די אלע ווערק באזיצען א קליינעם ליטערארישען ווערט; מען דארף אָבער דערמאָנען דעם וואונדערבאר־גוטען סטיל פון זיינע בריף, וועלכע זיינען אינגאנצען פריי פון די סלאַווישע ארכאאיזמען, וואָס פלעגען אין יענער צייט געוועהנטליך געברויכט ווערן.

די צייטען פון יעקאַטערינאַ דער צווייטער

מיט יעקאַטערינא דער צווייטער, וועלכע האָט רעגירט פון דעם יאָהר 1752 ביז דעם יאָהר 1796, פאנגט זיך אָן א נייע ערא אין דער רוסישער ליטעראטור. זי פאנגט אָן אָפּצוטרייסלען איהר פריהערדיגע טעמפּקייט, און הגם די רוסישע שריפטשטעלער זעצען נאָך אלץ פאָר צו אימיטירן פראַנצויזישע מאָדעלען — הויפּטזעכ־ליך פסעוודאָ־קלאסישע — שפּיגלען זיך שוין אָפּ אין זייערע ווערק די רעזולטאטען פון דירעקטער באָאָבאכטונג פון דעם רוסישען לעבען. בכלל באמערקט מען עפּעס א מין יוגענדליכע פוסטקייט אין דער ליטעראטור פון די ערשטע יאָהרען פון יעקאַטערינאַ'ס הערשאפט. די קעניגין אליין איז אין יענע יאָהרען נאָך געווען אונטער דער ווירקונג פון פּראָגרעסיווע אידעען, אלס רעזולטאט פון איהרע באציהונגען מיט די פראַנצויזישע פילאָזאָפען; אונטער דער ווירקונג פון מאָנטעסקיע האָט זי פארפאסט איהר אויסגעציי־

כענטען באַפעהל (נאַקאַז), האָט געשריבען קאָמעדיעס, אין וועלכע זי האָט אָפּגעלאַכט פון די אַלטמאָדישע פאַרשטעהער פון דעם רוסישען אַדעל, און ארויסגעגעבען א מאָנאַטליכען זשורנאַל, אין וועלכען זי פלעגט פיהרען ויכוחים אי מיט די אולטרא־קאָנסער־וואַטיווע שריפטשטעלער פון יענער עפּאָכע, אי מיט די מאָדערנע יונגע רעפאָרמאַטאָרס. אין יענער צייט האָט זי אויך געגרינדעט א ליטעראַרישע אַקאַדעמיע און באַשטימט אַלס פּרעזידענטין די פּרינצעסין וואָראָנצאָוואַ־דאַשקאָוואַ (1743-1819), וועלכע האָט געהאָלפען יעקאַטערינאַ דער צווייטער אין איהר קו־ד'עטאַט געגען איהר מאַן, פעטער דעם דריטען, צו פאַרכאַ־פּען דעם טראָן. וואָראָנצאָוואַ־דאַשקאָוואַ האָט זעהר פלייסיג גע־האָלפען דער אַקאַדעמיע אין דער צוזאַמענשטעלונג פון א ווערטער־בוך פון דער רוסישער שפּראַך און האָט אויך אַרויסגעגעבען א זשורנאַל, וואָס האָט איבערגעלאָזט א שפּור אין דער רוסישער ליטעראַטור; איהרע עראינערונגען, געשריבען אין פראַנצויזיש (מאָן היסטואַר), זיינען זעהר ווערטפול, הגם אַלס היסטאָרישער דאָקומענט*) זיינען זיי ניט אומפּאַרטייאיש. בכלל האָט זיך אין יענער צייט אָנגעפאַנגען א היפּשע ליטעראַרישע באַוועגונג, וואָס האָט ארויסגעבראַכט דעם מערקווירדיגען דיכטער, דערזשאַ־ווין (1743-1816); דעם קאָמעדיען־שרייבער פאָנוויזין (1745-1792); דעם ערשטען פילאָזאָף נאָוויקאָוו (1742-1818); און א פּאָליטישען שריפטשטעלער, ראַדישטשעוו (1749-1802).

דערזשאַווינ'ס פּאָעזיע ענטפערט זיכער ניט אויף אונזערע היינטיגע פאָדערונגען. ער איז געווען דער הויף־דיכטער פון יע־קאַטערינאַ'ן און האָט באַזונגען אין אויפגעבלאָזענע אָדען די טוגענ־דען פון דער קייזערין און די נצחונות פון איהרע גענעראַלען און ליבלינגען. רוסלאַנד האָט אין יענע צייטען זיך אָנגעפאַנגען צו באַפעסטיגען אויף די ברעגען פונ'ם שוואַרצען ים און אָנגעפאַנגען צו שפּילען אַן ערנסטע ראָלע אין דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק. דערפאַר איז, פאַרשטעהט זיך, ניט געווען קיין מאַנגעל אין געלע־גענהייטען אויפצובלאָזען זיינע פּאַטריאָטישע געפיהלען. פונ־

*) צווישען 1775—1785 האָט זי פאַרבראַכט עטליכע יאָהר אין עדינבורג צוליב דער בילדונג פון איהר זוהן.

דעסטוועגען האָט דערזשאַווין געהאַט אייניגע סמנים פון אַן אמת'ן דיכטער: ער האָט געפיהלט די שעהנקייט פון דער נאַטור און האָט אָט־די געפיהלען געקאָנט אויסדריקען אין פערזען, וואָס זיינען באמת געווען גוט (די אָדען: „גאָט", „דער וואַסערפאַל"). אָט־די אמת־פּאָעטישע פערזען, וואָס שטעהען זייט ביי זייט מיט די אומנאַטירליכע שווערע שורות, אָנגעשטאָפּטע מיט אויפגעבלאָזענע ווערטער אָהן זין, זיינען אַזוי אויגענשיינליך בעסער פון די לעצטע, אַז זיי זיינען געווען אַ גוטע לעקציע פאַר אַלע נאָכקומענדע רוסישע דיכטער. זיי האָבען זיכער געהאָלפען אונזערע דיכטער זיך צו באַפרייען פון דעם מאַנעריזם. פּושקין, וואָס איז אין זיין יוגענט געווען דערזשאַווינ'ס אַ פאַרעהרער, האָט גאַנץ שנעל דערפיהלט דעם שאָדען פון אַן אויפגעבלאָזענעם סטיל, וואָס איז אילוסטרירט געוואָרען דורך זיין פאָרגענגער, און ווייל ער האָט אַזוי וואַנדערבאַר באַהערשט זיין מוטערשפּראַך האָט ער זיך גאָר גיך באַפרייט פון דער געקינצעלטער שפּראַך, וועלכע פלעגט פריהער באַטראַכט ווערן אַלס די „פּאָעטישע" — און ער האָט אָנגעפאַנגען צו שרייבען ווי מיר רעדען.

פאָנוויזינ'ס קאָמעדיעס זיינען באמת געווען אַן אָנטפּלעקונג פאַר זיינע צייט־גענאָסען. זיין ערשטע קאָמעדיע „דער בריגאַדיר", וואָס ער האָט אָנגעשריבען אין עלטער פון צוויי־און־צוואַנציג יאָהר, האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם און האָט נאָך עד היום ניט אָנגעוואָרען איהר אינטערעס; זיין צווייטע קאָמעדיע „נעדאָראָסל" (1782) איז אויפגענומען געוואָרען ווי אַ געשעהעניש אין דער רוסישער ליטעראַטור, און פון צייט צו צייט ווערט זי נאָך געשפּילט אויך איצטער. ביידע קאָמעדיעס באַהאַנדלען ריין־רוסישע געגענשטאַנדען, גענומען פונ'ם טעגליכען לעבען; און הגם פאָנוויזין פלעגט אָפּט שוין צו פריי נעמען פון פרעמדע פאַרפאַסערס (די טעמאַ פון „בריגאַדיר" איז אַנטנומען פון דער דענישער קאָמעדיע פון האָלבערג דזשין דע פראַנס), האָט זיך איהם פונדעסטוועגען איינגעגעבען אַרויסצוברענגען די הויפּט־פּערזאָנען אַלס רוסישע כאַראַקטערען. אין דעם זין איז ער זיכער געווען דער באַשאַפער פון דער רוסישער נאַציאָנאַלער דראַמע, און ער איז אויך געווען דער ערשטער אַריינצופיהרן אין אונזער ליטעראַטור די רעאַליסטישע טענדענץ, וואָס איז געוואָרען אַזוי מעכטיג דורך פּושקינ'ען,

גאנאל'ן און זייערע נאכפאלגער. אין זיינע פאליטישע איבער־צייגונגען איז ער געבליבען טריי צו יענע פראגרעסיווע אידעען, וואס יעקאטערינע די צווייטע האט געשטיצט אין די ערשטע יאהרען פון איהר הערשאפט, און זייענדיג גראף פאנינ'ס סעקרע־טאר, פלעגט ער מוטיג פארדאמען לייב־אייגענטום, פאווארטיזם און דעם מאנגעל פון בילדונג אין רוסלאנד.

איך פארשווייג עטליכע שריפטשטעלער פון דער זעלביגער עפאכע, נעמליך באגדאנאוויטש'ן (1743-1803), דעם פארפאסער פון א זעהר שעהנער און לייכטער פאעמע, „דושענ־קא"; כעמניצער'ן (1745-1784), א באגאבטער פאבעל־שרייבער, וואס איז געווען דער פארגענגער פון קרילאוו'ן; קאפניסט'ן (1757-1829), וואס האט געשריבען גאנץ אויבערפלעכליכע סאטירעס אין גוטע פערזען; פירשט שטשערבאקאוו'ן (1733-1790), וועלכער האט צוזאמען מיט נאך עטליכע שריפטשטעלער אנגעפאנגען אויפצוזאמלען אלטע כראניקעס און פאלקס־פאעזיע, און אונטערנו־מען צו שרייבען א געשיכטע פון רוסלאנד, אין וועלכער מיר טרע־פען א וויסענשאפטליכע קריטיק פון די כראניקעס און פון אנדערע אינפארמאציאנס קוועלען; און נאך עטליכע שריפטשטעלער. נאר איך מוז זאגען עטליכע ווערטער וועגען דער מאסאנישער באווע־גונג, וואס האט זיך אנגעפאנגען ביים סוף פונ'ם אכטצענטען יאהרהונדערט.

די מאסאנען: די ערשטע אנטפלעקונג פון פאליטישען געדאנק

די צולאזענקייט, וואס האט כאראקטעריזירט די רוסישע הויכע געזעלשאפט אין דעם אכצעהנטען יאהרהונדערט, די אפווע־זענהייט פון אידעאלען, די נידעריגקייט פון דעם אדעל, די שווי־דערליכקייטען פון לייב־אייגענטום, האבען נויטווענדיגערווייז ארויסגערופען א רעאקציע צווישען די בעסערע מחות פון רוסלאנד, און אט די רעאקציע איז פארקערפערט געווארן טיילווייז אין א ברייטער מאסאנישער באוועגונג, און טיילווייז אין דעם קריסט־ליכען מיסטיציזם, וואס האט געשטאמט פון די מיסטישע לעהרען, וועלכע זיינען אין יענער צייט שטארק פארשפרייט געווען אין

דייטשלאַנד. די מאַסאָנען אין זייער „געזעלשאַפט פון פריינט" האָבען געמאַכט אַן ערנסטען פאַרזוך צו פאַרשפּרייטען מאָראַלע בילדונג צווישען די מאַסען, און אין נאָוויקאָוו'ן (1744-1818) האָבען זיי געפונען אַן אמת'ן אַפּאָסטאָל פון אָט־דער באַנייאונג. זיין ליטעראַרישע קאַריערע האָט ער אָנגעפאַנגען זעהר פריה, אין איינעם פון יענע סאַטירישע זשורנאַלען, וואָס זיינען ערשינען דורך דער איניציאַטיווע פון יעקאַטערינאַ'ען ביים אָנפאַנג פון איהר הערשאַפט; אָבער שוין אין יענער צייט האָט נאָוויקאָוו אין זיין פריינדליכער ויכוח מיט דער „באָבען" (יעקאַטערינאַ) ארויסגעוויזען, אַז ער וועט זיך ניט צופרידענשטעלען מיט דער אויבערפלעכליכער סאַטירע, וואָס איז אַזוי געווען לויט'ן געשמאַק פון דער קייזערין, נאָר וועט געהן ביז צו די וואָרצלען פון די איבעלס פון דער צייט, ד. ה. פון לייב־אייגענטום און פון זיין ברוטאַלער ווירקונג אויף דער געזעלשאַפט בכלל. נאָוויקאָוו איז ניט נאָר געווען אַ גוט־געבילדעטער מאַן: אין איהם האָבען זיך פאַראייניגט די טיפע מאָראַלישע איבערצייגונגען פון אַן אידעאַליסט מיט די פעהיגקייטען פון אַן אָרגאַניזאַטאָר און געשעפטסמאַן. און הגם זיין זשורנאַל (דער גאַנצער ריוח פון וועלכען איז אוועק אויף פילאַנטראָפּישע און בילדונגס־צוועקען) איז אין גיכען אָפּגעשטעלט געוואָרן אויפ'ן באַפעהל פון דער „באָבען", האָט דאָס אָבער איהם ניט געשטערט אויפצועפענען אין מאָסקווע אַ דרוקעריי און אַ זעהר ערפאָלגרייכען ביכער־געשעפט, כדי ארויסגעבען און פאַרשפּרייטען ביכער איבער עטיק. זיין גרויסע דרוקעריי (פאַראייניגט מיט אַ שפּיטאָל פאַר אַרבייטער און מיט אַן אַפּטייק, וואו מען האָט אומזיסט געגעבען רפואות צו אַלע אָרימע פון מאָסקווע) איז שנעל אַריין אין האַנדעלס־באַציהונגען מיט די בוך־הענדלער פון גאַנץ רוסלאַנד. אין דער זעלביגער צייט איז זיין ווירקונג אויף דער געבילדעטער געזעלשאַפט שנעל געוואַקסען און געבראַכט די בעסטע רעזולטאַטען. אין דעם יאָהר 1787, אין דער צייט פונ'ם הונגער, האָט ער אָרגאַניזירט שטיצע פאַר די הונגעריגע פויערים, דערביי האָט איהם איינער פון זיינע תלמידים געגעבען פאַר אָט דעם צוועק אַ היבשע סומע געלט. פאַרשטעהט זיך, אַז די קירך, אַז די רעגירונג האָבען מיט פאַרדאַכט געקוקט אויף דער פאַרשפּרייטונג פון דעם קריסטענטום אין דער פאָרם, ווי די מאַסאָנען האָבען עס

פארשטאנען; און הגם דער מאסקווער מעטראפאליט האט עדות געזאגט, אז נאוויקאוו איז „דער בעסטער קריסט, וועלכען ער האט ווען געקענט״, האט מען דאך נאוויקאוו׳ן אנגעקלאגט אין א פאלי־טישער פארשווערונג.

מען האט איהם ארעסטירט, און, לויט׳ן פערזענליכען וואונש פון יעקאטערינא׳ן, צו דער ערשטוינונג פון אלע וואס האבען איהם געקענט, האט מען איהם אינ׳ם יאהר 1792 פאר׳משפט צום טויט. דער טויט־אורטייל איז פונדעסטוועגען ניט דורכגעפיהרט גע־ווארן; מען האט איהם פארביטען אויף 15 יאהר געפענגניס אין דער שרעקליכער שליסעלבורגער פעסטונג. דארט האט מען נא־וויקאוו׳ן פארשפארט אין א געהיימער צעל, וואו עס איז אמאל פארשפארט געווען דער גרויס־פירשט איוואן אנטאנאוויטש. נא־וויקאוו׳ס א פריינד, אויך א מאסאן, דאקטאר באגריאנסקי, איז פרייוויליג אוועק מיט איהם אין געפענגניס. דארט איז ער פארבליבען ביז יעקאטערינא׳ס טויט. פאוועל דער ערשטער האט איהם באפרייט, אינ׳ם יאהר 1796, אין דעם זעלבינען טאג, וואס ער איז געקרוינט געווארן; נאוויקאוו אבער איז שוין פון דער פעס־טונג ארויסגעקומען א צעבראכענער מענש און איז אינגאנצען אריינגעפאלען אין מיסטיציזם, וואס האט דעמאלט זיך שוין קלאר ארויסגעצייגט אין די טענדענצען פון עטליכע מאסאנישע לאזשען.

די קריסטליכע מיסטיקער זיינען ניט געווען גליקליכער פון די מאסאנען. איינער פון זיי, ל א ב ז י ן (1766־1825), וואס האט געהאט א גרויסען איינפלוס אויף דער געזעלשאפט צוליב זיינע שריפטען, אין וועלכע ער האט געקעמפט געגען מאראללאזיג־קייט, איז אויך אנגעקלאגט און ארויסגעשיקט געווארן; זיינע יאהרען האט ער פארענדיגט אין פארשיקונג. פונדעסטוועגען האבען סיי די מיסטישע קריסטען סיי די מאסאנען (איינעגע לאזשען פון וועלכע עס האבען נאכגעפאלגט די לעהרען פון ראז־זענקראנץ) געהאט א שטארקען איינפלוס אויף רוסלאנד. ווען אלעקסאנדער דער ערשטער איז ארויף אויפ׳ן טראן, האבען די מאסאנען געקראגען מעהר מעגליכקייטען צו פארשפרייטען זייערע אידעען; די וואקסענדע איבערצייגונג, אז לייב־אייגענטום מוז אפגעשאפט ווערן, און אז די גער־כטען, ווי אויך די גאנצע אד־מיניסטראטיווע סיסטעם מוז גרינטליך רעפארמירט ווערן, איז,

אָהן ספק, געווען ביז א געוויסען גראד דער רעזולטאט פון זייער ארבייט. א חוץ דעם, האָבען א גאַנץ היבשע צאָהל מערקווירדיגע מענשען געקראָגען זייער בילדונג אין דעם מאָסקווער אינסטיטוט פון די „פריינט״, וואָס נאָוויקאָוו האָט געגרינדעט; צווישען זיי איז געווען דער היסטאָריקער קאראמזין, די ברידער טורגענעוו, אָנקעלס פון דעם גרויסען נאָוועליסט, און נאָך עטליכע באדייטענדע פּאָליטישע טוער.

ר א ד י ש ט ש ע וו (1749-1802), א פּאָליטישער שריפטשטעלער פון דער זעלביגער עפּאָכע, האָט געהאט נאָך א טראגישערן סוף. זיין בילדונג האָט ער געקראָגען אין דעם פּאזשען-קאָרפּוס און איז געווען איינער פון יענע יונגע לייט, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט, אינ׳ם יאָהר 1766, אוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד צו פּארפּאָלקאָמענען זייער בילדונג. ער פלעגט געהן אויף די לעקציעס פון העלערט׳ן און פּלאטנער׳ן אין לייפּציג, און האָט זעהר ערנסט שטודירט די ווערק פון די פראַנצויזישע פילאָזאָפען. צוריקגעקומענדיג פון אויסלאַנד האָט ער, אינ׳ם יאָהר 1790, ארויסגעגעבען „א רייזע פון פּעטערסבורג קיין מאָסקווע״. צו דער אידעע פון אָט דעם בוך איז ער, ווייזט אויס, אָנגערעגט געוואָרן דורך שטערן׳ס „א סענטימענטאַלע רייזע״. אין אָט-דעם בוך האָט ער זעהר קונציג צוזאמענגעפּלאָכטען זיינע איינדרוקען פון דער רייזע מיט פילאָזאָפישע און מאָראַלע ויכוחים און מיט בילדער פון דעם רוסישען לעבען.

ספּעציעל פלעגט ער אָנפאַלען אויף די שרעקען פון לייב-איינגענטום, אויף דער שלעכטער אָרגאניזאציע פון דער אדמיניסטראציע, אויף די געריכטען, וואָס פארקויפען זיך פאר געלט, און האָט אַלע באשולדיגונגען באפעסטיגט מיט קאָנקרעטע פאקטען, פונ׳ם ווירקליכען לעבען. יעקאַטערינא האָט נאָך פאר דעם אָנפאַנג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און ספּעציעל זינט עס האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט די געשעהענישען פונ׳ם יאָהר 1789, אָנגעהויבען פיינטליך זיך באַציהען צו די ליבעראַלע אידעען פון איהר יוגענד; זי האָט גלייך באפוילען צו קאָנפיסקירן און פארניכטען ראַדישטשעוו׳ס בוך. לויט איהר באשרייבונג איז דער פארפאסער געווען א רעוואָלוציאָנער, „נאָך ערגער פון פּוגאטשאָוו׳ן״; ער האָט געוואגט „צו ריידען מיט בייפאַל וועגען פרענקלינ׳ען״ און איז געווען

אַנגעשטעקט מיט פראַנצויזישע אידעען! צוליב דעם האָט זי אויף זיין בוך אַליין אָנגעשריבען אַ שאַרפע קריטיק וועלכע איז געווען דער באַזיס פאַר זיין באַשולדיגונג. ראַדישטשעוו'ן האָט מען אַרעסטירט, פאַרשפאַרט אין פעסטונג און שפּעטער אַרויסגעשיקט אין די ווייטסטע געגענדען פון מזרח־סיביר; אַרום דעם טייך אָלענעק. באַפרייט האָט מען איהם ערשט אין דעם יאָהר 1801. שפּעטער מיט אַ יאָהר, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז אַלעקסאַנדער דעם ערשטענ'ס אַרויפשטייגונג אויפ'ן טראָן האָט נאָך אַלץ ניט געפיהרט צו קיין גרויסע רעפאָרמען, האָט ער זיך גענומען דאָס לעבען. וואָס איז שייך צו זיין בוך איז דאָס נאָך אַלץ פאַרבאָטען אין רוסלאַנד. אַ נייע אויסגאַבע פון דעם בוך, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אינ'ם יאָהר 1872, איז קאָנפיסקירט און פאַרניכטעט געוואָרן, און ערשט אינ'ם יאָהר 1888 האָט מען ערלויבט אַ פאַרלעגער אַרויסצוגעבען נאָר הונדערט עקזעמפּליאַרען פון אָט־דעם ווערק, וועלכע האָבען געדאַרפט פאַרשפּרייט ווערן צווישען עטליכע וויסענשאַפטס־לייט און הויכע באַאמטע.*)

די ערשטע יאָהרען פון דעם נײַנצעהנטען יאָרהונדערט.

דאָס, הייסט עס, זיינען געווען די עלעמענטען, פון וועלכע די רוסישע ליטעראַטור האָט זיך געדאַרפט אַנטוויקלען אין דעם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט. די לאַנגזאַמע אַרבייט פון די פריה־ערדיגע פינף הונדערט יאָהר האָט שוין געהאַט צוגעגרייט יענעם פּראַכטפולען, בויגזאַמען אינסטרומענט — די ליטעראַרישע שפּראַך, וואָס גיט אין גיכען פּושקינען אַ מעגליכקייט צו שרייבען זיינע מעלאָדישע פערזען און טורגעניעוו'ן זיין ניט־ווינציגער מעלאָדישע פּראָזע. שוין פון דער אויטאָביאָגראַפיע פון דעם מאַרטירער קירך־שפּאַלטער אַוואַקום האָט מען געקאָנט פּאַראויסזעהען דעם ווערט פון דער אומגאַנגס־שפּראַך פון דעם רוסישען פאָלק פאַר ליטעראַרישע צוועקען.

טרעטיאַקאָווסקי, מיט זיינע אומגעלומפּערטע פערזען, און

---

*) צוויי אומזיסטיגע אויסגאַבען זיינען ערשינען, איינע דורך הערצענ'ען אין לאָנדאָן (אין דעם יאָהר 1858), די צווייטע אין לייפּציג (אינ'ם יאָהר 1876).

ספעציעל לאָמאָנאָסאָוו און דערזשאַווין מיט זייערע אָדען, האָבען ענדגילטיג ארויסגעטריבען די סילאַבישע פאָרם, וואָס איז צו אונז אריינגעדרונגען פון פראנקרייך און פוילען און באַפעסטיגט די טאָנישע, ריטמישע פאָרם, וועלכע איז שוין אונטערגעזאָגט געוואָרן דורך דעם פאָלקס־ליד גופא. לאָמאָנאָסאָוו האָט באַשאַפען די פּאָפּולערע וויסענשאַפטליכע שפראך; ער האָט ערפונדען אַן אָנ־צאָהל נייע ווערטער און האָט באַוויזען אַז די לאַטיינישע און אַלט־סלאַווישע קאָנסטרוקציעס זיינען פיינדליך צום גייסט פון דער רוסישער שפּראַך און אינגאַנצען איבעריג. די עפּאָכע פון יעקאַ־טערינאַ דער צווייטער האָט אריינגעבראַכט אין דער געשריבענער ליטעראַטור נאָך מעהר פאָרמען פון דער געוועהנטליכער טאָג־טעג־ליכער שפראך, געבאָרגט אפילו פון דעם פויערים־קלאַס; נאָוויקאָוו האָט באַשאַפען אַ רוסישע פילאָזאָפישע שפּראַך — נאָך אַלץ טאַקע אַ שווערע, צוליב דעם מיסטישען אונטערשלאַג, אָבער בכלל אויס־געצייכענט צוגעפּאַסט, ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזען מיט עט־ליכע יאָהרצענדליגע שפּעטער, צו אבסטראַקטע מעטאַפיזישע ויכוחים. אויף אזא אופן זיינען די עלעמענטען פאַר אַ גרויסער און אָריגינעלער ליטעראַטור געווען פאַרטיג. זיי האָבען נאָר גע־דאַרפט אַ באַלעבענדען גייסט, וואָס זאָל זיי אויסנוצען פאַר העכע־רע צוועקען. דאָס איז געווען דער זשעני פון פּושקין. נאָר איידער מיר וועלען צו איהם איבערגעהן, מוז מען זיך אָפּשטעלען אויף דעם היסטאָריקער און נאָוועליסט קאַראַמזין און אויך אויף דעם דיכטער זשוקאָווסקי, ווייל זיי קייטלען צוזאַמען אָט־די צוויי עפּאָכעס.

קאַראַמזין (1766־1826) האָט, מיט זיין מאָנומענטאַלען ווערק „די געשיכטע פון דעם רוסישען שטאַאַט״, אויפגעטאָן אין דער ליטעראַטור, וואָס די גרויסע מלחמה פון׳ם יאָהר 1812 האָט אויפ־געטאָן אין דעם נאַציאָנאַלען לעבען. ער האָט אויפגעוועקט דעם נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין און באַשאַפען אַ דויערענדיגען אינ־טערעס אין דער געשיכטע פון דער נאַציע, אין דער באַשאַפונג פון דער אימפעריע, אין דער אויסאַרבייטונג פון אַ נאַציאָנאַלען כאַראַקטער און נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. קאַראַמזינ׳ס „גע־שיכטע״ איז אין גייסט געווען רעאַקציאָנער. ער איז געווען דער היסטאָריקער פון דעם רוסישען שטאַט, ניט פון דעם רוסישען

פאָלק ; ער איז געווען דער דיכטער, וואָס האָט באַזונגען די טוגעדען פון דער מאָנאַרכיע און די חכמה פון איהרע הערשער, אָבער ניט קיין באַאָבאַכטער פון דער אַרבייט, וואָס די אומבאַקאַנטע מאַסען פון דעם פאָלק האָבען אויפגעטאָן. ער איז ניט געווען דער מענש צו פאַרשטעהן די פעדעראַלע פּרינציפּען, וואָס האָבען געהערשט אין רוסלאַנד ביז דעם פופצעהנטען יאָהרהונדערט ; נאָך ווינציגער האָט ער באַגריפען די געמיינדע־פּרינציפּען, וואָס האָבען אָנגע־פילט דאָס רוסישע לעבען, א דאנק וועלכע די נאַציע האָט באַ־זיגט און קאָלאָניזירט אַן אומגעהויערען קאָנטינענט. פאַר איהם איז די רוסישע געשיכטע געווען די רעגעלמעסיגע, אָרגאַנישע אַנט־וויקלונג פון אַ מאָנאַרכיע, אָנפאַנגענדיג פון דער ערשטער ערשיי־נונג פון דעם סקאַנדינאַווישען „וואַרינגיאַרן” ביז דער געגענוואַרטיגער צייט, און באַשעפטיגט האָט ער זיך הויפטזעכליך מיט באַשרייבען די טאַטען פון די מאָנאַרכען אין זייערע נצחונות און זייער אויפבויאונג פון דעם שטאַאט ; נאָר, ווי עס טרעפט אָפט מיט רוסישע שריפטשטעלער, זיינען זיינע פוס־נאָטיצען אַליין געווען אַ היסטאָריש ווערק. זיי האָבען אַנטהאַלטען אַן אוצר פון אינפאָרמאַציע בנוגע צו די קוועלען פון דער רוסישער געשיכטע און אָנגערעגט דעם געוועהנטליכען לעזער צו דענקען, אַז די ערשטע יאָהרהונדערטען פון דער מיטעלאַלטערליכער רוסלאַנד, מיט איהרע זעלבסטשטענדיגע שטאָט־רעפּובליקען, זיינען געווען אַ סך אינטערעסאַנטער אין דער ווירקליכקייט, ווי זיי זיינען פאָרגע־שטעלט געוואָרן אין דעם בוך *). קאַראַמזין איז ניט געווען קיין גרינדער פון אַ היסטאָרישער שול, נאָר ער האָט געוויזען די רוסישע לעזער, אַז רוסלאַנד האָט אַ פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז כדאי צו שטודירן. אויסער דעם, איז זיין אַרבייט געווען אַ קונסט־ווערק. עס איז געשריבען געוואָרן אין אַ בריליאַנטענעם סטיל, וואָס האָט צוגעוועהנט די לעזער צו לייענען היסטאָרישע ווערק. דער רע־

*) היינטיגע צייט ווייס מען שוין, וויפיל פאָרבאַרייטונגס־אַר־בייט, וואָס האָט געשאפען די מעגליכקייט פאר קאַראַמזינ׳ס געשיכטע צו ערשיינען, איז געטאָן געוואָרן דורך די אַקאַדעמיקער שלעצער, מילער און שטריטער, און אויך דורך דעם אויבענדערמאָנטען היסטאָרי־קער שטשערבאַטאָוו, וועלכער האָט גרינטליך שטודירט די כראָניקעס, און וועמעס אַנזיפּטען קאַראַמזין האָט געגווי נאָכגעפאָלגט אין זיין ווערק.

זולטאַט איז געווען, אַז די ערשטע אויפלאַגע פון זיין אַכט־בענדיגער „געשיכטע" (דריי טויזענט עקזעמפּליאַרען) איז פאַרקויפט געוואָרן אין פינף־און־צוואַנציג טעג.

מען דאַרף אָבער באַמערקען, אַז קאַראַמזינ׳ס איינפלוס האָט זיך ניט באַגרעניצט מיט זיין „געשיכטע". נאָך שטאַרקער איז ער געווען דורך זיינע נאָוועלען און דורך די „בריף פון אַ רוסישען רייזענדען." אין זיינע „בריף" האָט ער געמאַכט אַ פאַרזוך צו באַקענען דעם ברייטען קרייז פון די רוסישע לעזער מיט די רעזולטאַטען פון אייראָפּעאישען געדאַנק, פילאָזאָפיע, פּאָליטישען און סאָציאַלען לעבען; געמאַכט אַ פאַרזוך צו פאַרשפּרייטען הומאַניטאַרישע אָנזיכטען, בעת מען האָט זיך אין זיי אַזוי שטאַרק גענויטיגט אַלס געגענגעוויכט צו דער טרויעריגער ווירקליכקייט פון דעם פּאָליטישען און סאָציאַלען לעבען; ער האָט אויך געזוכט צונויפצוקייטלען דאָס אינטעלעקטועלע לעבען פון אונזער לאַנד מיט דעם אינטעלעקטועלען לעבען פון אייראָפּאַ. וואָס איז שייך צו קאַראַמזינ׳ס נאָוועלען, ערשיינט ער אין זיי אַלס אמת׳ער נאָכפאָלגער פון דעם סענטימענטאַלען ראָמאַנטיזם; דאָס האָט זיך אָבער אין יענער צייט טאַקע געפאָדערט, אַלס רעאַקציע געגען דער פּסעוודאָ־קלאַסישער שול. אין איינער פון זיינע נאָוועלען („די אָרימע ליזא", 1792,) באַשרייבט קאַראַמזין די ליידען פון אַ פויערן־מיידעל, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַן אַדעלמאַן; דער אַדעלמאַן פאַרלאָזט איהר, און זי דערטרינקט זיך פאַר צרות אין אַ טייכעל. אָט־דאָס פויערים־מיידעל קומט, פאַרשטעהט זיך, ניט נאָך די היינטיגע רעאַליסטישע פאָדערונגען. זי נוצט אַ זעהר פיינע שפּראַך און איז גאָר ניט קיין פויערן־מיידעל; נאָר דאָס גאַנצע לעזענדע רוסלאַנד האָט פאַרגאָסען פיל טרעהרען אויף די ליידען פון „דער אָרעמער ליזא" און דאָס טייכעל, וואו דער פאַרפאַסער האָט דערטרונקען די העלדין, פלעגט אָפט באַזוכט ווערן פון מאָסקווער סענטימענטאַלע יונגע מענער און פרויען. דער באַגייסטערטער פּראָטעסט געגען לייב־אייגענטום, וואָס מיר געפינען שפּעטער אין דער מאָדערנער ליטעראַטור איז שוין אויף אַזאַ אופן געהאַט געבאָרן געוואָרן נאָך אין קאַראַמזינ׳ס צייט.

ז ש ו ק אָ ו ו ס ק י (1783-1852), איז געווען אַ ראָמאַנטי־

שער דיכטער אין דעם אמת׳ן זין פון דעם וואָרט, און אַן אמת׳ער פאַרעהרער פון פּאָעזיע, וועלכער האָט פּאָלשטענדיג באַגריפען איהר קראַפּט, וואָס פאַראיידעלט דעם מענשען. אָריגינעלע ווערק האָט ער געשריבען ווינציג. ער איז הויפּטזעכליך געווען אַן איבערזעצער און האָט איבערזעצט אין זעלטען שעהנע רוסישע פערזען פּאָעמען פון שילער, אולאַנד, הערדער, בייראָן, טאָמאַס מור און אַנדערע, ווי אויך די אָדיסעע, די אינדוסען-פּאָעמע „נאַל און „דאַמאַיאַנטי״, און לידער פון די מערב-סלאַווען. די שעהנקייט פון די איבער-זעצונגען איז אַזאַ, אַז איך צווייפעל, צי עס זיינען פאַראַן ערגעץ אין אַן אַנדער שפּראַך, אפילו אין דער דייטשער, פונקט אַזעלכע שעהנע רעפּראָדוקציעס פון פרעמדע דיכטער. פונדעסטוועגען, איז זשוקאָווסקי ניט געווען קיין פּשוט׳ער איבערזעצער. ער פלעגט נעהמען ביי אַנדערע דיכטער נאָר דאָס, וואָס האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין זיין נאַטור, און וואָס ער אַליין וואָלט געווען חשק געהאַט אָנשרייבען אין דער פאָרם פון א געדיכט. אומעטיגע געדאַנקען וועגען דעם אומבאַוואוסטען, א בענקשאַפט נאָך ווייטע לענדער, די ליידען פון ליבע און דער צער פון צושיידונג — אָט די אַלע געפיהלען, דורכגעלעבט פונ׳ם דיכטער גופא — זיינען געווען די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון זיין פּאָעזיע. זיי האָבען אָפּ-געשפּיגעלט זיין אינערליכען איך. איצטער קאָנען מיר אויסזעצען געגען זיין אולטראַ-ראָמאַנטיזם, אָבער אָט-די ריכטונג, צו יענער צייט, איז געווען א רוף אויפצואוועקען די ברייט-הומאַניטאַרישע געפיהלען, און פון דעם שטאַנדפּונקט איז זי געווען זעהר נויטיג פאַר׳ן פּראָגרעס. דורך זיין פּאָעזיע האָט זשוקאָווסקי הויפּטזעכ-ליך אַפּעלירט צו די פרויען, און ווען אונז וועט שפּעטער אויס-קומען צו ריידען וועגען דער ראָלע, וואָס די רוסישע פרויען האָבען געשפּילט, מיט א האַלבען יאָהרהונדערט שפּעטער, אין דער אַלגע-מיינער אַנטוויקלונג פון זייער לאַנד, וועלען מיר זעהען, אַז זשו-קאָווסקי׳ס רוף איז ניט געווען קיין אומזיסטער. בכלל, האָט זשוקאָווסקי געשטרעבט אויפצואוועקען די בעסטע זייטען פון דער מענשליכער נאַטור. איין טאָן פעהלט אָבער אינגאַנצען אין זיין פּאָעזיע: דער רוף צו פרייהייט, די ווענדונג צום בירגער-גע-פיהל. אָט דער רוף איז געקומען פון דעם דיכטער פון די „דע-קאַבריסטען״ — רילעיעוו.

די דעקאבריסטען

דער צאר אַלעקסאַנדער דער ערשטער איז דורכגעגאַנגען די זעלביגע עוואָלוציע, וואָס זיין באָבע, יעקאַטערינא די צווייטע, איז דורכגעגאַנגען. זיין בילדונג האָט ער געקראָגען ביי דעם רעפּובליקאַנער לא הארפּא, און אָנגעפאַנגען זיין הערשאַפט, ווי א גאַנץ ליבעראַלער מאָנארך, גרייט צו געבען רוסלאַנד א קאָנסטיטוציע. פוילען און פינלאַנד האָט ער טאַקע געגעבען א קאָנסטיטוציע און געמאַכט די ערשטע שריט אין אָט דער ריכטונג אויך אין רוסלאַנד. ער האָט אָבער ניט געוואַגט צו באַריהרען דאָס רעכט פון לייב-אייגענטום. נאָכדעם איז ער צוביסלאַך אַרונטערגעפאַלען אונטער דעם איינפלוס פון די דייטשע מיסטיקער, זיך אָנגעפאַנגען צו שרעקען פאַר די ליבעראַלע אידעען און איבערגעגעבען די פיהרונג פון לאַנד צו די ערגסטע רעאַקציאָנערען. אין דעם משך פון די לעצטע צעהן-צוועלף יאָהר פון זיין הערשאַפט, האָט איבער רוסלאַנד פאַקטיש רעגירט אַראַקטשעיעוו — א מאַניאַק פון ברוטאַליטעט און מיליטאַריזם, וואָס האָט אונטערגעהאַלטען זיין איינפלוס אויפ'ן צאַר מיט דער גראָבסטער חניפה און היפּאָקריטישסטער פרומקייט.

אָט די באַדינגונגען האָבען, פאַרשטעהט זיך, געמוזט אַרויסרופען א ווידערשטאַנד, נאָך מעהר, ווייל די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות האָבען געבראַכט א גרויסע צאָהל רוסען אין באַריהרונג מיט מערב-אייראָפּע. די קריגס-צוגען, וואָס מען האָט געמאַכט אין דייטשלאַנד, די אָקופּאַציע פון פּאַריז דורך רוסישע סאָלדאַטען, האָבען געבראַכט דערצו, אַז א סך אָפיציערען זאָלען זיך באַקענען מיט די אידעען פון פרייהייט, וועלכע האָבען נאָך אַלץ געהערשט אין דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט; אין דער זעלביגער צייט, האָט אין דער היים נאָוויקאָוו'ס אַרבייט אָנגעפאַנגען צו ברענגען פרוכט און די מאַסאָנען האָבען ווייטער פאָרטגעזעצט זייער זאַך. ווען אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט, נאָכדעם ווי ער איז אונטערגעפאַלען אונטער דעם איינפלוס פון מאַדאַם קרידענער און אַנדערע דייטשע מיסטיקער, געשלאָסען אינ'ם יאָהר 1815, א הייליגען פאַרבאַנד מיט דייטשלאַנד און עסטרייך, כדי צו קעמפען געגען אַלע ליבעראַלע אידעען, האָבען אין רוסלאַנד זיך אָנגעפאַנגען צו

פארמירן געהיימע געזעלשאפטען, — הויפטזעכליך צווישען אפי־צירען — כדי צו פארשפרייטען די אידעען פון פרייהייט, פון אפשאפונג פון לייב־אייגענטום, פון גלייכהייט פאר דעם געזעץ, אלס די נויטיגע שריט צו דער אפשאפונג פון דעם אבסאלוטיזם. יעדער, וואס האט געלייענט טאלסטאי׳ס „קריג און פרידען״, מוז געדענקען „פיער׳ן״ און דעם איינדרוק, וואס די ערשטע באגעגע־ניש מיט א מאסאן האט געמאכט אויף אט־דעם יונגען מאן. „פיער״ איז א ריכטיגער פארשטעהער פון א סך יונגע לייט, וואס זיינען שפעטער באוואוסט געווארן אלס „דעקאבריסטען״. ווי פיער זיינען זיי געווען דורכגעדרונגען מיט ליבעראלע אידעען; פיל פון זיי האבען געהאסט לייב־אייגענטום און געשטרעבט איינ־צופיהרן קאנסטיטוציאנעלע גאראנטיעס; איינינע פון זיי (פעס־טעל, רילעיעוו), וואס האבען אנגעווארן די האפנונג אויף דער מאנארכיע, האבען פשוט גערעדט וועגען אומקערן זיך צום רע־פובליקאנישען פעדעראליזם פון דער אמאליגער רוסלאנד. צוליב אט־די צוועקען האבען זיי באשאפען זייערע געהיימע געזעלשאפטען.

עס איז באקאנט מיט וואס אט־די פארשווערונג האט זיך גע־ענדיגט. נאך דעם פלוצלונגדיגען טויט פון אלעקסאנדער דעם ערשטען אין זיד־רוסלאנד, האט מען אין פעטערבורג געשווארן טרייהייט צו זיין ברודער קאנסטאנטין, וועלכער איז נאך איהם ערקלערט געווארן אלס קיסר. ווען אבער מען האט זיך דערוואוסט אין דער הויפט־שטאדט, אין עטליכע טעג ארום, אז קאנסטאנטין האט זיך אפגעזאגט פון טראן און אז קייזער וועט ווערן זיין ברו־דער ניקאלאי, און ווען די פארשווערער האבען ערפאהרן, אז מען האט זיי פאר׳מסר׳ט ביי דער פאליציי, האבען זיי באשלאסען אפען ארויסצוטרעטען מיט זייער פראגראם אין די גאסען און פאלען אין דעם אומגלייכען קאמף. אזוי האבען זיי טאקע געטאן דעם 14־טען (דעם 26־טען) דעצעמבער, 1825, אויף דער „סענאט־סקאיא פלאשטשאד״ אין פעטערבורג. אויפ׳ן רוף פון די פאר־שווערער זיינען געקומען עטליכע הונדערט סאלדאטען פון פאר־שיידענע גווארדיע־פאלקען. אויפ׳ן באפעהל פון ניקאלאי דעם ערשטען האט מען פינף פון אט־די רעוואלוציאנערען געהאנגען. די איבעריגע, ד. ה. ארום הונדערט יונגע לייט, די בליהונג פון דער רוסישער אינטעליגענץ, האט מען פארשיקט אויף קאטארגע

קיין סיביר, וואו זיי זיינען פארבליבען ביז'ן יאהר 1856. עס איז פשוט שווער זיך פארצושטעלען דעם פארלוסט, אין א לאנד וואס איז ניט איבעריג רייך געווען אין אינטעליגענטע מענשען מיט גוטע אבזיכטען, ווען אזא צאהל פון די בעסטע פארשטעהער פון א גאנצען דור איז ארויסגעשטויסען געווארן פון דעם לעבען און גע־צוואונגען געווארן צו שווייגען. אפילו אין א מעהר ציוויליזירטע לאנד פון מערב־אייראפע וואלט דאס פלוצליכע פארשווינדען פון אזוי פיל מענשען, פעהיגע ניט נאר צו דענקען, נאר אויך צו האנדלען, געווען א שטארקער קלאפ פאר'ן פראגרעס. אין רוס־לאנד אבער איז דאס פשוט געווען אן אומגליק — ספעציעל נאך, ווייל די הערשאפט פון ניקאלאי דעם ערשטען האט געדויערט דרייסיג יאהר, אינ'ם משך פון וועלכע עס פלעגט אויסגעלאשען ווערן יעדער פונק פון פרייען געדאנק, ווי נאר ער האט זיך באוויזען.

איינער פון די גלענצענדסטע פארשטעהער פון די „דעקאב־ריסטען" איז געווען רילעיעוו (1795־1826), איינער פון די פינף, וואס זיינען געהאנגען געווארן דורך ניקאלאי דעם ערשטען. ער האט געקראגען א גוטע בילדונג, און אין דעם יאהר 1814 איז ער שוין געווען אן אפיציר; אויף אזא אופן איז ער נאר מיט עטליכע יאהר געווען עלטער פון פושקינ'ען. רילעיעוו האט צוויי מאל באזוכט פראנקרייך, אין דעם יאהר 1814 און 1815, און נאך דעם שלום־אפמאך איז ער געווארן א ריכטער אין פעטערבורג. זיינע ערשטע ליטעראטרישע שאפונגען זיינען געווען א רייהע באלאדען, וואס האבען צו טאן מיט די לייטענדע פערזענליכקייטען פון דער רוסישער געשיכטע. די מעהרסטע פון זיי זיינען פשוט געווען פאטריאטישע, נאר איינינע האבען שוין אנטפלעקט די ליבע פון דעם דיכטער צו פרייהייט. די צענזור האט ניט דערלאזט אט־די אלע באלאדען געדרוקט צו ווערן, נאר זיי זיינען פארשפרייט גע־ווארן איבער רוסלאנד אין מאנוסקריפט. זייער פאעטישער ווערט איז ניט געווען גרויס; נאר שוין די נעכסטע פאעמע פון רילעיעוו'ן, „וואינאראווסקי", און ספעציעל עטליכע פראגמענטען פון ניט פארענדיגטע פאעמען, האבען אנגעדייט זיין מעכטיגען פאעטישען טאלאנט, וואס איז שטארק באגריסט געווארן פון פושקינ'ען, רילעיעוו'ס נאהענטער פריינד. צום באדויערן איז די פאעמע

„וואַינאַראָווסקי” גאָר ניט באַקאַנט אין מערב אייראָפּע. אין איהר וועדט נעמאָלט דער קאַמף פון אוקראַינע, וואָס האָט געשטרעבט צוריקצוקריגען איהר זעלבסטשטענדיגקייט אונטער פּעטער דעם ערשטען. בעת דער רוסישער צאַר איז געווען פאַרנומען אין אַן עקשנות׳דיגען קאַמף געגען דעם גרויסען קריגסמאַן, טשאַרלז דעם צוועלפטען, האָט דער אוקראַינישער העטמאַן מאַזעפּאַ באַשלאָסען זיך צו פאַראייניגען מיט טשאַרלס דעם צוועלפטען געגען פּעטער דעם ערשטען, כדי צו באַפרייען זיין פאָטערלאַנד פון דעם רוסישען יאָך. טשאַרלז דער צוועלפטער, ווי עס איז באַוואוסט, איז צו־קלאַפּט געוואָרן נעבען פּאָלטאַווא און צוזאַמען מיט מאַזעפּאַ׳ן אַנטלאָפען קיין טערקיי. וואַינאַראָווסקי׳ן, דעם אוקראַינישען פּאַ־טריאָט, מאַזעפּאַ׳ס פריינד, האָט מען געפאַנגען און פאַרשיקט קיין סיביר. דאָרטען, אין יאַקוטסק, האָט ער באַזוכט דעם היסטאָ־ריקער מילער, און רילעיעוו צווינגט איהם דערצעהלען די געשיכטע פון זיין לעבען צום דייטשען פאָרשער. די בילדער פון דער סיבי־רישער נאַטור אַרום יאַקוטסק מיט וועלכע עס פאַנגט זיך אָן די פּאָעמע; די צוגרייטונג צו דער מלחמה אין אוקראַינע און די מלחמה גופא; דאָס אַנטלויפען פון טשאַרלס דעם צוועלפטען און פון מאַזעפּאַ׳ן; נאָכדעם די ליידען פון וואַינאַראָווסקי׳ן אין יאַ־קוטסק, בעת זיין יונגע פרוי קומט צו איהם אין דעם גלות־לאַנד און שטאַרבט דאָרטען — אָט די אַלע סצענעס זיינען וואונדערבאַר שעהן. דערביי האָבען די פּערזען ערטערווייז, דורך דער איינפאַכ־קייט פון זייערע בילדער, אַרויסגערופען באַוואונדערונג אפילו ביי פּושקין׳ען. שוין צוויי אָדער דריי דורות לייענען אָט־די פּאָעמע און זי רופט נאָך אַלץ אַרויס ביי יעדען נייעם דור די זעלביגע ליבע צו פרייהייט, דעם זעלביגען האַס צו אונטערדריקונג.

קאַפּיטעל צוויי.

פּושקין און לערמאָנטאָוו

פּושקין: די שעהנקייט פון פאָרם. — פּושקין און שילער. — זיין יו־גענט; זיין פארשיקונג; זיין שפּעטערדיגע קאַריערע און טויט. — צויבער מעשיות: „רוסלאַן און לודמילא״. — זיין ליריק. — „ביירא־ניזם״. — דראַמאַטישע ווערק. — „יעווגעני אָניעגין״. — לערמאָנטאָוו: פּושקין אָדער לערמאָנטאָוו? — זיין לעבען: קאַווקאַז.—נאַטור־פּאָעזיע.— שעלי׳ם ווירקונג. — „דעמאָן״. — „מצירי״. — ליבע צו פרייהייט. — זיין טויט. — פּושקין און לערמאָנטאָוו אַלס פּראָזע־שרייבער. — אַנדערע דיכטער און נאָוועליסטען פון דער זעלביגער עפּאָכע.

פּ ו ש ק י ן.

די ענגלישע לעזער זיינען שוין ביז אַ געוויסען גראַד אַמאָל באַקאַנט געווען מיט פּושקינ׳ען. אין אַ ווערטפולער זאַמלונג פון זשורנאַל־אַרטיקלען וועגען רוסישע שריפטשטעלער, וואָס פּראָפע־סאָר קולידזש פון קעמברידזש, מאַסאַטשוזעטס, האָט מיר געגעבען, האָב איך געפונען, אַז נאָך אינ׳ם יאָהר 1832, און שפּעטער, אינ׳ם יאָהר 1845, האָט מען וועגען פּושקינ׳ען געשריבען, ווי וועגען אַ שריפטשטעלער, וואָס איז מעהר אָדער ווייניגער באַקאַנט געווען אין ענגלאַנד. אין די זשורנאַלען פלעגט מען געבען איינינע אי־בערזעצונגען פון זיינע לירישע לידער. שפּעטער איז פּושקין ביז אַ געוויסען גראַד פארנאַכלעסיגט געוואָרן אין רוסלאַנד גופא, און, ממילא, נאָך מעהר אין אויסלאַנד, און אפילו איצט איז נאָך אין דער ענגלישער ליטעראַטור ניט פאַראַן קיין איבערזעצונג פון זיינע ווערק, וואָס פּאַסט פאַר אַזאַ גרויסען דיכטער. פאַרקערט, אין פראַנקרייך — אַ דאַנק טורגענעוו׳ן און פּראָפעסאָר מערימען, וואָס האָבען אין פּושקינ׳ען געזעהן איינעם פון די גרעסטע דיכטער פון דער וועלט — און אין דייטשלאַנד, זיינען אַלע וויכטיגסטע ווערק

פון׳ם רוסישען דיכטער באַקאַנט צו געבילדעטע מענשען דורך גוטע איבערזעצונגען, פון וועלכע איינינע זיינען פשוט וואונדערבאַר. מען דאַרף אָבער באַמערקען, אַז צום גרויסען לעזענדען עולם איז דער רוסישער דיכטער ניט באַקאַנט, אויסער אין זיין אייגען פאָטערלאַנד.

די אורזאַך פאַר וואָס פושקין איז ניט געוואָרן דער ליבלינג פון די מערב־איראָפּעאישע לעזער איז לייכט צו פאַרשטעהן. זיינע לירישע פערזען קאָן מען ניט אימיטירען: נאָר אַ גרויסער דיכטער קאָן זיי אָנשרייבען. זיין גרויס ווערק אין פערזען, „יעווגעני אָניעגין", איז געשריבען געוואָרן אין אַזאַ רוהיגען לייכטען סטיל, מיט אַזאַ בילדליכקייט אין דעטאַלען, אַז עס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער איראָפּעאישער ליטעראַטור. זיין באַאַרביי־טונג אין פערזען פון רוסישע פאָלקס־מעשיות ווערן באַוואונדערט פון די לעזער. נאָר מיט דעם אויסנאַם פון זיינע לעצטע שאַפונגען אין דעם דראַמאַטישען סטיל, זיינען אין פושקינ׳ס פּאָעזיע ניטאָ יענע טיפע און ערהאַבענע אידעען, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריס־טיש פאַר געטהע׳ן און שילער׳ן, שעלי׳ן, בייראָנ׳ען, בראַונינג׳ן און וויקטאָר הוגאָ. די שעהנע פאָרם, דער געלונגענער אויסדרוק, די אומפאַרגלייכליכע באַהערשונג פון פערז און גראַם, זיינען זיינע הויפּט־כאַראַקטעריסטישע שטריכען — ניט די שעהנקייט פון זיינע אידעען. אין פּאָעזיע אָבער זוכען מיר געוועהנליך די העכערע אינספּיראַציע, די ערהאַבענע אידעען, וואָס העלפען אונז צו ווערן בעסער. ביים לייענען פון פושקינ׳ס פערזען, איז דער רוסישער לעזער נאָכאַנאַנד גענייגט אויסצושרייען: „ווי שעהן דאָס איז געזאָגט! עס קאָן ניט, עס דאַרף ניט געזאָגט ווערן אויף אַן אַנדער אופן". לויט אָט־דער שעהנקייט פון פאָרם שטעהט פושקין ניט נידעריגער פון קיינעם פון די גרעסטע דיכטער. אין זיין אופן אויסצודריקען אפילו די אומוויכטיגסטע באַמערקונגען, באַשרייבען די מינדסטע דעטאַלען פון דעם טאָג־טעגליכען לעבען, אין דער פאַרשיידענאַר־טיגקייט פון מענשליכע געפיהלען, וואָס ער האָט אויסגעדריקט, און אין די צאַרטע אויסדרוקען פון ליבע, וואָס זיינען פאַראַן אין זיין פּאָעזיע, און, ענדליך, אין זיין אינדיווידואַליטעט, וואָס שפּיגעלט זיך אַזוי בולט אָפּ אין אַלץ, וואָס ער האָט געשריבען — איז ער זיכער אַ גרויסער דיכטער.

עס איז אומגעהייער אינטערעסאנט צו פארגלייכען די ליריק פון פושקינ׳ען מיט דער ליריק פון שילער׳ן. שטעלט מען אוועק אָן א זייט די גרויסקייט און פארשידענארטיגקייט פון די געגענשטאנדען, וואָס שילער האָט בארירט, און מען פארגלייכט נאָר יענע פּאָעטישע שאַפונגען, וואו ביידע דיכטער ריידען וועגען זיך אליין, פילט מען גלייך, אז שילער׳ס פערזענליכקייט שטעהט אומגעהייער העכער אין טיפקייט פון געדאנק און פילאָזאָפישער אומפאסונג פונ׳ם לעבען, ווי דאָס געשיקט, עטוואָס צובאלעוועט און אויבערפלעכליך קינד, וואָס פושקין איז געווען. אין דער זעלבינער צייט אָבער האָט זיך פושקינ׳ס אינדיווידואליטעט א סך טיפער אָפּגעשפּיגעלט אין זיינע ווערק. פּושקין איז געווען פול מיט לעבענס-ענערגיע, און זיין אייגענער „איך" האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין אלץ, וואָס ער האָט געשריבען; א מענשליך הארץ, פול מיט פייער קלאַפּט אָנגעשטרענגט אין אלע זיינע פערזען. אָט דאָס הארץ איז א סך ווענינער סימפּאטיש, ווי שילער׳ס, נאָר דערפאר אנטפּלעקט דאָס זיך אינטימער צום לעזער. אין זיינע בעסטע לירישע לידער האָט שילער ניט איבערשטיגען פושקינ׳ען מיט א בעסערן אויסדרוק פון געפיהל אָדער מיט א גרעסערער פארשיידענארטיגקייט פון אויסדרוק. אין דער הינזיכט שטעהט פושקין, בלי ספק, זייט ביי זייט נעבען געטהע׳ן.

פושקין איז געבאָרן געוואָרן אין אַן אריסטאָקראטישער פאמיליע אין מאָסקווע. פון זיין מוטער׳ס צד איז אין זיינע אָדערן געפלאָסען אפריקאניש בלוט: זי איז געווען א שעהנע קרעאָלקע, דאָס אייניקעל פון א נעגער, וואָס האָט געדינט ביי פעטער דעם ערשטען. זיין פאָטער איז געווען א טיפישער פאָרשטעהער פון דעם אדעל פון יענער צייט: צו׳פּטר׳ט א גרויס פאָרמעגען, האָט ער נאכלעסיג אָפּגעלעבט זיין גאנץ לעבען מיט הוליאנקעס, אין א הויז האלב-מעבלירט און האלב-ליידיג. ער האָט ליב געהאַט די לייכטערע פראנצויזישע ליטעראטור פון יענער צייט, ליב געהאט צו דיסקוטירן וועגען יעדער זאך, וואָס ער האָט נאָר-וואָס ארויסגעשעפּט פון די פראנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטען, צונויפגעזאמעלט ביי זיך אין הויז אלע מעגליכע ליטערארישע פּראָמינענצען, רוסישע און פראנצויזישע, וואָס פלעגען, פארבייפאָרענדיג, זיך אָפּשטעלען אין מאָסקווע.

פושקינ׳ס באָבע און זיין אַלטע ניאַנע זיינען געווען דעם צוקונפטיגען דיכטער׳ס בעסטע פריינט אין זיין יוגענט. ביי זיי האָט ער געקראָגען זיין פולקאָמענע קענטעניש פון דער רוסישער שפראַך; און דורך זיין ניאַניע, מיט וועלכער ער פלעגט שפעטער פאַרברייגגען די לאַנגע ווינטער־נעכט, בעת די פּאָליציי האָט איהם געצוואונגען צו וואוינען ביי זיך אויפ׳ן מאַיאָנטעק, האָט ער זיך אזוי אויסגעצייכענט באַקאַנט מיט דער רוסישער פּאָלקלאָר און מיט דעם רוסישען אופן פון אויסדרוק, וואָס האָט צוגעגעבען אי זיין פּאָעזיע, אי זיין פראָזע אזא וואונדערבאַר־רוסישען כאַראַקטער. אויף אזא אופן, האָבען מיר צו פאַרדאַנקען אָט־די צוויי פרויען פאַר דער באַשאַפונג פון דער מאָדערנער, לייכטער, בויגזאַמער רוסישער שפראַך, וואָס פושקין האָט אריינגעבראַכט אין אונזער ליטעראַטור.

דער יונגער דיכטער האָט געקראָגען זיין בילדונג אין פעטערבורג, אין דעם צאַרסקאָסעלסקען ליציי, און נאָך איידער ער איז ארויס פון דער שול האָט ער שוין געהאַט א רעפּוטאַציע פון אַן אויסערגעוויינטליכען דיכטער, אין וועמען דערזשאַווין האָט דערזעהן מעהר פון א געוויינטליכען נאָכפאָלגער, און וועמען זשוקאָווסקי האָט געשענקט זיין פאָרטרעט מיט דעם פאָלגענדען אויפשריפט: „צו א תלמיד, פון זיין באַזיגטען לערער”. צום אומגליק, האָט פושקינ׳ס היציגע נאַטור איהם אָפּגעצויגען פון די ליטעראַרישע קרייזען און פון די קרייזען פון זיינע בעסטע פריינט, די דעקאַבריסטען פושין און קיכעלבעקער — צום זומפ פון פוילע אומבאַדייטענדע אַריסטאָקראַטען, צווישען וועלכע ער האָט פאַרשווענדט זיין לעבענס־ענערגיע אין אויסגעלאַסענע הוליאַנקעס. איינגע שטריכען פון אָט־דעם פלאַכען, פוסטען לעבען האָט ער אליין באַשריבען אין „יעווגעני אָניעגין”.

זייענדיג אין פריינטליכע באַציהונגען מיט דער יוגענט, וואָס איז מיט עטליכע יאָהר שפעטער ארויסגעטראָטען אויפ׳ן סענאַטסקע פלאַץ אין פעטערבורג צו קעמפען געגען דער אויטאָקראַטיע און לייב־אייגענטום, האָט פושקין אָנגעשריבען אַן „אָדע צו דער פרייהייט” און עטליכע קלענערע פּאָעטישע שאַפונגען, וואָס האָבען אויסגעדריקט די רעוואָלוציאָנערסטע אידעען, ווי אויך סאַטירעס געגען די רוסישע הערשער פון יענער צייט. דער פועל יוצא דער־

פון איז געווען, אז אינ'ם יאָהר 1820, בעת פושקין איז סך־הכל אַלט געווען צוואַנציג יאָהר, איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין קישיניאָוו, דעמאָלט אַ זעהר קליין שטעדטעל, אין דער נאָר־וואָס אַנעקסירטער בעסאַראַביע, וואו ער האָט געפירט אַ זעהר צולאָזענעם לעבען, און איז אפילו צוגעשטאַנען צו אַ באַנדע וואַנדערענדע ציגיינער. צום גליק, האָט מען איהם ערלויבט אַרויסצופאָרן פון דעם שטויביגען און אומעטיגען שטעדטעל און אונטערנעמען, אין דער געזעלשאַפט פון דער ליבענסווירדיגער און געבילדעטער פאַמיליע ראַיעווסקי, אַ רייזע קיין קרים און קיין קאַווקאַז; אַלס רעזולטאַט פון אָט־דער רייזע זיינען ערשינען עטליכע פון פושקינ'ס בעסטע לירישע שאַפונגען.

אינ'ם יאָהר 1824, ווען זיין אויפפירונג האָט געמאַכט אוממעגליך זיין ווייטערדיגע פאַרווײלונג אין אדעס (און אפשר ווייל מען האָט מורא געהאַט, אז ער זאָל ניט אַנטלויפען קיין גריכענלאַנד צו בייראָנ'ען), האָט מען איהם באַפוילען זיך אומקערן אין צענטראַל־רוסלאַנד און זיך באַזעצען אויף זיין קליינעם מאַיאָנטעק, מיכאַילאָווסקאָיע, אין פּסקאָווער גובערניע, וואו ער האָט אָנגעשריבען זיינע בעסטע זאַכען. דעם 14טען דעצעמבער, 1825, בעת עס האָט אויסגעבראָכען דער אויפשטאַנד אין פּעטערבורג, איז פושקין געווען אין מיכאַילאָווסקאָיע, אַ־ניט וואָלט ער, ווי דער גרעסטער טייל פון זיינע פריינט־דעקאַבריסטען, געווען געענדיגט זיין לעבען אין סיביר. איהם האָט זיך איינגעגעבען צו פאַרברענען אַלע זיינע פּאַפּירען איידער די געהיים־פּאָליציי האָט זיי פאַרכאַפּט.

אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך אָט־דער געשעהעניש האָט מען איהם ערלויבט זיך אומצוקערן קיין פּעטערבורג: ניקאָלאַי דער ערשטער האָט זיך אונטערנומען צו זיין דער צענזאָר אויף זיינע פּעזען און שפּעטער האָט ער איהם געמאַכט פאַר אַ קאַמער־יונקער. דעם אָרימען פושקינ'ען איז, אויף אַזאַ אופן, אויסגעקומען צו פיהרען אַ פּוסט לעבען פון אַ קליינעם באַאַמטען אין דעם ווינטער־פּאַלאַץ, און אַזאַ לעבען האָט ער געהאַסט מיט'ן גאַנצען האַרצען. די פּני פונ'ם קייזערליכען הויף און די ביוראָקראַטען האָבען איהם קיינמאָל ניט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער, אַ פרעמדער, ניט פון זייער קרייז, האָט זיך גערעכענט פאַר אַזאַ גרויסען מענשען אין רוסלאַנד; פושקינ'ס לעבען פלעגט שטענדיג פאַרביטערט ווערן דורך די

קליינליכע אַטאַקעס, וואָס האָבען זיך אויף איהם געשאָטען פון אַלע זייטען. צו די אַלע צרות האָט ער נאָך געהאַט דעם אומגליק חתונה צו האָבען מיט אַ שעהנהייט, וואָס איז לחלוטין ניט פעהיג געווען אָפּצושאַצען זיין זשעני. אין דעם יאָהר 1837 האָט ער צו־ליב איהר געמוזט געהן אויף אַ דועל, אין וועלכען ער איז דער־הרג'עט געוואָרען, אינ'ם עלטער פון פינף און דרייסיג יאָהר.

איינע פון זיינע ערשטע שאַפונגען, וואָס ער האָט אָנגעשריבען כמעט באַלד, ווי ער האָט פאַרלאָזט די שול, איז געווען „רוסלאַן און לודמילאַ", אַ צויבער־מעשה, באַארבייט אין וואונדערבאַרע פערזען. דער דאָמינירענדער עלעמענט פון אָט־דער פּאָעמע איז דאָס וואונדערלאַנד, וואו „אַ גרינער דעמב שטעהט ביים ים־ברעג, און אַ געלערנטע קאַץ שפּאַצירט ארום דעמב, אויף אַ קייט, וואָס ציהט זיך פונ'ם בוים; זינגט ווען זי געהט רעכטס — דער־צעהלט אַ מעשה ווען זי געהט לינקס..." די פּאָעמע פאַנגט זיך אָן מיט דער באַשרייבונג פון דער חתונה פון דער העלדין, לודמילאַ; ענדליך פאַרענדיגט זיך די לאַנגע חתונה־סעודה און לודמילאַ געהט אָפּ מיט איהר מאַן; פּלוצלונג רוקט זיך אָן אַ פינסטערניש, עס קראַכען דונערען, און אין דעם שטורם ווערט לודמילאַ פאַר־שוואונדען. אַ שרעקליכער מכשף פונ'ם שווארצען ים האָט זי אויסגעכאַפּט — אַ לעגענדארישער רמז אין דער פּאָלקס־פּאָעזיע אויף די אָפטע איבערפאַלען פון די נאָמאַדען פון דרום־רוסלאַנד. דער אומגליקליכער מאַן, און אויך דריי אַנדערע יונגע לייט, וואָס האָבען זיך פריהער גע'שדכנ'ט צו לודמילאַ'ן, זאָטלען אָן זייערע פערד און לאָזען זיך אוועק זוכען די פאַרשוואונדענע שעהנהייט. פון זייערע ערפאַרונגען ווערט צוזאַמענגעשטעלט דער אינהאַלט פון דער פּאָעמע, וואָס איז אָנגעזאַפּט אי מיט רירענדע פּאַסירונגען, אי מיט וויציגע עפּיזאָדען. נאָך פיל זעלטענע צופאַלען, זוכט רוסלאַן, ענדליך, אָפּ זיין לודמילאַ'ן און אַלץ ענדיגט זיך גוט, ווי עס ענדיגען זיך געוויינטליך פּאָלקס־מעשות *).

---

*) דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר גלינקאָ האָט געשאַפען פון אָט־דער צויבער־מעשה אַ זעלטען שעהנע אָפּערע („רוסלאַן און לודמילאַ"), אין וועלכער רוסישע, פּערסישע, טערקישע און אָריענטאַלישע מוזיק ווערן גע־ברויכט, כדי צו כאַראַקטעריזירען די פאַרשיידענע העלדען.

דאָס איז געווען אַ פולשטענדיג יוגענטליכע שאַפונג, אָבער איהר עפעקט אויף רוסלאַנד איז געווען געוואַלדיג. דער קלאַסיציזם, ד. ה. דער פסעוודאָ־קלאַסיציזם, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט, איז באַזיגט געוואָרן אויף שטענדיג. די פּאָעמע האָט מען פּשוט געשלונגען, אויסגעלערענט אויף אויסווייניג גאַנצע זייטלאַך פון איהר, און מיט אָט־דער צויבער־מעשה'לע איז באַשאַפען געוואָרן די מאָדערנע רוסישע ליטעראַטור, — אַן איינפאַכע, אַ רעאַליס־טישע אין איהרע באַשרייבונגען, אַ באַשיידענע אין איהרע בילדער און פאַבעלס, אַן ערנסטע און לייכט־הומאָריסטישע. באמת קאָן מען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען קיין גרעסערע איינפאַכקייט אין פערז, ווי די, וואָס פּושקין האָט שוין דערגרייכט אין אָט־דער פאָרמע. עס איז אבסאָלוט אוממעגליך פאַר דעם ענגלישען לעזער זיך צו שאַפען אַ באַגריף וועגען אָט דער פּאָעמע כל זמן זי איז ניט איבערזעצט דורך אַ זעהר באַגאַבטען ענגלישען דיכטער. עס איז גענוג צו זאָגען, אַז די פערזען פון אָט־דער פּאָעמע זיינען וואונדער־באַר מוזיקאַליש, און זי אַנטהאַלט ניט קיין איין שטעל, וואו דער פּראָפעסער האָט געברויכט אַן אומגעוויינטליך אָדער פאַרעלטערט וואָרט, אויסער די ווערטער, וואָס ווערן גענוצט אין געוויינטליכען געשפּרעך.

דונערען האָבען זיך אַ שאָט געטאָן אויף פּושקינ'ען פון דעם פסעוודאָ־קלאַסישען לאַגער, ווען אָט־די פּאָעמע איז ערשינען. מען דאַרף זיך נאָר דערמאָנען אָן די „דאַפנעס" און „כלאָעס", וואָס האָבען אָנגעפילט די דאַמאָלסדיגע פּאָעזיע, אָן דער פּריסטעראַליכער פּאָזע, וואָס דער דיכטער פלעגט אָננעמען, בעת ער האָט זיך גע־ווענדט צו דעם לעזער, וועט מען באַגרייפען, ווי די גאַנצע פסעוודאָ־קלאַסישע שול האָט זיך באַליידיגט. פּלוצלונג עפּעס האָט זיך באַוויזען אַ דיכטער, וואָס האָט אויסגעדריקט זיינע געדאַנקען אין שעהנע בילדער, אָהן אָט־די אַלע באַפּוצונגען. אַ דיכטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין דער פּאָעזיע די פּשוט'ע שפּראַך, וועלכע יעדער איינער נוצט, און דערצעהלט מעשיות עפּעס גאָר ווי פאַר קינדער. מיט איין שניט פון זיין שווערד האָט פּושקין צוהאַקט אַלע פענטעס, וואָס האָבען געהאַלטען אין שקלאַפעריי די רוסישע ליטעראַטור.

די צויבער־מעשות, וואָס ער האָט געהערט פון זיין אַלטער

ניאַניע, האָבען איהם געגעבען דעם מאַטעריאַל ניט נאָר פאר „רוס־לאַן און לודמילאַ", נאָר פאר אַ גאַנצער רייע פאָלקס־מעשות, אין וועלכע די פערזען זיינען אזוי נאַטירליך, אַז ווען מען לייענט נאָר איין וואָרט בעט זיך שוין גלייך דאָס נעקסטע וואָרט אליין, און דאָס וואָרט — אַ ווייטערדיגס, ווייל מען קאָן פשוט די זאַך ניט זאָגען אויף קיין אַנדער אופן, ווי פושקין זאָגט דאָס. — „אָט־טאַקע אַזוי דאַרף מען דאָך דערצעהלען אַ מעשה!" — פלעגען די לעזער אומעטום אין רוסלאַנד באַגייסטערט אויסשרייען, און דער קאַמף געגען די פסעוודאָ־קלאַסיקער איז געוואָרען געוואָרן אויף שטענדיג.

אָט־די איינפאַכקייט פון אויסדרוק האָט כאַראַקטעריזירט פושקינ'ען אין אַלץ, וואָס ער האָט נאָכדעם געשריבען. ער האָט זיך מיט איהר ניט צושיידט אפילו בעת ער האָט געשריבען וועגען זאָגענאַנטע ערהאָבענע ענינים, ניט צושיידט אין די ליידענשאַפט־ליכע אָדער פילאָזאָפישע מאָנאָלאָגען פון זיינע לעצטע דראַמעס. אָט־דאָס מאַכט פושקינ'ען אַזוי שווער צו איבערזעצען אין ענגליש, ווייל אין דער ענגלישער ליטעראַטור פונ'ם נייצענטען יאָהר־הונ־דערט איז וואָרדסוואָרט דער איינציגער דיכטער, וואָס האָט גע־שריבען מיט דער זעלביגער איינפאַכקייט. נאָר אין דער צייט, ווען וואָרדסוואָרט האָט אַרויסגעוויזען אָט־די איינפאַכקייט הויפּט־זעכליך אין די באַשרייבונגען פון שעהנע און רוהיגע ענגלישע לאַנד־שאַפטען, רעדט פושקין מיט דער זעלביגער איינפאַכקייט וועגען מענשליכען לעבען, און זיינע פערזען פליסען אַזוי לייכט, ווי פראָזע; זיי זיינען פריי פון קינסטליכע אויסדרוקען אפילו ווען ער באַשרייבט די שטורעמדיגסטע מענשליכע ליידענשאַפטען. אין זיין פאַראַכטונג צו אַלץ, וואָס איז איבערטריבען און טעאַטראַליש און אין זיין אַנטשלאָסענקייט ניט צו האָבען קיין מגע ומשא מיט „דעם טויט־בלאַסען טראַגישען אַקטיאָר, וואָס שמידט אויס אַ שווערד פון קאַרטאָן", — איז ער געווען אַן אמת'ער רוס, און ער האָט פיל געהאָלפען איינצופיהרען אי אין דער געשריבענער ליטע־ראַטור, אי אויף דער ביהנע, יענעם געשמאַק צו איינפאַכקייט און ערנסטקייט אין אויסדרוק פון געפילען, מוסטערען פון וועלכע מיר וועלען אַזוי אָפט טרעפען אויף די זייטלאַך פון אָט־דעם בוך.

דער הויפּט כח פון פושקינ'ען איז געווען אין זיין לירישער פּאָעזיע, און דער גרונט־טאָן פון אָט־דער פּאָעזיע איז געווען ליבע.

די שרעקליכע ווידערשפּרוכען צווישען אידעאַל און ווירקליכקייט, פון וועלכע עס האָבען געליטען טיפערע מוחות, אַזעלכע ווי געטהע, אָדער בייראָן, אָדער היינע, זיינען פאַר פּושקין׳ען געווען פרעמד. פּושקין איז געווען אַ מעהר אויבערפלעכליכע נאַטור. מען דאַרף אָבער באַמערקען, אַז אַ מערב־אייראָפּאישער דיכטער באַזיצט אַזאַ ירושה, וואָס דער רוסישער דיכטער האָט ניט. יעדער לאַנד פון מערב־אייראָפּאַ איז דורכגעגאַנגען דורך פּעריאָדען פון גרויסען נאַציאָנאַלען קאַמף, אין דער צייט פון וועלכע עס זיינען טיף באַרירט געוואָרן די גרויסע פראַגען פון מענשליכער אַנטוויקלונג. גרויסע פּאָליטישע קאָנפליקטען האָבען ארויסגערופען טיפע ליידענשאַפטען; זיי האָבען באַשאַפען טראַגישע לאַגעס; זיי האָבען סטימולירט די שעפּפערישע קראַפט אין אַ הויכער ערהאַבענער ריכטונג; אָבער אין רוסלאַנד זיינען די גרויסע פּאָליטישע און רעליגיעזע באַוועגונגען פון׳ם זיבעצענטען יאָהר־הונדערט און די פּוגאַטשאָוו־באַוועגונג אינ׳ם אַכצענטען יאָהר־הונדערט, געווען פּויערים־אויפשטאַנדען, אין וועלכע די געבילדעטע קלאַסען האָבען קיין אַנטייל ניט גענומען. דער אינטעלעקטועלער האָריזאָנט פון אַ רוסישען דיכטער איז דערפאַר גאַנץ שמאָל. נאָר עפּעס איז פאַראַן אין דער מענשליכער נאַטור, וואָס לעבט שטענדיג, וואָס געפינט שטענדיג אַן אָפּקלאַנג אינ׳ם מענשליכען האַרץ. דאָס איז ליבע; און פּושקין, אין זיין לירישער פּאָעזיע, האָט פאָרגעשטעלט די ליבע אין אַזוי פיל פאַרשיידענע לאַגעס, אין אַזעלכע שעהנע פאָרמען און מיט אַזאַ פאַרשיידענאַרטיגקייט פון שאַטירונגען, אַז אויף אָט־דעם געביט האָט ער צו זיך ניט קיין גלייכען. אויסער דעם האָט ער אָפט צו ליבע צוגעגעבען אַזאַ ראַפינירטען, אַזאַ הויכען אויסדרוק, אַז זיין העכערער באַגריף פון ליבע האָט איבערגעלאָזט אַזעלכע טיפע שפּורען אויף דער ווייטערדיגער רוסישער ליטעראַטור, ווי געטהע׳ס ראַפינירטע פרויען־טיפּען האָבען געלאָזט אין דער וועלט־ליטעראַטור. נאָך פּושקינ׳ס שרייבען, איז שוין פאַר אַ רוסישען דיכטער אוממעגליך געווען צו ריידען וועגען ליבע ניט אַזוי ערנסט, ווי ער.

אין רוסלאַנד פלעגט מען אָפט פּושקין׳ען רופען דער רוסישער בייראָן. אָט־דער פאַרגלייך איז קוים ריכטיג. ער האָט זיכער אימיטירט בייראָנ׳ען אין אייניגע פּאָעמען זיינע; נאָר אָט־די

אימיטאַציע, — לכל הפּחות אין „יעווגעני אָניעגין‟, — האָט זיך אָבער אויסגעגאָסען אין אַ גלענצענדער אָריגינאַלער שאַפונג. ביי־ראָנ׳ס היציגער פּראָטעסט געגען דעם קאָנווענציאָנאַלען לעבען פון דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט האָט זיכער געמאַכט אַ טיפען איינדרוק אויף פּושקינ׳ען, און עס איז געווען אַ צייט, וואָס אויב ער זאָל נאָר געווען קאָנען אַרויס פון רוסלאַנד, וואָלט ער זיכער געווען צונעשטאַנען צו בייראָנ׳ען אין גריכענלאַנד.

נאָר צוליב זיין אויבערפלעכליכען כאַראַקטער, האָט פּושקין ניט געקאָנט משיג זיין, און נאָך ווינציגער טיילען, די טיפקייט פון יענעם האַס און פאַראַכטונג צו דער נאָך־רעוואָלוציאָנערער איי־ראָפּע, וואָס האָט פאַרצערט בייראָנ׳ס הארץ. פּושקינ׳ס בייראָ־ניזם איז געווען אַן אויבערפלעכליכער און הגם ער איז שטענדיג גרייט געווען אַרויסצוטרעטען געגען דער „בכבוד׳יגער‟ געזעל־שאַפט, איז איהם דאָך געווען אומבאַקאַנט יענע בענקעניש נאָך פרייהייט און יענער האַס צו היפּאָקריטסטוואָ, וואָס האָבען באַ־גייסטערט בייראָנ׳ען.

בכלל, איז פּושקינ׳ס כח געלעגען ניט אין זיין איינפלוס צו דערהויבען דעם מענשען אָדער איהם צו באַגייסטערן פאַר פריי־הייט. זיין עפּיקורסיזם, זיין בילדונג, וואָס ער האָט געקראָגען פון פראַנצויזישע עמיגראַנטען, און זיין לעבען צווישען די צולאָזענע העכערע קלאַסען פון דער פּעטערבורגער געזעלשאַפט, האָבען איהם געשטערט צו נעמען נאָהענט צום הארצען די גרויסע פּראָבלעמען, וועלכע האָבען זיך שוין געהאַלטען אין צייטיגען אין דעם רוסישען לעבען. דערפאַר טאַקע איז ער שוין, ביים סוף פון זיין קורצען לעבען, מעהר ניט געקומען אין באַרירונג מיט יענע לעזער, וואָס האָבען גערעכענט אַלס אומווירדיג פאַר אַ דיכטער אַריינצוקומען אין התפעלות פון דער מיליטערישער מאַכט פון רוסלאַנד, נאָכדעם ווי די אַרמייען פון ניקאָלאַי דעם ערשטען האָבען דערשטיקט פּוילען, — און וואָס, לויט זייער מיינונג, באַשרייבען דעם רייץ פון אַ פּעטערבורגער ווינטער־סעזאָן פאַר אַ רייכען און פוילען פריץ, האָט נאָך ניט געהייסען באַשרייבען דאָס רוסישע לעבען ,אין וועל־כען די שרעקען פון לייב־אייגענטום און אַבסאָלוטיזם זיינען געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער.

פּושקינ׳ס אמת׳ער כח איז געלעגען אין דעם, וואָס אין אַ משך

פון עטליכע יאָהר האָט ער באַשאַפען די רוסישע ליטעראַרישע שפּראַך און באַפרייט די ליטעראַטור פון דעם טעאַטראַלישען אויפגעבלאָזענעם סטיל, וועלכער איז פריהער געווען אַ מוז פאַר אַלע וואָס איז געדרוקט געוואָרן. פּושקין איז געווען גרויס אין זיינע וואונדערליכע כחות פון פּאָעטישער שאַפונג: ער האָט באַזעסען די געניאַלע פעהיגקייטען צו באַשרייבען די איינפאַכסטע עפּיזאָדען פון דעם טאָג־טעגליכען לעבען אָדער די פּשוט'סטע גע־פיהלען פון דעם סאַמע געוויינטליכען מענשען אויף אַזאַ אופן, אַז דער לעזער האָט זיי ווידער דורכגעלעבט; פון דער צווייטער זייט, האָט ער געקאָנט פון די מאָגערסטע מאַטעריאַלען אויפבויען און אויפלעבען אַ גאַנצע היסטאָרישע עפּאָכע — אַזאַ שאַפענדע קראַפט און אין דער מאָס, האָט פון אַלע, וואָס זיינען געקומען נאָך איהם, באַזעסען נאָר איין טאָלסטאָי. ווייטער, איז פּושקינ'ס קראַפט געווען אין זיין טיפען רעאַליזם — יענעם רעאַליזם, פאַרשטאַנען אין דעם בעסטען זין פונ'ם וואָרט, וואָס ער, פּושקין, האָט דער ערשטער איינגעפירט אין רוסלאַנד, און וואָס איז געוואָרן, ווי מיר וועלען ווייטער זעהן, דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער גאַנצער רוסישער ליטעראַטור. און ענדליך, איז זיין כח — אין דער ברייטער הומאַניטאַרישער עמפּפינדליכקייט, מיט וועלכער עס זיינען דורכגעדרונגען אַלע זיינע בעסטע שאַפונגען, אין זיין לע־בענס־לוסטיגקייט און אין זיין רעספּעקט צו דער פרוי. וואָס איז שייך צו דער שעהנקייט פון פאָרם, זיינען זיינע פערזען אַזוי „לייכט", אַז מען געדענקט זיי אויסווייניג, ווען מען לייענט זיי איבער צוויי אָדער דריי מאָל. איצטער, ווען זיי זיינען אַריינגע־דרונגען אין די ווייטסטע, פאַרוואָרפענסטע רוסישע דערפער, קווי־קען זיך מיט זיי מיליאָנען פּויערישע קינדער, נאָכדעם, ווי מיט זיי האָבען זיך געקוויקט אַזעלכע ראַפינירטע פילאָזאָפישע דיכטער, ווי טורגעניעוו.

פּושקין האָט אויך געפּרואווט זיינע קרעפטען אין דער דראַמע; און, אויף וויפיל מען קאָן משפּט'ען פון זיינע לעצטע שאַפונגען („דאָן זשואַן" און „דער קאַרגער ריטער"), וואָלט ער זיכער געווען דערגרייכט גרויסע רעזולטאַטען אויך אויף דעם געביט, ווען ער זאָל נאָר געווען לעבען לענגער. זיין „רוסאַלקאַ" איז, צום באַדוי־ערען, געבליבען ניט פאַרענדיגט, אָבער וועגען איהרע דראַמאַטישע

מעלות קאָן מען שוין משפּט'ן לויט דעם, וואָס דארגאָמיזשסקי האָט פון איהר געמאכט אין זיין אָפּערע. אין זיין היסטאָרישער דראמע „באָריס גאָדונאָוו", באזירט אויף די געשעהעניש אין די צייטען פון דעם פּרעטענדענט דימיטריוס, זיינען פאראן עטליכע אויסגע־צייכענטע סצענעס, מיט אַ זעהר שארפען אנאליז פון די געפיהלען פון ליבע און אמביציע; נאָר בכלל, דארף מען אָט־דאָס ווערק גיכער אָנרופען אַ דראמאטישע כראָניק, ווי אַ דראמע. וואָס איז שייך צו דעם „קאָרגען ריטער", צייגט אָט־דאָס ווערק אויף אַן אויסערגעוויינטליכער קראפט פון אַ צייטיגען טאלאנט; אייניגע שטעלען זיינען, בלי ספק, ווירדיג פאר שעקספּיר'ס פען. „דאָן זשואן", וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַן אמת שפּאנישער אטמאָס־פערע, גיט אַ פּיל בעסערן באגריף פון דעם דאָן־זשואן־טיפּ, ווי יעדע אנדער שילדערונג זיינע אין אנדערע ליטעראטורען, און האָט אַלע מעלות פון אַן ערשט־קלאסיגער דראמע.

פאר דעם סוף פון זיין זעהר קורצען לעבען פאנגט זיך אָן ארויסצייגען אין זיינע ווערק סימנים פון אַ טיפערער לעבענס־פארשטענדעניש. איהם האָט זיך, ווייזט אויס, צוגעגעסען דאָס לעבען פון די העכערע קלאסען, און ווען ער האָט אָנגעהויבען צו שרייבען אַ געשיכטע פון דעם גרויסען פויערים־אויפשטאנד, וואָס פּוגאטשאָוו האָט ארויסגערופען אין דער צייט פון דער הערשאפט פון יעקאטערינאַ דער צווייטער, האָט ער ערשט אָנגעהויבען צו פארשטעהן און אָנטאַפּען די אינערליכע פּרוזשינע פון דעם לע־בען פון די רוסישע פויערים. דאָס נאציאָנאַלע לעבען איז פאר איהם ערשינען אַ סך ברייטער, ווי פריהער. אָבער זיין קאריערע איז אויף אָט־דער אנטוויקלונג־שטופע פון זיין זשעניע געקומען צו אַ פריהצייטיגען סוף. איהם האָט דער'הרג'עט, ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאגט, אין אַ דועל, אַ מענש, וואָס האָט געהערט צו דער העכסטער געזעלשאפט.

דאָס פּאָפּולערסטע ווערק פון פּושקינ'ען איז זיין ראָמאן אין פערזען „יעווגעני אָניעגין". לויט זיין פאָרם דערמאָנט ער פיל אָן בייראָנ'ס „טשאילד האראָלד", נאָר דער אינהאלט זיינער איז אַ ריין־רוסישער, און אנטהאלט אפשר די בעסטע באשרייבונג פון דעם רוסישען לעבען אי אין די הויפּט־שטעדט, אי אויף די קלענערע מאיאָנטקעס פון די פּריצים אין די דערפער. טשאיקאָווסקי, דער

קאָמפּאָזיטאָר, האָט פּוּנ׳ם סוזשעט פון דעם ראָמאַן געשאַפען אַן אָפּערע, וואָס האָט אַ גרויסען ערפאָלג אויף דער רוסישער ביהנע. דער העלד פון דעם ראָמאַן, אָניעגין, איז אַ טיפּישער פאָרשטעהער פון דער געזעלשאַפט פון יענער עפּאָכע. ער האָט געקראָגען אַן אויבערפלעכליכע בילדונג, טיילווייז ביי אַ פראַנצויזישען עמי־גראַנט, און טיילוויז ביי אַ דייטשען לערער און ער האָט זיך אויס־געלערענט „וואָס ניט איז" און „ווי ניט איז". צו נייַנצען יאָהר ווערט ער דער אייגענטימער פון אַ גרויסען פאַרמעגען, — וואָס באַשטעהט פון פויערים־פּאַנשטשעוויקעס, וועגען וועלכע ער הויבט ניט אָן צו זאָרגען, — און איז, פאַרשטעהט זיך, אינגאַנצען פאַר־טיפט אין דעם לעבען פון דער העכסטער פּעטערבורגער געזעל־שאַפט. זיין טאָג פאַנגט זיך אָן שפּעט מיט לייענען אַ מענגע איינלאַדונגען צו מיטאָגען, נאַכט־סעודות, בעלער און מאַסקעראַדען. ער איז, פאַרשטעהט זיך, אַ שטענדיגער באַזוכער פון טעאַטער, וואו ער שעצט דעם באַלעט העכער, ווי די אומגעשיקטע דראַמאַ־טישע ווערק פון די דאַמאָלסדיגע רוסישע דראַמאַטורגען; אַ היב־שען טייל פון טאָג פאַרברייַנגט ער אין עלעגאַנטע רעסטאָראַנען, און די נעכט — אויף בעלער, וואו ער שפּילט די ראָלע פון אַן אַנ־טוישטען יונגען מאַן, מיד פון לעבען, און האַלט זיך אין איין וויק־לען אין דעם מאַנטעל פון בייראָניזם. מאַכט זיך איהם גראָד, אַז ער דאַרף פאַרברענגען אַ זומער אויף זיין מאַיאָנטעק, וואו ניט וויַיט וואוינט דער יונגער דיכטער לענסקי, וואָס האָט געקראָגען זיין בילדונג אין דייטשלאַנד און איז פול מיט דייטשען ראָמאַנטיזם. זיי ווערן גרויסע פריינט, און פאַרפיהרן אַ באַקאַנטשאַפט מיט דער פאַמיליע פון אַ גוטס־באַזיצער אין זייער נאַכבאַרשאַפט. דער הויפּט פון אָט־דער פאַמיליע, — די אַלטע מוטער, — איז וואונ־דערבאַר אָפּגעמאָלט. איהרע צוויי טעכטער, טאַטיאַנאַ און אָלגאַ, זיינען זעהר פאַרשיידען אין כאַראַקטער: אָלגאַ איז אַ גאַנץ שטילע לעבענס־לוסטיגע מיידעל, וואָס פאַרטיפט זיך ניט אין קיין פראַגען, און דער יונגער דיכטער פאַרליבט זיך אין איהר; עס האַלט דערביי, אַז זיי זאָלען חתונה האָבען. טאַטיאַנאַ אָבער איז אַ פּאָעטיש מיידעל, און פּושקין האָט אוועקגעלעגט דעם גאַנצען וואונדערליכען כח פון זיין טאַלאַנט, כדי זי פאָרשטעלען אַלס אַן אידעאַלע פרוי: אַן אינטעליגענטע, אַ דענקענדע און אַ באַגייס־

טערטע מיט אומקלאָרע שטרעבונגען צו עפּעס בעסערס, ווי דאָס פּראָזאאישע לעבען, וואָס זי פירט. אָניעגין מאַכט אויף איהר פון סאַמע אָנפאַנג אַ טיפען איינדרוק: זי פאַרליבט זיך אין איהם; נאָר אָניעגין, וואָס האָט געהאַט אַזוי פיל נצחונות אין די העכערע קרייזען פון דער הויפּט שטאָדט, און וואָס טראָגט איצטער די מאַסקע פון אַנטוישונג, שענקט ניט קיין אויפמערקזאַמקייט צו דער נאַאיווער ליבע פון אַן אָרימער דאָרפס-מיידעל. זי שרייבט איהם אַ בריף און דערצעהלט איהם גאַנץ אָפענהערציג און זעהר פּאַטעטיש וועגען איהר ליבע. נאָר דער יונגער כליסטיק געפינט ניט קיין בעסערע זאַך, ווי צו האַלטען איהר אַ לעקציע וועגען איהר אומבאַזאָנגענקייט, און האָט, ווייזט אויס, גרויס פאַרגעניגען צו דרעהען דאָס מעסער אין איהר וואונד. אין דער זעלביגער צייט, אויף איינעם פון די דאָרפישע בעלער, פאַנגט אָן אָניעגין, געהעצט פון עפּעס אַ צו-להכעיס-שד, צו פלירטירן אויף דעם פּראָוואָצירענדסטען אופן מיט דער צווייטער שוועסטער, מיט אָלגאַ'ן. די יונגע מיידעל איז אַנטציקט פון דער אויפמערקזאַמקייט פון דעם מעלאַנכאָלישען העלד, און דער רעזולטאַט איז, אַז דער דיכטער רופט ארויס זיין פריינט אויף אַ דועל. עפּעס אַן אַלטער אויסגעדינטער אָפיצער, אַן אמת'ער דועליסט, ווערט פאַרמישט אין דער זאַך, און אָניעגין, — ניט געקוקט דאַרויף, וואָס ער פאַרעטענדירט, אַז ער רעכענט זיך ניט מיט דער געזעלשאַפטליכער מיינונג, שעצט דאָך אפילו די מיינונג פון דער אָרטיגער דאָרפישער געזעלשאַפט, — נעמט אָן דעם ארויסרוף. ער הרג'עט זיין פריינט, דעם דיכטער, און ווערט געצוואונגען צו פאַרלאָזען דאָס דאָרף. עס געהען פאַרביי עטליכע יאָהר. טאַטיאַנאַ קומט צו זיך פון דער קרענק, לאָזט זיך איין מאָל אוועק צום הויז, וואו אָניעגין האָט פריהער געוואוינט, באַפריינדעט זיך מיט דער אַלטער אויפזעהערין און פאַרברענגט טעג און חדשים איבער ביכער אין זיין ביבליאָטעק; דאָס לעבען אָבער האָט פאַר איהר פאַרלאָרן יעדען טעם. זי גיט נאָך דאָס עקשנות'דיג געבעט פון איהר מוטער, פאָהרט אָפּ קיין מאָסקווע און האָט דאָרטען חתונה מיט אַן אַלטען גענעראַל. צוליב דעם פאַרהייראַטען לעבען פאָהרט זי ארויס קיין פּעטערבורג, וואו זי שפּילט אַ פּראָמינענטע ראָלע אין די הויפּס-קרייזען. אין אָט-דער סביבה באַגעגענט איהר אָניעגין צום צווייטען מאָל און

ער קאָן קוים דערקענען אין אַט־דער וועלטליכער מאַדאַם, וואָס ער זעהט איצטער פאַר זיך, זיין דאָרפישע „טאַניאַ”; ער פאַרליבט זיך אין איהר זעהר שטאַרק, אָבער זי שענקט איהם ניט קיין אויפ־מערקזאַמקייט; זי ענטפערט ניט אויף זיינע בריף. ענדליך, קומט ער צו איהר אין הויז אין עפּעס אַ באַקוועמער שעה, ער טרעפט איהר לייענענדיג זיינע בריף, מיט טרערען אין די אויגען. אין אַ פלאַמענדיגען מאָנאָלאָג דערקלערט זיך איהר אָניעגין אין ליבע. טאַטיאַנאַ ענטפערט איהם אין אַ מאָנאָלאָג, וועלכער איז אַזוי שעהן, אַז מען וואָלט איהם דאַ געדאַרפט ציטירען, ווען עס זאָל נאָר זיין אַ גוטע איבערזעצונג, וואָס זאָל, לכל הפחות, איבערגעבען די רייַ־רענדע איינפאַכקייט פון טאַטיאַנאַ'ס ווערטער, און, פאָלגליך, די שעהנקייט פון די פערזען. אַ גאַנצער דור פון רוסישע פרויען האָט געוויינט ביי אַט־דעם מאָנאָלאָג, לייענענדיג די באַוואוסטע שורות:

„אָניעגין, איך בין דעמאָלט יונגער און, דאַכט זיך, שעהנער אויך געווען, און איך האָב אייך ליב געהאַט... נאָר די ליבע פון אַ דאָרפיש מיידעל איז ניט געווען אָנציהענד פאַר אָניעגינ'ען. ער האָט איהר ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט...

„... וואָרום זשע פאַרפאָלגט איהר אַצינד מיך אַזוי? וואָרום זשע בין איך אייך אַזוי אויפ'ן אויג? ניט שוין זשע דערפאַר, וואָס איך מוז זיך איצט צייגען אין דער העכסטער געזעלשאַפט, וואָס איך בין רייך און באַוואוסט, וואָס מיין מאַן, צוקאַליעטשעט אין שלאַכטען, קריגט חסדים דערפאַר פון דעם קייזערליכען הויף? צי אפשר דערפאַר, וואָס מיין שאַנד וואָלט איצט פון אַלעמען באַ־מערקט געוואָרן און אייך צוגעטיילט אַזאַ פאַרפיהרערישע עהרע?”

טאַטיאַנאַ זעצט פאָר:

„און פאַר מיר, אָניעגין, איז אַט־די עלעגאַנץ — דער פוסטער גלאַנץ פון דעם הויף־לעבען, מיין ערפאָלג אין דעם שטורם פון דער „געזעלשאַפט”, מיין מאָדערנע הויז און די אָווענט־שמחות, — וואָס ליגט אין זיי? אַט שוין וואָלט איך צופרידען געווען אויפצוגעבען אַט־די אַלע מאַסקעראַדען־שמאַטעס, אַט־דעם גאַנצען גלאַנץ, טור־מעל און טשאַד פאַר אַ שאַפּקעלע ביכער, פאַר אַ פּאַרוואָקסענעם סאָד, פאַר אונזער אָרימער וואוינונג, פאַר יענע פלעצער, וואו איך האָב אייך, אָניעגין, געזעהן צום ערשטען מאָל... און פאַר דעם

באשיידענעם בית־עולם, וואו נעבען א צלם און אונטער דעם שאָ־טען פון צווייגען ליגט מיין אָרעמע ניאַניע"...

זי בעט אָניעגינ'ען, ער זאָל איהר פארלאָזען:

„איך האָב אייך ליב (וואָס טויג דעם אמת צו באהאַלטען?) נאָר איך געהער דאָך איצט צו אַן אַנדערען, און איך וועל איהם בלייבען טריי".

וויפיל טויזענטער יונגע פרויען האָבען שפּעטער ווידערהאָלט אָט־די זעלביגע פערזען און געזאָגט צו זיך אליין: „איך וואָלט מיט פרייד אויפגעגעבען אָט־די אלע שמאטעס, אָט־דעם גאנצען מאסקעראַד פון דעם לוקסוס־לעבען פאר איין שאפּקעלע מיט בי־כער, פאר דעם לעבען אין דאָרף צווישען די פּויערים, און פאר'ן קבר פון מיין אַלטער ניאַניע אין אונזער דאָרף". און וויפיל פון זיי זיינען טאקע אוועק אין דאָרף!... שפּעטער באגעגענען מיר דעם זעלביגען טיפּ פון דער רוסישער מיידעל אין איהר ווייטער־דיגער אַנטוויקלונג אין די ראָמאַנען פון טורגעניעוו'ען און אין רוסישען לעבען. פושקין איז באמת געווען א גרויסער דיכטער, ווען ער האָט דאָס פאָראויס געזעהן און פאָראויס געזאָגט.

לערמאָנטאָוו.

מען דערצעהלט, אז ווען טורגענעוו פלעגט זיך צוזאמענקומען מיט זיין נאָהענטען פריינט קאוועלין, — א סימפּאטישער און אַן אויסגעצייכענטער שרייבער איבער היסטאָריש־יורידישע און געזעל־שאפטליכע פראגען, — פלעגען זיי אָפט אָנפאנגען די דיסקוסיע: „פושקין אָדער לערמאָנטאָוו?" טורגענעוו, ווי עס איז באוואוסט, האָט גערעכענט פושקינ'ען אלס איינעם פון די גרעסטע דיכטער, און ספּעציעל אלס איינעם פון די גרעסטע קינסטלער אין דער וועלט, בעת קאוועלין האָט געהאַלטען, אז לערמאָנטאָוו איז אין זיינע בעסטע שאפונגען, אלס קינסטלער, נידעריגער פון פושקינ'ען, נאָר דערפאר זיינען זיינע פערזען אמת'ע מוזיק און די באגייסטע־רונג אין זיין פּאָעזיע פאַרמאָגט א גרעסערען שוואונג. ווען מען זאָל נאָך צוגעבען, אז לערמאָנטאָוו'ס ליטעראַרישע קאַריערע האָט סך הכל געדויערט אכט יאָהר, — ער איז דער'הרג'עט געוואָרן

אין אַ דועל בעת ער איז אַלט געווען זעקס-און־צוואַנציג יאָהר — וועט מען גלייך דערזעהן דעם אומגעהייערען טאַלאַנט פון דעם יונגען דיכטער און די גלענצענדע צוקונפט, וואָס ער וואָלט גע־קענט דערגרייכען.

אין לערמאָנטאָוו'ס אָדערן האָט געפּלאָסען שאָטלאַנדיש בלוט. דער גרינדער פון דער פאַמיליע איז געווען אַ שאָטלענדער, איינער אַ דזשאָרדזש ליערמאָנט, וועלכער איז צוזאַמען מיט נאָך זעכציג שאָטלענדער אָדער אירלענדער אריינגעטראָטען אין דער מיליטער־דינסט צוערשט אין פּוילען, און נאָכדעם, אין 1613, אין רוסלאַנד. דאָס לעבען פון'ם דיכטער איז נאָך עד היום ווינציג אויסגעפאָרשט. עס איז קיין ספק ניט, אַז זיין קינדהייט און יוגענט זיינען ניט געווען קיין גליקליכע. זיין מוטער איז געווען אַ ליבהאָבערין פון פּאָעזיע, אפשר אַליין אַ דיכטערין; נאָר ער האָט זי פאַרלאָרן, בעת ער איז געווען אַ קינד פון דריי יאָהר, און זי איז סך הכל אַלט געווען איין־און־צוואַנציג יאָהר. זיין אַריס־טאָקראַטישע באָבע פון זיין מוטער'ס צד, האָט איהם צוגענומען צו זיך פון זיין פאָטער, אַן אָרימער אַרמייסקער אָפיציר, איהם דערצויגען און איהם ניט געלאָזט קומען אין באַריהרונג מיט זיין פאָטער. דאָס קינד איז געווען זעהר באַגאַבט און צו פערצעהן יאָהר האָט עס שוין אָנגעפאַנגען צו שרייבען פערזען און פּאָעמען — צו־ערשט אין פראַנצויזיש (ווי פּושקין), און נאָכדעם — אין רוסיש. שילער און שעקספּיר, און פון זעכצעהן יאָהר אָן — בייראָן און שעלי זיינען געווען זיינע ליבלינגס-דיכטער. צו זעכצעהן יאָהר איז לערמאָנטאָוו אָנגעקומען אין דעם מאָסקווער אוניווערזיטעט, פון וועלכען מען האָט איהם אין אַ יאָהר אַרום אויסגעשלאָסען פאַר אַנטייל נעהמען אין אַ דעמאָנסטראַציע געגען עפּעס אַ נודנעם פּראָ־פעסאָר. דעמאָלט איז ער אַריין אין אַ פּעטערבורגער מיליטער־שול, פון וואַנען ער איז צו אַכצעהן יאָהר אַרויס אַלס הוסאַרען־אָפיציר.

נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, פון אַ יאָהר צוויי־און־צוואַנציג, איז לערמאָנטאָוו פּלוצלונג שטאַרק באַוואוסט געוואָרן צוליב אַ פּאָ־עמע, וואָס ער האָט אָנגעשריבען וועגען פּושקין'ס טויט. אַ גרוי־סער דיכטער, אַ פאַרעהרער פון פרייהייט און אַ שונא פון אונטער־דריקונג האָט זיך גלייך אַנטפּלעקט אין אָט־דער ליידענשאַפטלי־

כער שאַפונג פונ׳ם יונגען דיכטער; ספּעציעל זיינען קרעפטיג געוועזן די שלום־פּערזען: „נאָר איהר", האָט ער געשריבען, „וואָס שטעהט, ווי אַ חוצפה׳דיגע באַנדע אַרום טראָן, איהר זענט די הענ־קער פונ׳ם זשעני, פון פרייהייט, פון רוהם! איהר קענט זיך איצט באַהאַלטען אונטער׳ן צודעק פון געזעץ, פאַר אייך דאַרף געריכ־טיגקייט און משפּט שווייגען! אָבער עס איז אויך פאַראַן אַ משפּט פון גאָט, איהר יועצים פון אויסגעלאַסענקייט! עס איז פאַראַן אַ שרעקליכער שופט, ער וואַרט; איהם קענט איהר ניט איבער־קויפען מיט׳ן קלאַנג פון גאָלד... און מיט אייער גאַנצען שוואַר־צען בלוט וועט איהר ניט אָפּוואַשען דעם פלעק פונ׳ם דיכטער׳ס ריינעם בלוט!"

אין עטליכע טעג אַרום האָט גאַנץ פּעטערסבורג, און נאָר אין גיכען גאַנץ רוסלאַנד — געקאַנט אָט־די פּערזען אויסווענדיג. זיי זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין טויזענטער געשריבענע קאָפּיעס.

פאַר אָט־דעם ליידענשאַפטליכען אויסגעשריי פון זיין באַ־ליידיגט הארץ, האָט מען לערמאָנטאָוו׳ן גלייך אַרויסגעשיקט. נאָר ווייל זיינע איינפלוסרייכע פריינט האָבען זיך אין דער זאַך אַריינ־געמישט, האָט זיך זיי איינגעגעבען צו פאַרמיידען זיין פאַרשיקונג קיין סיביר. מען האָט איהם אַריבערגעפיהרט פון דעם גוואַרדיע־פּאָלק, וואו ער האָט געדינט, אין אַן אַרמיי־פּאָלק אויף קאַווקאַז.

לערמאָנטאָוו איז נאָך פריהער געוועזן באַקאַנט מיט קאַווקאַז: אַלס צעהן־יאָהריגער אינגעל איז ער דאָרט געוועזן צו־גאַסט, און האָט צוריקגעבראַכט פון אָט־דער פאַרווייזלונג אומפאַרגעסליכע איינדרוקען. איצטער האָט אויף איהם די פּראַכט פון דער קאַווו־קאַזער נאַטור געמאַכט נאָך אַ שטאַרקערען איינדרוק. קאַווקאַז איז איינע פון די שעהנסטע געגענדען אויף דער וועלט. דאָס איז אַ קייט פון בערג, אַ סך העכער פון די אַלפּען־בערג, אַרומגערינגעלט מיט ענדלאָזע וועלדער, גערטנער און סטעפּעס, אין אַ טרוקענעם געגענט מיט אַ זידליכען קלימאַט, וואו די דורכזיכטיגקייט פון דער לופט פאַרגרעסערט אומגעהייער די נאַטירליכע שעהנקייט פון די בערג. די שניי־באַדעקטע ריזען זעהט מען אין די סטעפּעס צעהנ־דליגער מיילען ווייטער, און די אומגעהייערע גרויסקייט פון דער בערגען־קייט שאַפט אַן איינדרוק, וואָס מען קען ניט באַקומען אין קיין אַנדער טייל פון אייראָפּאַ. דערצו נאָך באַדעקט אַ האַלב־

טראַפּישע פּלאַנצען־קלייד די משופּע בערג־ווענט, צו וועלכע עס טוליען זיך דערפּלאָך מיט זייער האַלב־מיליטערישען אויסזעהן און מיט זייערע טורעמס, וואָס באָדען זיך אין דעם פּרעכטיגען זונען־שיין פון'ם מזרח, אָדער באַהאַלטען זיך אין די פינסטערע שאָטענס פון די שמאָלע בערג־שפּאַלטען, און די איינוואוינער פון אָט־די דערפּלאָך געהערען צו איינער פון די שעהנסטע ראַסען פון אייראָפּאַ. ענדליך, בעת לערמאָנטאָוו איז געווען אין קאווקאַז, האָבען די בערגלייט מיט אַ מערקווירדיגען מוט אָנגעפיהרט אַ בי־טערן קאמף געגען די רוסישע אַריינדרינגער, און מיט לייב און לעבען פאַרטיידיגט יעדען טייל אין די היימישע בערג.

די גאַנצע שעהנקייט פון דער קאווקאַזער נאַטור האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין לערמאָנטאָוו'ס פּאָעזיע אויף אַזאַ אופן, אַז אין קיין ליטעראַטור געפינען מיר ניט קיין נאַטור־באַשרייבונגען אַזוי שעהן, אַזוי איינדרוקספול און אַזוי קאָרעקט. באָדענשטעדט, זיין דייטשער איבערזעצער און פּערזענליכער פריינט, וואָס איז גע־ווען גוט באַקאַנט מיט קאווקאַז, איז זעהר גערעכט געווען, בעת ער האָט באַמערקט, אַז לערמאָנטאָוו'ס בילדער קענען פאַרבייטען גאַנ־צע ביכער מיט געאָגראַפישע באַשרייבונגען. באמת קען מען איבערלייענען פיל ביכער וועגען קאווקאַז און דאָך וועלען זיי ניט צוגעבען קיין נייע קאָנקרעטע שטריכען צום איינדרוק, וואָס מען באַקומט לייענענדיג לערמאָנטאָוו'ס פּאָעמען. טורגעניעוו ציטירט ערגעץ שעקספּיר'ס באַשרייבונג פון דעם ים, ווי ער זעהט אויס ווען מען קוקט אויף איהם פון די פעלזען פון דאָווער (אין „קעניג ליער") אַלס קונסט־ווערק פון אָביעקטיווער פּאָעזיע אין נאַטור־באַשרייבונג. איך מוז, פונדעסטוועגען, מודה זיין, אַז די קאָנ־צענטרירונג פון אויפמערקזאַמקייט אויף קליינע דעטאַלען אין אָט־דער באַשרייבונג מאַכט אויף מיר ניט קיין שטאַרקען איינ־דרוק. ניט זי שאַפט דעם איינדרוק פון דער אומגעהייערער גרויס־קייט פון'ם ים, ווי ער זעהט אויס, ווען מען קוקט אויף איהם פון די דאָווער־פעלזען, ניט זי גיט איבער די רייכקייט און קאָלירען, וואָס שפּילען אויף זיינע וועלען אין אַ זוניגען טאָג. לערמאָנטאָוו'ס נאַטור־פּאָעזיע קען מען אַזאַ פאָרוואורף ניט מאַכען. באָדענשטעדט זאָגט זעהר ריכטיג, אַז איהם האָט זיך איינגעגעבען צו באַפרידיגען אין דער זעלביגער צייט אי דעם נאַטוראַליסט, אי דעם קונסט־

ליבהאָבער. צי ער באַשרייבט די גיגאַנטישע קייט פון די בערג, וואו דאָס אויג פאַרלירט זיך דאָ — אין די שניי־וואָלקענס, דאָרטען — אין די אומדערמעסליכע טיפענישען פון די שמאָלע בערג־שפּאַלטען; אָדער אויב ער דערמאָנט עפּעס אַ דעטאַל: אַ באַרג־שטראָם, אָדער דעם ענדלאָזען וואַלד, אָדער די שמייכלענדיגע טאָ־לען פון גרוזיע, וואָס זיינען איינגעטונקען אין בלומען, אָדער גרו־פּעס לייכטע וואָלקענדלאַך, וואָס שווימען אין דעם טרוקענעם ווינט־שטראָם פון צפון־קאַווקאַז, — איז ער שטענדיג אַזוי טריי צו דער נאַטור, אַז זיינע בילדער ערשיינען פאַר׳ן אויג אין לע־בעדיגע קאָלירען און אין דערזעלביגער צייט זיינען זיי אַרומגע־רינגעלט מיט אַ פּאָעטישער אַטמאָספּערע, וואָס ברייננגט מיט זיך די פרישקייט פון אָט־די בערג, דעם אַראָמאַט פון זייערע וועלדער און טאָלען, די ריינקייט פון דער לופט. און דאָס אַלץ איז אָנגע־שריבען אין וואונדערבאַר מוזיקאַלישע פערזען. לערמאָנטאָוו׳ס פערזען, הגם ניט אַזעלכע לייכטע ווי פּושקינ׳ס, זיינען אָבער אָפט מעהר מוזיקאַליש. זיי קלינגען, ווי אַ שעהנע מעלאָדיע. די רו־סישע שפּראַך איז בכלל אַ מעלאָדישע, נאָר אין לערמאָנטאָוו׳ס פערזען ווערט זי כמעט אַזוי מעלאָדיש, ווי די איטאַליענישע שפּראַך.

אין אינטעלעקטועלען הינזיכט שטעהט לערמאָנטאָוו נעהענ־טער צו שעלי׳ן, ווי צו יעדער אַנדער דיכטער. דער פּאַרפאַסער פון דעם „צוגעשמידטען פּראָמעטעאוס" האָט אויף איהם געמאַכט אַ טיפען איינדרוק; נאָר פונדעסטוועגען האָט לערמאָנטאָוו אפילו ניט פּרובירט נאָכצומאַכען שעלי׳ן. אין זיינע ערשטע שאַפונגען האָט ער טאַקע אימיטירט פּושקינ׳ען און פּושקינ׳ס בייראָניזם; ער איז אָבער שנעל אַרויף אויף זיין אייגענעם וועג. מען קען נאָר זאָגען, אַז לערמאָנטאָוו׳ס געדאַנק איז, ווי שעלי׳ס, באַשעפטיגט געוועזען מיט די זעלביגע פּראָבלעמען פון גוטס און שלעכטס, וואָס קעמפען אין דעם מענשענס האַרץ און אין דעם וועלט־אַל בכלל. פּונקט ווי שעלי צווישען די דיכטער און שאַפענהויער צווישען די פילאָזאָפען, האָט לערמאָנטאָוו געפיהלט די ברענענדיגע נויטווענ־דיגקייט צו רעווידירן אַלע דעמאַלסטיגע מאָראַלע פּרינציפּען, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר אונזער איצטיגער צייט. אָט־די אידעען האָט ער פאַרקערפּערט אין צוויי פּאָעמען

— „דעמאָן" און „מצירי", וואָס דערגענצען איינע די אַנדערע. אין דער ערשטער פּאָעמע ווערט פאָרגעשטעלט אַ צאָרנדיגע נשמה, וואָס האָט אָפּגעבראָכען אי מיט דעם הימעל, אי מיט דער ערד און קוקט מיט פאראכטונג אויף אַלע, וועלכע זיינען פארזונקען אין קליינליכע תאוות. אַ פארטריבענער פון גן-עדן, האסט דער דע־מאָן אַלע מענשליכע טוגענדען. ער ווייסט, ווי קליינליך עס זיי־נען די מענשליכע תאוות און ער האסט זיי טיף. די ליבע פון אָט־דעם דעמאָן צו אַ גרוזינישער מיידעל, וואָס באַהאַלט זיך פון איהם אוים אין אַ מאָנאסטיר און שטארבט דאָרטען — קען מען דען אויסקלייבען אַ מעהר פאנטאסטישען סיוזשעט, וואָס זאָל אַזוי וויים זיין פון דעם ווירקליכען לעבען? און דאָך, בעת מען לייענט די פּאָעמע גאַפט מען ביי יעדער שורה פון איהר אומגלויבליכען רייכטום און ריין-רעאַליסטישע, קאָנקרעטע באשרייבונגען פון סצע־נעס און מענשליכע געפיהלען, וואָס אָטעמען מיט דער גרעסטער שעהנקייט. דער טאַנץ פון דעם מיידעל אין איהר גרוזינישען פּאַלאַץ פאַר דער חופּה; די באַגעגעניש פון איהר חתן מיט די רויבער און זיין טויט; דאָס גאַלאָפּירען פון זיין געטרייען פערד, די ליידען פון דער כלה און איהר אריינטריט אין מאָנאסטיר, און אפילו די ליבע פונ'ם דעמאָן און יעדער ריהר זיינער, — זיינען באשריבען מיט רעאַליזם, אינ'ם העכסטען זין פונ'ם וואָרט: מיט יענעם רעאַליזם, וואָס פּושקין האָט אויף שטענדיג אריינגע־בראכט אין דער רוסישער ליטעראַטור.

„מצירי" איז דער יאָמער פון אַ יונגער נשמה, וואָס שטרעבט צו פרייהייט. אַ אינגעל, וועלכען מען האָט אָוועקגענומען פון אַ טשערקעסען-דערפעל, ערגעץ צווישען די בערג, ווערט ערצויגען אין אַ קליינעם רוסישען מאָנאַסטיר. די מאָנאַכען טראַכטען, אַז זיי האָבען אין איהם שוין דער'הרג'עט אַלע מענשליכע תאוות און בענקעונישען; נאָר דער חלום פון זיין קינדהייט איז געווען — כאָטש איין מאָל, באָטש אויף איין רגע — אַ קוק טאָן אויף זיינע היימישע בערג, וואו זיינע שוועסטער פלעגען זינגען ארום זיין וויגעלע און צוטוליען זיין ברענענדיגע ברוסט צום הארצען פון אַ מענשען, וואָס איז צו איהם ניט פרעמד. עפּעס איינמאָל ביינאכט, ווען אין דרויסען בושעוועט אַ שרעקליכער שטורם און די מאָנאַכען זאָגען אין שרעק זייערע תפילות אין קלויסטער, אַנטלויפט ער

פונ׳ם מאָנאַסטיר, און בלאָנדזשעט אַרום דריי טעג אין די וועל־
דער. ענדליך, דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען, געניסט ער
עטליכע מאָמענטען פון פרייהייט, און ער דערפיהלט אין זיך די
גאַנצע ענערגיע און די גאַנצע קראַפט פון זיין יוגענד: „איך בין
פשוט געווען, ווי אַ ווילדע חיה, — זאָגט ער נאָכדעם, — און איך
בין גרייט געווען, ווי אַ ברודער, זיך צו האַלדזען מיט׳ן שטורם,
אויפכאַפּען די בליצען מיט די הענט, קעמפען געגען ווילדען טיגער״.
נאָר געווען איז ער אַן עקזאָטיש בלימעל, אָפּגעשוואַכט דורך דער
בילדונג און ניט געקענט דערפאַר אָפּזוכען דעם וועג צו זיך אַהיים.
ער איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין וואַלד, וואָס האָט זיך געצויי־
גען אויף הונדערטער מיילען אַרום איהם, און אין עטליכע טעג
אַרום געפינט מען איהם, קוים אַ לעבעדיגען, ניט ווייט פון דעם
מאָנאַסטיר. ער שטאַרבט פון די וואונדען, וואָס ער האָט באַקומען
אין קאַמף מיט אַ לעמפּערט:

„דער קבר שרעקט שוין מיך נישט מעהר: מען זאָגט, דאָרט
שלאָפט די לייד אָהן שטער אין אייביג־קאַלטער רוהיגקייט. עס
טוט מיר דאָך דאָס לעבען באַנג. כ׳בין יונג דאָך, יונג... איז דיר
אַמאָל באַקאַנט געווען אַ יוגענט טרוים? צי האָסטו שוין פאַר־
געסען, ווי דו האָסט געליבט, געהאַסט אַמאָל? פאַר דיר, קען
זיין, פאַרלאָרן האָט די וועלט איהר שעהנקייט שוין אַצינד. דו
ביזט שוין שוואַך און גרוי. דו האָסט שוין קיין פאַרלאַנגען ניט.
ס׳איז גאָר קיין חידוש ניט, דו, אַלטער, האָסט געלעבט. פאַראַן ביי
דיר וואָס צו פאַרגעסען, דו האָסט געלעבט — און לעבען וואָלט
איך אויך געקאָנט!״ און ער דערצעהלט וועגען דער שעהנקייט
פון דער נאַטור, וואָס ער האָט געזעהן בעת ער איז אַנטלאָפען, וועגען
זיין ווילדער פרייד, בעת ער האָט זיך דערפיהלט פריי, וועגען
זיין נאָכלויפען דעם בליץ, וועגען זיין קאַמף מיט דעם לעמפּערט.
„דו ווילסט דאָך וויסען וואָס איך האָב געטאָן, בעת איך בין גע־
ווען פריי? איך האָב געלעבט, געלעבט! דאָס לעבען מיינס,
אָהן אָט־די דריי טעג פון גליק, וואָלט טונקעלער און פינסטערער
געווען, ווי דיין מאַכטלאָזע אַלטקייט״... אָבער עס איז אוממעגליך
איבערגעבען די שעהנקייט פון אָט דער פּאָעמע. מען מוז זי ליי־
ענען, און לאָמיר האָפען, אַז מען וועט אַמאָל אַרויסגעבען אַ גוטע
איבערזעצונג פון אָט־דער פּאָעמע.

לערמאָנטאָוו׳ס דעמאָניזם אָדער פּעסימיזם איז ניט געווען קיין פּעסימיזם פון פאַרצווייפלונג. דאָס איז געווען אַ מעכטיגער פּראָטעסט געגען אַלץ, וואָס איז געמיין אין דעם לעבען, און אין דער היגזיכט האָט זיין פּאָעזיע איבערגעלאָזט טיפע סמנים אויף אונזער גאַנצער וויטערדיגער ליטעראַטור. זיין פּעסימיזם איז געווען די אויפרעגונג פון אַ געזונטען מענשען, וואָס זעהט אַרום זיך אַנדערע אַזוי שוואַך און אַזוי נידעריג. מיט זיין איינגעבאָרענעם געפיהל צו שעהנקייט, וואָס קען אייגענשיינליך קיינמאָל ניט עקזיסטירען. אויסערהאַלב אמת און גוטס, און אין דער זעלביגער צייט ארומגערינגעלט — ספּעציעל אין דער וועלטליכער סביבה, וואו ער האָט געלעבט און אויף קאווקאַז — מיט מענשען, וועלכע האָבען ניט געקענט אָדער איהם ניט געוואָגט צו פאַרשטעהן, וואָלט ער טאַקע לייכט אַריינפאַלען אין פּעסימיזם און אין האָס און פאַראַכטונג צו מענשען; ער האָט אָבער שטענדיג אויפגעהיט זיין גלויבען אין דעם מענשען. עס איז געווען גאַנץ נאַטירליך, וואָס לערמאָנטאָוו האָט אין זיין יוגענט—ספּעציעל אין יענע יאָהרען פון אַלוועלטליכער רעאַקציע, אין די דרייסיגער יאָהרען פון׳ם פאָריגען יאָהרהונדערט — אויסגעדריקט זיין אומצופריעדענהייט מיט דער וועלט אין אַזאַ אַלגעמיינער און אַבסטראַקטער שאַפונג, ווי „דעמאָן״. עטוואָס עהנליכעס געפינען מיר אפילו ביי שילער׳ן. נאָר צוביסלאַך האָט זיין פּעסימיזם אָנגענומען אַ מעהר קאָנקרעטע פאָרם. ער האָט אָנגעהויבען שוין צו האַסען ניט דעם מענשען בכלל, און נאָך ווינציגער דעם הימעל און די ערד, נאָר די נעגאַטיווע זייטען פון זיין אייגענעם דור. אין זיין ראָמאַן „דער העלד פון אונזער צייט״, אין זיין „געדאַנקען״, א. אז. וו. האָט ער שוין באַגריפען העכערע אידעאַלען, און שוין אין דעם יאָהר 1840 — ד. ה. איין יאָהר פאַר זיין טויט — האָט ער זיך שוין, ווייזט אויס, געגרייט אַרויסצוטרעטען מיט נייע שאַפונגען, אין וועלכע זיין מעכטיגער שאַפענדער און קריטישער גייסט וואָלט זיך געווען אַ לאָז געטאָן אויפצודעקען די רעאַלע צרות פון׳ם ווירקליכען לעבען און זיין צוועק וואָלט, וואַרשיינליך, געווען דאָס רעאַלע, פּאָזיטיווע גוטס. אָבער, פּונקט אין דער צייט איז ער, ווי פּושקין, געה׳רג׳עט געוואָרן אין אַ דועל.

לערמאָנטאָוו איז פריהער פון אַלץ געווען אַ „הומאַניסט״ —

א טיף הומאַניטאַרישער דיכטער. שוין ביי דריי־און־צוואַנציג יאָהר האָט ער אָנגעשריבען א פּאָעמע פון די צייטען פון יאָהאַן דעם שרעקליכען, „דאָס ליד וועגען סוחר קאַלאַשניקאָוו", וואָס ווערט, מיט רעכט, באַטראַכט אַלס איינע פון די בעסטע פּערל פון דער רוסישער ליטעראַטור אי לויט דער קינסטלערישער באַאַרבייטונג, אי לויט דער קראַפט פון אויסדרוק, אי לויט דעם וואונדערבאַרן עפּישען סטיל. די פּאָעמע, וואָס האָט געמאַכט א גרויסען איינדרוק, בעת זי איז באַקאַנט געוואָרן אין דייטשלאַנד אין באָדענשטעדט'ס איבערזעצונג, איז דורכגעדרונגען מיט דעם קרעפטיגסטען ענטריסטונגס־גייסט געגען די רציחות פון יאָהאַן דעם שרעקליכען און זיינע הויפלייט.

לערמאָנטאָוו האָט טיף ליב געהאַט רוסלאַנד, אָבער ניט די אָפיציעלע רוסלאַנד; ניט די מיליטערישע קראַפט פון דעם פאַטערלאַנד, וואָס איז אזוי ליב פאר די זאָגענאַנטע פּאַטריאָטען, און ער האָט געשריבען:

„כ'האָב ליב מיין פּאָטערלאַנד, נאָר מאָדנע איז מיין ליבע; זי וועט מיין שכל ניט באַזיגען! און ניט דער רוהם, דורך בלוט געקויפטער, און ניט די רוה, פול מיט גאוה'דיגען צוטרוי, ניט קיין טראַדיציעס פון דער טונקעלער פאַרגאַנגענהייט דערוועקען אין מיר א פרעהליכען טרוים..." ער האָט ליב געהאַט אין רוסלאַנד איהר דאָרפיש לעבען, איהרע פעלדער, איהרע פויערים. אין דער זעלביגער צייט איז ער געווען דורכגעדרונגען מיט א טיפער ליבע צו די איינוואוינער פון קאַווקאַז, וואָס האָבען געפיהרט אזא עקשנות'דיגען קאַמף געגען רוסלאַנד. אַליין א רוס און א מיטגליד פון צוויי פאַרשיידענע עקספּעדיציעס געגען די טשערקעסען, איז דאָך זיין האַרץ פול געווען מיט סימפּאַטיע צו דעם מוטיגען, האַרציגען פאָלק אין זיין קאַמף פאר אומאָפּהענגיגקייט. איינע פון זיינע פּאָעמען: „איזמאַיל בעי" איז פּשוט א פאַרגעטערונג פון אָט־דעם קאַמף פון די טשערקעסען געגען די רוסען; אין א צווייטער פּאָעמע, איינער פון זיינע בעסטע, ווערט באַשריבען א טשערקעס, וואָס אַנטלויפט פון דעם שלאַכט־פעלד א היים צו זיך אין דאָרף, און זיין אייגענע מוטער שטויסט איהם אָפּ פון זיך אַלס פאַררעטער. אַן אַנדער פּערעל פון פּאָעזיע, זיין קורצערע פּאָעמע „וואַלעריק", ווערט באַטראַכט פון מענשען, וועלכע

האָבען אליין אָן אנטייל גענומען אין קריג, אַלס די פּינקטליכסטע באשרייבונג אין פּאָעזיע פון א שלאַכט. און דאָך האָט לער־מאָנטאָוו פיינט געהאַט קריג, און ער פארענדיגט איינע פון זיינע אויסגעצייכענטסטע באשרייבונגען פון קריג מיט די פאָלגענדע שורות:

„איך האָב געקלערט: ווי עלענד איז דער מענש! וואָס וויל ער דאָך? ...קלאָר איז דער הימעל; און אונטער איהם איז פּלאַץ פאַראַן פאר אלע; נאָר שטענדיג און אָהן אורזאַך איז זיין הארץ פול מיט האַס... פארוואָס?"

ער איז געשטאָרבען צו זיבען־און־צוואַנציג יאָהר. צום צווייטען מאָל אָן ארויסגעשיקטער אויף קאַווקאַז (פאר א דועל, וואָס ער האָט געהאַט אין פּעטערסבורג מיט באַראַנט'ן, א זוהן פון דעם פראַנצויזישען אמבאַסאַדאָר), האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין פּיאַטיגאָרסק, וואו עס איז דעמאָלט געווען דער זאַמעל־פונקט פון דער פּלאַכער וועלטליכער געזעלשאַפט, וואָס באַזוכט געוועהנליך די קור־ערטער. זיינע ווערטלאַך און חוזק, געריכטעט געגען איינעם אָן אָפיציר, מארטינאָוו, וואָס פּלעגט זיך איינוויקלען אין א מאַנטעל פון בייראָניזם, כדי לייכטער צו באַזיגען די הערצער פון יונגע מיידלאַך, האָבען געפיהרט צו א דועל. לערמאָנטאָוו, פּונקט ווי ער האָט געטאָן ביים ערשטען דועל, האָט אַבזיכטליך אויסגעשאָסען אָן א זייט, נאָר מארטינאָוו, וואָס האָט זיך אַזוי לאַנג געצילט, אַז ער האָט ארויסגערופען פּראָטעסטען פון די סעקונדאַנטען, — האָט לערמאָנטאָוו'ן דער'הרג'עט אויפ'ן שטעל.

פּושקין און לערמאָנטאָוו אַלס פּראָזע־שרייבער.

אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט פּושקין זיך אַלץ מעהר און מעהר אָפּגעגעבען מיט שרייבען פּראָזע. ער האָט אָנגעפאַנגען צו שרייבען א ברייטע געשיכטע פון דעם פּוגאַטשאָווער פּויערים אויפשטאַנד, וואָס האָט אויסגעבראָכען אין דעם יאָהר 1773 און האָט צוליב דעם צוועק געמאַכט א רייזע קיין מזרח־רוסלאַנד, וואו ער האָט געזאַמעלט, א חוץ די אַרכיוו־דאָקומענטען, אויך פּערזענליכע עראינערונגען פון איינציגע מענשען און פאָלקס־לעגענדעס, וואָס האָבען א שייכות צו אָט־דעם אויפשטאַנד. אין

דער זעלביגער צייט האָט ער אויך אָנגעשריבען די נאָוועלע „דעם קאַפּיטאַנ'ס טאָכטער"; די האַנדלונג דאָרט קומט אויך פאָר טאַקע אין יענער שטורעמדיגער צייט. די נאָוועלע געהערט ניט צו פּוש־קינ'ס בעסטע ווערק. אמת, אי פּוגאַטשאָוו'ס בילד, אי דאָס בילד פון דעם אַלטען דינער, אַקוראַט ווי דאָס גאַנצע לעבען אין דער קליינער מזרח־רוסישער פעסטונג, און וועלכער עס געפינען זיך נאָר עטליכע אַלטע אינוואַלידע סאָלדאַטען — ווערן זעהר רעאַ־ליסטיש געמאָלט; אָבער אין דעם אַלגעמיינעם געבוי פון דער נאָוועלע האָט פּושקין צופיל זיך געבוקט צו דעם סענטימענטאַ־ליזם פון יענער צייט. „דעם קאַפּיטאַנ'ס טאָכטער" און ספּעציעל אייניגע אַנדערע נאָוועלען פון פּושקינ'ען האָבען, פונדעסטוועגען, געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור. דורך זיי האָט פּושקין באַשאַפען די רעאַליסטישע שול אין רוסלאַנד, אַ סך פריהער איידער באַלזאַק אין פראַנקרייך, און פון יענער צייט אָן איז זי געוואָרן די הערשענדע שול אין דער רוסישער פּראָזע־ליטעראַטור. איך מיין ניט, פאַרשטעהט זיך, קיין רעאַליזם אין דעם זין פון מאָלען הויפּטזעכליך די נידעריגסטע אינסטינקטען פון דעם מענשען, ווי עס האָבען איהם מיספאַר־שטאַנען אייניגע פראַנצויזישע שריפטשטעלער, נאָר אין דעם זין פון באַהאַנדלען אי די הויכע, אי די נידעריגע ערשיינונגען פון דער מענשליכער נאַטור נאָהענט צו דער ווירקליכקייט און אין זייערע ריכטיגע פּראָפּאָרציעס. נאָך מעהר, די א י י נ פ א כ ק י י ט פון אַט־די נאָוועלען, סיי בנוגע צו דער פאַנאַנדערוויקלונג פון די פּאַסי־רונגען, סיי בנוגע צו דער באַהאַנדלונג זייערער, איז פּשוט וואונ־דערבאַר און אין דעם הינזיכט האָבען זיי אָנגעוויזען דעם אַנטוויק־לונגס־וועג, אויף וועלכען עס איז פון דעמאָלט אָן אוועק די רוסישע נאָוועלע. די נאָוועלען און ראָמאַנען פון לערמאָנטאָוו'ען, הערצענ'ען („ווער איז שולדיג?"), פון טורגעניעוו'ן און פון טאָלסטאָי'ען גע־הערן, לויט מיין מיינונג, גיכער צו פּושקינ'ס שול, ווי צו גאָגאָל'ס.

לערמאָנטאָוו האָט אויך געשריבען איין נאָוועלע אין פּראָזע, „דער העלד פון אונזער צייט", פון וועלכער דער העלד, פּעטשאָרין, איז ביז אַ געוויסען גראַד, געוועזען אַן אמת'ער פאַרשטעהער פון אַ טייל פון דער געבילדעטער געזעלשאַפט אין יענע יאָהרען פון ראַ־

מאַנטיזם. עס איז אמת, אַז אייניגע קריטיקער האָבען אין איהם געזעהן דאָס בילד פון'ם פּראָפעסער גופא און פון זיינע באַקאַנטע; נאָר, ווי לערמאָנטאָוו אַליין זאָגט אין דער פאָררעדע צו דער צווייטער אויסגאַבע פון אָט־דער נאָוועלע, — „דער העלד פון אונזער צייט" איז באמת אַ בילד, אָבער ניט פון איין מענשען; דאָס איז אַ בילד פון די פעלערען פון אונזער גאַנצען דור", צייגט דאָס בוך אָן אויף דער „קרענק, פון וועלכער זיין גאַנצער דור האָט געליטען".

פּעטשאָרין איז זעהר אַ קלוגער, מוטיגער מענש, ער איז אַן אונטערנעמונגס מענש; ער באַציהט זיך צו אַלץ, וואָס רינגעלט איהם אַרום, מיט קאַלטער פאַראַכטונג. ער איז, אָהן ספק, אַן אויסערגעוועהנליכער מענש, העכער פון פּושקינ'ס אָניעגין; נאָר ער איז פריהער פון אַלץ אַן עגאָאיסט, וואָס פאַרשווענדט זיינע גלענצענדיגע פעהיגקייטען אויף אַלערליי זינלאָזע אַוואַנטיורעס, וועלכע זיינען שטענדיג, אַזוי אָדער אַנדערש, פאַרבונדען מיט ליבעס. ער פאַרליבט זיך אין אַ טשערקעסען־מיידעל, וואָס ער דערזעהט אויף אַ דאָרטיגען קאַרניוואַל. דאָס מיידעל ווערט אויך פאַרכאַפּט פון דער שעהנקייט און פון דעם מעלאַנכאָלישען אויסזעהן פון דעם רוס. ער קאָן אָבער מיט איהר ניט חתונה האָבען, ווייל איהרע מאַכמעדאַנישע קרובים וועלען איהר קיינמאָל ניט לאָזען חתונה האָבען מיט אַ רוס. און פּעטשאָרין, מיט דער הילף פון איהר ברודער, גנבה'ט זי אויף אַ געוואַגטען אופן אַרויס און ברענגט זי אין אַ רוסישער פעסטונג, וואו פּעטשאָרין דינט אַלס אָפיצער. אין אַ משך פון עטליכע וואָכען האַלט זי נאָר אין איין וויינען, רעדט ניט אויס קיין וואָרט צום רוס; צו ביסלאַך פאַנגט זי איהם אָן ליב צו קריגען. דאָס איז דער אָנפאַנג פון דער טראַגעדיע. פּעטשאָרינ'ען איז די טשערקעסער שעהנהייט גיך נמאס געוואָרן; ער געהט אַלץ אָפטער פון איהר אוועק אויף געיעג־אַוואַנטיורעס, און איין מאָל, אין זיין אָפּוועזענהייט, גנבה'ט איהר אַרויס אַ טשערקעס, וואָס איז אין איהר געוועזען פאַרליבט. מען יאָגט זיך נאָך זיי נאָך און, ווען דער טשערקעס זעהט, אַז ער קאָן מיט איהר ניט אַנטלויפען, דער'הרג'עט ער זי מיט איין קלאַפּ פון זיין קינזשאַל. פאַר פּעטשאָרינ'ען איז אַזאַ אויסגאַנג אַזוי ווי געוואונשען.

אין עטליכע יאָהר אַרום ערשיינט פּעטשאָרין צווישען אַ רוסישער געזעלשאַפט אין איינעם פון די קאַווקאַזער קור־ערטער. דאָר־

טען באַגעגענט ער זיך מיט דער פּרינצעסין מאַריע, צו וועלכער עס שדכנ'ט זיך אַ יונגערמאַן, איינער אַ גרושניצקי, עפּעס אַ מין קאַוו־קאַזער קאַריקאַטור פון בייראָנ'ען, וואָס הילט זיך אין אַ מאַנטעל פון פאַראַכטונג צו מענשען, נאָר איז באמת אַ זעהר פּלאַכער פּאַר־שוין. פּעטשאָרין, וואָס איז באמת ווינציג־וואָס פאַראינטערעסירט אין דער פּרינצעסין מאַריע, האָט אָבער עפּעס אַ מין בייזען פאַרגעניגען צו מאַכען גרושניצקי'ן לעכערליך ביי איהר אין די אויגען און ער ווענדט אָן אַלע כחות, כדי צו ברייינגען דאָס מיידעל צו זיינע פיס. דאָס אָפּגעטאָן, פּאַרלירט ער צו איהר יעדען אינטערעס. ער שפּעט אָפּ פון גרושניצקי'ן, און ווען דער לעצטער רופט איהם אַרויס אויף אַ דועל, נעמט פּעטשאָרין אָן דעם אַרויסרוף און דער'הרג'עט איהם. דאָס איז געווען דער העלד פון יענער צייט, און מען מוז צוגעבען, אַז עס איז ניט געווען קיין קאַריקאַטור. אין אַ געזעל־שאַפט, פריי פון מאַטעריעלע זאָרגען (אין דער עפּאָכע פון ניקאָלאַי דעם ערשטען, אין די צייטען פון לייב־אייגענטום), ווען אין לאַנד איז ניט געווען קיין פּאָליטישער לעבען, פלעגען טאַלאַנטפולע מענ־שען ניט האָבען קיין אַנדער אויסגאַנג פאַר זייערע קרעפטען, נאָר אין אַזעלכע אַוואַנטיורעס, ווי פּעטשאָרינ'ס.

מען פאַרשפּאַרט, פאַרשטעהט זיך, זאָגען, אַז די נאָוועלע איז אויסגעצייכענט אָנגעשריבען — אַז זי איז פול מיט לעבעדיגע ביל־דער פון דער קאַווקאַזער „געזעלשאַפט"; אַז די כאַראַקטערען זיי־נען וואונדערבאַר אָנגעוואָרפען, און אַז אייניגע פון זיי, ווי, למשל, דער אַלטער קאַפּיטאַן מאַקסים מאַקסימיטש זיינען אויף שטענדיג געבליבען לעבעדיגע טיפּען פון די סימפּאַטישסטע פּאָרשטעהער פון דער מענשהייט. אַ דאַנק אָט־די מעלות איז „דער העלד פון אונזער צייט", אַקוראַט ווי „יעווגעני אָניעגין" געוואָרן אַ מוסטער פאַר אַ גאַנצער רייע שפּעטערדיגע נאָוועלען.

אַנדערע דיכטער און נאָוועליסטען פון דער זעלביגער עפּאָכע.

ק ר י ל אָ ו ו

דער פאַבעל־שרייבער קרילאָוו (1768—1844)) געהערט צו דער צאָהל רוסישע שריפטשטעלער, וואָס זיינען זעהר באַוואוסט

אין אויסלאַנד. די ענגלישע לעזער קאָנען איהם דורך דער אויס־געצייכענטער ארבייט און איבערזעצונגען פון אזא קענער פון רוסישער ליטעראַטור און שפּראַך, ווי ראַלסטאָן איז געווען; באמת, קאָן מען זעהר ווינציג צוגעבען צו דעם, וואָס ראַלסטאָן האָט געזאָגט וועגען דעם אויסגעצייכענטען אָריגינעלען שריפט־שטעלער.

ער שטעהט אויפ'ן גרענעץ צווישען צוויי יאָהרהונדערטען, און שפּיגעלט אָפּ אי דעם סוף פונ'ם אַכצעהנטען, אי דעם אָנפאַנג פונ'ם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט. ביז'ן יאָהר 1807 האָט ער געשריבען קאָמעדיעס, וואָס זיינען, נאָך מעהר פון אַנדערע קאָמעדיעס פון יענער צייט, געווען פּשוט'ע אימיטאַציעס פון פראַנצויזישע מוס־טערען. ערשט אין די יאָהרען 1807 — 1809 האָט קרילאָוו גע־פונען זיין אמת'ן בארוף; ער האָט אָנגעפאַנגען שרייבען פאַבעלס, און גאָר אינגיכען האָט ער פאַרנומען איינעם פון די אָנגעזעהענסטע פּלעצער ניט נאָר אין רוסלאַנד צווישען די פאַבעל־שרייבער, נאָר אויך אין אַלע מאָדערנע ליטעראַטורען. אַ סך פון זיינע פאַבעלס — לכל הפּחות די, וואָס זיינען מעהרסטענס באַוואוסט — זיינען איבערזעצונגען פון לאַפאָנטעינ'ען; און דאָך זיינען זיי אָריגינאַלע שאַפונגען. לאַפאָנטעינ'ס חיות פיהרען זיך אויף ווי אַקאַדעמיש געבילדעטע פראַנצויזען פון דער העכערער געזעלשאַפט; אפילו די פּויערים פון זיינע פאַבעלס קומען אויך פון ווערסאַל. אין קרי־לאָוו'ס פאַבעלס איז אָבער דערפון ניטאָ קיין שפּור. יעדע חיה אין זיינע פאַבעלס האָט אַ באַשטימטען כאַראַקטער — וואונדער־באַר נאָהענט צום לעבען. נאָך מעהר, אפילו די פּערזען־מאָס ווערט איבערגעביטען און צוגעפּאַסט צו יעדער נייער חיה, וואָס ווערט אַריינגעבראַכט: דער שווער־געוויכטיגער טפּוש, דער בער; דער קלוגער, כיטרער פוקס, אָדער די ריהרעוודיגע מאַלפּע — אַלע רעדען זיי ביי קרילאָוו'ן מיט זייער אייגענער שפּראַך. קרילאָוו האָט גע־נוי שטודירט יעדע פון אָט־די חיות; ער האָט געוואוסט יעדען ריהר זייערען; ער האָט שוין אַ צייט פריהער, נאָך איידער ער האָט אָנ־געפאַנגען שרייבען פאַבעלס און אַרויספיהרען זיינע חיות אין זיי, געמוזט מיט ליבע זיך צוקוקען צום לעבען פון די וואַלד־ און פעלד־איינוואוינער און באַמערקען די קאָמישע זייטען פון זייער לעבען.

דערפאר קאָן מען קרילאָוו'ן באטראכטען אלס דעם גרעסטען פאַבעל־שרייבער ניט נאָר פון רוסלאנד — וואו ער האָט געהאַט אַ טאַלאַנט־פולען קאָנקורענט אין דמיטריעוו'ן (1760—1837)) — נאָר אויך פון אַלע אַנדערע לענדער פון דער מאָדערנער צייט. אמת, קרילאָוו'ס פאבעלס צייכענען זיך ניט אויס מיט קיין טיפקייט, עס פעלט אין זיי די טיפע, שניידענדיגע איראָניע. איהר געפינט דאָרטען ניט קיין אַנדער זאַך, אויסער די גוטמוטיגע, לייכט־פליסענדיגע איראָניע, וואָס האָט אַזוי הארמאָניזירט מיט קרילאָוו'ס שווערען קערפּער, מיט זיין מערקווירדיגער פוילקייט און מיט זיין נייגונג רוהיג זיך צו פאַרטיפען אין געדאנקען. אָבער, איז דען ניט דאָס אמת'ע רייך פון דער פאַבעל, וואָס טאָר ניט צוזאַמענגעמישט ווערן מיט דער סאַטירע?

דערצו נאָך איז אין דער רוסישער ליטעראטור ניט פאראַן קיין אַנדער שריפטשטעלער, וואָס זאָל בעסער פאַרשטעהן דעם אמת'ען תוך פון דער ווירקליכער פאָלקס־שפּראַך און זי בעסער באַזיצען, ווי קרילאָוו. נאָך אין יענער צייט, בעת די רוסישע ליטעראַטען האָבען זיך געוואַקעלט אינ'ם אויסוואַל צווישען דעם עלעגאנטען אייראָפּעאיזירטען סטיל פון קאראַמזינ'ען און דער אומגעלומפּערטער האַלב־סלאַווישער שפּראַך פון די נאַציאָנאַליסטען פון דער אַלטער שול, האָט קרילאָוו, — אפילו אין זיינע ערשטע פאַבעלס, וואָס ער האָט אָנגעשריבען אינ'ם יאָהר 1807, — שוין געהאַט אויסגעארבייט אַ סטיל, וואָס האָט איהם גלייך אוועקגעשטעלט אין אַ לאַגע, וועלכע איז אין דער רוסישער ליטעראַטור געווען איינציג אין איהר אַרט און איז ביז איצטער ניט איבערשטיגען געוואָרן אפילו דורך אַזעלכע מייסטערס פון דער רוסישער פאָלקסשפּראַך, ווי אָסטראָווסקי און איינִיגע פון די נאָוועליסטען־פאָלקיסטען פון אַ שפּעטערדיגער עפּאָכע. אין עלעגאַנץ, קרעפטיגקייט פון אויסדרוק און שטרענגער טרייהייט צום אמת'ען גייסט פון דער רוסישער פאָלקסשפּראַך, האָט קרילאָוו ניט קיין קאָנקורענטען.

די קלענערע דיכטער.

עטליכע מינדערוויכטיגע דיכטער, צייט־גענאָסען פון פּושקינ'ען און לערמאָנטאָוו'ן, און איינִיגע פון זיי פערזענליכע פריינט

זייערע, מוזען דערמאַנט ווערן אין אַט־דעם קאַפּיטעל. פּושקינ׳ס איינפלוס איז אַזוי גרויס געווען, אַז ער האָט געמוזט אַרויסרופען אַ שול פון שריפטשטעלער, וואָס זאָלען איהם נאָכפאָלגען אין זיין וועג. קיינער פון זיי האָט ניט דערגרייכט די באַדייטונג פון אַ וועלט־דיכטער, נאָר יעדער איינער פון זיי האָט אויף דעם אָדער יענעם אופן מיטגעהאָלפען דער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער פּאָעזיע און געהאַט אַ הומאַניזירענדע, דערהויבענדע ווירקונג אויף דער רוסישער געזעלשאַפט.

קאָלצאָוו (1779־1840) האָט אָפּגעשפּיגעלט אין זיין פּאָעזיע דעם עקסטרעם־טרויעריגען כאַראַקטער פון זיין לעבען. אין דעם עלטער פון אַ יאָהר פערציג איז ער פּאַראַליזירט געוואָרן אויף ביידע פיס, און עטוואָס שפּעטער האָט ער פאַרלאָרן זיין ראיה; נאָר די קראַנקהייט האָט ניט באַרירט זיין פּאָעטישען טאַלאַנט, און ער האָט דיקטירט צו זיין טאָכטער איניגע פון די טרויעריגסטע עלע־גיעס, וואָס די רוסישע ליטעראַטור באַזיצט און אויך אַ גאַנצע רייע אויסגעצייכענטע איבערזעצונגען. זיין „מאָנאָך" האָט אין רוסלאַנד אַרויסגערופען טרערען ביי יעדען איינציגען, און פּושקין האָט שטאַרק געלויבט די קרעפטיגקייט פון אַט־דער פּאָעמע. באַ־שאָנקען מיט אַ וואונדערבאַרען זכרון — ער האָט געקענט אויס־ווענדיג גאַנץ בייראָן, אַלע פּאָעמעס פון וואַלטער סקאָט, גאַנץ ראַסין, טאַססאָ און דאַנטע — האָט קאָלצאָוו, ווי זשוקאָווסקי, מיט וועמען ער האָט געהאַט אַ סך אַלגעמיינעס, געמאַכט אַ גרויסע צאָהל איבערזעצונגען פון פרעמדע שפּראַכען, ספּעציעל פון די ענגלישע דיכטער־אידעאַליסטען, און איניגע פון זיינע פּוילישע איבערזע־צונגען, ווי, למשל, די „קרימער סאָנאַטען" פון מיצקעוויטש׳ען, זיינען אמת׳ע קונסט־ווערק.

דעלוויג (1798—1831), פּושקינ׳ס אַ ליצייאום־חבר, איז געווען זיינער אַ נאָהענטער פריינד. אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט ער פאַרגעשטעלט די שטרעבונג אויפצולעבען די אַלט־גריכישע פאָרמען פון דער פּאָעזיע, גליקליכערוויז האָט ער אין דער זעלביגער צייט אויך פּרובירט צו שרייבען אין דעם סטיל פון די רוסישע פאָלקס־לידער און זיינע לירישע ווערק אין אַט־דער פאָרם האָבען איהם שטאַרק באַליבט געמאַכט אין זיין צייט. איי־ניגע פון זיינע ראָמאַנסען זיינען נאָך עד היום פּאָפּולאַר.

באַראַטינסקי (1800—1844) האָט אויך געהערט צו דער גרופּע פון פּושקינ׳ס פריינט. אונטער דעם איינפלוס פון דער ווילדער נאַטור פון פינלאַנד, וואו ער האָט פאַרבראַכט עטליכע יאָהר אין פאַרשיקונג, איז ער געוואָרן אַ ראָמאַנטישער דיכטער, פול מיט ליבע צו דער נאַטור, מיט מעלאַנכאָליע, און טיף פאַר־אינטערעסירט אין פילאָזאָפישע פראַגען, אויף וועלכע ער האָט ניט געקאָנט געפינען קיין ענטפער. איהם האָט, אויף אַזאַ אופן, גע־פעלט אַ באַשטימטע לעבענס־אַנשויאונג, אָבער אַלץ וואָס ער האָט געשריבען איז געווען אין אַ שעהנער פאָרם, אין זעהר אויסדרוקס־פולע עלעגאַנטע פערזען.

יאַזיקאָוו (1803—1846) איז אויך איינער פון אָט־דעם קרייז. ער איז געווען נאָהענט באַפריינדעט מיט פּושקינ׳ען, וועלכער האָט שטאַרק באַוואונדערט זיינע פערזען. מען מוז אָבער זאָגען, אַז יאַזיקאָוו׳ס פּאָעזיע האָט הויפּטזעכליך געהאַט אַ היס־טאָרישע באַדייטונג אין דעם זין פון פאַרפּאָלקאָמען די פאָרמען פון פּאָעטישען אויסדרוק. צום אומגליק, האָט ער כמעט שטענדיג געמוזט קעמפען געגען קראַנקהייט, און איז געשטאָרבען פונקט ווען זיין טאַלאַנט האָט זיך פאָלשטענדיג אַנטוויקעלט.

ווענעוויטינאָוו (1805—1822) איז נאָך יינגער געשטאָרבען; עס וועט אָבער ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגען, אַז ער האָט פאַרשפּראָכען צו ווערן אַ גרויסער דיכטער, באַגאַבט מיט דער זעלביגער טיפקייט פון פילאָסאָפישער אויפפאַסונג ווי געטהע, און האָט געהאַט בכח צו דערגרייכען אויך דיזעלביגע שעהנקייט פון פאָרם. די עטליכע פערזען, וואָס ער האָט אָנגעשריבען אינ׳ם משך פון דעם לעצטען יאָהר פון זיין לעבען האָבען אויפגעדעקט די פּלוצלונג דערגרייכטע רייפקייט פון אַ גרויסען פּאָעטישען טאַ־לאַנט און זיי קאָנען פאַרגליכען ווערן מיט די פערזען פון די גרע־סטע דיכטער.

פירשט אַלעקסאַנדער אָדאָיעווסקי (1803—1839) און פּאָלעזשאַיעוו (1806—1838) זיינען אויך דיכטער, וואָס זיינען געשטאָרבען יונג, און וועמעס לעבענס זיינען אינגאַנצען צעבראָכען געוואָרן דורך פּאָליטישע פאַר־פאָלגונגען. אָדאָיעווסקי איז געווען אַ פריינט פון די דעקאַבריסטען.

נאָך דעם 14טען דעצ. פון 1825, האָט מען איהם אַרעסטירט און פאַרשפאַרט אין דער פעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, און דערנאָך פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע אין סיביר, וואו ער איז אָפּגעווען צוועלף יאָהר, און דאַן האָט מען איהם ערשט אָפּגעגעבען פאַר אַ סאָלדאַט און פאַרטריבען קיין קאַווקאַז. דאָ האָט ער זיך באַפריינדעט מיט לערמאָנטאָוו'ען, וועלכער האָט אָנגעשריבען איינע פון זיינע בעסטע עלעגיעס אויף אָדאָיעווסקי'ס טויט. אָדאָיעווסקי'ס פערזען (זיי זיינען ניט געדרוקט געוואָרען ביי זיין לעבען) ליידען פון מאַנגעל אין פאַרענדיגונג, אָבער ער איז געווען אַן אמת'ער דיכטער און אויך אַ פאַטריאָט, ווי מען קאָן זעהן פון זיין „חלום פון אַ דיכטער" און פון זיין היסטאָרישער פּאָעמע „וואַסילקאָ".

דער גורל פון פּאָלעזשאַיעוו'ן איז געווען נאָך טראַגישער. ווען ער איז סך הכל אַלט געווען צוואַנציג יאָהר — אַ גלענצענדער סטודענט פון דער מאָסקווער אוניווערזיטעט — האָט ער אָנגעשריבען אַן אויטאָביאָגראַפישע פּאָעמע „סאַשקאַ", פול מיט אַנצוהערענישען וועגען די צרות פון דער אויטאָקראַטיע און מיט וואַרימע ווערטער פאַר פרייהייט. אָט־די פּאָעמע האָט מען געוויזען ניקאָלאַי דעם ערשטען, און ער האָט באַפוילען, אז מען זאָל דעם דיכטער אָפּגעבען פאַר אַ סאָלדאַט. די דינסט האָט דעמאָלט געדויערט פינף־און־צוואַנציג יאָהר, און פּאָלעזשאַיעוו האָט ניט געזעהן פאַר זיך קיין מעגליכקייט זיך צו באַפרייען פון אָט־דער לאַגע. נאָך מעהר: פאַר אַ ניט־אויטאָריזירטער אָפּוועזענהייט פון זיין פּאָלק (ער איז אַוועק קיין מאָסקווע אָנצוגעבען אַ פּעטיציע צום צאַר מכח זיין באַפרייאונג) האָט מען איהם פאַר'משפט צו טויזענט שמיץ און נאָר עפּעס דורך אַ גליקליכען צופאַל האָט ער זיך אויסגעדרעהט פון דער שטראָף. ער האָט קיינמאָל קיין שלום ניט געמאַכט מיט זיין גורל און אין דער שרעקליכער קאַזאַרמע־סביבה פון יענע צייטען איז ער פאַרבליבען, וואָס ער איז געווען: אַ תלמיד פון בייראָן, לאַמאַרטין און מאַקפערסאָן, אַ מוטיגער קעמפער געגען טיראַניי, אין זיינע פערזען, וואָס זיינען געשריבען געוואָרן מיט טרערען און בלוט. ווען ער האָט שוין געהאַלטען ביים אויסגעהן פון שווינדזוכט אין אַ מיליטערישען שפּיטאָל אין מאָסקווע, האָט איהם ניקאָלאַי דער ערשטער באַגנאַדיגט, און ווען דער דיכ־

טער איז שוין געווען טויט, איז אָנגעקומען דער באַפעהל, מען זאָל איהם דערהויבען צום ראַנג פון אַן אָפיצער.

אַזאַ גורל איז אויך אויסגעפאַלען דעם אוקראַינישען דיכטער שעווטשענקאָ'ן (1814—1861), וועמען מען האָט אַפּגעגעבען אין 1847, פאַר אַ סאָלדאַט אַלס שטראָף פאַר עטליכע פון זיינע לידער. זיינע עפּישע פּאָעמען פון דעם לעבען פון די פרייע קאָזאַקען אין די אַלטע צייטען, זיינע האַרץ־רייסענדיגע פּאָעמען פון דעם לעבען פון די לייב־אייגענע, און זיינע לירישע לידער — אַלע געשרי־בען אין דער אוקראַינישער שפּראַך, צייכענען זיך אויס אי מיט זייער טיפען אינהאַלט, איז מיט זייער שעהנער פאָרם, און זיינען אין דער זעלביגער צייט זעהר פאָלקסטימליך. שעווטשענקאָ'ס ווערק קאָנען אָוועקגעשטעלט ווערן אין איין רייע מיט די בעסטע ווערק פון דער אַלוועלטליכער פּאָעזיע.

פון די פּראָזע־שרייבער פון דער זעלביגער עפּאָכע קאָנען נאָר עטליכע דערמאָנט ווערן אין אָט־דעם בוך, און אויך נאָר אין קורצען. אַלעקסאַנדער בעסטוזשעוו (1797־1837), וועלכער האָט געשריבען אונטער'ן פסעוודאָנים מאַר־לינסקי — איינער פון די דעקאַבריסטען, וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר און נאָכדעם קיין קאַווקאַז אַלס סאָלדאַט — האָט געשריבען נאָוועלען, וואָס זיינען זעהר פיל געלייענט געוואָרן. ווי פּושקין און לערמאָנטאָוו, איז ער אויך געווען אונטער בייראָנ'ס איינפלוס און פלעגט באַשרייבען די „טיטאַנישע ליידענשאַפטען” אין בייראָנ'ס סטיל, ווי אויך מערקווירדיגע אַוואַנטיורעס אין דעם סטיל פון די פראַנצויזישע נאָוועליסטען פון דער ראָמאַנטישער שול. ער פאַרדינט אָבער אין דערזעלביגער צייט מען זאָל איהם באַ־טראַכטען אַלס דער ערשטער נאָוועלען־שרייבער פון רוסישען לע־בען, אין וועלכע עס זיינען באַהאַנדעלט געוואָרען סאָציאַלע פראַגען.

פון די אַנדערע פּאָפּולאַרע נאָוועליסטען פון יענער עפּאָכע דאַרף מען דערמאָנען זאַגאָסקינ'ען (1789—1852), דעם פאַר־פאַסער פון די זעהר פּאָפּולאַרע היסטאָרישע ראָמאַנען „יורי מי־לאָסלאַווסקי”, „ראָסלאַוול” א. אז. וו., געשריבען אין אַ סענטי־מענטאַל־פּאַטריאָטישען סטיל; גאַריעזשניי'ן (1780—1825), וואָס ווערט באַטראַכט פון אייניגע קריטיקער אַלס דער

פאַרלויפער פון גאָגאָל'ן, ווייל ער פלעגט שוין שרייבען אין אַ רעאַליסטישען סטיל, באַשרייבענדיג, ווי גאָגאָל, די פינסטערע זייטען פון דעם רוסישען לעבען; און ל אַ ז ש ע ט ש נ י־ ק אָ װ ' ן (1792—1868), דעם פאַרפאַסער פון אַ סך זעהר פּאָ־ פולערע היסטאָרישע ראָמאַנען פון דעם רוסישען לעבען.

קאַפּיטעל דריי.

גאָגאָל.

מאַלאָראָסיע. — „אָווענטען אויף אַ כוטאָר נעבען דיקאַנקע" און „מירגאָראָד". — דאָס דאָרפס־לעבען און הומאָר. — „ווי איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך צוקריגט מיט איוואַן ניקיפאָראָוויטש". — די היסטאָרישע דערצעהלונג „טאַראַס בולבאַ". — „דער שינעל". — דראַמע: „דער רעוויזאָר. — זיין איינפלוס — „טויטע נשמות". — די הויפּטטיפּען. — רעאַליזם אין דער רוסישער דערצעהלונג.

מיט גאָגאָל'ן פאַנגט זיך אָן אַ נייער פּעריאָד אין דער רוסישער ליטעראַטור, וועלכען די רוסישע קריטיקער רופען: „דער גאָגאָל־פּעריאָד" און וועלכער ציהט זיך ביז דעם היינטיגען טאָג. גאָגאָל איז ניט געווען קיין גרויס־רוס. ער איז געבוירען געוואָרען אין דעם יאָהר 1809 אין אַ קליין־רוסישער אוקראַאינישער פּריצ'ישער פאַמיליע. זיין פאָטער האָט נאָך ארויסגעוויזען אַ שטיקעל ליטעראַרישען טאַלאַנט און האָט אָנגעשריבען עטליכע קאָמעדיעס אין אוקראַאיניש, נאָר גאָגאָל האָט זיין פאָטער אָנגעווארען אין זיין פריהער יוגענט. דאָס איינגעל האָט געקראָגען זיין בילדונג אין אַ קליין פּראָווינציעל שטעדטעל, וואָס ער האָט נאָר אין גיכען פאַרלאָזט, און צו ניינצעהן יאָהר איז ער שוין געווען אין פּעטערבורג. אין יענער צייט האָט ער געטרוימט צו ווערן אַן אקטיאָר, נאָר דער פאַרוואַלטער פון די פּעטערבורגער קייזערליכע טעאַטערען האָט איהם ניט צוגענומען, און גאָגאָל האָט געמוזט זוכען אַן אַנדער געביט פון טעטיגקייט. ער האָט געפונען אַ רעגירונגס־שטעלע, נאָר דער אַמט פון אַ קליינעם טשינאָווניק איז, אויגענשיינליך, ניט גענוג געווען איהם צו פאַראינטערעסירן, און ער האָט אין גיכען אָנגעפאַנגען זיין ליטעראַרישע קאַריערע.

זיין דעביוט האָט ער געמאַכט אינ'ם יאָהר 1829 מיט קליינע דערצעהלונגען פון דעם אוקראַאינישען דאָרפס־לעבען. די „אָווענטען

אויף אַ כוטאָר נעבען דיקאַנקע", נאָך וועלכע עס האָט אין גיכען נאָכגעפאָלגט אַן אַנדער סעריע פון קליינע דערציילונגען אונטער'ן נאָמען „מירגאָראָד", האָבען פאַר איהם באַלד געוואונען ליטעראַרישען רוהם און איהם אריינגעפיהרט אין דעם קרייז פון זשוקאָווסקי'ן און פושקינ'ען. די צוויי דיכטער האָבען גלייך אַנערקענט גאָגאָל'ס זשעני און האָבען איהם אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס.

קליין-רוסלאַנד איז היבשלאַך פאַרשיידען פון די צענטראַלע טיילען פון דער אימפעריע, ד. ה. פון די גובערניעס, וואָס ליגען אַרום מאָסקווע, און וועלכע זיינען באַוואוסט אונטער'ן נאָמען פון גרויס-רוסלאַנד. קליין-רוסלאַנד ליגט אַ ביסעל מעהר צו דרום, און אַלץ וואָס איז זידליך, האָט שטענדיג אַ געוויסע צוציהונג פאַר דעם איינוואוינער פון צפון. די דערפער אין קליין-רוסלאַנד זיינען ניט איינגעאָרדענט אין גאַסען, ווי די דערפער אין גרויס-רוסלאַנד, נאָר זייערע ווייס-געשמידטע שטיבלאַך ליגען צעוואָרפען, ווי אין מערב-אייראָפּע, און זיינען אַרומגערינגעלט מיט וואונדערבאַרע סעדלאַך. דער מעהר גינסטיגער קלימאַט, די וואַרימע נעכט, די מוזיקאַלישע שפּראַך, די שעהנקייט פון דער באַפעלקערונג, וואָס שטעלט וואַרשיינליך פאָר אַ געמיש פון זיד-סלאַוויש מיט טערקיש און פויליש בלוט, די פיל-קאָלירענדיגע קליידער און די לירישע לידער — דאָס אַלץ מאַכט קליין-רוסלאַנד ספּעציעל אָנציהענד פאַר דעם גרויס-רוס. אויסער דעם, איז דאָס לעבען אין די קליין-רוסישע דערפער מעהר פּאָעטיש, ווי אין די גרויס-רוסישע דערפער. אין אוקראַינע עקזיסטירט מעהר פרייהייט אין די באַציהונגען צווישען יונגע בחורים און מיידלאַך: זיי באַגעגענען זיך גאַנץ פריי נאָך פאַר דער חתונה; די אָפּגעזונדערטקייט פון דער פרוי, וואָס איז געוועזן אַ רעזולטאַט פון דער ביזאַנטישער ווירקונג אויף מאָסקווע, עקזיסטירט ניט אין קליין-רוסלאַנד, וואו ס'האָט געהערשט דער איינפלוס פון פוילען. די אוקראַינער האָבען אויך אויפגעהאַלטען אַ שלל מיט טראַדיציעס און עפּישע פּאָעמען און לידער פון די צייטען, ווען זיי זיינען געווען פרייע קאָזאַקען און פלעגען קעמפען געגען די פּאָליאַקען אין צפון און געגען די טערקען אין דרום. זיי איז אויסגעקומען צו פאַרטיידיגען די גריכיש-אָרטאָדאָקסישע רעליגיע פון אָט-די צוויי שונאים און עד היום זיינען זיי צוגעבונדען צו דער רוסישער קירך; נאָר אין די קליין-רוסישע

דערפער איז ניטאָ יענע ליידענשאַפט צו סכאָלאַסטישע דיסקוסיעס וועגן דעם בוכשטאַב פון די הייליגע ביכער, וואָס מען באַגעגנט אַזוי אָפט אין רוסלאַנד צווישען די קירך־שפּאַלטער. די רעליגיע פון די אוקראַינער האָט בכלל אַ מעהר פּאָעטישען כאַראַקטער.

די אוקראַינישע שפּראַך איז זיכער מעהר מעלאָדיש, ווי די גרויס־רוסישע, און עס באַמערקט זיך היינטיגע צייטען אַן ערנסטע באַוועגונג, וואָס באַצוועקט די ליטעראַרישע אַנטוויקלונג פון אָט־דער שפּראַך; נאָר פונדעסטוועגען געפינט זי זיך אפילו איצטער נאָך אין דעם אַנטוויקלונגס־צושטאַנד, און גאָגאָל האָט זעהר קלוג געטאָן, וואָס ער האָט געשריבען אויף דער גרויס רוסישער שפּראַך— דאָס הייסט, אויף דער שפּראַך פון זשוקאָווסקי, פּושקין און לער־מאָנטאָוו. אויף אַזאַ אופן האָבען מיר אין גאָגאָל'ן אַ מין פאַר־איייניגונג צווישען די צוויי נאַציאָנאַליטעטען.

עס וואָלט געווען אוממעגליך צו געבען דאָ אַ באַגריף וועגען דעם הומאָר און שאַרפזין, וואָס געניפען זיך אין גאָגאָל'ס דער־צעהלונגען פון דעם אוקראַינישען לעבען, ניט ציטירענדיג קיין גאַנצע זייטען. דאָס איז דער גוט־האַרציגער געלעכטער פון אַ יונגען מאַן, וואָס געניסט אַליין די פרוקייט פון לעבען און לאַכט אַליין, קוקענדיג אויף די קאָמישע פּאָזעס, אין וועלכע ער האָט אוועקגעשטעלט זיינע העלדען: אַ דאָרפישען דיאַק, אַ רייכען פּויער, אַ דאָרפישע מאַטראָנע אָדער אַ דאָרפישען שמיד. ער איז איבערפילט מיט גליק; קיין איין וואָלקענדעל פאַרטונקעלט ניט זיין לעבענס־פרייד. מען דאַרף אָבער באַמערקען, אַז די טיפּען, וואָס ער שילדערט, ווערן ניט קאָמיש לויט'ן קאַפּריז פונ'ם דיכ־טער: פאַרקערט, גאָגאָל איז שטענדיג אַ פּינקטליכער רעאַליסט. יעדער פּויער, יעדער דיאַק פון זיינע דערצעהלונגען זיינען גענומען פון רעאַלען לעבען, און אין דעם באַצוג טראָגט גאָגאָל'ס רעאַליזם כמעט אַן עטנאָגראַפישען כאַראַקטער און פאַרלירט דערביי קיינ־מאָל ניט זיין פּאָעטישען גלאַנץ. אַלע אַבערגלויבענס פון דעם דאָרפישען לעבען אין דער נאַכט פון ווייינאַכטען, בעת די בייז־וויליגע גייסטער און שדים זיינען פריי ביז דער האָן טוט אַ קרעה — געהען פאַרביי פאַר'ן לעזער, און אין דערזעלביגער צייט האָבען מיר פאַר זיך דעם גאַנצען שאַרפזין, וואָס דער קליין־רוס באַזיצט. ערשט שפּעטער האָט זיך גאָגאָל'ס נייגונג צו קאָמיזם קריסטאַליזירט אין

דעם, וואס קאן מיט רעכט אנגערופען ווערן „הומאר", ד. ה. אין עפעס א מין קאנטראסט צווישען דער קאמישער סביבה און דעם טרויערדיגען וועזען פון לעבען, וועגען וועלכען פושקין האט באַמערקט, אז „הינטער זיין געלעכטער פילט איהר די אומזעהבארע טרערען".

ניט אלע גאגאל'ס קליין־רוסישע דערצעהלונגען זיינען גענומען פונ'ם פויערים־לעבען. אייניגע באהאנדלען דאס לעבען פון די העכסטע קלאסען פון דער באפעלקערונג פון די קליינע שטעדטלאך. די דערצעהלונג „ווי אזוי איוואן איוואנאוויטש האט זיך צוקריגט מיט איוואן ניקיפאראוויטש'ן" איז איינע פון די הומאַריסטישסטע דערצעהלונגען אין דער אלוועלטליכער ליטעראטור. איוואן איוואנאוויטש און איוואן ניקיפאראוויטש זיינען געוועזען צוויי שכנים און האבען צווישען זיך געלעבט זעהר פריינטליך; נאר די אומפארמיידליכקייט פון זייער קריג פילט מען שוין פון די ערשטע שורות פון דער דערצעהלונג. איוואן איוואנאוויטש איז געוועזען א מענש מיט זעהר איידעלע מאנירען. ער האט קיינמאל ניט פארגעלעגט קיין שמעק־טאבאק צו א באקאנטען, ניט זאגענדיג דערביי: „מעג איך וואגען, מיין הער, אייך צו בעטען צו זיין אזוי גוט און זיך טאן א געפעליגקייט?" ער האט זיך אויסגעצייכענט מיט גרויסער פינקטליכקייט. האט ער אויפגעגעסען א דיניע, פלעגט ער איינוויקלען די קערנער אין א שטיקעל פאפיר און דארויף אויפשרייבען: „דיזע דיניע איז אויפגעגעסען געווארן אין דעם און דעם דאטום", און אויב ביים טיש איז דערביי געוועזען זיינער א פריינט, פלעגט ער צוגעבען: „אין דער אנוועזענהייט פון דעם און דעם". נאר אין תוך איז איוואן איוואנאוויטש געוועזען א קמצן, וואס האט זעהר הויך געשעצט די באקוועמליכקייט פון זיין אייגען לעבען און האט גאר קיין חשק ניט געהאט זיך צו טיילען מיט אנדערע מענשען. זיין שכן, איוואן ניקיפאראוויטש, איז געוועזען פונקט דער היפוך פון איהם. ער איז געוועזען זעהר דיק און שווער און האט ליב געהאט קרעפטיגע אויסדרוקען. אין א הייסען זומער טאג פלעגט ער אראפנעמען פון זיך אלע זיינע קליידער און זיך אזוי אוועקזעצען אין סאד און זיך ווארעמען דעם רוקען. האט ער עמיצען מכבד געוועזען מיט א שמעק־טאבאק, פלעגט ער פשוט דערלאנגען דאס פושקעלע טאבאק און א זאג

טאָן: „געניסט”. ער האָט ניט געוואוסט פון די ראפינירטע מאַנירען פון זיין שכן און פלעגט ליב האָבען אין דער הויך אויסדריקען זיינע מיינונגען. אָט די צוויי שכנים, וואָס זיינען אַזוי פאַרשיידען איינער פונ׳ם אנדערן, וועמעס גיטער עס זיינען געווען אָפּגעטיילט נאָר מיט אַ נידעריגען פּלויט, האָבען אומפאַרמיידליך זיך געמוזט אין איין שעהנעם טאָג צוקריגען; און אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט.

איין מאָל האָט דער דיקער און גראָבער איוואַן ניקיפאָראָוויטש דערזעהן ביי זיין פריינט אַן אַלטע נוצלאָזע ביקס און ס׳האָט זיך ביי איהם צופלאַקערט דער באַגער צו באַקומען אָט די ביקס. ער האָט זי לחלוטין ניט געדאַרפט, נאָר אפשר טאַקע דערפאַר האָט ער זי אַזוי געוואָלט. און אָט־די תאוה זיינע האָט געפירט צו אַ קריג, וואָס האָט געדויערט יאָהרען און יאָהרען. איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זעהר פאַרנינפּטיג באַמערקט זיין שכן, אַז ער דאַרף די ביקס ניט האָבען. דער שכן, באַליידיגט פון אָט־דער באַמערקונג, האָט געענטפערט, אַז די ביקס דאַרף ער גראָד נויטיגער פון אַלץ, און האָט איהם פאָרגעלעגט, אויב ער וויל ניט פאַר זיין ביקס קיין געלט, צו געבען פאַר איהר — אַ חזיר... דאָס איז שוין פאַר איוואַן איוואַנאָוויטש׳ען געווען אַ שרעקליכע באַליידיגונג: „ווי קאָן אַן אדעלמאַן אויסבייטען אַ ביקס, וואָס איז דער סימבאָל פון געיעג, פון דעם אדעל־שטאַנד, אויף — אַ חזיר!” אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און דער באַליידיגטער שכן האָט איוואַן איוואַנאָוויטש׳ען אָנגערופען גאָנער... אָט־דאָס האָט געפירט צו אַ טויטליכער שנאה, פול מיט די קאָמישסטע עפּיזאָדען. זייערע פריינט האָבען געטאָן אַלץ אין דער וועלט, כדי ווידער שלום־מאַכען צווישען זיי און עפּעס איין מאָל האָט זיך זייער אַרבייט שיער ניט געקרוינט מיט ערפאָלג; די צוויי פריינט זיינען צוזאַמענגעפירט געוואָרן אין איין פּלאַץ —ביידע געשטופּט געוואָרן פון הינטען דורך זייערע פריינט; איוואַן איוואַנאָוויטש האָט שוין געהאַט אריינגעטאָן זיין האַנט אין קעשענע, כדי אַרויסצונעמען זיין טאַבאַק־פּושקע און זי פאָרלעגען זיין שונא, כאַפּט זיך דער לעצטער אַרויס מיט אַן אומגליקליכער באַמערקונג: „ערלויבט מיר אייך צו זאָגען, ווי אַ פריינט, איוואַן איוואַנאָוויטש! איהר האָט זיך באַליידיגט דער רוח ווייסט פאַר וואָס: פאַר דעם, וואָס איך האָב אייך אָנגערופען

גאַנער״... אַלע אָנשטרענגונגען פון די פריינט זיינען געגאַנגען אין ניוועץ איבער די עטליכע אומטאַקטישע ווערטער. די שנאה איז באַנייט געוואָרן נאָך מיט מעהר ביטערקייט און, אַזוי ווי טראַגעדיע געהט נאָך אין די פוס־טריט פון קאָמעדיע, ווערן די צוויי שונאים אויף די עלטערע יאָהרען אין גאַנצען רואינירט, ארומשלעפענדיג זיך פון געריכט צו געריכט.

„טאַראַס בולבאַ״ — „דער שינעל״.

דער פערעל פון גאָגאָל׳ס נאָוועלען פון דעם אוקראַינישען לע־בען איז א היסטאָרישע דערצעהלונג, „טאַראַס בולבאַ״, וואָס באַ־לעבט איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע פעריאָדען אין דער גע־שיכטע פון אוקראַינע — דעם פופצעהנטען יאָהרהונדערט. קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל איז דעמאָלט געהאַט אריינגעפאַלען אין די הענט פון די טערקען; און הגם אין מערב איז אויסגעוואַקסען א מעכ־טיגער פויליש־ליטווישער שטאַט, זיינען די טערקען, פונדעסט־וועגען געווען א סכנה אי פאַר מזרח־ אי פאַר מיטעל־אייראָפּע. אָט־דעמאָלט זיינען די אוקראַינער אויפגעשטאַנען צו פאַרטיידיגען רוסלאַנד און אייראָפּע. זיי האָבען געלעבט אין פרייע קאָזאַקען־געמיינדעס, איבער וועלכע די פּאָליאַקען האָבען אָנגעפאַנגען איינ־צושטעלען א מין פעאָדאַלע מאַכט. אין פרידליכע צייטען האָבען אָט־די קאָזאַקען זיך באַשעפטיגט מיט אגריקולטור אויף די סטעפּעס און מיט פיש־פאַנג ארום די ברייטע טייכען פון דרום־מערב פון רוסלאַנד, דערגרייכענדיג צייטענווייז ביז׳ן שווארצען ים; אָבער יעדער איינציגער פון זיי איז געווען באַוואָפענט און דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען צוטיילט אין רעגימענטען. האָט מען נאָר א קלאַפּ געטאָן טרעוואָגע, פלעגט זיך אָט־די פרידליכע באַפעלקערונג אויפהויבען ווי איין מאַן און באַגעגענען דעם איבערפאַל פון די טאַטאַרען און זיך צוריק אומקערען צו זייערע פעלדער און צום פיש־פאַנג, ערשט ווען די מלחמה פלעגט זיך ענדיגען.

אויף אַזאַ אופן, איז דאָס גאַנצע פאָלק גרייט געווען זיך שטע־לען אנטקעגען די אָנפאַלען פון די מוסולמאַנער; מען האָט אָבער גע־האַלטען א ספּעציעלען אוואַנגאַרד ארום דעם נידעריגען טייל פון׳ם דניעפּער „הינטער די שטראָמען״, אויף אַן אינזעל, וואָס איז באַלד

בארימט געוואָרן אונטער'ן נאָמען „סיטשאַ". מענשען פון אַלערליי ראַנגען און שטאַנדען, איינשליסענדיג אַנטלאָפענע פאַנשטשעוויקעס און רויבער, אַלערליי אַוואַנטיוריסטען האָבען געקאָנט קומען און זיך באַזעצען אין דער סיטשאַ. מען האָט זיי נאָר געפרעגט, צי זיי געהען אין קלויסטער. „נו, גוט, צלם זיך איבער", פלעגט דער העטמאַן פון דער סיטשאַ זאָגען צום פריש־געקומענעם, „און שטעה צו צו וועלכער דיוויזיע דו ווילסט". די סיטשאַ איז באַשטאַנען פון ארום זעכציג דיוויזיעס, וואָס זיינען זעהר עהנליך געווען צו אומאָפּהענגיגע רעפּובליקען אָדער צו לער־אַנשטאַלטען פון אינגלאַך, וואָס זאָרגען נים פאַר קיין זאַך און לעבען געמיינשאַפטליך. קיינער פון זיי האָט נים באַזעסען קיין אייגענטום, אַחוץ זיין געוועהר. קיין פרויען האָט מען נים אריינגענומען אין דער סיטשאַ און געהערשט האָט דאָרט אַן אַבסאָלוטער דעמאָקראַטישער גייסט.

דער העלד פון דער דערצעהלונג איז אַן אַלטער קאָזאַק, טאַראַס בולבאַ, וואָס האָט אַליין פאַרבראַכט פיל יאָהרען אין דער סיטשאַ, נאָר איצטער פאַרברענגט ער זיין עלטער פרידליך ערגעץ אין אַ כוטאָר. זיינע צוויי זין האָבען שטודירט אין דער קיעווער אַקאַדעמיע און זיך אומגעקערט אהיים נאָך אַן אָפּוועזענהייט פון עטליכע יאָהר. זייער ערשטע באַגעגעניש מיט'ן פאָטער איז זעהר כאַראַקטעריסטיש. בעת דער אַלטער פאַנגט אָן אָפּצולאַכען פון זייערע לאַנגע בגדים, וואָס פּאַסטען נים, לויט זיין מיינונג, פאַר אַ קאָזאַק, רופט אָסטאַפּ, דער עלטערער זון, ארויס דעם פאָטער אויף אַ פויסטען־געשלעגן. דער אַלטער ווערט אנטציקט פון אָט־דעם ארויסרוף און זיי שלאָגען זיך, ביז דער פאָטער, שוין כמעט אָהן אָטעם, שרייט אויס: „בנאמנות, ער איז אַ וואוילער שלעגער; באמת, נים נויטיג אפילו וויימער צו פּראָבירן; ער וועט זיין אַ גוטער קאָזאַק! נו, וואָס מאַכסטו עפּעס, זון? לאָמיר זיך צוקושען". שוין אויף דעם צווייטען טאָג נאָך זייער קומען, נים לאָזענדיג זייער מוטער זיך אָנזעטיגען מיט איהרע זין, נעמט זיי טאַראַס אוועק אין סיטשאַ, וועלכע, ווי עס פלעגט אָפּט טרעפען אין יענע צייטען, האָט זיך אין גיכען אָנגעפאַנגען צו גרייטען צו אַ מלחמה, וואָס איז ארויסגערופען געוואָרן דורך די פאַרפאָלגונגען פון פוילישע פריצים אויף די קליין־רוסען.

דאָס לעבען פון די פרייע קאָזאַקען אין דער רעפּובליק „היני

טער די שטראָמען" און זייער אופן פון קריג־פירונג זיינען וואונ־
דערבאר באַשריבען אין אָט־דער דערצעהלונג; נאָך צוליב דעם
צינז, וואָס גאָגאָל האָט געצאָלט דעם דעמאָלטיגען ראָמאַנטיזם,
האָט ער פאַרוואַנדעלט טאַראַס'עס יונגערען זון, אַנדריי'ען, אין אַ
סענטימענטאַלען העלד, וואָס פאַרליבט זיך אין אַן אַריסטאָקראַטי־
שער פוילישער פרוי און געהט איבער צו די פּאָליאַקען בעת זיין
פאָטער און ברודער האָבען געגען זיי געקעמפט. די מלחמה ציהט
זיך כמעט אַ יאָהר צייט מיט ערפאָלג אָט אויף איין זייט, אָט אויף
דער צווייטער, ביז טאַראַס'עס יונגערער זון איז סוף כל סוף גע־
פאַנגען געוואָרען אין אַן איבערפאַל, וואָס די באַלאַגערטע פּאָליאַ־
קען האָבען געמאַכט, און דער פאָטער אַליין דער'הרג'עט איהם פאַר
זיין פאַרראַט. דעם עלטערען זון פאַנגען די פּאָליאַקען און פירען
איהם אָפּ קיין וואַרשאָ, וואו ער שטאַרבט אונטער די פּייניגונגען,
און טאַראַס קערט זיך אום קיין אוקראַינע, זאַמעלט צונויף אַ
גרויסע ארמיי און מאַכט איינעם פון יענע איבערפאַלען אויף
פוילען, מיט וועלכע די געשיכטע פון די צוויי לענדער איז פול
געוועזען אין אַ משך פון צוויי יאָהרהונדערטען. טאַראַס פאַלט אַליין
אריין אין די הענט פון שונא, שטאַרבט אויפ'ן שייטער־הויפען
און צייגט דערביי אַזאַ פאַראַכטונג צום לעבען און ליידען,
וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט־דער קרעפטיגער און
קריגערישער ראַסע. דאָס איז אין קורצען דער סיוזשעט פון דער
דערצעהלונג, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט וואונדערבאַרע איינ־
צעלנע סצענעס.

„טאַראַס בולבאַ" באַפרידיגט, פאַרשטעהט זיך, ניט די מאָ־
דערנע פאָדערונגען פון רעאַליזם. עס פילט זיך דאָ צו שטאַרק
דער איינפלוס פון דער ראָמאַנטישער שול. טאַראַס'עס יונגערער
זון איז כלל ניט קיין לעבעדיגער פערזאָן, און די פוילישע אַריס־
טאָקראַטקע האָט גאָגאָל גאָר צוגעטראַכט, מחמת דאָס האָט זיך
אַזוי געפאָדערט לויט'ן פּלאַן פון דער דערצעהלונג: מען זעהט,
אַז גאָגאָל האָט קיינמאָל ניט געקאָנט אפילו קיין איינציגע פרוי
פון אָט־דעם טיפּ. נאָר דער אַלטער קאָזאַק און זיין זון, ווי אויך
דאָס לעבען פון די קאָזאַקען־לאַגערען זיינען געשילדערט זעהר
רעאַל; די שילדערונגען שאַפען די אילוזיע פון רעאַלען לעבען.
דער לעזער ווערט דורכגעדרונגען מיט סימפּאַטיע צום אַלטען

טאראס, בעת דער עטנאָגראַף פילט, אז דאָ האָט ער פאר זיך א וואונדערבארע קאָמבינאַציע פון א גוטען עטנאָגראַפישען דאָקו־מענט מיט א פּאָעטישער רעפּראָדוקציע פון א פארגאנגענער און זעהר אינטערעסאַנטער עפּאָכע — דערביי זיינען די שילדערונגען אַלץ מעהר רעאַל טאקע ווייל זיי זיינען אזוי פּאָעטיש.

נאָך די דערצעהלונגען פון דעם אוקראַינישען לעבען האָט גאָגאָל אָנגעשריבען עטליכע דערצעהלונגען פון דעם לעבען פון גרויס־רוסלאנד, הויפּטזעכליך פון דעם לעבען פון פּעטערבורג. צוויי פון אָט די דערצעהלונגען—„די מעמוארען פון א משוגע'נעם" און „דער שינעל" זיינען ספּעציעל ווערט דערמאָנט צו ווערן. די פּסיכאָלאָגיע פון דעם משוגע'נעם איז מערקווירדיג געמאָלען. וואס איז שייך צו דעם „שינעל", האָט גאָגאָל אין דער דערצעהלונג אמבעסטען ארויסגעצייגט זיין טאלאנט צו באהאלטען הינטער זיין געלעכטער „אומזעהבארע טרעהרן". דאָס ארימע לעבען פון א קליינעם רעגירונגס־באאמטען, וואָס אנטדעקט צו זיין גרויסען שרעק, אז זיין שינעל איז שוין אזוי ווייט אָפּגעטראָגען, אז מען קאָן איהם שוין מעהר ניט פאַררייכטען; זיין וואקלען זיך איידער ער וואגט צו דיידען מיט'ן שניידער וועגען א נייעם שינעל; זיין נערוועזע אויפרעגונג אין דעם טאָג, ווען דער שינעל ווערט פארטיג און בעת ער מעסט איהם אָן צום ערשטען מאָל; און לסוף זיין פארצווייפלונג, צווישען אלגעמיינער גלייכגילטיגקייט, ווען די נאכט־רויבער ציהען פון איהם אראָפּ דעם שינעל — יעדע שורה פון אָט־דעם ווערק טראָגט אויף זיך דאָס שטעמפּעל פון איינעם פון די גרעסטע קינסטלער. עס וועט זיין גענוג צו זאָגען, אז אָט די דערצעהלונג האָט בעת איהר דערשיינען, און נאָך איצטער אויך, געמאכט אזא איינדרוק, אז עס איז געווארן א כאראקטעריס־טיש ווערטעל, אז יעדער רוסישער נאָוועליסט פון גאָגאָל'ס צייטען אָן האָט ווידער איבערגעשריבען דעם „שינעל".

„דער רעוויזאָר".

אויב די דערצעהלונגען פון גאָגאָל'ן זיינען געוועזען א ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פון דער אנטוויקלונג פון דער רוסישער דערצעהלונג, איז זיין קאָמעדיע „רעוויזאָר", אין איהר ריי, אויך

געווען אַ ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער דראַמע; זי איז געווען אַ מאָדעל פאַר יעדען דראַ־מאַטורג, וואָס איז געקומען נאָך גאָגאָל'ן. „רעוויזאָר" מיינט אויף רוסיש, אַ וויכטיגער באַאמטער, וואָס ווערט געשיקט פון דעם מיניסטעריום ערגעץ אין אַ פּראָווינציעלער שטאָדט, כדי אויס־צופאָרשען דעם מצב פון דער לאָקאַלער אַדמיניסטראַציע. און די האַנדלונג פון גאָגאָל'ס קאָמעדיע קומט פאָר אין אַ קליין שטעדטעל, פון וואַנען „דו מעגסט לויפען דריי יאָהר נאָכאַנאַנד און וועסט אין קיין פּלאַץ ניט אָנקומען". אָט־דאָס שטעדטעלע — ווי די צו־שויער ווערן געוואָר, ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף — דאַרף באַזוכט ווערען פון אַ רעוויזאָר. דער אָרטיגער הויפּט פון דער פּאָליציי (אין יענע צייטען איז דער הויפּט פון דער פּאָליציי אויך געווען דער הויפּט פון שטאָדט) — דער בירגערמייסטער — האָט צונויפגערופען די הויפּט־באַאמטע פון'ם שטעדטעל, כדי זיי אי־בערגעבען וויכטיגע נייס. איהם האָט זיך גע'חלומ'ט אַ שלעכטער חלום: צוויי ראַצען זיינען אריינגעקומען, אַ שמעק געטאָן און צוריק אַוועק; עפּעס מוז שטעקען אין אָט־דעם חלום, און עס שטעקט טאַקע; אָט האָט ער טאַקע דעם פרימאָרגען דערהאַלטען אַ בריף פון זיינעם אַ פריינט פון פּעטערבורג, וואו מען איז איהם מודיע, אַז אין שטעדטעל קומט צופאָהרען אַ רעוויזאָר, און — וואָס איז ערגער פון אַלץ — ער קומט צו פאָרען אינקאָגניטאָ! דער ווירדיגער בירגערמייסטער עצה'ט די באַאמטע, זיי זאָלען מאַכען עפּעס אָן אָרדנונג אין זייערע קאַנצעלאַריעס. די פּאַ־ציענטען אינ'ם שפּיטאָל געהען אַרום אין אַזוינע שמוציגע וועש, אַז מען קאָן מיינען, זיי זיינען קוימענקערער. דער הויפּט־ריכטער, וואָס איז אַ ליידענשאַפטליכער ליבהאָבער פון געיעג, הענגט אויף זיין געיעג־אַנצוג אין געריכט־הויז און זיינע באַדינער האָבען דעם פאָרצימער פון געריכט געמאַכט פאַר אַ שטאַל פון עופות. קורץ גערעדט, אַלצדינג מוז געבראַכט ווערן אין אָרדנונג. דער בירגערמייסטער איז זעהר אומרוהיג. די גאַנצע צייט רייסט ער כאַבאַר ביי די סוחרים מיט ביידע הענט, האָט אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע דאָס געלט, וואָס איז אַסיגנירט געוואָרן צו בויען אַ קלויסטער, און ערשט מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק האָט ער געשמיסען די אַלמנה פון אַן אונטער־אָפיצער, הגם ער האָט דאַרויף

דאָס מינדסטע רעכט ניט געהאַט; און איצטער קומט אַ רעוויזאָר! ער בעט דעם פּאָסט־מייסטער „צוליב טובת הכלל, עטוואָס אויפ־עפּענען און איבערלייענען יעדען בריף, וואָס ווערט אַדרעסירט פונ׳ם שטעדטעל קיין פּעטערבורג... און אויב עס מאַכט זיך דאָרט אַ קלאַגע אָדער אַ מסירה, זאָל מען דעם בריף אָהן טענות גלייך פאַרהאַלטען״. דער פּאָסט־מייסטער, וואָס איז אַ גרויסער ליב־האָבער צו שטודירן מענשליכע כאַראַקטערן, האָט זיך שוין, אָהן דער בקשה פונ׳ם בירגער־מייסטער, באַשעפטיגט מיט לייענען אינ־טערעסאַנטע בריף און שטימט דערפאַר גלייך צו צו אָט־דעם פאַר־שלאַג פונ׳ם בירגער־מייסטער.

גראָד אין דער צייט קומען אַריין פּעטער איוואַנאָוויטש דאָב־טשינסקי און פּעטער איוואַנאָוויטש באָבטשינסקי. יעדער איינער קען זיי, איהר אַליין קענט זיי אויך זעהר גוט: דאָס זיינען מענ־שען, וואָס שפּילען די ראָלע פון אַן אָרטיגער צייטונג. אַ גאַנצען טאָג דרעהען זיי זיך אַרום איבער דעם שטעדטעל, און ווי נאָר זיי ווערן געוואר עפּעס אַ וויכטיגע זאַך, איילען זיי זיך ביידע צו צעטראָגען די נייס, שלאָגען איבער איינער דעם צווייטען, און טאַקע באַלד לויפען זיי אַוועק אין אַן אַנדער פּלאַץ, כדי צו פאַר־שפּרייטען די נייס ווייטער. זיי זיינען נאָר־וואָס געווען אין דעם איינציגען גאַסט־הויז פונ׳ם שטעדטעל און דאָרטען האָבען זיי געזעהן אַ זעהר פאַרדעכטיגטע פּערזאָן: אַ יונגען מאַן, „וואָס האָט עפּעס, פאַרשטעהט איהר מיך, אויסערגעוועהנליכעס אין זיין פּנים״, אין מאָדנע בגדים, דרעהט זיך אַזוי אום איבער׳ן צימער און האַלט אין איין קלערען״. ער וואוינט דאָרטען שוין אַ פּאָר וואָכען, צאָלט ניט אַ קאָפּיקע און קלייבט זיך ניט אָפּפאָרען ווייטער. „וואָס זיצט ער עפּעס דאָ?״ און ווידער, בעת זיי האָבען איבער־געביסען, האָט ער אַזוי באַאָבאַכטונגספול געקוקט אין זייערע טע־לער — ווער קאָן ער זיין? דער בירגער־מייסטער און אַלע אַנ־וועזענדע באַשליסען, אַז אָט־דער יונגער מאַן איז ניט קיין אַנ־דערער, ווי דער רעוויזאָר, וואָס לעבט אין שטעדטעל אינקאָגניטאָ... דער חשד רופט אַרויס אַן אַלגעמיינע פאַרווירונג. דער בירגער־מייסטער לאָזט זיך גלייך אַוועק אין גאַסט־הויז, כדי אויסצופאָ־־שען די זאַך אויפ׳ן פּלאַץ. זיין פרוי און טאָכטער ווערן דערפון גוואַלטיג אויפגעטרייסעלט.

דער פרעמדער, וואָס האָט אַזוי אויפגערודערט דאָס שטעד־טעל, איז פּשוט עפּעס איינער אַ יונגער מאַן, כלעסטאַקאָוו, וועל־כער פאָרט צו זיין פאָטער. עדגעץ אויף אַ פּאָסט־סטאַנציע האָט ער באַגעגענט אַ קאַפּיטאַן — אַ גרויסען קינסטלער אין קאָרטען־שפּיל — און האָט פארלאָרן דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט. איצט קאָן ער ווייטער ניט פאָהרען, און האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָהלען דעם אייגענטימער פונ׳ם גאַסט־הויז, וועלכער אַנטזאָגט זיך צו באָרגען איהם מאָהלצייטען. דער יונגער־מאַן איז גוואַלטיג הונגעריג — קיין חידוש ניט, וואָס ער האָט באַ־קוקט אַזוי אויפמערקזאַם זייערע טעלער, און מיט אַלערליי המצאות געוואָלט צווינגען דעם בעל־הבית איהם צו געבען עטוואָס אויף וואַרימעס. פונקט ווען כלעסטאַקאָוו האַלט אין ענדיגען עפּעס אַ האַרט שטיקעל קאָטלעט, קומט אַריין דער בירגער־מייס־טער, און דאָ שפּילט זיך אָפּ איינע פון די קאָמישסטע סצענעס: דער יונגער מאַן קלערט, אַז דער בירגער־מייסטער איז געקומען איהם אַרעסטירען, און דער בירגער־מייסטער טראַכט, אַז ער רעדט צום רעוויזאָר, וואָס וויל ניט אַנטפּלעקען זיין אינקאָגניטאָ. דער בירגער־מייסטער לעגט פאָר דעם יונגען מאַן זיך אַריבערציהען אין אַן אַנדער מעהר באַקוועמער קוואַרטיר. „ניין, אַ דאַנק, איך האָב ניט בדעה צו געהן אין אַ טורמע״, ענטפערט דער יונגער מאַן... נאָר דעם בירגער־מייסטער גיט זיך איין צו איבעררעדען דעם כלומר׳שטיגען רעוויזאָר זיך איבערציהען צו איהם אין הויז, און אַנשטאָט אַ הונגער־לעבען אין גאַסט־הויז, פאַנגט כלעסטאַקאָוו אָן צו פיהרען אַ זעהר אַנגענעם לעבען. אַלע באַאַמטע ערשיינען פאַר איהם אין דער ריי זיך פאָרצושטעלען און יעדער איינער שעצט זיך גליקליך, אַז עס גיט זיך איהם איין אַריינצושטופּען איהם עפּעס אַ כאַבאַרעל. די סוחרים קומען צו איהם מיט קלאַגען אויפ׳ן בירגער־מייסטער; עס קלאָגט זיך אויף איהם אויך די אָפּגעשמיסענע אַלמנה פונ׳ם אונטער־אָפיצער... אין דער זעלביגער צייט פאַנגט דער יונגערמאַן אָן צו פלירטירען אי מיט׳ן ווייב, אי מיט דער טאָכטער פונ׳ם בירגער־מייסטער און, געכאַפּט אין זעהר אַ פּאַ־טעטישען מאָמענט, ווען ער פאַלט אויף די קני פאַר דער מוטער, בעט ער, ניט פאַרקלערענדיג זיך אפילו אויף אַ רגע, די האַנט און דאָס האַרץ פון דער טאָכטער. אָבער, פאַרקריכענדיג אַזוי ווייט,

אײלט זיך דער יונגער מאַן, װאָס פֿאַרמאָגט איצטער אַ גאַנץ היבשע ביסעל געלט, אײנגאַנצען פֿאַרלאָזען דאָס שטעדטעל אונטער'ן אויס־רײד, אַז ער מוז זיך זעהן מיט אַ פֿעטער; אין אַ פּאָר טעג אַרום װעט ער קומען צוריק...

עס איז לײכט זיך פֿאָרצושטעלען די פֿרײד פֿונ'ם בירגער־מײסטער. זײן עקסעלענץ, דער רעװיזאָר, האָט חתונה מיט זײן טאָכטער! אי ער, אי זײן װײב מאַכען שוין אַלערלײ פּלענער. זײ װעלען זיך אַריבערציהען קײן פּעטערבורג, דער בירגער־מײס־טער װעט באַלד װערן אַ גענעראַל און אָט װעט איהר זעהן, װי אַנדערע בירגער־מײסטערס װעלען שטעהן הינטער זײן טיר!... די פֿרעהליכע נײעס װערט צוטראָגען איבער'ן שטעדטעל און אַלע באַאַמטע און אויך די פֿאָרשטעהער און פֿאָרשטעהערינס פֿון דער אָרטיגער געזעלשאַפֿט קומען גראַטולירן דעם אַלטען בירגער־מײסטער. אין זײן הויז קלײבט זיך צונויף אַ גרויסער עולם און דער גליקליכער באַלעבאָס נעמט אויף די גראַטולאַציעס מיט גאוה . . . פּלוצלונג קומט אַרײן דער פּאָסט־מײסטער. ער האָט אויסגעפּאָלגט די עצה פֿונ'ם בירגער־מײסטער און האָט אויפֿ־געעפֿענט אַ בריף, װאָס דער כּלומר'שטיגער רעװיזאָר האָט אַדרע־סירט צו עפּעס אַ פֿרײנט אין פּעטערבורג. איצט האָט ער אָט־דעם בריף געבראַכט. דער יונגער מאַן איז גאָר ניט קײן רעװיזאָר, און אָט װאָס ער שרײבט צו זײנעם אַ פֿרײנט, אַ חברה־מאַן, װעגען זײנע אַװאַנטיורעס אינ'ם פּראָװינציעלען שטעדטעל: *)

*) אין דער ענגלישער שפּראַך איז פֿאַראַן אַ גוטע איבערזעצונג פֿון „רעװיזאָר", פֿון װעלכער איך נעהם מיט לײכטע ענדערונגען דעם פֿאָלגענדען אויסצוג:

דער פּאָסט־מײסטער (לײענט): איך אײל זיך דיר מודיע זײן, מײן טײערער פֿרײנט, װעגען די נסים, װאָס זײנען מיר געשעהן. אויפ'ן װעג האָט מיך אָרומגערײניגט אַן אינפֿאַנטעריע־קאַפּיטאַן ביז אַ קאָפּיקע אַזוי, אַז דער אײגענטימער פֿונ'ם גאַסט־הויז האָט מיך שוין געװאָלט אַרײנזעצען אין טורמע; נאָר פּלוצלונג האָט מיך, צוליב מײן פּעטערבורגער פֿיזיאָנאָמיע און קאָסטיום, דאָס גאַנצע שטעטעל אָנגע־נומען פֿאַר אַ גענעראַל־רעװיזאָר. און איצטער װאױן איך בײם בירגער־מײסטער, לעב אַ משוגענעם טאָג, האַלט אין אײן פֿלירטירן מיט זײן װײב און טאָכטער... איך האָב נאָך ניט באַשטימט מיט װעמען אָנ־צופֿאַנגען — איך קלער, פֿריער מיט דער מוטער, װײל זי איז, דאַכט זיך,

קורץ, דער בריף מאַכט אַ גוואַלדיגע סענסאַציע. דעם בירגער־מייסטער׳ס פריינט טוט שרעקליך הנאה איהם און זיין פאַמיליע צו זעהן אין אזא לאַגע, זיי באַשולדיגען איינער דעם אַנדערן, און ענדליך פאַלען זיי אָן אויף דאָבטשינסקי׳ן און באָבטשינסקי׳ן, — נאָר גראָד אין דער צייט קומט אַריין אַ זשאַנדאַרם און ערקלערט אויף אַ הויך קול: „אַ נאַטשאַלניק פון פעטערבורג, וואָס איז געקומען אויפ׳ן קייזערליכען באַפעל, וויל אייך אַלעמען גלייך זעהן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין גאַסט־הויז". דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ איבער אַ לעבעדיג בילד, וועלכעס גאָגאָל אליין האָט מיט אַ בלייפעדער אויסגעצייכענט אָנגעוואָרפען אויף פאַפיר. דאָס בילד ווערט געוועהנליך רעפּראָדוצירט אין זיינע ווערק; עס צייגט, ווי וואונדערבאַר, מיט וואס פאר אַ פיינעם ארטיסטישען חוש ער האָט זיך אליין פאַרגעשטעלט זיינע כאַראַקטערן.

דער „רעוויזאָר" דייט אָן אויף אַ נייער ערא אין דער אַנטוויקלונג פון דער דראַמאַטישער קונסט אין רוסלאַנד. אַלע קאָמעדיעס און דראַמעס, וואָס זיינען אין יענער צייט געשטעלט געוואָרן אויף דער רוסישער בינע (מיט׳ן אויסנאַם, פאַרשטעהט זיך, פון „דעם אומגליק פון קלוגשאַפט", וואָס איז, אגב, ניט ערלויבט

גריוט אויף אַלערליי געפעליגקייטען. געדענקסטו, ווי מיר ביידע פלעגען זיך אַמאָל מוטשען, עסען וואו נאָר מיר פלעגען באַקומען און קיינמאָל ניט באַצאָהלען, און ווי איינמאָל האָט מיך דער קאָנדיטאָר אַ כאַפּ געטאָן פאַר׳ן קאָלנער פאַר די קיכלאך, וואָס איך האָב אויפגעגעסען „אויפ׳ן חשבון פונ׳ם ענגלישען קעניג?" (אַן אויסדרוק, וואָס האָט דאַמאָלסט געמיינט אָהן געצאָהלט). גאַנץ אַנדערש איז איצטער. אַלע לייהען מיר געלט, וויפיל נאָר איך וויל. גוואַלטיג מאָדנע טיפּען: דו וואָלסט פשוט געפּלאַצט פון געלעכטער. איך ווייס דו שרייבסט אַמאָל אין אַ צייטונג — שטעל זיי אַריין אין דיין ליטעראַטור. ראשית: דער בירגער־מייסטער — ער איז נאַריש, ווי אַן אַלט פערד...

דער בירגער־מייסטער: דאָס קען דאָרט ניט זיין! דאָס איז דאָרט ניטאָ!

דער פּאָסט־מייסטער (צייגט דעם בריף): לייענט דאָס אַליין.

דער בירגער־מייסטער (לייענט): „ווי אַן אַלט פערד"... אוממעגליך! איהר האָט דאָס אַליין צוגעשריבען.

דער פּאָסטמייסטער: ווי אַזוי וואָלט איך עס געקאָנט טאָן?

געוואָרן צו שטעלען אויף דער בינע) האָבען פּשוט ניט פאַרדינט דעם נאָמען פון דראַמאַטישער ליטעראַטור, אַזוי אומפאָלקאָמען און קינדיש זיינען זיי געווען. פאַרקערט אָבער, „דער רעוויזאָר", בעת ער איז ערשינען (אינ'ם יאָהר 1835) וואָלט מיט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייע עפּאָכע אין יעדער אַנדער שפּראַך. זיין פּאַסיגקייט פאַר דער בינע, וואָס וואָלט אַנטציקט יעדען גוטען אַקטיאָר; זיין געזונטער און האַרציגער הומאָר; די נאַטירליכקייט פון די קאָמישע סצענעס, וואָס שטאַמט טאַקע פון די כאַראַקטערן, וועלכע ערשיינען אין אָט־דער קאָמעדיע; דער חוש פאַר מאָס, וואָס שפּירט זיך אומעטום — אָט די אַלע מעלות מאַכען גאָגאָל'ס קאָמעדיע פאַר איינער פון די בעסטע אויף דער וועלט. ווען די באַדינגונגען פון לעבען, וואָס ווערן דאָ פאַרגעשטעלט, וואָלטען ניט געטראָגען אַזאַ ספּעציפיש־רוסישען כאַראַקטער און וואָלטען ניט געהערט צו אַזאַ דערוויטערטער צייט, וואָס איז אומבאַקאַנט אויסער רוסלאַנד, וואָלט אָט־די קאָמעדיע אַלגעמיין אַנערקענט געוואָרן אַלס אַן עכטער פּערל פון דער וועלט־ליטעראַטור. און ווירקליך, צוריק מיט עטליכע יאָהר, בעת מען האָט געשפּילט „רעוויזאָר" אויף דער דייטשער בינע מיט אַקטיאָרען, וואָס האָבען גוט פאַרשטאַנען דאָס רוסישע לעבען, האָט אָט־די קאָמעדיע געהאַט אַ גוואַלדיגען ערפאָלג.

„דער רעוויזאָר" האָט אַרויסגערופען אַזאַ שטורם פון אומצו־

די געסט: לייען! לייען!

דער פּאָסט־מייסטער (זעצט פאָר צו לייענען): „דער בירגער־מייסטער איז נאַריש, ווי אַן אַלט פערד"...

דער בירגער־מייסטער: צום טייוועל! ער דאַרף דאָס נאָך איבער'חזר'ען — גלייך ווי אָהן דעם וואָלט עס דאָרט ניט געשטאַנען!

דער פּאָסט־מייסטער (זעצט פאָר לייענען): הם, הם, יאַ! „אַן אַלט פערד. דער פּאָסט־מייסטער איז אויך אַ גוטער מענש"... — (ער הערט אויף צו לייענען) דאָ האָט ער זיך וועגען מיר אויך ניט בכבוד'דיג אויסגעדריקט...

דער בירגער־מייסטער: ניין, לייענט דאָס!

דער פּאָסט־מייסטער: צו וואָס?...

בירגער־מייסטער: צום טייוועל! אַז לייענען איז לייענען! לייענט אַלץ!

אַרטעמי פיליפּאָוויטש (דער הויפּט פון פילאַנטראָפּישע אַנשטאַל־

פרידענהייט אין די רעאַקציאָנערע שיכטען פון רוסלאַנד, אַז עס האָט שוין קיין רייד ניט געקאָנט זיין וועגען אויפיהרן אויף דער בינע די נייע קאָמעדיע, וואָס גאָגאָל האָט אָנגעפאַנגען וועגען דעם לעבען פון די פּעטערבורגער טשינאָווניקעס (דער וולאַדימיר־קרייץ), און גאָגאָל האָט זי אפילו ניט געענדיגט; ער האָט נאָר אָפּגעדרוקט פון אָט־דער קאָמעדיע עטליכע אויסגעצייכענטע סצענעס: „אַ פרימאָרגען פון אַ באַשעפטיגטען מאַן", „דאָס לאָדעניש" א. אז. וו. אַן אנדער קאָמעדיע זיינע, „די חתונה", וואו ער מאָלט דאָס וואַקלעניש און דעם שרעק, וואָס אַן אַלטער בחור לעבט דורך פאַר דער חתונה, פון וועלכער ער דרעהט זיך ענדליך אויס, אַרויסשפּרינגענדיג פון אַ פענסטער, עטליכע מינוט איידער די צערעמאָניע פאַנגט זיך אָן, האָט נאָך ניט אָנגעוואָרן איהר אינטערעס אפילו איצט. זי איז אַזוי פול מיט קאָמישע סיטואַציעס, וואָס ווערן זעהר הויך געשעצט פון טאַלאַנטפולע אַקטיאָרען, אַז זי איז נאָך עד היום איינע פון די בעסטע אין דעם רעפּערטואַר פון דער רוסישער בינע.

„טויטע נשמות".

גאָגאָל'ס הויפּט־ווערק איז די דערצעהלונג אָדער פּאָעמע, ווי ער האָט דאָס אליין אנגערופען, „טויטע נשמות". אָט־די דערצעהלונג האָט ניט קיין סיוזשעט, אָדער בעסער געזאָגט, איהר סיוז־

טען): ערלויבט מיר, איך וועל דאָס איבערלייענען (טוט אָן די ברילען און לייענט): „דער פּאָסט־מייסטער איז פּונקט ווי דער דעפּאַרטאַמענט־וועכטער, אַ לומפּ, ווייזט אויס, האָט ליעב דעם ביטערן טראָפּען".

דער פּאָסט־מייסטער (צו די צושויער): אַ שייגעץ, אַ אינגעל, וואָס האָט געדאַרפט קריגען שמיץ. מעהר גאָר ניט!

אַרטעמי פיליפּאָוויטש (זעצט פאָר לייענען): „דער הויפּט פון די פילאַנטראָפּישע אַנ־אַנ...אַנשטאַל־טען" (פאַרהיקעט זיך).

קאָראָבקין: וואָס האָט איהר זיך עפּעס אָפּגעשטעלט?

אַרטעמי פיליפּאָוויטש: עפּעס ניט קיין ריין כתב. אַלענפאַלס, מען זעהט, דאָס איז אַ פּאַסקודניק.

קאָראָבקין: גיט מיר דעם בריף. איך האָב בעסערע אויגען (נעהמט דעם בריף).

אַרטעמי פיליפּאָוויטש (ניט געבענדיג דעם בריף): מען דאַרף ניט, דאָס פּלאַץ קען מען דורכלאָזען, און ווייטער קען מען שוין לייענען.

זשעט איז אומגעהייער איינפאַך. דעם געדאַנק דערפון, פונקט ווי פון דעם סיוזשעט פון „רעוויזאָר", האָט גאָגאָל'ן געגעבען פּושקין. אין יענער צייט, בעת לייב־אייגענטום האָט געבליהט אין רוסלאַנד, איז די שטערבונג פון יעדען פּריץ געווען צו פאַרמאָגען כאָטש אַ פּאָר הונדערט פּאַנטעשוויקעס. די פּאַנטעשוויקעס פלעגט מען דערמאָלט פאַרקויפען, ווי קנעכט, און מען האָט זיי געקאָנט קויפען באַזונדער (ד. ה. אָהן דער ערד). אַ נויטבאַדערפטיגער פּריץ, איינער אַ טשיטישקאָוו, פאַלט דעריבער אויף אַ זעהר קלוגען פּלאַן: אַזוי ווי אַ פאָלקס־צעהלונג ווערט געמאַכט איין מאָל אין צעהן אָדער אין צוואַנציג יאָהר, און יעדער אייגענטימער פון פּאַנשטשעוויקעס מוז, אין דעם משך צווישען איין פאָלקס־צעהלונג און דער צווייטער, צאָלען צו דער רעגירונג צינזען פאַר יעדער מענשליכער נשמה, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין דער צייט פון דער לעצטער פאָלקס־צעהלונג, אפילו ווען אַ טייל פון אָט די נשמות זיינען שוין ניט געווען צווישען די לעבעדיגע, איז טשיטשיקאָוו'ן איינגעפאַלען אַ געדאַנק אויסצונוצען אָט־די אומרעגעלמעסיגקייט. ער וועט אויפקויפען אָט־די טויטע נשמות פאַר אַ קלייניגקייט: די פּריצים וועלען נאָך זיין זעהר צופרידען פּטור צו ווערן פון אַזאַ לאַסט און וועלען זיי זיכער פאַרקויפען אום יעדען פּרייז; און נאָכדעם ווי טשיטשיקאָוו וועט אויפקויפען אַ צוויי־

קאַראַבקין: גיט מיר דעם בריף. לאָם איך נאָר זעהן, וואָס דאָרטען טוט זיך.

אַרטעמי פיליפּאָוויטש: לייענען, וועל איך שוין אַליין איבערלייענען. ווייטער איז דאָך דאָס כתב קלאָר.

דער פּאָסט־מייסטער: ניין, ניין, לייענט אַליין. ביז אַהער האָט מען דאָך אַלץ געלייענט.

אַלע: אַרטעמי פיליפּאָוויטש, גיט אָפּ דעם בריף! (צו קאַראַבקינ'ען) לייענט.

אַרטעמי פיליפּאָוויטש: גוט, גוט. (גיט איבער דעם בריף) אָט איז דער בריף. אָבער וואַרט נאָר צו אַ מינוטקעלע (ער פאַרדעקט אַ טייל מיט'ן פינגער). פאַנגט אָן אָט־דאָ. (אַלע רינגלען איהם אַרום).

דער פּאָסט־מייסטער: לייענט, לייענט! נאַרישקייטען, לייענט אַלץ!

קאַראַבקין (לייענט): „דער הויפּט פון די פילאַנטראָפּישע אַנ־

דריי הונדערט אַזעלכע בלומר'שטיגע פּאַנשטשעוויקעס, וועט ער קויפען אַ שטיקעל ביליג לאַנד ערגעץ אין די זידליכע סטעפּעס, טראַנספּערירן אויפ'ן פּאַפּיר, פאַרשטעהט זיך, אָט־די טויטע נשמות אויף יענעם שטיקעל לאַנד, זיי פאַרשרייבען, ווי זיי וואָל־טען זיך באמת דאָרטען באַזעצט און ערשט נאָכדעם פּאַר'משכונ'ען אָט־דעם מאָדנעם נייעם מאַיאָנטעק אין דער פּריצ'ישער רעגירונגס־באַנק. אויף אַזאַ וועג וועט ער לייכט מאַכען דעם אָנפאַנג פון זיין פאַרמעגען. מיט אָט־דעם פּלאַן קומט טשיטשיקאָוו אין אַ פּראָ־ווינציעלער שטאָדט און פאַנגט אָן זיין אַרבייט. פריער פון אַלץ מאַכט ער די נויטיגע וויזיטען.

„דער ערשט־אָנגעקומענער האָט זיך אוועקגעלאָזט צו מאַכען וויזיטען צו אַלע באַאמטע פון שטאָדט. ער איז אוועק אַרויסצו־ציינען זיין אכטונג צום גובערנאַטאָר, וועלכער איז געווען, ווי עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, פּונקט, ווי טשיטשיקאָוו, ניט דיק און ניט דין, אויפ'ן האַלז געהאַט דעם אַננאַ־מעדאַל און מען פלעגט שוין אפילוריידען, אַז ער האַלט ביי קריגען אַ שטערן; נאָר נאָך אַלעמען איז ער געווען זעהר אַ גוטער און פלעגט אפילו אַליין אויס־נייהען אויף טיול; נאָכדעם האָט ער זיך אוועקגעלאָזט צום וויצע־גובערנאַטאָר, דערנאָך איז ער געווען ביים פּראָקוראָר, ביים פאָר־זיצער פון דעם הויפּט־געריכט, ביים פּאָליציי־הויפּט, ביים נאַטשאַלניק פון די קרוין־פאַבריקען . . . אַ שאָד, וואָס

שטאַלטען איז אַ פּאָלשטענדיגער חזיר אין אַ יאַרמולקע".

אַרטעמי פיליפּאָוויטש (צו די פּאַרזאַמעלטע): אַפילו ניט שאַרפ־זיניג! אַ חזיר אין יאַרמולקע! וואו זעהט מען גאָר אַ חזיר אין אַ יאַרמולקע?

קאָראָבקין (זעצט פּאָר לייענען): „דער שול־אויפזעהער איז דורכ־געדרונגען דורך און דורך מיט ציבעלע־גערוך!"

דער אויפזעהער (צו די אנוועזענדע): בנאמנות, איך ריהר זיך קיינמאָל ניט צו צו קיין ציבעלעס.

דער ריכטער (אָן אַ זייט): אַ דאַנק גאָט, וועגען מיר איז דאָ גאָר ניטאָ.

קאָראָבקין (לייענט): „דער ריכטער"...

דער ריכטער: אָט האָסטו דיר!... (אין דער הויך): מיינע הערען, איך קלער, אַז דער בריף איז צו לאַנג. און וואָס פאַר אַ טייוועל איז דאָרטען: אַזאַ שמאַטע צו לייענען!

עס איז שווערליך צו געדענקען אַלע מעכטיגע פון אָט־דער וועלט; עס וועט גענוג זיין צו זאָגען, אַז דער ערשט־געקומענער האָט אַרויסגעצייגט אַן אויסערגעוועהנליכע אַקטיוויטעט בנוגע צו וויזיטען. ער איז אפילו אַוועק אַרויסצייגען זיין אַכטונג צום אינספעקטאָר פון דער סאַניטאַרישער אופּראַווע און צום שטאָדטישען ערד־מעסטער, און נאָכדעם איז ער לאַנג געזעסען אויף זיין בריטשקע און געקלערט וועמען נאָך דאַרף ער מאַכען אַ וויזיט; נאָר אין שטאָדט זיינען שוין מעהר קיין באַאַמטע ניט געווען. אין זיינע געשפּרעכען מיט אָט־די אַלע איינפלוסרייכע באַאַמטע האָט ער זעהר קונציג אַריינגעפלאָכטען אַ חניפה׳לע יעדען איינעם. דעם גובערנאַטאָר האָט ער צופעליג אַריינגעוואָרפען אַ באַמערקונג, אַז אין זיין גובערניע קומט מען אַריין, ווי אין אַ גן־עדן: די וועגען זיינען אַלע גלאַט, ווי סאַמעט, און אַז די רעגירונגען, וואָס באַשטימען קלוגע באַאַמטע, פאַרדינען זיכער אַלגעמיינע דאַנקבאַרקייט. דעם הויפּט פון דער פּאָליציי האָט ער אָפּגעזאָגט עפּעס אַ פיין חניפה׳לע מכח די פּאָליציסטען, און אין זיינע געשפּרעכען צום וויצע־גובערנאַטאָר און צום פּאָרזיצער פון הויפּט־געריכט, וואָס זיינען מעהר ניט געווען, ווי שטאַטסקי סאָוועטניקעס, האָט ער צוויי מאָל אַפילו על־פּי טעות געזאָגט **אייער עקסעלענץ**, וואָס איז זיי ביידען זעהר געפעלען. דער רעזולטאַט פון דעם אַלעמען איז געווען, אַז דער גובערנאַטאָר האָט געבעטען טשיטשיקאָוו׳ן צו קומען טאַקע דעם זעלביגען טאָג אויף אַ היימישער וועטשערינקע; די אַנדערע באַאַמטע האָבען איהם אויך איינגעלאַדען, ווער אויף וואַרימעס, ווער צו כאַפּען אַ קערטעל, און ווער אויף אַ גלעזעל טיי.

דער שול־אויפזעהער: ניין! ניין!
דער פּאָסט־מייסטער: ניין, לייענט ווייטער!
אַרטעמי פיליפּאָוויטש: ניין, לייענט, לייענט!

קאַראָבקין (זעצט פאָר): „דער ריכטער ליאַפּקין־טיאַפּקין איז אַ מענש שוין צו פיל “Mauvais ton (שטעלט זיך אָפּ). דאָס מוז זיין אַ פראַנצויזישער וואָרט.

דער ריכטער: דער רוח ווייס וואָס דאָס באַדייט. וואָלט דאָס באַדייט אַ „שווינדלער”, וואָלט שוין געווען בישקשה, נאָר עס קען נאָך זיין עטוואָס ערגער דערפון.

„ווענען זיך אַליין האָט טשיטשיקאָוו אויסגעמיטען צוריידען, און האָט ער שוין יאָ גערעדט, איז דאָס געווען אין אומבאַשטימטע זאַצען, מיט אַ מערקבאַרער עניוות, און דער געשפּרעך זיינער פלעגט אין אַזעלכע פאַלען אָננעמען עטוואָס אַ בוך־ווענדונג. ער פלעגט, למשל, זאָגען, אַז ער איז אויף דער וועלט עפּעס אַן אומוויכטיג ווערימעל און ער איז ניט ווערט, אַז מען זאָל זיך ווענען איהם פיל זאָרגען; אַז אויף זיין לעבען האָט ער פיל געליטען, געליטען פאַר'ן אמת, בעת ער איז געווען אין דינסט, געהאַט אַ סך שונאים, וואָס האָבען אפילו געמאַכט אַ פּאַרזוך אויף זיין לעבען, און אַז איצטער וויל ער זיך באַרוהיגען און זוכט ערגעץ אַ שטיל ווינקעלע וואו צו וואוינען, און קומענדיג אין אָט־דער שטאָדט, האַלט ער דאָס פאַר אַ חוב אַרויסצואווייזען זיין אכטונג צו איהרע הויפּט־באַאמטע. אָט־דאָס איז געווען אַלץ, וואָס מען האָט זיך געקאָנט דערוויסען אין שטאָדט וועגען דעם נייעם פּאַרשוין, וועלכער האָט זיך גאָר אין גיכען באַוויזען ביים גובערנאַטאָר אויף דער וועטשערינקע.

„אָט דאָ האָט דער ערשט־געקומענער ווידער אַמאָל געמאַכט דעם בעסטען איינדרוק... שטענדיג האָט ער אויסגעפונען, וואָס ער דאַרף טאָן ביי יעדער געלעגענהייט; און ער האָט זיך אַרויס־געצייגט אַלס ערפאַרענער וועלטליכער מענש. וועגען וואָס דער געשפּרעך איז ניט געווען, האָט ער שטענדיג געוואוסט, ווי אַזוי איהם אונטערצוהאַלטען. האָט מען גערעדט וועגען פערד — האָט ער גערעדט וועגען פערד; האָט מען פאַרפירט אַ געשפּרעך וועגען די בעסטע יאַגד־הינט — פלעגט טשיטשיקאָוו דאָ אויך מאַכען זעהר פּאַסיגע באַמערקונגען; האָט מען געשמועסט וועגען אַן אונטערזוכונג, וואָס דער קאַסאַציאָנס־געריכט האָט געמאַכט—האָט ער געוויזען, אַז איהם זיינען ניט אומבאַקאַנט די געריכטליכע שפּיצלאַך; האָט מען צוגלידערט דאָס ביליאַרד־שפּיל — איז ער אין ביליאַרד־שפּיל אויך ניט געווען הינטערשטעליג; האָט מען גערעדט וועגען טוגענד — האָט ער אויך געקאָנט אַריינוואַרפען אַ פּאָר גוטע ווערטער וועגען טוגענד, אפילו מיט טרערען אין די אויגען; און איז דער געשפּרעך אַריבער וועגען דער פאַבריקאַציע פון בראַנפען — האָט ער אין בראַנפען אויך געוואוסט אַ טאָלק; וועגען טאַריף־באַאמטע האָט ער אַלץ געוואוסט, ווי ער וואָלט אַליין

אמאָל געווען א טאריף־באאמטער אָדער אַן אויפזעהער. נאָר מערק־ווירדיג איז, וואָס ער האָט אַלץ געקאָנט איינהילען אין עפּעס אזא מין געזעצטקייט, און האָט אומעטום געוואוסט, ווי זיך צו האַלטען. ער האָט קיינמאָל ניט גערעדט צו הויך, צו שטיל, נאָר פּונקט ווי מען האָט געדאַרפט. קורץ, ווי מען זאָל איהם ניט דרעהען, איז ער געווען אַ זעהר אַנשטענדיגער מענש. אַלע באַ־אַמטע זיינען געווען צופרידען מיט'ן קומען פון'ם נייעם פּערזאָן".

עס איז אָפט באמערקט געווארן, אז גאָגאָל'ס טשישיקאָוו איז א ריין־רוסישער טיפּ. אָבער — איז דאָס טאַקע אזוי? האָט דען ניט יעדער פון אונז באגעגענט טשיטשיקאָוו'ן? — א מאַן פון מיטעלען עלטער; ניט צו דיק, ניט צו דין, וואָס באַוועגט זיך מיט דער לייכטקייט פון כמעט א מיליטער־מענשען... מעג דער געגענשטאַנד פון געשפּרעך, וואָס ער פּאַרפיהרט מיט אייך, זיין ווי קאָמפּליצירט, ער ווייס ווי אזוי צוצוגעהן צו דער פראגע און אויך אייך פאַראינטערעסירן אויף טויזענטערליי אופנים. רעדט ער צו אַן אַלטען גענעראַל, דערהויבט ער זיך ביז צו דער פאַר־שטענדעניש פון דער גרויסקייט פון דעם פּאַטערלאַנד און זיין מיליטערישען רוהם. ער איז ניט קיין מאָרד־פּאַטריאָט—זיכער ניט— ער פאַרמאָגט אָבער פּונקט אין דער ריכטיגער מאָס ליבע צו מלחמה און נצחונות, וואָס איז נויטיג פאַר א מענשען, וועלכער וויל באַ־טראַכט ווערען אַלס פּאַטריאָט. באגעגענט ער א סענטימענטאַלען רעפאָרמאַטאָר — איז ער סענטימענטאַל און שטעהט פאַר רע־פאָרמען א. אז. וו. און שטענדיג האַלט ער אין אויג דעם געגענ־שטאַנד, צו וועלכען ער צילט, און וועט אייך פּרובירן אין איהם צו פאַראינטערעסירן. טשיטשיקאָוו מעג קויפען טויטע נשמות אָדער אייזענבאַן-אַקציעס, זאַמלען געלט פאַר עפּעס א וואָלטעטיגען אַנ־שטאַלט אָדער זוכען אַ שטעלע אין אַ באַנק — אָבער שטענדיג איז ער דער אומשטערבליכער אינטערנאַציאָנאַלער טיפּ. מיר באַ־געגענען איהם אומעטום; ער געהערט צו אַלע לענדער און צו אַלע צייטען; ער נעהמט נאָר אָן פאַרשידענע פאָרמען לויט די פאָדערונגען פון נאַציאָנאַליטעט און צייט.

איינער פון די ערשטע פּריצים, מיט וועמען טשיטשיקאָוו האָט א רעד געטאָן וועגען קויפען טויטע נשמות איז געווען מאַנילאָוו — אויך אַן אוניווערסאַלער טיפּ מיט דעם צוגאָב פון יענע ספּע־

ציעל־רוסישע שטריכען, וואָס דאָס רוהיגע לעבען פון אַ לייב־אייגענטימער קען צוגעבען צו אַזאַ כאַראַקטער. „אויפ'ן קוק איז ער געווען אַן אנגעזעהענער מענש”, ווי גאָגאָל זאָגט: „די שטריכען פון זיין געזיכט האָט ניט געפעלט קיין אנגענעהמליכקייט — נאָר עס האָט זיך געדוכט, אַז מען האָט אהין אריינגעלעגט צופיל צוקער”. רעדט איהר מיט איהם די ערשטע מינוט, קענט איהר זיך ניט אָפּהאַלטען פון אויסצושרייען: „וואָס פאַר אַ וואוילער און אנגענעהמער מענש ער איז”. די צווייטע מינוט זאָגט איהר גאָרניט, אָבער אויף דער דריטער מינוט שרייט איהר אויס: „דער טייוועל וויים וואָס ער איז!” און איהר געהט אַוועק ווייטער; געהט איהר אָבער ניט אַוועק, פיהלט איהר אַ טויטליכען אומעט. איהר וועט קיינמאָל פון איהם ניט הערען קיין לעבעדיג אָדער באַגייסטערט וואָרט. יעדער מענש ציינט צו עפּעס ארויס אינטערעס אָדער ענטוזיאזם. מאַנילאָוו פאַרמאָגט ניט אפילו קיין טראָפּען פון אָט דעם מין; שטענדיג איז ער אַזוי מילד געשטימט. עס דוכט זיך, אַז ער פאַרלירט זיך אין רעיונות; אָבער וועגען וואָס ער טראַכט, ווייסט קיינער ניט. „אָמאָל” — זאָגט גאָגאָל — „קוקענדיג פונ'ם גאַניקעל אויפ'ן הויף און טייכעל, האָט ער גערעדט וועגען דעם, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען מען וואָלט פּלוצלונג פון הויז דורכגעפיהרט אַן אונטערערדישען דורכגאַנג, אָדער איבער'ן טייכעל אויפבויען אַ שטיינערנעם בריק מיט קראָמען אויף ביידע זייטען, און אין זיי זאָלען זיצען סוחרים און פארקויפען אַלערליי סחורות, נוצליכע פאַר די פויערים. דערביי פלעגען זיינע אויגען ווערן זעהר זיס און דאָס געזיכט פלעגט אָננעהמען אַ זעהר רוהיגען אויסדרוק”. נאָר אפילו די ווינציגער קאָמפּליצירטע פּלענער האָט מאַנילאָוו זיך געפוילט דורכצופיהרן. „אין הויז ביי איהם פלעגט שטענדיג עטוואָס פעהלען; אין זיין גאַסטצימער איז געשטאַנען אויסגעצייכענטע מעבעל, באַצויגען מיט טייערע זיידענע שטאָפען, וואָס האָבען זיכער געקאָסט זעהר אַ סך געלט; אָבער פאַר צוויי שטולען האָט אויסגעפעהלט שטאָף, זיינען זיי טאַקע אַזוי געבליבען באַצויגען מיט ראַגאָזשע; און אַ צייט מיט יאָהרען פלעגט דער באַלעבאָס וואָרנען זיינע געסט מיט די פאָלגענדע ווערטער: „זעצט זיך ניט אויף אָט־די שטולען; זיי זיינען נאָך ניט פאַרטיג”. ניט ווייניגער כאַראַקטעריסטיש זיינען

מאַנילאָוו'ס פאַמיליען־באַציהונגען. „זיין פרוי... אבער זיי זיינען זעהר געווען צופרידען איינער מיט'ן צווייטען. הגם עס איז שוין געווען מעהר ווי אכט יאָהר נאָך זייער חתונה, פלעגט יעדער פון זיי נאָך אַלץ אמאָל צוטראָגען צום צווייטען א שטיקעל עפּעל, אָדער א קאָנפעקט, אָדער א ניסעל און מיט א ריהרענד־צערטליך קול, וואס האָט אויסגעדריקט אומענדליכע ליבע, א זאג טאָן: „עפען, נשמה'ניו, דיין מיילכעלע, וועל איך דיר ארייגלייגען אָט־דאָס שטיקעלע". פארשטעהט זיך, דאָס מיילכעלע פלעגט זיך עפענען זעהר גראַציעז. צום מאַנ'ס געבורטס־טאָג פלעגט דאָס ווייב שטענדיג צוגרייטען עפּעס א סורפריז — למשל, אַן אויסגענייטע שייד פאַר זיין צאָן־שטאָפער. און זעהר אָפט, זיצענדיג אויף דער סאָפע, פּלוצלונג, גאָר אומבאוואוסט צוליב וואָס פאַר אורזאַכען, פלעגט ער אוועקשטעלען זיין לולקע און זי איהר ארבייט און איינער דעם אַנדערן אָפּפּרעסען אזא זיסען און לאַנגען קוש, אז אין דער צייט וואָלט מען געקענט אויסרייכערן א קליין ציגאַרעטעל. קורץ, זיי זיינען געווען, וואָס מענשען רופען אָן גאַנץ גליקליך".

עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז וועגען זיין גוט און וועגען דער לאַגע פון זיינע פויערים האָט מאַנילאָוו קיינמאָל ניט געקלערט. וועגען אזעלכע זאַכען האָט ער אבסאָלוט גאָרניט געוואוסט, אַלץ האָט ער איבערגעגעבען אין די הענט פון א פלינקען פאַרוואַלטער, אונטער וועמעס הערשאַפט מאַנילאָוו'ס פּאַנטשעוויקעס האָבען נאָך ערגער געליטען, ווי אונטער א ברוטאַלען פריץ. טויזענטער אזעלכע מאַנילאָווס האָבען געלעבט אין רוסלאַנד צוריק מיט א יאָהר פופציג, און איך קלער, אז ווען מיר זאָלען זיך גוט ארומקוקען, וואָלטען מיר געפונען אזעלכע כלומר'שטדיגע סענטימענטאַלע פערזאָנען אין אַלע אַנדערע לענדער.

עס איז לייכט צו באַגרייפען, ס'אָרא גאַלעריע פון פּאָרטרעטען גאָגאָל איז געווען ביכולת צונויפזאַמלען, נאָכפאָלגענדיג טשיטשיקאָוו'ן אויף זיינע וואַנדערונגען פון פריץ צו פריץ, בעת ער, דער העלד זיינער, האָט פּרובירט צונויפקויפען אזוי פיל „טויטע נשמות", וויפיל ער האָט נאָר געקענט. יעדער איינער פון די פריצים, וואָס ווערן באַשריבען אין די „טויטע נשמות" — דער סענטימענטאַלער מאַנילאָוו, דער אומגעלומפּערטער און ביטערער

סאָבאַקעוויטש, דער גוואַלדיגער ליגנער און שווינדלער נאָזדרעוו, די פאַרשימעלטע, פאַר'ן־מבולדיגע קאָראָבאָטשקאַ, דער קמצן פּלוש־קין — זיינען אַלע געוואָרן טיפּישע נעמען אין דעם רוסישען גע־שפּרעך. אייניגע פון זיי, ווי למשל, דער קמצן פּלושקין, זיינען געמאָלען מיט אַזאַ פּסיכאָלאָגישער טיפקייט, אַז ניט־ווילענדיג שטעלט מען זיך די פראַגע: צי קען מען געפינען ערגעץ אין אַן אַנדער ליטעראַטור אַ בעסערן און מעהר מענשליכערן פּאָרטרעט פון אַ קמצן?

ביים סוף פון זיין לעבען איז גאָגאָל, וועלכער האָט געליטען פון אַ נערוועו־קראַנקהייט, אונטערגעפאַלען אונטער דער וויר־קונג פון די „פּיעטיסטען" — ספּעציעל אונטער דער ווירקונג פון מאַדאַם אַ. אָ. סמירנאָוואַ (געבאָרענע ראָססעט) — און האָט אָנגעפאַנגען צו קוקען אויף זיינע ווערק, ווי אויף זיין לעבענס־זינד. צוויי מאָל, אין אַן אויסברוך פון רעליגיעזער זעלבסט־באַשולדיגונג, האָט ער פאַרברענט דעם מאַנוסקריפּט פונ'ם צווייטען באַנד פון די „טויטע נשמות", פון וועלכען עס זיינען איבער־געבליבען נאָר עטליכע קאַפּיטלאַך, וואָס האָבען ביי זיין לעבען צירקולירט אין מאַנוסקריפּט. די לעצטע צעהן יאָהר פון זיין לעבען זיינען פול געווען מיט אומגעהייערע ליידען. ער האָט חרטה געהאַט אויף זיין גאַנצער ליטעראַרישער טעטיגקייט, און האָט אַרויסגעגעבען אַ זעהר שעדליכען בוך „די קאָרעספּאָנדענץ מיט פריינט", אין וועלכען ער האָט, אונטער דער מאַסקע פון קריסטליכער זעלבסט־ערנידערונג, אָנגענומען אַ זעהר חוצפה'דיגע שטעלונג בנוגע צו דער גאַנצער ליטעראַטור, זיינע אייגענע שריפ־טען איינגעשלאָסען. ער איז געשטאָרבען אין מאָסקווע, אינ'ם יאָהר 1852.

עס איז קוים נויטיג צו זאָגען, אַז די רעגירונג פון ניקאָ־לאַי דעם ערשטען האָט גערעכענט גאָגאָל'ס ווערק פאַר זעהר גע־פעהרליכע. גאָגאָל'ען און זיינע פריינט איז זעהר שווער אָנגעקומען צו קריגען אַ דערלויבניש אויסצופיהרן „רעוויזאָר" אויף דער ביהנע, און אַט די דערלויבניש האָט מען נאָר געקראָגען דורך זשוקאָוו־סקי'ן. „רעוויזאָר" האָט מען אויפגעפיהרט אויפ'ן אויסדריק־ליכען וואונש פונ'ם צאַר אַליין. אומגלויבליכע דאגות האָט גאָגאָל געהאַט איידער מען האָט אַרויסגעגעבען די דערלויבניס צו דרוק־

קען דעם ערשטען באנד פון די „טויטע נשמות"; און ווען די אויפלאגע איז פארקויפט געוואָרן האָט מען שוין ניט דערלויבט ארויסצוגעבען קיין צווייטע אויפלאגע כל זמן ניקאָלאַי דער ער־שטער האָט געקיניגט. ווען גאָגאָל איז געשטאָרבען, און טור־גענעוו האָט אָנגעשריבען אין א מאָסקווער צייטונג א קורצען נעקראָלאָגישען נאָטיץ, וואָס האָט באמת ניט אנטהאלטען קיין אויסערגעוועהנליכעס (וועגען דעם נאָטיץ האָט טורגענעוו אליין גע־זאָגט: „וועגען א פּשוט'ען סוחר וואָלטען די צייטונגען גע־שריבען א בעסערן נעקראָלאָג"), איז דער יונגער שריפטשטעלער אַרעסטירט געוואָרן, און נאָר צוליב זיינע איינפלוסרייכע הויכ־געשטעלטע פריינט האָט ניקאָלאַי דער ערשטער פארביטען זיין שטראָף אויף אויסוויזונג פון מאָסקווע און ארויסשיקונג אויף זיין איינענעם גוט. ווען זיינע פריינט וואָלטען זיך ניט געווען אזוי איינגעשטעלט, וואָלט מען טורגענעוו'ן ווארשיינליך, ווי פּוש־קינ'ען און לערמאָנטאָוו'ן, אויך געוועזן ארויסגעשיקט קיין קאַוו־קאַז אָדער קיין סיביר.

די פּאָליציי פון ניקאָלאַי דעם ערשטען איז כלל ניט געווען אומגערעכט, וואָס זי האָט צוגעשריבען צו גאָגאָל'ן א גרויסען איינפלוס אויף די מחות פון רוסלאַנד. זיינע ווערק האָבען ציר־קולירט אין א גרויסער צאָהל געשריבענע קאפּיעס. אין מיין קינדהייט פלעגען מיר קאָפּירן דעם צווייטען באַנד פון די „טויטע נשמות" — דאָס גאַנצע בוך, פונ'ם אָנהויב ביז'ן סוף, ווי אויך איינינע טיילען פונ'ם ערשטען באַנד. יעדער איינער האָט דעמאָלט באַטראַכט אָט־דאָס ווערק ווי אַן אומגעהייער קרעפטיגען באשול־דיגונגס־אַקט געגען לייב־אייגענטום; און אזוי איז דאָס טאַקע געווען. אין דעם הינזיכט איז גאָגאָל געווען דער פאָרלויפער פון יענער ליטעראַרישער באַוועגונג קעגען לייב־אייגענטום, וואָס האָט זיך אָנגעפאנגען אין רוסלאַנד מיט אַזא קראַפט עטליכע יאָהר שפּעטער, בעת, און ספּעציעל נאָך, דער קרימער מלחמה. גאָגאָל האָט קיינמאָל ניט אויסגעדריקט זיינע פּערזענליכע מיינונגען ווע־גען לייב־אייגענטום, נאָר די בילדער פון די פּריצים, וואָס ער האָט געמאָלען אין זיינע ווערק, און פון זייערע באַציהונגען צו די פּאַנ־שטשעוויקעס — ספּעציעל די בילדער פון דער אומזיסטיגער פּראַ־צע פון די פּויערים, וואָס די פּריצים האָבען פארטאַכלעוועט, —

זיינען געווען שטארקערע באשולדיגונגס־אקטען, ווי ווען גאגאל וואלט פשוט איבערגעגעבען אמת'ע פאקטען פון ברוטאלע באציהונגען פון די פריצים צו זייערע פויערים. באמת, ס'איז אוממעגליך צו לייענען די „טויטע נשמות" און ניט קומען צום באשלוס, אז לייב־אייגענטום איז געווען אן אינסטיטוציע, וואס האט אליין צוגעגרייט איהר אונטערגאנג. שכור'ען, פרעסען און זויפען, צו'פטר'ן די פראצע פונ'ם פאנשטשעוויק כדי אויפצוהאלטען הונדערטער דינער, אדער כדי צו שאפען אזעלכע נוצלאזע זאכען ווי דער בריק פון דעם סענטימענטאלען מאנילאוו — אט דאס זיינען געווען די כאראקטעריסטישע שטריכען פון די דאמאלסדיגע פריצים און ווען גאגאל האט געוואלט פארשטעלען א פריץ, וואס האט אם־וויינינגסטען געקראגען עטוואס א געלטליכען נוץ פון דער געצוואונגענער ארבייט פון זיינע פאנשטשעוויקעס און איז רייך געווארן, האט ער געמוזט אויסקלייבען א פריץ פון א ניט־רוסישער אפשטאמונג; באמת וואלט צווישען די רוסישע פריצים אזא מענש געווען אן אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג.

וואס איז שייך צו גאגאל'ס ליטעראַרישען איינפלוס, איז ער געווען קאלאסאל, און ער דויערט נאך עד היום. גאגאל איז ניט קיין טיפער דענקער, ער איז אבער געווען א זעהר גרויסער קינסטלער. זיין קונסט איז ריינער רעאליזם, וואס איז אבער אינגאנצען דורכגעדרונגען מיט'ן ווונש צו שאפען פאר דער מענשהייט גוטעס און גרויסעס. בעת ער האט געשריבען די קאמישסטע זאכען, איז דאס געווען ניט כדי אפצולאכען פון די מענשליכע שוואכקייטען, נאר ער האט שטענדיג פרובירט צו דערוועקען א ווונש צו עטוואס בעסערס און גרעסערס, און ער האט שטענדיג דערגרייכט אט־דעם ציל. קונסט, לויט גאגאל'ס באגריף, איז א פאקעל, וואס באלייכט דעם וועג צו א העכערן אידעאל. קיין צווייפעל, אז טאקע צוליב אט־דעם הויכען באגריף וועגען קונסט האט גאגאל פארשוועדנט אזוי פיל צייט, כדי אויסצוארבייטען די פלענער פון זיינע ווערק און שפעטער אזוי פארזיכטיג זיך באצויגען צו יעדער אנגעשריבענער שורה.

דער דור פון די דעקאבריסטען וואלט זיכער געווען אריינגעפיהרט פאליטישע און סאציאלע אידעען אין דער דערצעהלונג. נאר דער דאזיגער דור איז אומגעקומען און אויף גאגאל'ס

חלק איז אויסגעפאַלען צו זיין דער ערשטער אריינצופיהרן דעם סאָציאַלען עלעמענט אין דער רוסישער ליטעראַטור און איהם געבען אַ פּראָמינענטען און דאָמינירענדען פּלאַץ. הגם ביז איצ־טער בלייבט נאָך די פראַגע אָפען, צי פושקין איז געווען דער פאָ־טער פון רעאַליזם אין דער רוסישער דערצעהלונג, צי גאָגאָל — טורגענעוו און טאָלסטאָי האַלטעןביידע, אַז דאָס איז געווען פּוש־קין — איז אָבער אָהן ספק, אַז גאָגאָל'ס שריפטען האָבען אריינ־געבראַכט אין דער רוסישער ליטעראַטור דעם סאָציאַלען עלעמענט און דעם סאָציאַלען קריטיציזם, וואָס איז באַגרינדעט אויף'ן אַנאַ־ליז פון די דאַמאָלסדיגע באַדינגונגען אין רוסלאַנד. די פּויערים־דערצעהלונגען פון גריגאָראָוויטש'ן, טורגענעוו'ס „נאָטיצען פון אַ יעגער" און די ערשטע ווערק פון דאָסטאָיעווסקי'ן זיינען געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון גאָגאָל'ס איניציאַטיווע.

די פראַגע וועגען רעאַליזם אין דער קונסט האָט צוריק מיט אַ שטיקעל צייט אַרויסגערופען פיל ויכוחים אין צוזאַמענהאַנג, הויפּטזעכליך, מיט די ערשטע ווערק פון זאָלאַ; אָבער מיר רוסען, וואָס האָבען געהאַט אַ גאָגאָל און זיינען געווען באַקענט מיט'ן רעאַליזם אין זיינע בעסטע פאָרמען, האָבען ניט געקאָנט קוקען אויף דער קונסט מיט די אויגען פון די פראַנצויזישע רעאַליסטען. אין זאָלאַ'ן האָבען מיר געזעהען אומגעהויער פיל פון דעם זעל־ביגען ראָמאַנטיזם, געגען וועלכען ער אַליין האָט געקעמפט, און אין זיין רעאַליזם, אויף וויפיל ער האָט זיך אַרויסגעצייגט אין זיינע שריפטען פונ'ם ערשטען פעריאָד, האָבען מיר געזעהען אַ טריט צוריק אין פאַרגלייך מיט באַלזאַק'ס רעאַליזם. לויט אונזער באַ־גריף, קאָן זיך דער רעאַליזם ניט באַגרעניצען בלויז מיט דער אַנאַ־טאָמיע פון דער געזעלשאַפט: ער מוז האָבען אַ העכערן הינ־טערגרונד; די רעאַליסטישע באַשרייבונגען מוזען זיין אונטער־וואָרפען צו אַן אידעאַליסטישען צוועק. נאָך ווינציגער קאָנען מיר פאַרשטעהן דעם רעאַליזם אַלס אַ באַשרייבונג נאָר פון די ניד־ריגסטע זייטען פונ'ם לעבען, ווייל אַ שריפטשטעלער, וואָס באַ־גרעניצט זיינע באָאָבאַכטונגען נאָר מיט די נידעריגסטע זייטען פון לעבען איז נאָך אונזער שטאַנדפּונקט **ניט קיין רעאַליסט**. דעגענעראַציע איז ניט דער איינציגער און ניט דער דאָמינירענדער שטריך פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, ווען מיר באַטראַכטען

זי אלס א גאנצע. פאלגליך, ווען א קינסטלער שטעלט זיך אפ נאר אויף די נידעריגסטע און דעגענערירטע זייטען פונ׳ם לעבען און ניט צוליב עפעס א ספעציעלען צוועק און גיט אונז ניט צו פאר־שטעהן, אז ער באטראכט נאר א קליין ווינקעלע פונ׳ם לעבען, — אזא קינסטלער באגרייפט ניט דאס לעבען, **ו ו י ע ס א י ז**: ער איז נאר באקאנט מיט איין זייט פון לעבען, דערצו נאך מיט דער, וואס איז אם־ווינציגסטען אינטערעסאנט.

דער רעאליזם אין פראנקרייך איז זיכער געווען א נויטווענ־דיגער פראטעסט, טיילווייז געגען דעם אומגעצוימטען ראמאנ־טיזם, נאר הויפטזעכליך געגען דער עלעגאנטער קונסט, וואס האט זיך געגליטשט אויף דער אויבערפלאך און זיך אפגעזאגט צו באטראכטען די זעהר אומעלעגאנטע מאטיווען פון די עלע־גאנטע טאטען—געגען דער קונסט וואס האט אבזיכטליך איגנארירט די אפט שרעקליכע קאנסעקווענצען פון דעם אזוי־גערופענעם קא־רעקטען און עלעגאנטען לעבען. פאר רוסלאנד איז אזא פראָ־טעסט ניט געווען נויטיג. פון גאגאל׳ס צייטען אן איז די קונסט ניט געווען באגרעניצט מיט קיין איינציגען קלאס פון דער גע־זעלשאפט. זי האט געמוזט זיי אלע פארקערפערן, זיי אלע בא־האנדלען רעאליסטיש, און ארייינדרינגען אונטער דער אויבער־פלאך פון די סאציאלע באציהונגען. דערפאר זיינען געווען אי־בעריג די אלע איבערטרייבונגען, וואס זיינען אין פראנקרייך געווען א נויטווענדיגע און געזונטע רעאקציע. ביי אונז האט מען ניט גענדארפט ארייינפאלען אין קיין עקסטרעמען כדי צו בא־פרייען די קונסט פון די טעמפע מאראל־דרשות. אונזער גרוי־סער רעאליסט, גאגאל, האט שוין באוויזען צו זיינע נאכפאלגערס, ווי אזוי דער רעאליזם קאן אוועקגעשטעלט ווערן אין דינסט פון העכערע צוועקען, און דערביי ניט פארלירן זיין דורכדרינגליכ־קייט אדער זיין פעהיגקייט ריכטיג פארצושטעלען דאס לעבען.

קאַפּיטעל פיר.

טורגעניעוו—טאָלסטאָי.

ט ו ר ג ע נ ע ו ו: די הויפּט־שטריכען פון זיין קונסט. — „נאָטיצען פון אַ יעגער". — דער פּעסימיזם פון זיינע ערשטע דערצעהלונגען. — זיין סעריע דערצעהלונגען, וואָס שילדערן די לייטענדע טיפּען פון דער רוסישער געזעלשאַפט. — רודין. — לאַווערעצקי. — העלענא און אינסאַראָוו. — באַזאַראָוו. — פאַרוואָס „פאָטערס און קינדער" איז ניט פאַרשטאַנען געוואָרן. — האַמלעט און דאָן קיכאָט. — נייער באָדען: די באַוועגונג פון געהן אין פאָלק. — פערזען אין פּראָזע. **ט אָ ל ס ט אָ י:** „קינדהייט און בחור'שאַפט". — אין דער צייט פון און נאָך דער קרימער מלחמה. — יוגענט: אין זוכעניש פון אַן אידעאַל. — דערצעהלונגען. — מעשה'לאך. — „קאַזאַקען". — פּעדאַגאָגישע אַרבייט. — „קריג און פרידען". — „אַנאַ קאַרעניגאַ". — דער רעליגיעזער קריזיס.— זיין אויסטייטשונג פון דער קריסטליכער לעהרע. — די הויפּט־פּונקטען פון דער קריסטליכער עטיק. — די לעצטע קונסט־ווערק. — „די קרייצער סאָנאַטאַ". — „תחית המתים".

טורגעניעוו

פּושקין, לערמאָנטאָוו און גאָגאָל זיינען געוועזן די אמת'ע באַשאַפער פון דער רוסישער ליטעראַטור, נאָר זיי זיינען געבליבען כמעט ווי אומבאַוואוסט אין מערב־אייראָפּע. ערשט טורגעניעוו און טאָלסטאָי, — די צוויי גרעסטע נאָוועליסטען פון רוסלאַנד, און אפשר אויך פונ'ם גאַנצען יאָהרהונדערט—און טיילווייז אויך דאָסטאָיעווסקי—האָבען באַזיגט אלע שוועריגקייטען פון שפּראַך, וואָס האָבען ניט דערלאָזט די רוסישע שריפטשטעלער באַקאַנט ווערען צו די מערב־אייראָפּעער. זיי האָבען פּאָפּולער און באַקאַנט געמאַכט די רוסישע ליטעראַטור אויסער די גרעניצען פון רוסלאַנד; זיי האָבען אויסגעאיבט און איבען נאָך איצטער אויס אַ געוויסען איינפלוס אויף דעם געדאַנק און אויף דער קונסט פון

מערב־אייראָפּע; און אַ דאַנק זיי קאָנען מיר זיכער זיין, אַז פון איצט אָן און ווייטער וועלען די בעסטע ווערק פון דעם רוסישען גייסט זיין אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם אינטעלעקטועלען פאַר־מעגען פון דער ציוויליזירטער מענשהייט.

לויט דעם קינסטלערישען געבוי, גאַנצקייט און שעהנקייט פון זיינע ראָמאַנען, איז טורגעניעוו געווען אפשר דער גרעסטער ראָמאַנען־שרייבער פון זיין יאָהרהונדערט. דאָך, ליגט די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון זיין פּאָעטישען זשעני ניט נאָר אין דעם חוש פאַר שעהנקייט, וואָס ער האָט באַזעסען אין אַזאַ הויכער מאָס, נאָר אויך אין דעם הויך־אינטעלעקטועלען אינהאַלט פון זיינע שאַפונגען. זיינע נאָוועלען זיינען ניט קיין פּשוט'ע און צופעליגע שילדערונגען פון דעם אָדער יענעם טיפּ מענשען אָדער פון צופעליגע לעבענס־שטרעמונגען און געשעהענישען, וואָס האָבען צוליב עטוואָס צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון'ם פאַרפאַ־סער. זיי זיינען אינטים פאַרבונדען איינער מיט'ן אַנדערען, און זיי שילדערן די נאָכפאָלגונג פון די לייטענדע אינטעלעקטועלע טיפּען פון רוסלאַנד, וואָס האָבען אַרויפגעלעגט זייער אייגענעם שטעמפעל אויף יעדען פון די נאָכפאָלגענדע דורות. טורגעניעוו'ס נאָוועלען, פון וועלכע די ערשטע איז ערשינען אין'ם יאָהר 1845, כאַפּען אַרום אַ פּעריאָד פון אַריבער דרייסיג יאָהר, און אין דעם משך פון אָט־די דריי צעהנדליג יאָהרען האָט די רוסישע געזעל־שאַפט איבערגעלעבט איינע פון די טיפסטע און שנעלסטע ענ־דערונגען, וואָס זיינען ווען געזעהען געוואָרן אין דער אייראָפּעאי־שער געשיכטע. די לייטענדע טיפּען פון די געבילדעטע קלאַסען האָבען דורכגעלעבט אַ רייהע ענדערונגען מיט אַזאַ שנעלקייט, וואָס איז נאָר מעגליך געווען אין אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט פון אַ לאַנגען דרימעל, צעשטערט אינ־סטיטוציעס, מיט וועלכע עס זיינען געווען דורכגעדרונגען די יסודות פון איהר גאַנצען לעבען (איך מיין דאָס לייב־אייגענטום), און זיך אַ לאָז געטאָן צו באַגעגענען אַ ניי לעבען. און אָט־די רייע „געשיכטע־מאַכענדע"־טיפּען איז געשילדערט געוואָרן פון טורגעניעוו'ן מיט אַזאַ טיפקייט, מיט אַזאַ גאַנצקייט פון פילאָ־זאָפישער און הומאַניטאַרישער פאַרשטענדיגונג און מיט אַ קינסט־לערישער שאַרפזיניגקייט, וואָס דערגעהט אַמאָל ביז פאַראויס־

זעהונג, וואָס מען קאָן ניט געפינען ביי קיינעם פון די מאָדערנע שריפטשטעלער אין דער זעלביגער מדרגה און אין אזא געלונגע־נער קאָמבינאַציע.

מ׳קאָן ניט זאָגען, אז ער זאָל האָבען נאָכגעפאָלגט אַ פּאָראויסגע־זעהענעם פּלאַן. „אָט־די אַלע ויכוחים וועגען „טענדענץ״ און „אומבאַ־וואוסטזיין״ אין דער קונסט״ —האָט ער געשריבען — „זיינען מעהר ניט, ווי אויסגעדראָשענע מליצות . . . נאָר יענע, וואָס קאָנען סיי ווי ניט בעסער, גיבען זיך אונטער צו אַ פּאָראויס־באַשטימטער פּראָגראַם, ווארים אַן אמת־טאַלאַנטפולער שרייבער איז דער קאָנצענטרירטער אויסדרוק פונ׳ם לעבען גופא, און ער קאָן ניט שרייבען ניט קיין פּאַנעגיריק, און ניט קיין פּאַמ־פּלעט: סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס לעצטע זיינען פּאַר איהם צו ביליג״. ווי נאָר אָבער עס האָט זיך באַוויזען אַ נייער טיפּ פון מענער אָדער פרויען צווישען די געבילדעטע קלאַסען פון רוס־לאַנד, האָט ער גלייך באַהערשט די אויפמערקזאַמקייט פון טור־געניעוו׳ן. דער נייער טיפּ פלעגט טורגעניעוו׳ן פאַרפאָלגען ביז עס האָט זיך איהם איינגעגעבען דעם טיפּ צו פאַרקערפּערן אין אַ קונסט־ווערק; פּונקט ווי דאָס האָט פּאַסירט מיט מאָרילאָ׳ן, ווען דאָס בילד פון דער הייליגער בתולה פלעגט יאָהרען־לאַנג פאַרפאָלגען אין עקסטאַז פון דער ריינסטער ליבע, ביז איהם האָט זיך ענדליך איינגעגעבען צו פאַרשטעלען אָט־דעם בילד אויף דער לייוועגט, אזוי ווי ער האָט דאָס באַגריפען.

ווען אַ געוויסע לעבענס־פּראָבלעם האָט אויף אזא׳ן אופן באַהערשט טורגעניעוו׳ס געדאַנק, האָט ער דאָס, וואהרשיינליך, ניט געקאָנט באַהאַנדלען אין טערמינען פון לאָגיק, ווי עס זיי־נען זיך נוהג, למשל, פּובליציסטען; ער פלעגט אָט־דאָס פּראָבלעם אויפנעמען אין דער פאָרם פון בילדער און סצענעס. אפילו אין זיינע געשפּרעכען, בעת ער האָט אייך געוואָלט געבען אַ באַגריף וועגען אַ פּראָבלעם, וואָס האָט גראָד אין יענער צייט באַשעפטיגט זיין געדאַנק, פלעגט ער דאָס טאָן דורך אָפּשילדערן אזעלכע לע־בעדיגע סצענעס, אז זיי זיינען אויף אייביג פאַרבליבען אין זכרון. דאָס איז אויך געווען אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך אין זיינע שריפטען. זיינע נאָוועלען זיינען אַ רייע סצענעס, — אייניגע זעלטען שעהנע — וואו יעדע איינציגע העלפט איהם צוגעבען נאָך

אַ כאַראַקטעריסטישען שטריך צו זיינע העלדען. אַט דערפאַר זיינען אַלע זיינע נאָוועלען קורץ און נויטיגען זיך ניט אין קיין קאָמפּליצירטען סיוזשעט, כדי אויפצוהאַלטען דעם לעזער׳ס אויפמערקזאַמקייט. מענשען, וואָס האָבען קאַליע געמאַכט זייער געשמאַק דורך לייענען סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען, וועלען, פאַרשטעהט זיך, אַנטוישט ווערן לייענענדיג טורגעניעוו׳ס ראָמאַנען: אין זיי פעהלען סענסאַציאָנעלע עפּיזאָדען; אָבער דער געוועהנטליכער אינטעליגענטער לעזער פיהלט שוין פון די ערשטע עטליכע זייטלאַך, אַז ער האָט פאַר זיך רעאַלע און אינטערעסאַנטע מענער און פרויען, אין וועמען עס קלאַפּען אמת־מענשליכע הערצער, און ער קאָן זיך ניט צושיידען מיט׳ן בוך ביז ער האָט איהם ניט געענדיגט און באַגריפען פולשטענדיג די כאַראַקטערען. איינפאַכקייט פון מיטלען צו אויספירן ווייט־גרייכענדע צוועקען — דער הויפּט־שטריך פון אמת גוטער קונסט — שפּירט זיך אין אַלץ, וואָס טורגעניעוו האָט געשריבען.

געאָרג בראַנדעס אין זיין וואונדערבאַרען עטיוד וועגען טורגעניעוו׳ן (אין „מאָדערנע גייסטער״), דער בעסטער, דער טיפסטער, דער פּאָעטישסטער, וואָס איז ווען אָנגעשריבען געוואָרן וועגען דעם גרויסען ראָמאַניסט, מאַכט די פאָלגענדע באַמערקונג:

„עס איז זעהר שווער צו באַשטימען, וואָס אייגענטליך מאַכט טורגעניעוו׳ן פאַר אַן ערשט־קלאַסיג קינסטלער . . . דאָס וואָס ער באַזיצט ביז צו דער העכסטער מדרגה די פעהיגקייט פון יעדען אמת׳ן דיכטער צו שאַפען לעבעדיגע מענשליכע וועזענס, נעמט נאָך אַלעמען, ניט אַלץ ארום. דער גרונד, פאַר וואָס דער לעזער פיהלט אַזוי שטאַרק זיין קינסטלערישען סופּעריאָטעט, באַשטעהט אין דער איינשטימונג, וואָס עס פיהלט זיך צווישען דעם דיכטער׳ס אינטערעס און די פּערזאָנען, וועלכע ער שילדערט, אָדער צווישען זיין מיינונג וועגען די דאָזיגע פּערזאָנען, און דעם איינדרוק, וואָס דער לעזער אַליין באַקומט, ווייל גראַד אין אָט דעם פּונקט — אין דער באַציהונג פון׳ס קינסטלער צו זיינע אייגענע שאַפונגען — מוז זיך נויטיגערווייז אַרויסווייזען יעדע שוואַכקייט סיי פון די פּערזאָנען, סיי פון דעם דיכטער.״

אזא טעות דערפיהלט דער לעזער גלייך און האלט איהם אין זכרון, ניט קוקענדיג אויף אלע אנשטרענגונגען פון פארפאסער צו פארגלעטען זיין איינדרוק.

„וואָס פאר א לעזער פון באלזאק, דיקענס אָדער אויערבאך — ווען מען זאָל רעדען נאָר וועגען די טויטע גדולים — איז ניט באקאנט מיט אָט־דעם געפיהל!" זאָגט בראנדעס ווייטער. ווען באלזאק ווערט צושוואומען אין צוואווארעמטער אויפרעגונג, אָדער ווען דיקענס ווערט קינדעריש־ריהרענד, און אויערבאך — אבזיכטליך נאאיוו, דערפיהלט דער לעזער גלייך דאָס אומריכטיגע, דאָס אומאנגענעמע. אין טורגעניעוו'ס ווערק וועט איהר קיינמאָל ניט באגעגענען קיין זאך, וואָס זאָל אייך אָפּשטויסען אין קינסטלערישען הינזיכט."

אָט־די באמערקונג פונ'ם גרויסען קריטיקער איז אבסאָלוט אמת און אונז בלייבט איבער נאָר צוצוגעבען עטליכע ווערטער מכח דער וואונדערבארער ארכיטעקטור פון אלע טורגעניעוו'ס ווערק. מעג דאָס זיין א קליינע דערצעהלונג אָדער א גרויסע, ווערט די פראָפּאָרציע פון די טיילען וואונדערבאר אויפגעהאלטען; ניטאָ קיין איינציגער עפּיזאָד פון א פּשוט „עטנאָגראפישען" כאראקטער, וואָס זאָל צושטערן אָדער אָפּשוואכען די אנטוויקלונג פון דער אינערליכער מענשליכער דראמע; ניט קיין איין שטריך, און אודאי ניט קיין איין סצענע קען אויסגעלאָזט ווערן, ניט צעשטערענדיג דעם איינדרוק פון דעם גאנצען; און דער לעצטער אקאָרד, וואָס קרוינט דעם געוועהנליך ריהרענדען אלגעמיינעם איינדרוק איז שטענדיג אויסגעארבייט מיט א וואונדערבארער גאנצקייט *).

היינט דערצו די שעהנקייט פון די הויפּט־סצענעס! יעדע

---

*) די איינציגע אויסנאהמע איז די סצענע מיט די צוויי אַלטע לייט אין „נייעס באָדען". די סצענע איז איבעריג און ניט אָם־פּלאַץ. די אַריינפיהרונג פון אַט־דעם עפּיזאָד איז פּשוט אַ „ליטעראַרישער קאַפּריז".

איינציגע פון זיי קאָן דינען אַלס סיוזשעט פאַר אַ הויך־קינסט־לערישען און איינדרוקספאָלען בילד. נעמט, למשל, די שלוס־סצענעס פון העלען און אינסאראוו'ן אין ווענעציע: זייער באַזוך פון דער בילדער־גאַלערעע, בעת דער אויפזעהער שרייט אויס, קוקענדיג אויף זיי: "Poveretti" (אָרעמינקע). אָדער די סצענע אין'ם טעאַטער, וואו גלייך נאָך דעם געקינצעלטען הוסט פון דער אַקטריסע (וועלכע האָט געשפּילט וויאָלעטאַ אין טראַוויאַ־טאַ) האָט אָפּגעקלונגען דער טיפער און רעאַלער הוסט פונ'ם שטאַר־בענדיגען אינסאַראַוו. טאַקע די אַקטריסע אַליין, מיט איהרע אָרעמע קליידער, אויסגעדאַרטע אַקסלען, וואָס באַהערשט פונ־דעסטוועגען דאָס געמיט פון די צושויער דורך דער וואַרעמקייט און רעאַליטעט פון איהרע געפילען און רופט אַרויס אַ שטורם פון ענטוזיאַזם מיט איהר אויסגעשריי פון גוסס'דיגער פרייד, בעת אַלפרעד קערט זיך אום צוריק; נאָך מעהר, איך וועל אפילו זאָגען, אַז דער פינסטערער האַפען, וואו מען קאָן זעהן דעם ים־פויגעל זיך אַראָפּלאָזען פון דער ראָז־קאָלירטער ליכטיגקייט אין דער טיפער פינסטערניש פון דער נאַכט — יעדע פון אָט־די סצענעס בעט זיך פשוט אויף דעם לייווענט. אין זיין לעקציע האַמלעט און דאָן־קיכאָט, וואו ער זאָגט צווישען אַנדערעס, אַז שעקספּיר און סער־וואַנטעס זיינען געווען צייט־חברים און דערמאָנט, אַז סערוואַנ־טעס'עס ריטער־ראָמאַן איז איבערזעצט געוואָרן אויף ענגליש ביי שעקספּיר'ס לעבען, אַזוי, אַז דער גרויסער דראַמאַטורג האָט איהם געקאָנט לייענען, שרייט טורגעניעוו אויס: „ס'אַרא בילד, ווירדיג פאַר'ן פּינזעל פון אַ דענקענדען מאָלער: שעקספּיר, לייענענדיג דאָן־קיכאָט!" אין אָט־די שורות האָט ער אַנטפּלעקט דעם סוד פון דער וואונדערליכער שעהנקייט — די בילדליכע שעהנקייט — מיט וועלכע עס צייכענען זיך אויס אַזוי פיל פון זיינע סצענעס אין זיינע ראָמאַנען. זיי האָבען זיך זיכער איהם געמוזט פאָר־שטעלען ניט נאָר איינגעוויקעלט אין יענער מוזיק פון געפיהל, וואָס קלינגט אין זיי, נאָר אויך אַלס בילדער, פול מיט דער טיפסטער פסיכאָלאָגישער באַדייטונג, אין וועלכע די גאַנצע סביבה פון די הויפּט־פיגורען — דער רוסישער בערעזעווער וואַלד, אָדער דאָס דייטשע שטעדטעל ביים רהיין, אָדער דער האַפען פון ווענעציע — זיינען שטענדיג אין האַרמאָניע מיט די געפילען.

טורגעניעוו האָט טיף געקענט דאָס מענשליכע האַרץ, ספּעציעל דאָס האַרץ פון אַ יונגע, פולשטענדיג אָרענטליך און דענקענדיג מיידעל אין דעם מאָמענט, ווען עס דערוועקען זיך אין איהר די העכסטע געפילען און אידעען, און אָט־די דערוועקונג נעמט אָן, אומבאַוואוסט פאַר איהר אַליין, די פאָרם פון ליבע. אין דער שילדערונג פון אָט־דעם מאָמענט פון לעבען קאָן קיינער זיך ניט פאַרגלייכען מיט טורגעניעוו׳ן. בכלל, איז ליבע דער לייטענדער מאָטיוו פון אַלע זיינע נאָוועלען; און דער מאָמענט פון איהר פולער אַנטוויקלונג איז דער מאָמענט, ווען דער העלד — מעג ער זיין אַ פּאָליטישער אַגיטאַטאָר אָדער אַ באַשיידענער פּריץ — ערשיינט אין פולער ליכט. דער גרויסער דיכטער האָט געוואוסט, אַז אַ מענשליכער טיפּ קאָן ניט כאַראַקטעריזירט ווערן דורך דער טעגליכער אַרבייט, מיט וועלכער אַזאַ מענש איז באַשעפטיגט — ווי וויכטיג אָט־די אַרבייט זאָל ניט זיין — און נאָך ווינציגער דורך זיינע רעדעס. פאָלגליך, ווען ער מאָלט, למשל, דאָס בילד פון אַן אַגיטאַטאָר אין דמיטרי רודינ׳ען, ברענגט ער ניט זיינע פייערדיגע רעדעס — פּשוט, ווייל אָט־די רעדעס וואָלטען איהם ניט כאַראַקטעריזירט. אַ סך אַנדערע האָבען שוין פאַר רודינ׳ען מיט די זעלביגע ווערטער גערופען צו פרייהייט און גלייכהייט, און אַ סך מענשען וועלען אַזוי אַפּעלירן נאָך זיין טויט. נאָר דער ספּעציעלער טיפּ פון אַן אַפּאָסטעל פון גלייכהייט און פרייהייט — דער „מענש פון ווערטער, און ניט פון טאַטען״, וועלכען ער האָט געהאַט בדעה צו שילדערען אין רודינ׳ען — ווערט כאַראַקטעריזירט דורך די באַציהונגען פונ׳ם העלד צו פאַרשיידענע פּערזאָנען, און מעהר פון אַלץ — דורך זיין ליבע צו נאַטאַשען, ווייל אין ליבע צייגען זיך פאָלשטענדיג אַרויס אַלע אינדיווידועלע אייגענטימליכקייטען פון אַ מענשען. טויזענטער מענשען האָבען זיך באַשעפטיגט מיט „פּראָפּאַגאַנדע״ און געברויכט, וואַרשיינליך, איינע און די זעלביגע אויסדרוקען, נאָר יעדער איינציגער פון זיי האָט געליבט אויף אַן אַנדער שטייגער. מאַציני און לאַסאַל זיינען ביידע געווען אַגיטאַטאָרס; אָבער ווי פאַרשיידען זיי זיינען געווען אין זייער ליבע! איהר קענט גאָר ניט לאַסאַל׳ען, סיידען איהר זייט באַקאַנט מיט זיינע באַציהונגען צו דער גרעפין האַטצפעלד.

פּונקט ווי אַלע גרויסע שריפטשטעלער, האָט טורגעניעוו פאַר־איינינט אין זיך פּעסימיזם מיט ליבע צו דער מענשהייט.

„אין טורגעניעוו'ס נשמה פליסט אַ טיפער און ברייטער שטראָם פון מעלאַנכאָליע", באַמערקט בראַנדעס, „און דערפאַר פליסט אָט־דער שטראָם אויך דורך אַלע זיינע ווערק. ווי אָביעקטיוו און אומפּערזענליך עס זאָלען ניט זיין די באַשרייבונגען זיינע, הגם ער מיידט אויס אריינצופיהרן אין זיינע נאָוועלען לירישע פּאָעזיע, פונדעסטוועגען מאַכען זיי אַלס גאַנצע דעם איינדרוק פון ליריק. עס איז אין זיי אויסגעדריקט אַזוי פיל פון טורגעניעוו'ס פּערזענ־ליכקייט, און אָט־די פערזענליכקייט איז שטענדיג טרויערקייט — אַ ספּעציפישע טרויערקייט אָהן אַ שמץ פון סענטימענטאַליטעט. טורגענעוו גיט זיך קיינמאָל ניט איבער אינגאַנצען צו זיינע געפילען: ער שאַפט דעם איינדרוק דורך איינגעהאַלטענקייט; אָבער קיין איין מערב־אייראָפּעאישען נאָוועליסט איז ניט אַזוי אומעטיג ווי ער. די גרויסע מעלאַנכאָליקער פון דער לאַטיינישער ראַסע, ווי לעאָפּאַרדי און פלאָבער, באַזיצען קרעפטיגע און שאַרפע קאָנטורען אין זייער סטיל. דער דייטשער טרויער טראָגט די סימנים פון שניידענדיגען הומאָר, אָדער ער איז פּאַטעטיש אָדער גאָר סענטימענטאַל; אָבער טורגעניעוו'ס מעלאַנכאָליע איז, אין איהר עצם, די מעלאַנכאָליע פון די סלאַווישע ראַסען אין איהר שוואַכקייט און טראַגישער פאָרם; זי שטאַמט דירעקט פונ'ם טרויער פון די סלאַווישע פאָלקס־לידער... ווען גאָגאָל איז מע־לאַנכאָליש, שטאַמט דאָס פון פאַרצווייפלונג. דאָסטאָיעווסקי דריקט אויס דעם זעלביגען געפיל, ווייל זיין הארץ בלוטעט איהם פאַר די דערנידעריגטע, און ספּעציעל פאַר די גרויסע זינדער. טאָלסטאָי'ס מעלאַנכאָליע האָט איהר פונדאַמענט אין זיין רעליגיעזען פאַטאַ־ליזם. טורגעניעוו אַליין איז אַ פילאָזאָף... ער האָט ליב דעם מענשען, הגם ער האָט וועגען איהם ניט קיין הויכע מיינונג און טרויט איהם ניט זעהר פיל".

די פולע קראַפט פון טורגעניעוו'ס טאַלאַנט ציינט זיך שוין אַרויס אין די ערשטע ווערק זיינע — אין דער סעריע קורצע דער־צעהלונגען פון דעם דאָרפישען לעבען, צו וועלכער מען האָט אָב־זיכטליך געגעבען דעם פאַרפירערישען נאָמען „נאָטיצען פון אַ יעגער", כדי אויסצומיידען די שטרענגקייט פון דער צענזור. ניט

געקוקט אויף דער איינפאַכקייט פון דעם אינהאַלט און דער פול־שטענדיגער אפּוועזנהייט פון דעם סאַטירישען עלעמענט, האָבען אָט־די דערצעהלונגען דאָך געגעבען דעם לייב־אייגענטום אַן אַנט־שידענעם קלאַפּ. טורגעניעוו האָט אין זיי ניט געשילדערט די גרויזאַמקייטען פון לייב־אייגענטום, וועלכע קאָנען באַטראַכט ווערן אַלס אויסנאַמען; ער האָט אויך ניט אידעאַליזירט דעם רוסישען פּויער; נאָר דורך דעם, וואָס ער האָט געגעבען לעבענס־בילדער פון עמפּפינדליכע, דענקענדע און ליבענדע ועזענס, וואָס ווערן אין דרייען געבויגען אונטער'ן יאָך פון לייב־אייגענטום, און פּאַראַלעל מיט זיי אָוועקגעשטעלט די לעבענס־בילדער פון דער פּלאַכקייט און געמיינהייט פון די לייב־אייגענטימער — אפילו פון די בעסטע פון זיי, האָט טורגעניעוו אויפגעוועקט דעם באַוואוסטזיין וועגען דאָס בייז, וואָס די סיסטעם ברענגט. דער סאָציאַלער איינ־פלוס פון אָט־די דערצעהלונגען איז געווען זעהר גרויס. וואָס עס איז שייך זייערע קינסטלערישע מעלות, איז גענוג צו זאָגען, אַז אין יעדער פון אָט־די קורצע דערצעהלונגען באַגעגענען מיר אויף אַ שטח פון עטליכע זייטלאָך די לעבעדיגסטע בילדער פון אַן אומ־גלויבליכער פאַרשידענאַרטיגקייט פון מענשליכע כאַראַקטערען צו־זאַמען מיט די שעהנסטע בילדער פון דער נאַטור. פאַראַכטונג, אַנטציקונג, סימפּאַטיע, אָדער טיפער טרויער באַהערשען איינם נאָכ'ן אַנדערען, לויט'ן וואונש פון'ם יונגען פאַרפאַסער, דעם לעזער — און יעדען מאָל אין אַזאַ פאָרם און דורך אַזעלכע לעבע־דיגע סצענעס, אַז יעדע קליינינקע דערצעהלונג איז אַזוי פיל ווערט, ווי אַ גוטע נאָוועלע.

אין דער זאַמלונג פון קורצע דערצעהלונגען: „אַ שטיל ווינ־קעלע", „די קאָרעספּאָנדענץ", „יאַקאָוו פּאַסינקאָוו", „פאַוסט" און „אַסיאַ", אַלע דאַטירט 1854 און 1855, האָט זיך טורגעניעוו'ס זשעני אינגאַנצען אַנטפּלעקט; אין זיי טרעטען שוין פולשטענדיג אַרויס זיין מאַניר, זיין אינערליכער „איך", זיינע קרעפטען. אַ טיפער טרויער דרינגט דורך אָט־די דערצעהלונגען. עפּעס אַ מין פאַרצווייפלונג אין דעם געבילדעטען רוס, וועלכער איז אַפילו אין ליבע אומפעהיג אַרויסצוצייגען אַ שטאַרקען געפיל, וואָס זאָל אָפּ־רייניגען אַלע שטערונגען; אַפילו אונטער די גינסטיגסטע באַדינ־גונגען קאָן ער נאָר ברענגען די פרוי, וואָס האָט איהם ליב, צו

טרויער און פאַרצווייפלונג. די פאָלגענדע שורות פון „דער קאָ־רעספּאָנדענץ" כאַראַקטעריזירן בעסער פון אַלץ די לייטענדע אידעע פון אָט־די דריי נאָוועלען: „אַ שטיל ווינקעלע", „די קאָ־רעספּאָנדענץ" און „אַסיא". דאָס שרייבט אַ מיידעל פון זעקס־און־צוואַנציג יאָהר צו אַ פריינט פון איהר קינדהייט:

„איך זאָג איבער נאָך אַמאָל, אַז איך רייד ניט וועגען אַ מייד־דעל, וואָס איהר איז שווער אָדער אונמעגליך צו דענקען... זי קוקט זיך אום, וואַרט, ווען עס וועט קומען דער, צו וועמען איהר נשמה בענקט אַזוי... ענדליך ערשיינט ער: זי ווערט פון איהם באַ־רוישט; זי איז ביי איהם אין די הענט, ווי אַ ווייך שטיקעל וואַקס. אַלץ — אי גליק, אי ליבע, אי געדאַנק — אַלץ איז צוזאַמען מיט איהם שטראָמיג אָנגעקומען; איהר גאַנצע אומרוהיגקייט ווערט געשטילט, אַלע איהרע ספקות ווערען דורך איהם געלעזט; דער אמת אַליין, דוכט זיך, רעדט מיט זיין מויל. זי פאַרגעטערט איהם, זי שעמט זיך פאַר איהר גליק, זי לערענט זיך, זי ליבט. גרויס איז זיין קראַפט איבער איהר אין יענער צייט!... וואָלט ער געווען אַ העלד, וואָלט ער זי באַגייסטערט, זי אויסגעלערנט אָפּפערן מיט זיך, און איהרע אַלע קרבנות וואָלטען לייכט געווען! נאָר קיין העלדען זיינען אין אונזער צייט ניטאָ... פונדעסטוועגען פירט ער זי וואוהין ער וויל; זי גיט זיך איבער צו אַלץ, וואָס עס אינ־טערעסירט איהם; יעדעס וואָרט זיינס דרינגט איהר אריין אין דער נשמה: זי וויים נאָך דעמאָלט ניט, ווי נישטיג, לער און פאַלש דאָס וואָ־ט קאָן זיין; ווי ווינציג עס קאָסט דעם, וואָס עס זאָגט עס, ווי ווינציג צוטרויען עס פאַרדינט! נאָך אָט־די ערשטע מאָמענטען פון גליק און האָפנונג קומט געוועהנליך — לויט די באַדינגונגען (די באַדינגונגען זיינען דאָך תמיד שולדיג) — קומט די צושיידונג. מען זאָגט, עס זיינען געווען פאַלען, ווען די צוויי נאָהענטע נשמות האָבען זיך גלייך פאַראייניגט; אויך האָב איך געהערט, אַז ניט שטענדיג האָבען זיי אין דעם געפונען גליק... נאָר וואָס איך אַליין האָב ניט געזעהן, וועגען דעם וויל איך ניט ריידען. אָבער, אַז די קליינליכסטע אויסרעכענונג און די קלעגליכסטע פאַר־זיכטיגקייט קאָנען לעבען אין אַ יונג הארץ זייט ביי זייט מיט דער ליידענשאַפטליכסטער באַגייסטערונג, דאָס האָב איך אַליין, צום באַדויערן, געלערנט פון ערפאַרונג. אַלזאָ, עס קומט די צושיי־

דונג... גליקליך איז דאָס מיידעל, וואס דערקענט גלייך, אז דאָס איז די ענד פון אַלץ און טרייסט זיך ניט מיט קיין דערוואַרטונגען! אָבער איהר, מוטיגע, גערעכטע מענער, איהר האָט מעהרסטענטיילס ניט דעם מוט, און ניט דעם ווילען אונז צו זאָגען דעם אמת... אייך איז גרינגער אונז אָפּצונאַרען... אָדער, איך בין גרייט צו גלויבען, אז איהר נאַרט זיך אליין צוזאַמען מיט אונז".

א פולשטענדיגער יאוש אין דער פעהיגקייט פון דעם געביל־דעטען מענשען אין רוסלאַנד עטוואָס צו טאָן געהט דורך אַלע טורגעניעוו'ס ווערק פון אָט־דעם פעריאָד. יענע עטליכע מענשען, וואָס שיינען צו זיין אַן אויסנאַם — וואָס באַזיצען ענערגיע, אָדער וואָס מאַכען דעם אָנשטעל אויף אַ קורצער צייט, אַז זיי באַזיצען ענערגיע, ענדיגען געוועהנליך זייער לעבען אין ביליאַרד־צימער פון קאַפע, אָדער צו'פּטר'ן זייער לעבען אויף אַן אַנדער אופן. די יאָהרען 1845 און 1855, ווען אָט די נאָוועלען זיינען אָנגעשריבען געוואַרן, דערקלערן פולשטענדיג טורגעניעוו'ס פעסימיזם. אין רוסלאַנד זיינען זיי פיליכט געווען די פינסטערסטע יאָהרען פון יענעם פינסטערן פעריאָד פון דער רוסישער געשיכטע — די יאָה־רען פון דער הערשאַפט פון ניקאָלאַי דעם 1טען; — און אויך אין מערב־אייראָפּע זיינען דאָס געווען די יאָהרען באַלד נאָך דער מלוכה־איבערקערעניש פון נאַפּאָלעאָן דעם 3טען, יאָהרען פון אַל־געמיינער רעאַקציע, נאָך די ניט־פאַרווירקליכטע האָפנונגען פון 1848.

טורגעניעוו, ווען מען האָט שיער ניט פאַרשיקט קיין סיביר, ווייל ער האָט אין אַ מאָסקווער צייטונג אָפּגעדרוקט זיין אומשול־דיגען נעקראָלאָג וועגען גאָגאָל'ן, נאָך דעם, ווי אָט־דער נעקראָלאָג איז פאַרבאָטען געוואָרן פון דער צענזור, איז געצוואונגען געוואָרן צו וואוינען אויף זיין גוט און באַאָבאַכטען אַרום זיך די שקלאַפישע אונטערטעניגקייט פון די אַלע, וועלכע האָבען פריער אַרויסגעצייגט סימנים פון אומצופרידענהייט. זעהענדיג אַרום זיך דעם טריאומף פון די אונטערשטיצער פון לייב־אייגענטום און דעספּאָטיזם, האָט ער לייכט געקאָנט אַריינפאַלען אין פאַרצווייפ־לונג. נאָר דער טרויער, וואָס דרינגט דורך די נאָוועלען פון אָט־דעם פעריאָד, איז ניט געווען קיין יאוש־געשריי; אויך האָט ער ניט געהאַט קיין שמץ פון סאַטירע; דאָס איז געווען דער מיט־

פילענדיגער טרויער פון א ליבענדען פריינט, און אין דעם ליגט דער הויפט־כישוף פון אט־די נאָוועלען. פונ׳ם קינסטלערישען שטאַנד־פונקט זיינען „אסיא״ און „די קאָרעספּאָנדענץ״ פיליכט די שעהנ־סטע ליטעראַרישע פּערל, וועלכע מיר פאַרדאַנקען טורגעניעוו׳ן.

כדי ריכטיג צו אורטיילען וועגען דער וויכטיגקייט פון טורגע־ניעוו׳ס ארבייט, מוז מען לייענען איינס נאָכ׳ן אנדערן—אזוי האָט ער טאַקע אליין געוואלט—זיינע זעקס ראָמאַנען: „רודין״, „א פּריצ׳ישער הויף״, „ערב מלחמה״, „פּאַטערס און קינדער״, „רויך״ און „נייער באָדען״. אין אַט־די ראָמאַנען קאָן מען זעהן זיין פולע פּאָעטישע קראַפט; אין דער זעלביגער צייט קאָן מען אויך קריגען א באגריף וועגען די פארשיידענע פאָרמען, וואָס דאָס אינטעלעק־טועלע לעבען האָט אָנגענומען אין רוסלאַנד פון דעם יאָהר 1848 ביז׳ן יאָהר 1876, און פארשטעהן דעם דיכטער׳ס באַציהונג צו די בעסטע פאָרשטעהער פונ׳ם פאָרטגעשריטענעם געדאַנק אין רוס־לאַנד אין דעם משך פונ׳ם אינטערעסאַנטעסטען פּעריאָד פון איהר אנטוויקלונג. אין איינינגע פון זיינע ערשטע דערציהלונגען האָט שוין טורגעניעוו בארירט דעם האמלעטיזם אין דעם רוסישען לעבען. אין זיין „האמלעט פון שטשיגראָווער דיסטריקט״ און אין זיין „טאָג־בוך פון אן איבעריגען מענשען״ האָט ער שוין אויסגעצייכענט געשילדערט מענשען פון יענעם טיפּ. אָבער ערשט אין „רודין״ (1855) האָט ער דערגרייכט די פולע קינסטלערישע שיל־דערונג פון יענעם טיפּ, וואָס האָט זיך שטארק פארשפּרייט אויף דעם רוסישען באָדען, אין יענער צייט, בעת אונזערע בעסטע מענשען זיינען געווען פארמשפּט צו אומטעטיגקייט און — ווער־טער. טורגעניעוו האָט ניט געשאָנעוועט די מענשען פון יענעם טיפּ; ער האָט זיי געשילדערט אין זייערע ערגסטע שטריכען, ווי אין זייערע בעסטע, און דאָך האָט ער זיי באהאַנדעלט צערטליך. ער האָט ליב געהאַט רודינ׳ען מיט אלע זיינע חסרונות, און אין אַט־דער ליבע איז ער געווען איינינג מיט די בעסטע מענשען פון זיין דור, און טיילוויז אויך פון אונזער דור.

רודין איז געווען א מענש פון די „פערציגער יאָהרען״, וואָס איז אויגעוואקסען אויף העגעל׳ס פילאָזאָפיע און זיך אנטוויקעלט אונטער די באדינגונגען, וואָס האָבען געהערשט אין דער עפּאָכע פון ניקאָלאַי דעם 1טען, בעת א דענקענדער מענש האָט ניט גע־

האָט קיין מעגליכקייט אויסצנוצען זיינע כחות, אויב ער איז ניט געוואָרן קיין באַאַמטער פון דעם אויטאָקראַטישען שטאַט פון שקלאַפען־האַלטער. די האַנדלונג פונ׳ם ראָמאַן קומט פאָר אויף א גוט אין מיטעל־רוסלאַנד, אין דער פאַמיליע פון א פּריצה, וואָס צייגט אַרויס אַן אויבערפלעכליכען אינטערעס צו אַלערליי נייאיג־קייטען, לייענט ביכער, וואָס זיינען פאַרבאָטען געוואָרן פון דער צענזור, ווי, למשל, די „דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע״ פון טאָק־וויל׳ן, און האָט ליב צונויפזאַמלען אַרום זיך — אין איהר פּעטער־בורגער סאַלאָן אָדער אויף איהר גוט — אַלערליי באַוואוסטע פּער־זענליכקייטען. טאַקע ביי איהר אין גאַסט־צימער ערשיינט רודין צום ערשטען מאָל. אין עטליכע מינוט באַהערשט ער דעם גע־שפּרעך, און דורך זיינע אינטעליגענטע באַמערקונגען צום פּונקט, געווינט ער די באַוואונדערונג פון דער פּריצה און די סימפּאַטיע פונ׳ם אינגערן דור. דער יונגער דור ווערט פאַרגעשטעלט דורך א טאָכטער פון דער פּריצה און דורך א יונגען סטודענט, דעם לערער פון איהרע אינגלאַך. ביידע ווערן באַצויבערט פון רודינ׳ען. ווען ער רעדט, שפּעטער אין אָוונט, פון זיינע סטודענטען־יאָהרען, און באַרירט אַזעלכע אָנציהענדע טעמעס, ווי פרייהייט, פרייהייט פון געדאַנק, און דעם קאַמף פאַר פרייהייט אין מערב־אייראָפּע, זיינען זיינע ווערטער פול מיט אַזוי פיל פייער, מיט אַזוי פיל פּאָעזיע און ענטוזיאַזם, אַז די צוויי יונגע מענשען הערן זיך צו איהם צו מיט א געפיל, וואָס דערנעהענטערט זיך צו פאַרגעטערונג. דער רעזול־טאַט איז קלאָר: נאַטאַשאַ, די טאָכטער, פאַרליבט זיך אין איהם. רודין איז א סך עלטער פון נאַטאַשאַ׳ן — צווישען זיינע שעהנע האָר וואַרפען זיך שוין דורך זילבער־שטרייפען, און וועגען ליבע רעדט ער, ווי וועגען א זאַך, וואָס האָט פאַר איהם א שייכות צו דער פאַרגאַנגענהייט. „האָט איהר באַמערקט, — זאָגט רודין, — אַז די הערבסט־בלעטער פון א דעמב פאַלען אַראָפּ ערשט דעמאָלט, ווען די פרישע פּאַנגען אָן אַרויסצושפּאָרן״. נאַטאַשאַ פאַר־שטעהט אָט־די פראַזע פון רודינ׳ען אין דעם זין, אַז ער קאָן פאַר־געסען אָן זיין אַלטער ליבע ערשט דעמאָלט, ווען די נייע ליבע וועט פאַרנעמען איהר פּלאַץ, — און זי גיט רודינ׳ען איהר ליבע. זי צעברעכט אַלע טראַדיציעס פון דעם פּינקטליך־קאָרעקטען הויז פון איהר מוטער און געהט אין א פרימאָרגען אויף א ראַנדעוואו

מיט רודינ׳ען צום ברעג פון עפּעס אַ פּאַרוואָרפען טייכעל. זי איז איהם גרייט נאָכפאָלגען אומעטום, און שטעלט איהם ניט פון איהר זייט קיין באַדינגונגען; ער, אָבער, וועמעס ליבע איז מעהר אין מוח, ווי אין האַרץ, געפינט גאָר ניט וואָס איהר צו זאָגען אויסער צו ריידען וועגען דער אוממעגליכקייט צו באַקומען די דערלויבניש פון איהר מוטער אויף זייער חתונה. נאַטאַשאַ הערט זיך קוים צו צו זיינע ווערטער: זי איז גרייט איהם נאָכגעהן מיט אָדער אָהן דער דערלויבניש פון איהר מוטער און פרעגט: „וואָס זשע זאָלען מיר טאָן?" — „זיך אונטערוואַרפען" — ענטפער רודין.

דער העלד, וואָס האָט אַזוי שעהן גערעדט וועגען דעם קאַמף געגען אַלערליי שטערונגען, איז צוזאַמענגעבראָכען געוואָרן פאַר דער ערשטער שטערונג, וועלכע ער האָט באַגעגענט אויף זיין וועג. ווערטער, ווערטער נאָר, אָבער ניט קיין טאַטען איז די אמת׳ע כאַראַקטעריסטיק פון יענע מענשען, וואָס האָבען אין די פערציגער יאָהרען פאַרגעשטעלט דעם בעסטען דענקענדען עלעמענט פון דער רוסישער געזעלשאַפט.

שפּעטער באַגעגענען מיר רודינ׳ען נאָך אַ מאָל. ער האָט נאָך אַלץ פאַר זיך ניט געפונען קיין באַשעפטיגונג און אַלץ נאָך ניט שלום געמאַכט מיט די לעבענס-באַדינגונגען פון יענער צייט. ער איז פאַרבליבען אַ קבצן, ווערט געטריבען דורך דער רעגירונג פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער, ביז ער לאָזט זיך, ענדליך, אַוועק קיין אויסלאַנד, און אין דער צייט פון דעם יוני-אויפשטאַנד פונ׳ם יאָהר 1848, ווערט ער גע׳הרג׳עט אויף די באַריקאַדען אין פּאַריז. אין דעם ראָמאַן איז פאַראַן אַן עפּילאָג, און אָט-דער עפּילאָג איז אַזוי שעהן, אַז איך מוז דאָ ברענגען אַן אויסצוג פון אים. לעזשנעוו, רודינ׳ס אַן אַמאָליגער שונא, זאָגט:

— „איך קען איהם גוט, — זיינע חסרונות זיינען מיר גוט באַקאַנט. זיי טרעטען אַלץ בולט׳ער אַרויס, ווייל ער איז ניט קיין קליינליכער מענש.

— רודין איז אַ געניאַלער כאַראַקטער! — האָט באַסיסטאָוו אונטערגעכאַפּט.

— געניאַליטעט, אויב איהר ווילט, איז אין איהם יע דאָ, — האָט לעזשנעוו געענטפערט: — נאָר דער כאַראַקטער... דערין ליגט טאַקע זיין גאַנצער אומגליק, וואָס קיין כאַראַקטער אייגענט-

ליך האָט ער ניט... נאָר דאָס איז ניט די זאַך. איך וויל ריידען וועגען דאָס גוטע, דאָס זעלטענע וואָס אין אים איז פאַראַן. ער באַזיצט ענטוזיאַזם; און דאָס, מעגט איהר מיר, אַ פלעגמאַטישען מענשען, גלויבען, איז די טייערסטע מעלה אין אונזער צייט. מיר זיינען אַלע געוואָרן אומדערטרעגליך פאַרנינפטיג, גלייכגילטיג און אָפּגעלאָזען; מיר זיינען אַנטשלאָפען און פאַרקילט געוואָרן, און מיר דאַרפען דאַנקען יעדען, וואָס וועט אונז כאָטש אויף איין רגע צוטרייסלען און אָנוואַרעמען! עס איז שוין צייט! געדענקסטו, סאַשאַ, איך האָב איין מאָל מיט דיר גערעדט וועגען איהם און איהם באַשולדיגט אין קאַלטקייט. איך בין דעמאָלט געווען אי גערעכט, אי אומגערעכט. די קאַלטקייט איז ביי איהם אין בלוט — דאָס איז ניט זיין שולד — און ניט אין קאָפּ. ער איז ניט קיין אַקטיאָר, ווי איך האָב איהם דעמאָלט אָנגערופען, ניט קיין שווינדלער, ניט קיין לומפּ; ער לעבט אויפ'ן חשבון פון אַנדערע מענשען ניט ווי אַ שווינדלער, נאָר ווי אַ קינד... יאָ, ער וועט, ווירקליך, ערגעץ שטאַרבען אין אַרעמקייט און אין נויט; דאַרפען מיר דען דערפאַר וואַרפען אויף איהם שטיינער? ער טוט אַליין קיין זאַך ניט, טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט ניט קיין כאַראַקטער, קיין בלוט; נאָר ווער האָט דאָס אַ רעכט צו זאָגען, אַז ער וועט ניט ברענגען, אַז ער האָט שוין ניט געבראַכט קיין נוצען? אַז זיינע ווערטער האָבען ניט פאַרוואָרפען קיין פיל גוטע זאָמען אין יונגע נשמות, וועמען די נאַטור האָט ניט אָנטזאָגט, ווי איהם, אין טעטיגקייט־קראַפט, אין דער קענטעניש דורכצופיהרן זייערע אייגענע אידעען? טאַקע איך אַליין, איך דער ערשטער, האָב דאָס אויף זיך געפילט... סאַשאַ ווייסט, וואָס רודין איז פאַר מיר געווען אין דער יוגענט. איך דערמאָן זיך, איך האָב אויך באַהויפּטעט, אַז רודינ'ס ווערטער קאָנען ניט ווירקען אויף קיין מענשען; נאָר איך האָב דעמאָלט גערעדט וועגען מענשען ווי איך אַליין, אין מיין איצטיגען עלטער, שוין אָפּגעלעבטע און וועמען דאָס לעבען האָט צובראָכען. איין פאַלשער קלאַנג אין אַ רעדע — און די גאַנצע האַרמאָניע איז פאַר אונז פאַרשוואונדען; אין אַ יונגען מענשען אָבער איז דאָס געהער, צום גליק, ניט אַזוי אַנטוויקעלט, ניט אַזוי צופּעסטעט. אויב דער עצם פון דער זאַך, וואָס ער הערט, דוכט זיך

איהם צו זיין שעהן, וואָס ארט איהם דער טאָן! דעם טאָן וועט ער שוין אין זיך אַליין אָפּזוכען.

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָט באַסיסטאָוו אויסגעשריען: ווי ריכטיג דאָס איז געזאָגט געוואָרן! און וואָס איז שייך צו רודינ'ס ווירקונג, שווער איך אייך, אַז אָט־דער מענש האָט ניט נאָר געקאָנט אייך אויפטרייסלען, ער האָט אייך ניט געלאָזט איינ־שטעהן אויף איין אָרט, ער האָט אייך אומגעענדערט ביז'ן סאַמע פונדאַמענט, אייך אָנגעצונדען!"

פונדעסטוועגען, איז דער ווייטערדיגער פּראָגרעס פון רוס־לאַנד געווען אוממעגליך מיט אַזוינע העלדען ווי רודין: נייע מענשען האָבען געמוזט ערשיינען. און זיי זיינען טאַקע ערשינען: מיר באַגעגנען זיי אין די ווייטערדיגע ראָמאַנען פון טורגעניעוו'ן. נאָר וויפיל שוועריגקייטען באַגעגנען זיי, סאַדאַ ליידען זיי טראָ־גען איבער! דאָס זעהען מיר אויף לאַווּרעצקי'ן און ליזאַ'ן (אין „אַ פּריצישען הויף"), וואָס געהערן צו דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד. לאַווּרעצקי קאָן זיך ניט צופרידען שטעלען מיט רודינ'ס ראָלע פון אַ וואַנדערענדען אַפּאָסטאָל; ער פּראָבירט זיך שוין פּאַרנעמען מיט פּראַקטישער טעטיגקייט; ער האָט אָבער אויך ניט געקאָנט געפינען זיין וועג צווישען די נייע שטרעמונגען פון לעבען. ער באַזיצט די זעלביגע קינסטלערישע און פילאָזאָפישע אַנטוויקלונג, ווי רודין; ביי איהם איז פּאַראַן דער נויטיגער ווילען; נאָר זיין טעטיגקייטס־קראַפט איז פּאַראַליזירט — אין דעם פאַל ניט דורך דער אַנאַליטישער קראַפט, נאָר דורך דער קליינליכקייט פון דער סביבה און דורך זיין אומגליקליכער הייראַט. לאַווּרעצקי ענדיגט אויך זיין לעבען ווי אַ שברי־כלי.

„דער פּריצ'ישער הויף" האָט געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג. מען פּלעגט אָפט זאָגען, אַז צוזאַמען מיט דער אויטאָביאָגראַפישער נאָוועלע, „די ערשטע ליבע", איז דאָס געווען דאָס סאַמע קינסט־לערישע ווערק פון טורגעניעוו'ן. דאָס איז אָבער אומוואַרשיינליך. דער „פּריצ'ישער הויף" האָט צו פאַרדאַנקען זיין ערפאָלג, ראשית, דעם גרויסען קרייז, צו וועלכען ער האָט אַפּעלירט. לאַווּרעצקי האָט זעהר אומגעלונגען חתונה געהאַט מיט אַ פרוי, וואָס איז אין גיכען פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין אַ פּאַריזער באַריהמטהייט פון אַ נידער־ריגען סאָרט. זיי צושיידען זיך. נאָכדעם באַגעגענט זיך לאַוור־

רעצקי מיט א מיידעל, ליזא, אין וועלכער טורגעניעוו האָט גע־געבען די בעסטע פערזאָניפיקאציע פון דער דורכשניטליכער גוטער און אָרענטליכער רוסישער מיידעל פון יענער צייט. זי מיט לאוו־רעצקי'ן פארליבען זיך איינער אינ'ם אנדערן. א קורצע צייט דענקען זיי, אז לאווערעצקי'ס פרוי איז געשטאָרבען — אזוי איז, לכל הפחות, געשטאַנען אין א פעליעטאָן פון עפעס א פאריזער צייטונג; נאָר פלוצלונג ערשיינט ווידער אָט־די מאדאם, ארומ־גערינגעלט מיט איהר גאנצער עקעלהאפטער אטמאָספערע, און ליזא געהט אוועק אין א מאָנאסטיר. להיפך צו רודין אָדער באזאראָוו, זיינען אלע פערזאָנען פון אָט־דער דראמע, ווי אויך די דראמע גופא, זעהר גוט באקאנט צום דורכשניטליכען לעזער, און פשוט צוליב דער אורזאך האָט אָט־דער ראָמאַן אפעלירט צו אַן אומגע־הייער ברייטען קרייז סימפאטיזירענדיגע לעזער. פארשטעהט זיך, טורגעניעוו'ס קינסטלערישער טאלאנט ערשיינט דאָ מיט א וואונ־דערבארער קראפט אין די שילדערונגען פון אזעלכע טיפען, ווי ליזא, לאווערעצקי'ס פרוי, ליזא'ס אלטע מומע, און לאווערעצקי אליין. דער טאָן פון פאָעזיע און טרויער, וואָס דרינגט דורך דעם ראָמאַן, באהערשט אינגאנצען דעם לעזער. און דאָך וואָג איך צו זאָגען, אז דער נאָכפאָלגענדער ראָמאַן „ערב מלחמה" שטייגט ווייט ארי־בער דעם פריערדיגען, אי לויט דער טיפקייט פון פלאַן, אי לויט דער שעהנקייט פון דער באארבייטונג.

שוין אין נאטאשא'ן האָט טורגעניעוו געגעבען א לעבעדיגע שילדערונג פון א רוסיש מיידעל, וואָס איז אויסגעוואקסען אין דער שטילקייט פון דעם דאָרפישען לעבען, נאָר פארמאָגט אין איהר הארצען, געדאנקען און ווילען, די זאָמען פון דאָס, וואָס באוועגט די מענשען צו העכערע טאטען. רודינ'ס פייערדיגע ווערטער, זיין רופען צו אלץ, וואָס איז ערהאבען און צוליב וועלכע עס איז כדאי צו לעבען, האָבען זי אויפגעפלאַמט. זי איז גרייט געווען איהם נאָכצופאָלגען, צו אונטערשטיצען איהם אין זיין גרויסער ארבייט, וואס ער האָט אזוי היציג און פרוכטלאָז געזוכט, ער אָבער צייגט זיך ארויס הינטערשטעליג לגבי איהר. אויף אזא אופן האָט טורגעניעוו שוין אינ'ם יאָהר 1855 פאָראויס געזעהן דאָס קומען פון יענעם פרויען־טיפ, וואָס האָט געשפּילט אזא פראָמינענטע ראָלע אין דער ווידער־אויפלעבונג פון דער יונגער רוסלאנד: פיר

יאָהר שפּעטער, אין „ערב מלחמה", האָט ער אין דער פּערזאָן פון העלענאַ'ן געגעבען די וויטערדיגע און פולערע אנטוויקלונג פון דעם זעלביגען טיפּ. העלענאַ איז ניט צופרידען מיט דעם אומעטיגען קליינליכען לעבען אין איהר אייגענער פאַמיליע און רייסט זיך צו אַ ברייטערער טעטיגקייט. „זיין אַ גוטע איז נאָך ווינציג; טאָן גוטס — דאָ; דאָס איז די הויפּט זאך אין לעבען", שרייבט זי אין איהר טאָג־בוך. אָבער וועמען באַגעגענט זי אין איהר סביבה? שובינ'ען, אַ טאַלאַנטפולען קינסטלער, אַ צובאַלעוועט קינד, „אַ שמעטערלינג, וואָס באַוואונדערט זיך אַליין"; בערסעניעוו'ן, אַ צו־קונפטיגען פּראָפעסאָר, אַן אמת רוסישע נאַטור, אַן אויסגעצייכענ־טער מענש, אומגעהייער באַשיידען און אָהן אַ טראָפּען עגאָאיזם, וועמען עס פעלט אָבער באַגייסטערונג, ענערגיע און איניציאַטיווע. אָט־די צוויי זיינען די בעסטע. איין מאָל האָט שובין, אויף אַ שפּאַציר אין אַ זומערדיגער נאַכט אַ זאָג געטאָן צו זיין פריינט, צו בערסעניעוו'ען: „איך האָב ליב העלענאַ'ן, נאָר העלענאַ האָט דיך ליב... זינג, אויב דו קאָנסט, זינג העכער; און אויב דו קאָנסט ניט — נעם אַראָפּ דעם הוט, פאַרוואַרף דעם קאָפּ און שמייכעל צו די שטערן. זיי קוקען אַלע אויף דיר, אויף דיר אַליין: זיי קוקען דאָך שטענדיג נאָר אויף פאַרליבטע מענשען". אָבער בערסעניעוו קערט זיך אום אין זיין קליינעם צימער און עפענט אויף רוימער'ס „געשיכטע פון די האָהענשטויפענס" אויף דעם זעל־ביגען זייטעל, וואו ער האָט פריער איבערגעהאקט זיין לייענען...

באַלד דאַרויף קומט אינסאַראָוו, אַ בולגאַרישער פּאַטריאָט, אינגאַנצען פאַרטיפט אין איין אידעע — די באַפרייאונג פון זיין פאָטערלאַנד; אַ מענש פון שטאָל, אַ ביסעל אַ גרעבליכער, וואָס האָט זיך צוזעגענט מיט אַלע מעלאַנכאָלישע פילאָזאָפישע חלומות און געהט גלייך פאָרווערטס, אין דער ריכטונג פון דעם איינציגען צוועק אין זיין לעבען — און העלענאַ'ס אויסוואַל איז פאַרטיג. די זייטלאַך פון'ם ראָמאַן, וואָס שילדערן די ערוואַכונג און אַנט־וויקלונג פון איהר ליבע, זיינען צווישען די בעסטע, וועלכע טור־געניעוו האָט ווען געשריבען. ווען אינסאַראָוו באַמערקט פּלוצלונג זיין אייגענע ליבע צו העלענאַ'ן, באַשליסט ער צו ערשט גלייך צו פאַרלאָזען די מאָסקווער דאַטשע, וואו זיי האָבען אַלע געוואוינט, און אפילו גאָר פאַרלאָזען רוסלאַנד. ער לאָזט זיך אוועק צו

העלענאַ'ן אין הויז צו מודיע זיין דאָרטען וועגען זיין אָפּפאָר. העלענא בעט איהם צוזאָגען, אז ער וועט זי נאָך אמאָל זעהן מאָרגען איידער ער פאָרט אָפּ, ער וויל דאָס אָבער איהר ניט צו־זאָגען. העלענא וואַרט אויף איהם ביז מיטאָג־צייט, און ניט דער־וואַרטענדיג זיך אויף איהם, לאָזט זי זיך אַליין צו איהם אַוועק. א שטורם פאַרכאַפּט זי אויפ'ן וועג און זי גערהט אַריין אין אַן אַלט קלויסטערל, וואָס שטעהט דאָרטען ביים וועג. דאָרט באַגעגענט זי אינסאראָוו'ן, און די ליבעס־ערקלערונג צווישען דער שעמעוו־דיגער באַשיידענער מיידעל, וואָס דערפילט, אַז אינסאראָוו האָט זי ליב, און דעם פּאַטריאָט, וואָס אַנטדעקט אין איהר אַ קראַפט, וועלכע וועט איהם ניט נאָר ניט שטערן, נאָר, אדרבא, פאַרדאָפּלען זיין אייגענע ענערגיע, ענדיגט זיך מיט אינסאראָוו'ס אויסגעשריי: „זיי געגריסט, ווייב מיינע, פאַר גאָט און פאַר מענשען!"

אין העלענא'ן האָבען מיר דעם אמת'ן טיפּ פון יענער רוסישער פרוי, וועלכע איז מיט עטליכע יאָהר שפּעטער צוגעשטאַנען מיט איהר גאַנצען הארצען און נשמה צו אַלע פרייהייטס־באַוועגונגען אין רוסלאַנד; די פרוי, וואָס האָט זיך ערוואָרבען דאָס רעכט אויף בילדונג, רעפאָרמירט אינגאַנצען די ערציהונג פון קינדער, געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון די ארבייטער מאסען און פּויערים, פולשטענדיג איבערגעטראָגען די ליידען אויף קאַטאָרגע, אין די שנייאיגע פעלדער פון סיביר, געשטאָרבען, ווען נויטיג, אויפ'ן עשאַפאָט, און עד היום פירט זי נאָך אַזוי ענערגיש דעם זעלביגען קאַמף. די הויכע קינסטלערישע שעהנקייט פון אָט־דעם ראָמאַן האָב איך שוין פריער דערמאָנט. נאָר קענען איין זאַך קאָן מען אויסזעצען: דער העלד, אינסאראָוו, דער מאַן פון טאַטען, איז ניט גענוג לעבענדיג. נאָר, לויט דער אַלגעמיינער ארכיטעקטור פון דעם ראָמאַן און לויט דער שעהנקייט פון זיינע באַזונדערע סצענעס, פון דער ערשטער ביז דער לעצטער, שטעהט „ערב מלחמה" צווישען די העכסטע ווערק פון דעם מין אין דער אַלוועלטליכער ליטעראַטור.

דאָס נעקסטע ווערק פון טורגעניעוו'ן איז געווען „פאָטערס און קינדער". עס איז אָנגעשריבען געוואָרן אינ'ם יאָהר 1859, ווען אָנשטאָט די סענטימענטאַליסטען און די „עסטעטישע" מענ־

שען פון אמאָל, האָט זיך צווישען דעם געבילדעטען טייל פון דער רוסישער געזעלשאפט באוויזען א נייער טיפ — דער ניהיליסט. די, וואס האבען ניט געלייענט טורגעניעוו'ס ווערק, וועלען פילייכט פארבינדען דאס ווארט „ניהיליסט" מיט דעם קאמף, וואס האט שטאטגעפונען אין רוסלאנד אין די יאהרען 1879—1881 צווישען דער זעלבסטהערשונג און די טעראריסטען; נאר דאס וועט אבער זיין א גרויסער טעות. „ניהיליזם" איז ניט קיין „טעראריזם", און דער טיפ פון דעם ניהיליסט איז טיפער און ברייטער פון דעם טיפ פון א טעראריסט. כדי דאס צו פארשטעהן, מוז מ'מען לייענען טורגעניעוו'ס „פאטערס און קינדער". דער פארשטעהער פון אט־דעם טיפ אין דעם ראמאן איז א יונגער דאקטאר, באזאראוו — „א מענש, וואס בויגט זיך ניט פאר קיין אויטאריטעטען, ווי גע־עהרט זיי זאלען ניט זיין, און נעמט ניט אן קיין ניט־באוויזענעם פרינציפ". פאלגליך נעמט ער א נעגאטיווע שטעלונג צו אלע אינסטיטוציעס פון דער איצטיגער צייט און פארוואדפט אלע אנ־גענומענע מנהגים און קליינליכע ליגענס פון דעם לעבען פון דער געוועהנליכער געזעלשאפט. ער פארט באזוכען זיינע אלטע על־טערען, און אויפ'ן וועג שטעלט ער זיך אפ אלס גאסט ביי א יונגען פריינט זיינעם, וועמעס פאטער און אנקעל זיינען צוויי טיפישע פארשטעהער פונ'ם אלטען דור. אט־דער אומשטאנד גיט טור־געניעוו'ן די מעגליכקייט צו אילוסטרירן אין א רייע קינסטליכע סצענעס דעם צוזאמענשטויס צווישען די צוויי דורות — „די פא־טערס" און „די קינדער". אט אזעלכע צוזאמענשטויסען פלעגען אין יענע יאהרען פארקומען מיט א גוואלטיגער פארביטערטקייט איבער גאנץ רוסלאנד.

איינער פון די צוויי ברידער, ניקאלאי פעטראוויטש, איז אן אויסגעצייכענטער, עטוואס ענטוזיאסטישער טרוימער, וועלכער האט אין דער יוגענט ארויסגעצייגט א שטארקע ליבע צו שילער'ס און פושקינ'ס ווערק, נאר איז אין פראקטישער טעטיגקייט קיינ־מאל ניט געווען פאראינטערעסירט; איצט פיהרט ער אויף זיין איי־גענעם גוט דאס פוילע לעבען פון א פריץ. נאר פונדעסטוועגען וואלט ער א בעלן זיין צייגען די יונגע מענשען, אז ער קאן אויך מיט־פילען זייערע שטרעבונגען; ער פראבירט לייענען די זעלביגע ביכער וועגען מאטעריאליזם, וועלכע זיין זון און באזאראוו לייענען;

ער פּראָבירט אפילו ריידען מיט זייער שפּראַך; אָבער זיין גאַנצע ערציהונג שטעהט איהם אין וועג און דערלאָזט איהם ניט צו באַקומען אַן אמת־„רעאַליסטישען" באַגריף פון דער ווירקליכער לאַגע.

פאַרקערט, דער עלטערער ברודער, פּאַוועל פּעטראָוויטש, איז אַ דירעקטער אפּשטאַם פון לערמאַנטאָוו'ס פּעטשאָרין; ד. ה. ער איז אַ פולשטענדיגער גוט־ערצויגענער עגאָאיסט. אַזוי ווי ער האָט זיין יוגענט פאַרבראַכט צווישען די העכסטע קרייזען פון דער געזעלשאַפט, קוקט ער אפילו איצטער, אין דעם פּאַרוואָרפענעם אומעטיגען מאַיאָנטעק, ווי אויף אַ „פּליכט" תמיד זיך אַנשטענדיג צו קליידען, ווי עס פּאַסט פאַר אַן „אמת'ן דזשענטעלמאַן", שטרענג אויסצופילען אַלע פאָרשריפטען פון דער „געזעלשאַפט", צו בלייבען טריי צו דער קירך און צום שטאַט, און קיינמאָל ניט צו פאַרלירן זיין עקסטרעמע איינגעהאַלטענקייט, — וועלכע ער פאַרלירט, אגב, יעדעס מאָל, ווען ער פאַנגט אָן צו דיסקוטירן מיט באַזאַראָוו'ן וועגען פּרינציפּען. דער „ניהיליסט" רייצט אין איהם פּשוט אויף אַ האַס.

דער ניהיליסט, פאַרשטעהט זיך, שטעלט מיט זיך פאָר די פולשטענדיגע אָפּלייקענונג פון אַלע פּרינציפּען פון פּאַוועל פּעטראָוויטש. ער גלויבט ניט אין די פעסטגעשטעלטע יסודות פון דער קירך און שטאַט, און דערקלערט עפענטליך זיין טיפע פאַראַכטונג צו אַלע פעסטגעשטעלטע פאָרמען פון געזעלשאַפטליכען לעבען. צו טראָגען אַ ריינעם קאָלנער אָדער אַ פּאַלקאָמען שניפּסעל הייסט ביי איהם ניט „דערפילען אַ פליכט". ווען ער רעדט, זאָגט ער אָפען אַרויס וואָס ער דענקט. אבסאָלוטע ערנסטקייט — ניט נאָר אין אַלץ, וואָס ער זאָגט, נאָר אויך בנוגע צו זיך גופא, — און אַ שטאַנדפּונקט פון געזונטען פאַרשטאַנד, אָהן אַלערליי אַלטע פאַראורטיילען, זיינען די הויפּט - שטריכען פון זיין כאַראַקטער. אָט דאָס פיהרט שוין ממילא צו אַ געוויסער שאַרפקייט פון אויסדרוק, און דער צוזאַמענשטויס צווישען די צוויי דורות מוז שוין נויטווענדיגערוויז אָננעמען אַ טראַגישען אויסזעהן. אַזוי איז דאָס געווען אומעטום אין רוסלאַנד אין יענע צייטען. טורגעניעוו'ס ראָמאַן האָט אויסגעדריקט די ווירקליכע, כאַראַקטעריסטישע טענדענץ פון יענער צייט און זי אונטערשטראָכען אַזוי, אַז — ווי דער טאַלאַנטפולער רוסישער

קריטיקער, ס. ווענגעראָוו, האָט באַמערקט — דער ראָמאַן און די ווירקליכקייט האָבען געגענזייטיג געווירקט איינס אויפ'ן אַנדערען.

„פֿאָטערס און קינדער" האָט געמאַכט אַן אומגעהויערען איינדרוק. אויף טורגעניעוו'ן איז מען אָנגעפֿאַלען פֿון אַלע זייטען: דער עלטערער דור האָט איהם אַליין באַשולדיגט אין „ניהיליזם"; די יוגענט איז געווען אומצופֿרידען אידענטיפיצירט צו ווערן מיט באַזאַראָוו'ן. דער אמת איז, אַז מיר האָבען, מיט זעהר ווייניג אויסנאַמען, צווישען וועלכע עס איז געווען דער גרויסער קריטיקער, פּיסאַרעוו, באַזאַראָוו'ן ניט גענוג פֿאַרשטאַנען. טורגעניעוו האָט אונז אַזוי צוגעוואוינט צו אַ געוויסען פּאָעטישען ליכט־קרייז, וואָס האָט באַקרוינט אַלע זיינע העלדען, און צו זיין אייגענער צערטליכער ליבע, וואָס ער האָט צו זיי ארויסגעצייגט, אפילו ווען ער האָט זיי פֿאַרדאַמט, אַז ווען מיר האָבען ניט געפֿונען קיין עהנליכע באַציהונג פֿון זיין זייט צו באַזאַראָוו'ן, האָבען מיר דאָס אָנגענומען אַלס אויסדרוק פֿון פֿיינטשאַפֿט פֿונ'ם פֿאַרפֿאַסער צו זיין העלד. נאָך מעהר, געוויסע שטריכען פֿון באַזאַראָוו'ן זיינען אונז זיכער ניט געפֿעלען געוואָרען. וואָרום דאַרף אַזאַ שטאַרקער מענש, ווי באַזאַראָוו, זיך באַציהען אַזוי גראָב צו זיינע אַלטע עלטערן: צו זיין ליבענדער מוטער און צום פֿאָטער — צום אַלטען דאָרפֿישען דאָקטאָר, וואָס האָט ביז זיין עלטער דערהאַלטען דעם גלויבען אין זיין וויסענשאַפֿט? פֿאַרוואָס דאַרף זיך באַזאַראָוו פֿאַרליבען אין דער אומאינטערעסאַנטער, זעלבסטבאַוואונדערענדער פֿרוי, מאַדאַם אָדינצאָווא, און קען אפילו איהר ליבע אויך ניט געווינען? דערנאָך, בעת אין דעם יונגען דור זיינען שוין רייף געוואָרן די זאָמען פֿון אַ גרויסער באַוועגונג צו באַפֿרייען די מאַסען, פֿאַרוואָס צווינגט דער פֿאַרפֿאַסער באַזאַראָוו'ן צו זאָגען, אַז ער איז גרייט צו ארבייטען פֿאַר'ן פּויער, נאָר אויב עמיצער קומט און זאָגט איהם, אַז ער מוז אַזוי טאָן, וועט ער פֿאַרהאַסען דעם פּויער. דערביי לעגט נאָך באַזאַראָוו צו, נאָך אַ קורצע ווייַלע פֿון נאָכדענקען: „און וואָס איז דאָ דער געוואַלט? בעת דער פּויער וועט זיך דערשלאָגען צו אָנהויבען לעבען ווי אַ מענש, וועט שוין פֿון מיר לאַנג ארויסוואַקסען גראָז!"

מיר האָבען ניט פֿאַרשטאַנען אָט־די באַציהונג פֿון טורגעניעוו'ס ניהיליסט, נאָר ווען מיר האָבען שפּעטער נאָכאַמאָל איבערגעלייענט

„פּאָטערס און קינדער", האָבען מיר ערשט באמערקט אין באזאַראָוו'ס ווערטער, וואָס זיינען אונז אזוי ניט געפעלען געוואָרן, די זאָמען פון אַ רעאַליסטישער פילאָזאָפיע פון סאָלידאַריטעט און פליכט, וועלכע האָט ערשט איצטער אָנגעהויבען זיך צו פאָרמירען אין מעהר אָדער ווייניגער באַשטימטע פאָרמען. אין'ם יאָהר 1860 האָבען מיר, דער יונגערער דור, געקוקט אויף אָט־די ווערטער, ווי אויף טורגעניעוו'ס וואונש צו וואַרפען אַ שטיין אויפ'ן נייעם טיפּ, מיט וועלכען ער האָט ניט סימפּאַטיזירט.

און דאָך, ווי פּיסאַרעוו האָט דאָס גלייך פאַרשטאַנען, איז באזאַראָוו געווען אַן אמת'דיגער פאָרשטעהער פונ'ם נייעם דור. נישט מעהר, טורגעניעוו, ווי ער האָט שפּעטער אַליין געשריבען, האָט ניט „צוגעגאָסען קיין סיראָפּ", כדי צו מאַכען, אַז זיין העלד זאָל אויסזעהן אביסעל זיסער.

„באזאַראָוו, — שרייבט טורגענעוו אין איינעם פון זיינע בריף: — שטעלט אוועק אַלע אַנדערע פּערזענליכקייטען פון מיין ראָמאַן אין שאָטען. ער איז ערנסט, גערעכטיג און אַ דעמאָקראַט מיט זיין גאַנצען לייב־און־לעבען, און איהר געפינט אין איהם ניט קיין מעלות! דער דועל מיט פּאַוועל פּעטראָוויטש קירסאַנאָוו איז נאָר אריינגעבראַכט געוואָרן, כדי צו צייגען די אינטעלעקטועלע פּוסטקייט פון דעם עלעגאַנטען אַדעליגען ריטערטום, וואָס איז ארויסגעשטעלט געוואָרן כמעט איבערטריבען קאָמיש; און ווי קען ער זיך אָפּזאָגען: פּ. פּ. וואָלט דאָך איהם אויסגעפּאַטשט. — באזאַראָוו, לויט מיין מיינונג, צוקלאַפּט שטענדיג פּ. פּ.'ן, און ניט פאַרקערט, און אויב ער רופט זיך ניהיליסט, דאַרף מען דאָס לייענען: רעוואָלוציאָנער... שילדערן פון איין זייט כאַבאַרניקעס, און פון דער צווייטער זייט אַן אידעאַלען בחור — אַזאַ בילד זאָלען אַנדערע מאָלען... מיין צוועק איז געווען העכער דערפון. איך פאַרענדיג מיט דער פאָלגענדיגער באַמערקונג: אויב דער לעזער וועט ניט צוגעצויגען צו באזאַראָוו'ן, טראָץ זיין גראָבקייט, האַרצלאָזיגקייט, אומברחמנות'דיגע טרוקענקייט און שאַרפקייט, בין איך אַליין שולדיג — איך האָב ניט דערגרייכט מיין ציל. נאָר פאַרזיסען איהם מיט סיראָפּ, געברויכענדיג באזאַראָוו'ס אייגענע שפּראַך, דאָס האָב איך ניט געוואָלט, הגם דורך דעם וואָלט איך, וואַרשיינליך, געוואונען אויף מיין זייט די רוסישע יוגענט".

דער אמת'ער שליסעל צו פאַרשטעהן „פאַטערס און קינדער" און פאַקטיש אַלץ, וואָס טורגענעוו האָט געשריבען, ווערט געגעבען, לויט מיין מיינונג, אין זיין וואונדערבאַרע לעקציע „האַמלעט און דאָן קיכאָט" (1860). איך האָב שוין אויף אַן אַנדער פּלאַץ איינמאָל אויף דעם אָנגעדייט; נאָר איך מוז דאָס דאָ נאָכאַמאָל דערמאָנען, ווייל איך דענק, אַז אָט־די לעקציע גיט אונז די מעגליכקייט, בעסער, ווי יעדער אַנדער ווערק פון טורגענעוו'ן, אריינקוקען טאַקע אין דער פילאָזאָפיע פון דעם גרויסען נאָוועליסט. האַמלעט און דאָן קיכאָט — האָט טורגענעוו געשריבען — פּערזאָניפיצירן די צוויי געגענגעזעצליכע זאָנדערבאַרקייטען פון דער מענשליכער נאַטור. אַלע מענשען געהערן מעהר אָדער וועניגער צו איינעם אָדער צום אַנדערן פון אָט־די צוויי טיפּען. און מיט זיין וואונדערליכער אַנאַליטישער קראַפט כאַראַקטעריזירט טורגענעוו אָט די צוויי העלדען אויפ'ן פאָלגענדען אופן:

„דאָן קיכאָט איז דורכגעדרונגען מיט איבערגעבענהייט צו זיין אידעאַל, פאַר וועלכען ער איז גרייט צו ליידען מאַנגעל און נויט, צו מקריב זיין זיין לעבען; דאָס לעבען שעצט ער נאָר, ווי ווייט עס קען דינען צו פאַרקערפּערן דעם אידעאַל, צו ערמוטיגען דעם אמת, די גערעכטיגקייט אויף דער וועלט . . . ער לעבט פאַר זיינע ברידער, כדי צו קעגענשטעלען זיך קעגען אַלע קרעפטען, וואָס זיינען פיינטליך צו דעם מענשען: קעגען די מכשפות, די ריזען, דאָס הייסט, קעגען די אונטערדריקער . . . דערפאַר איז ער שרעקלאָז, געדולדיג; ער באַפרידיגט זיך מיט דער באַשיידענסטער שפּייז, מיט די אָרימסטע קליידער: ער טראַכט וועגען גאָר אַנדערע זאַכען. אין זיין האַרצען איז ער באַשיידען, אָבער גרויס און געוואַגט אין זיין געדאַנק." . . . „און ווער איז האַמלעט? פריהער פון אַלץ — אַנאַליז און עגאָאיזם, און טאַקע דערפאַר אום־גלויבען. ער לעבט אויסשליסליך פאַר זיך, ער איז אַן עגאָאיסט; אָבער גלויבען אין זיך אַליין קען אפילו קיין עגאָאיסט אויך ניט: מיר קענען נאָר גלויבען אין אַ זאַך, וואָס איז אויסער אונז און העכער פון אונז . . . און אַזוי ווי ער האָט ספקות אין אַלץ, שאַנעוועט האַמלעט, וואַרשיינליך, זיך אַליין אויך ניט; זיין אינטעלעקט איז צו פיל אַנטוויקעלט, אַז ער זאָל קענען בלייבען צופרידען דערמיט, וואָס ער געפינט אין זיך: ער פיהלט זיין שוואַכקייט, נאָר יעדער זעלבסט־

באוואוסטזיין איז אַ קראפט פון וואנען עס שטאמט זיין איראָניע,
דער היפוך פון דעם ענטוזיאזם פון דאָן קיכאָט." . . . „דאָן קי־
כאָט — אַן אָרימאַן, כמעט אַ בעטלער, אָהן מיטלען צום לעבען און
אָהן פארבינדונגען, אַן אַלטער, אַן עלענדער, — נעמט אויף זיך צו
פאַרגיטיגען דאָס בייז און פאַרטיידיגען די אונטערדריקטע (וואָס
זיינען איהם לחלוטין פרעמד) פון דער גאַנצער וועלט. וואָס מאַכט
דאָס אויס, וואס זיין ערשטער פארזוך צו באפרייען די אומ־
שולדיגע פון דעם אונטערדריקער לאָזט זיך אויס מיט אַ פארדאָ־
פעלטען אומגליק טאַקע פאַר די אומשולדיגע גופא? וואָס מאַכט
דאָס אויס, וואָס דענקענדיג, אַז ער קעמפט קעגען שעדליכע ריזען,
פאַלט דאָן קיכאָט דערוויילֿ אָן אויף נוצליכע ווינט־מילען? מיט
האַמלעט'ן קען זיך אַזאַ זאַך קיינמאָל ניט טרעפען: ווי קען ער
דען, מיט זיין דורכדרינגליכען, ראפינירטען, סקעפּטישען שכל
אריינפאלען אין אַזאַ טעות! ניין, ער וועט ניט קעמפען קעגען
ווינט־מילען, ער גלויבט ניט אין קיין ריזען . . . אָבער ער וואָלט
אויף זיי ניט אָנגעפאַלען, ווען זיי וואָלטען אפילו יאָ עקזיסטירט . . .
און דאָך, הגם האַמלעט איז אַ סקעפּטיקער, הגם ער לייקענט אָפּ
דאָס גוטע, גלויבט ער אָבער ניט אין דאָס שלעכטע. שלעכטס
און באטרוג זיינען זיינע אַלטע שונאים. זיין סקעפּטיציזם איז
אָבער אויך ניט קיין אינדיפערענטיזם" . . . „אָבער אין אפלייקע־
נונג, ווי אין פייער, איז פאַראַן אַ צושטערענדע קראפט — און ווי
קען מען איינהאַלטען אָט־די קראפט אין גרעניצען, ווי אזוי קען
מען איהר אָנצייגען וואו זיך אָפּצושטעלען, ווען דאָס, וואָס מוז
פארניכטעט ווערן, און דאָס וואָס דאַרף געשאַנעוועט ווערן זיינען
אָפט אזוי צוזאַמענגעגאָסען און פארבונדען? דערפון טאַקע נעהמט
זיך די טראגישע זייט פון דעם מענשליכען לעבען, וואָס ווערט
אזוי אָפט באמערקט: פאר מעשים מוזען מיר האָבען ווילען, און
פאר מעשים מוזען מיר האָבען געדאנקען; אָבער געדאנק און
ווילען האָבען זיך צושיידט איינס פון אנדערן און זונדערן זיך אָפּ
יעדען טאָג אַלץ מעהר און מעהר:

אָט־די לעקציע, גלויב איך, דערקלערט פולשטענדיג טורגע-

“And thus the native hue of resolution
Is sicklied o’er by the pale cast of thought. . .”(*

*) אזוי ווערט די נאַטור־פאַרב פון ענטשלוס פאַרבלייכט פונ'ם בלאַ־
סען קאָליר פון געדאַנק...

נעוו'ס באַציהונג צו באַזאַראָוו'ן. ער אַליין האָט אין אַ גרויסער מאָס געהערט צו די האַמלעטס. צווישען זיי זיינען געווען זיינע בעסטע פריינט. ער האָט ליב געהאַט האַמלעט'ן; דאָך האָט ער באַוואונדערט דאָן־קיכאָט'ן — דעם מאַן פון טאַטען. ער האָט גע־פיהלט זיין סופּעריאָריטעט; נאָר בעת ער האָט געשילדערט מענ־שען פון אָט־דעם טיפּ, האָט ער זיי קיינמאָל ניט געקענט אַרומ־רינגלען מיט יענער פּאָעטישער צערטליכקייט, מיט יענער ליבע צו אַ קראַנקען פריינט, וואָס שאַפט די אומווידערשטעהליכע צוציהונג פון זיינע נאָוועלען, וועלכע שילדערן די האַמלעט־טיפּען. ער באַ־וואונדערט באַזאַראָוו'ן — זיין גראָבקייט, ווי זיין קראַפט; באַ־זאַראוו האָט איהם איבערוועלטיגט; ער האָט אָבער באַין אופן ניט געקאָנט אַרויסצייגען צו איהם די זעלבינע צערטליכע געפיהלען, וועלכע ער האָט אַרויסגעצייגט צו די מענשען פון זיין אייגענעם דור און פון זיין ראַפינירטקייט. באמת, וואָלטען זיי זיך צו באַ־זאַראָוו'ן גאָר ניט געפּאַסט.

דאָס אַלץ האָבען מיר אין יענער צייט כלל ניט באַמערקט; און דערפאַר האָבען מיר ניט פאַרשטאַנען טורגענעוו'ס אַבזיכט צו שילדערן די טראַגישע לאַגע פון באַזאַראָוו'ן אין דער סביבה, וואָס האָט איהם אַרומגערינגעלט. „איך בין אינגאַנצען מסכים מיט באַזאַראָוו'ס אידעאַלען", האָט ער שפּעטער געשריבען. „מיט אַלע, אויסער מיט זיין אָפּלייקענונג פון קונסט"; „איך האָב ליב געהאַט באַזאַראָוו'ן; איך וועל דאָס אייך באַווייזען מיט מיין טאָג־בוך", האָט ער מיר איינמאָל געזאָגט אין פּאַריז. זיכער האָט ער איהם ליב געהאַט — אָבער מיט אַן אינטעלעקטועלער באַוואונדערענדיגער ליבע, וואָס איז כלל ניט עהנליך צו דער ליבע, פול מיט רחמנות, וועלכע ער האָט אַרויסגעצייגט צו רודינ'ען און לאַווערעצקי'ן. אָט־דעם חלוק האָבען מיר ניט באַמערקט, און דאָס איז געווען די הויפּט־אורזאַך פון יענער מיספאַרשטענדניש, וואָס האָט פאַרשאַפט אַזוי פיל יסורים דעם גרויסען דיכטער.

עס איז ניט נויטיג זיך אָפּצושטעלען אויף טורגענעוו'ס נעק־סטען ראָמאַן „רויך" (1867). אין איהם האָט ער זיך געשטעלט דעם צוועק צו שילדערן דעם מעכטיגען טיפּ פון אַ רוסישער „באַ־רימטהייט" פון דער העכסטער געזעלשאַפט, וואָס האָט איהם יאָה־

רענלאַנג פאַרפאַלגט ; צו דעם טיף האָט ער זיך עטליכע מאָל אומ־געקעהרט, ביז עס האָט איהם ענדליך געלונגען צו געפינען אין „פריהלינגס־שטראָם" דעם פאָלקאָמענסטען און קינסטלערישסטען אויסדרוק. נאָך אַ צוועק האָט טורגענעוו זיך געשטעלט אין דעם ראָמאַן „רויך": צו שילדערן אין זייערע ווירקליכע קאָלירן די פלאַכקייט, יאַ, אפילו די נארישקייט פון יענער געזעלשאַפט פון ביוראָקראַטען, אין וועמעס הענט רוסלאַנד איז אריינגעפאַלען נאָך דער באַוועגונג פון די זעכציגער יאָהרן. אין אַט־דעם ראָמאַן קלינגט אַ טיפע פאַרצווייפלונג אין דער צוקונפט פון רוסלאַנד נאָך דער צושטערונג פון דער גרויסער רעפאָרמאַציאָנס־באַוועגונג, וואָס האָט פאַרניכטעט דאָס לייב־אייגענטום. צושרייבען אַט־די פאַרצווייפ־לונג פולשטענדיג אָדער אפילו טיילווייז צו דעם פיינטליכען אויפ־נאַם, מיט וועלכען די רוסישע יוגענט האָט באַגעגענט „פאַטערס און קינדער", וואָלט געווען ניט ריכטיג. דער וואָרצעל פון אַט־דער פאַרצווייפלונג ליגט אין דער צושטערונג פון יענע האָפנונגען, וואָס טורגענעוו און זיינע בעסטע פריינט האָבען געלעגט אויף די פאָרשטעהער פון דער רעפאָרמאַציאָנס־באַוועגונג אין די יאָהרן 1859—1863. די זעלביגע פאַרצווייפלונג האָט אויך באַוואויגען טורגענעוו'ן אָנצושרייבען „גענוג", „פון די מעמוארען פון אַ טויטען קינסטלער" (1865) און די פאַנטאַסטישע סקיצע „די גייסטער" (1867). באַפרייט האָט ער זיך פון אַט־דעם שווערען געפיהל ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט באַמערקט אין רוסלאַנד די געבורט פון אַ נייע באַוועגונג — „אין פאָלק" — וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען צווישען אונזער יוגענט אין די זיבעציגער יאָהרן.

אַט־די באַוועגונג האָט ער געשילדערט אין זיין לעצטען ראָ־מאַן פון דער אויבענדערמאָנטער סעריע „נייער באָדען" (1876). עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז ער האָט פולשטענדיג סימפּאַטיזירט מיט אַט־דער באַוועגונג ; נאָר אויף דער פראַגע, צי זיין ראָמאַן גיט אַ ריכטיגע פאָרשטעלונג פון דער באַוועגונג, מוז מען, ביז אַ גע־וויסען גראַד, געבען אַ נעגאַטיווען ענטפער — הגם טורגענעוו האָט דורך זיין וואונדערליכער אינטואיציע אויפגעכאַפּט אייניגע פון די מערקווירדיגסטע שטריכען פון דער באַוועגונג. דער ראָמאַן איז פאָרענדיגט געוואָרן אין 1876 (מיר האָבען איהם געלייענט פון אַ קאָרעקטור איג'ם הויז פון פ. ל. לאַווראָוו, אין לאָנדאָן, אין הערבסט

פון דעם זעלבינען יאָהר, ד. ה. מיט צוויי יאָהר פאַר דעם גרויסען פּראָצעס, אין וועלכען מען האָט געמשפּט די ארעסטירטע הונדערט־דריי־און־נייינציג אַנטיילנעהמער פון דער באַוועגונג. און אין׳ם יאָהר 1876 האָט קיינער ניט געהאַט די מעגליכקייט צו קענען די יוגענט פון אונזערע קרייזלאַך סיידען ער איז אַליין געווען אַ מיט־גליד. פאָלגליך, קען דער ראָמאַן „נייער באָדען" האָבען אַ שייכות נאָר צו די ערשטע פאַזען פון דער באַוועגונג. אַ סך זאַכען אין דעם ראָמאַן זיינען אונטערגעכאַפּט געוואָרן ריכטיג, נאָר דער אַל־געמיינער איינדרוק, וואָס ער מאַכט, איז ניט דער זעלבינער, וועל־כען טורגענעוו אַליין וואָלט באַקומען, ווען ער זאָל בעסער געווען קענען די יוגענט אין יענער צייט.

מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין אומגעהייערן טאַלאַנט האָט ער מיט אינטואיציע אַליין ניט געקענט אויספילען דעם מאַנגעל אין וויסען. און דאָך האָט ער באַגריפען צוויי כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון דעם ערשטען טייל פון דער באַוועגונג: דעם פאַלשען באַגריף, וואָס די אַגיטאַטאָרס האָבען געהאַט וועגען דעם פּויערטום, ריכטיגער — די כאַראַקטעריסטישע אומפעהיגקייט פון דער מעהר־הייט פון די ערשטע טוער אין דער באַוועגונג צו פאַרשטעהן דעם רוסישען פּויער, צוליב די פאָראורטיילען פון זייער ליטעראַרישער, היסטאָרישער און סאָציאַלער ערציהונג; און דעם האַמלעטיזם: דעם מאַנגעל אין אַנטשלאָסענהייט, אָדער ריכטיגער „דעם ווילען, וואָס ווערט פאַרצויגען מיט דער בלאַסקייט פון געדאַנק", וועלכער האָט באמת כאַראַקטעריזירט די באַוועגונג גלייך פון אָנפאַנג. וואָלט טורגענעוו געווען געלעבט נאָך עטליכע יאָהר, וואָלט ער זיכער געווען באַמערקט די ערשיינונג פון דעם נייעם טיפּ מענ־שען — מענשען פון טאַט — די נייע מאָדיפיקאַציע פון דעם אינ־סאַראָוו־ און באַזאַראָוו־טיפּ, וואָס איז אַלץ מעהר געוואַקסען, וואָס מעהר די באַוועגונג האָט זיך צוואַוואַקסען אין דער ברייט און אין דער טיף. ער האָט זיי שוין דערשפּירט אפילו דורך די טרוקענע אָפיציעלע באַריכטען וועגען דעם פּראָצעס פון די „הונדערט-דריי־און־נייינציג", און אין׳ם יאָהר 1878 האָט ער מיך געבעטען, איך זאָל איהם דערצעהלען אַלץ, וואָס איך האָב געוואוסט וועגען מישקינ׳ען, וואָס איז געווען איינער פון די מעכטיגסטע פּערזענ־ליכקייטען פון אָט־דעם פּראָצעס.

טורגענעוו'ן האָט זיך שוין ניט איינגעגעבען צו פאַרקערפערן אין פּאָעטישע בילדער אָט־די נייע טועד. אַ קרענק, וואָס קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען און וועלכע מען האָט על־פּי טעות אָנגענומען אלס „פּעדאַגרע", ווען אין דער ווירקליכקייט איז דאָס געווען אַ ראַק אויפ'ן רוקען־מאַרך, האָבען איהם די לעצטע עטליכע יאָהר פון זיין לעבען געמוטשעט און צוגעשמידט צום בעט אָדער צו דער סאָפע. פון אָט־דעם פעריאָד זיינען נאָר געבליבען זיינע בריף, פול מיט געדאַנק און לעבען, וואו עס פלעכטען זיך איבער טרויער און הומאָר; דעמאָלט האָט ער ארומגעטראַכט עטליכע נייע נאָוועלען, וועלכע זיינען געבליבען ניט־פאַרענדיגטע אָדער פיליייכט ניט-געשריבענע. ער איז געשטאָרבען אין פּאַריז אינ'ם יאָהר 1883, אינ'ם עלטער פון פינף־און־זעכציג יאָהר.

צום שלום מוז מען נאָך זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען זיין „פּאָעזיע אין פּראָזע" אָדער „סעניליא" (1882). דאָס זיינען „פליהענדע באַמערקונגען, געדאַנקען, בילדער", וועלכע ער האָט אָנגעוואָרפען פון דעם יאָהר 1878 אָן אונטער דער ווירקונג פון דעם אָדער יענעם פאַקט פון זיין פּערזענליכען אָדער געזעלשאַפטליכען לעבען. הגם זיי זיינען געשריבען אין פּראָזע זיינען זיי אמת'ע שטיקער פון אויסגעצייכענטער פּאָעזיע, איינינע פון זיי — טאַקע פשוט'ע פּערל; איינינע — טיף־ריהרענדע און איינדרוקספולע, ווי די בעסטע פּערזען פון די בעסטע דיכטער („די אַלטע פרוי", „דער בעטלער", „מאַשאַ", „ווי שעהן, ווי פריש עס זיינען געווען די ראָזען"); ווידער אַנדערע („די נאַטור", „דער הונט") זיינען מעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר טורגענעוו'ס פילאָזאָפיע, ווי יעדע אנדער זאַך, וואס ער האָט ווען געשריבען. און צולעצט אין „אויף דער שוועל", אָנגעשריבען עטליכע מינוט פאַר זיין טויט, האָט ער אויסגעדריקט אין אַ הויך־פּאָעטישער פאָרם זיין באַוואונדערונג פאַר יענע פרויען, וואָס האָבען אַוועקגעגעבען זייער לעבען פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און געגאַנגען אויפ'ן עשאַפאָט, און זיינען אפילו ניט פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט געוואָרן פון די, פאַר וועלכע זיי זיינען געשטאָרבען.

טאָלסטאָי.

„קינדהייט און בחור'שאַפט".

מעהר פון א האַלבען יאָהרהונדערט איז אַוועק פון דער צייט (1852), וואָס טאָלסטאָי'ס ערשטע דערצעהלונג „די קינדהייט", נאָך וועלכער עס האָט באַלד נאָכגעפאָלגט אַ צווייטע „ בחור'שאַפט", זיינען ערשינען אין דעם מאָנאַטליכען זשורנאַל „סאָווערעמעניק", אונטער דער באַשיידענער אונטערשריפט „ל. נ. ט." אָט־די קליינע ערצעהלונג האָט געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג. זי איז געווען דורכ־געדרונגען מיט אַזאַ צויבער, מיט אַזאַ פרישקייט, און איז אַזוי געווען פריי פון ליטעראַרישען מאַנעריזם און געאָטעמט מיט אַזאַ אייגענאַרטיגען פראַכט, אַז דער אומבאַקאַנטער פאַרפאַסער איז גלייך געוואָרן דער ליבלינג פון דעם פובליקום און אַוועקגעשטעלט געוואָרן זייט ביי זייט נעבען טורגעניעוו'ן און גאָנטשאַראָוו'ן.

אין אַלע ליטעראַטורען זיינען פאַראַן אויסגעצייכענטע דער־צעהלונגען, וועגען די קינדער־יאָהרען. קינדהייט איז אַזאַ פעריאָד פון לעבען, וואָס האָט זיך זעהר גוט איינ־געגעבען אַ סך שריפטשטעלער צו באַהאַנדלען. און דאָך האָט זיך פילייכט קיינעם ווי טאָלסטאָי'ען ניט איינגעגעבען צו באַ־שרייבען דאָס אינערליכע נשמה־לעבען פון די קינדער, פון זייער אייגענעם שטאַנדפונקט. ביי טאָלסטאָי'ען דריקט דאָס קינד אַליין אויס זיינע קינדערשע געפיהלען, און אויף אַזאַ'ן אופן, אַז עס צווינגט דעם לעזער צו אורטיילען די אויפפיהרונג פון ערוואַקסענע מענשען פון דעם קינד'ס שטאַנדפונקט. דער רעאַליזם פון „קינד־הייט" און „בחור'שאַפט" — ד. ה. די רייכקייט פון פאַקטען, אויפ־געכאַפט פונ'ם רעאַלען לעבען — איז אַזאַ, אַז דער רוסישער קריטיקער, פיסאַרעוו, האָט אַנטוויקעלט אַ גאַנצע טעאָריע פון ער־ציהונג, הויפּטזעכליך, אויף'ן גרונד פון די פאַקטען, וואָס אָט־די צוויי טאָלסטאָי'ס נאָוועלען אַנטהאַלטען.

מען דערצעהלט, אַז איין מאָל האָבען טאָלסטאָי און טורגע־ניעוו, אויף אַ שפּאַציר, זיך אָנגעשטויסען אויף אַן אַלטער קליאַ־טשע, וואָס האָט פאַרענדיגט איהרע טעג אויף אַן איינזאַמען פעלד. טאָלסטאָי האָט זיך גלייך אַריינגעפּאַסט אין די געפילען פון דעם

פערד און האָט אָנגעפאַנגען אַזוי לעבענדיג איבערגעבען איהרע טרויעריגע מחשבות, אז טורגעניעוו, מיט אַ רמז אויף די דעמאָלט נייע אידעען פונ׳ם דאַרווינגיזם, האָט ניט ווילענדיג אויסגעשריען: „איך בין זיכער, ליעוו ניקאָלאַיעוויטש, אַז צווישען אייערע פאָר־פאָטערס האָבען געמוזט זיין פערד!" אין דער פעהיגקייט פול־שטענדיג זיך צו אינדענטיפיצירן מיט די געפיהלען און געדאַנקען פון די וועזענס, וועגען וועלכע ער האָט גערעדט, האָט טאָלסטאָי געהאַט זעהר ווינציג קאָנקורענטען; נאָר בנוגע צו קינדער האָט אָט־די אינדענטיפיצירונג דערגרייכט די העכסטע מדרגה. פאַנגט ער נאָר אָן צו ריידען וועגען קינדער, ווערט טאָלסטאָי אַליין אַ קינד.

„קינדהייט" און „בחור׳שאַפט", ווי עס איז איצט באַוואוסט, זיינען אין תוך אויטאָביאָגראַפישע דערצעהלונגען, אין וועלכע נאָר קליינע דעטאַלען זיינען געענדערט, און אין דעם איננגעל אירטע־ניעוו, קאָנען מיר, ביז אַ געוויסען גראַד, שטודירען ל. נ. טאָל־סטאָי׳ען גופא אין זיינע קינדער־יאָהרען. ער איז געבאָרן געוואָרן אינ׳ם יאָהר 1828, אויף דעם גוט יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, וואָס איז איצטער באַוואוסט געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט, און אין דעם משך פון די ערשטע פופצעהן יאָהר פון זיין לעבען, איז ער כמעט אָהן אַ הפסקה פאַרבליבען אין דאָרף. זיין פאָטער און זיידע, ווי עס ווייזט אָן דער רוסישער קריטיקער ס. אַ. ווענגעראָוו, ווערן געשילדערט אין „קריג און פרידען" אַלס ניקאָלאַי ראָסטאָוו און דער אַלטע גראַף ראָסטאָוו, און זיין מוטער, די פּרינצע־סין וואָלקאָנסקאַיאַ, ווערט טאַקע דאָרט געשילדערט אין דער פּערזאָן פון מאַריאַ באָלקאָנסקאַיאַ. ליעוו טאָלסטאָי האָט פאַרלאָרן זיין מוטער, ווען ער איז סך־הכל אַלט געווען צוויי יאָהר און זיין פאָטער — צו זיין ניין־יאָהריגען עלטער, און מיט זיין ערציהונג האָט זיך באַשעפטיגט טאַקע אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ זיינע אַ ווייטע קרובה ט. אַ. יערגאָלסקאַיאַ, און נאָכ׳ן יאָהר 1840 איז ער אריבערגעפאָהרן קיין קאַזאַן צו זיין מומע פּ. י. יושקאָוואַ, וועמעס הויז, לויט די ווערטער פון דעם זעלביגען קריטיקער, האָט געמוזט זיין זעהר ענליך צום הויז פון די ראָסטאָווס אין „קריג און פרידען".

ליעוו טאָלסטאָי איז אַלט געווען סך־הכל פופצעהן יאָהר, ווען

ער איז אַריין אין קאַזאַנער אוניווערזיטעט, וואו ער האָט פאַר־בראַכט צוויי יאָהר אין דעם פאַקולטעט פון אָריענטאַלישע שפּראַ־כען און צוויי יאָהר אין דעם יורידישען פאַקולטעט. אָבער דער לערער־פּערזאָנאַל פוןביידע פאַקולטעטען איז געווען אין יענער צייט אַזוי שוואַך, אַז נאָר איין פּראָפעסאָר האָט זיך איינגעגעבע אויפוועקען אין דעם בחור'ל אַן אינטערעס צו זיין געגענשטאַנד. שפּעטער מיט פיר יאָהר, ד. ה. אין'ם יאָהר 1847, ווען ליעוו טאָל־סטאָי איז אַלט געווען סך־הכל ניינצעהן יאָהר, האָט ער פאַרלאָזט דעם אוניווערזיטעט, זיך באַזעצט אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, און גע־מאַכט עטליכע אומגעלונגענע פאַרזוכען אויסצובעסערן די לאַגע פון זיינע פּאַנשטשעוויקעס. וועגען אָט־די פאַרזוכען האָט ער שפּעטער דערצעהלט מיט אַזאַ איבעראַשענדער אויפריכטיגקייט אין דעם „פרימאָרגען פון אַ פּריץ״.

די נעקסטע פיר יאָהר פון זיין לעבען האָט טאָלסטאָי פאַר־בראַכט אויסערליך ווי די מעהרסטע יונגע לייט פון זיין אַריס־טאָקראַטישען קרייז, אָבער אינערליך האָט ער זיך שטענדיג געער־גערט פון דער פּוסטקייט פון אַזאַ אַרט לעבען. אַ געוויסע פאָרשטע־לונג וועגען איהם אין אָט־דער פּעריאָד (פאַרשטעהט זיך, אין אַן אי־בערטריבענער און דראַמאַטיזירטער שילדערונג) קאָן מען באַקומען פון זיין נאָוועלע „נאָטיצען פון אַ ביליאַרד־מאַרקער״. גליקליכער־ווייז האָט ער זיך ניט געקאָנט צופּאַסען צו דער אַרומיגער נידע־ריגער סביבה און אין'ם יאָהר 1851 האָט ער פּלוצלונג אויפגע־געבען זיין אַריסטאָקראַטישען אַרט לעבען, וואָס ער האָט געפירט ביז דעמאָלט און ער האָט — לויט'ן ביישפּיל פון זיין ברודער ניקאָלאַי — זיך אַוועקגעלאָזט קיין קאַווקאַז, מיט'ן צוועק אַריין אין דער מיליטער־דינסט. דאָ איז ער צוערשט געשטאַנען אין פּיאַ־טיגאָרסק — אַ שטאָדט פול מיט זכרונות וועגען לערמאָנטאָוו'ן — ביז ער האָט אויסגעהאַלטען אַלע נויטיגע עקזאַמענעס, און אָנגע־קומען אַלס יונקער אין אַן אַרטילעריע בריגאַדע, און דערביי איז איהם אויסגעקומען אַ שטיקעל צייט צו וואוינען אין אַ קאָזאַקען־דאָרף, אויפ'ן ברעג פונ'ם טיך טערעק.

זיינע ערפאַרונגען און געדאַנקען אין אָט־דער נייער סביבה זיינען אונז באַקאַנט פון זיין נאָוועלע „קאָזאַקען״. דאָרטען טאַקע, אויפ'ן שוים פון דער שעהנער נאַטור, וואָס האָט אַזוי מעכטיג

באגייסטערט פושקינ׳ען און לערמאָנטאָוו׳ן, האָט טאָלסטאָי גע־פונען זיין אמת׳דיגען באַרוף. ער האָט אוועקגעשיקט צום „סאָ־ווערעמעניק" זיין ערשטען ליטעראַרישען עקספּערימענט, „קינד־הייט", און אָט־די ערשטע דערצעהלונגען, ווי טאָלסטאָי האָט זיך דערוואוסט פון דעם דיכטער נעקראַסאָוו׳ס בריף, דעם רע־דאַקטאָר פון דעם זשורנאַל, און פון די קריטישע נאָ־טיצען פון אַנענקאָוו, גריגאָריעוו, דרוזשינין און טשערנישעווסקי (זיי האָבען געהערט צו פיר פאַרשיידענע עסטעטישע שולען), האָט זיך אַרויסגעצייגט צו זיין אַ מייסטער־ווערק.

בעת און נאָך דער קרימער מלחמה.

ארום דער ענד פונ׳ם קומענדיגען יאָהר (1853) האָט זיך אָנ־געפאַנגען די קרימער מלחמה און ל. נ. טאָלסטאָי האָט ניט געוואָלט פאַרבלייבען אומאַקטיוו אין דער קאַווקאַזער אַרמיי. ער האָט באַקומען אַ ערלויבניש אריבערצוגעהן אין דער דונאַיער ארמיי, האָט זיך באַטייליגט אין דער באַלאַגערונג פון סיליסטריע און שפּעטער אין דער שלאַכט נעבען באַלאַקלאַווע, און פון נאָוועמ־בער 1854 ביז אויגוסט 1855 איז ער געבליבען אין דער באַלאַ־גערטער שטאָדט סעוואַסטאָפּאָל — טיילווייז אין דעם שרעקליכען „פערטען באַסטיאָן", וואו ער האָט דורכגעלעבט אַלע שרעקען פון דער העלדישער פאַרטיידיגונג פון אָט־דער פעסטונג. טאָלסטאָי האָט דערפאַר דאָס רעכט צו ריידען וועגען קריג: ער איז באַקאַנט מיט קריג אינערליך. טאָלסטאָי ווייסט, וואָס קריג איז, אפילו דאָרט, וואו דער קריג האָט אַרויסגעצייגט זיינע שעהנסטע זייטען, אין אַזאַ וויכטיגער און באַגייסטערטער פאַזע, ווי עס איז געווען די פאַרטיידיגונג פון אָט־די פאָרטען און באַסטיאָנען, וועלכע זיי־נען אויסגעוואַקסען אונטער דעם שונא׳ס גראַנאַטען. אין דער צייט פון אָט־דער באַלאַגערונג האָט ער זיך עקשנות׳דיג אָפּגעזאָגט צו ווערען אַ שטאַבּס־אָפיצער און איז פאַרבליבען מיט זיין באַטע־רעע אויף די געפערליכסטע פּלעצער.

איך געדענק זעהר גוט, הגם איך בין דעמאָלט סך־הכל אַלט געווען צוועלף אָדער דרייצעהן יאָהר, דעם טיפען איינדרוק, וואָס זיין סקיצע „סעוואַסטאָפּאָל אין דעצעמבער, 1854" און די שפּע־

טערדיגע צוויי סקיצען, וועלכע זיינען ערשינען נאָכ'ן פאַל פון סעוואַסטאָפּאָל, האָבען געשאַפען אין רוסלאַנד. דער כאַראַקטער גופא פון אַט די סקיצען איז געווען אָריגינעל. זיי זיינען ניט געווען קיין בלעטלאַך פון אַ טאָג־בוך און דאָך זיינען זיי געווען אַזוי טריי צו דער ווירקליכקייט, ווי אַ טאָג־בוך קאָן נאָר זיין; באמת זיינען זיי געווען נאָך טרייער, ווייל זיי האָבען פאַר־געשטעלט ניט נאָר איין ווינקעלע פון רעאַלען לעבען — דאָס ווינקעלע, וואָס האָט זיך צופעליגערווייז אַנטפּלעקט פאַר'ן אויג פון'ם שרייבער, — נאָר דאָס גאַנצע לעבען, אַלע הערשענדע פאָרמען פון גדאַנק און די לעבענס־געוואוינהייטען פון דער באַלאַ־גערטער פעסטונג. זיי האָבען פאָרגעשטעלט — און דאָס איז די כאַראַקטעריסטיק פון אַלע ווייטערדיגע ווערק פון טאָלסטאָי'ען — אַ געוועב פון „דיכטונג און וואַרהייט", פּאָעזיע און אמת, אמת און פּאָעזיע, וואָס אַנטהאַלטען אַ סך מעהר אמת, ווי מיר טרעפען געוועהנליך אין אַ נאָוועלע, און מעהר פּאָעזיע, מעהר פּאָעטישע שאַפונג, ווי אין די מעהרסטע בעלעטריסטישע ווערק.

טאָלסטאָי האָט, דוכט זיך, קיינמאָל ניט געשריבען אין קיין פערזען; אָבער בעת דער באַלאַגערונג פון סעוואַסטאָפּאָל האָט ער אָנגעשריבען אין דעם געוועהנליכען מעטער און אין דער שפּראַך פון די סאָלדאַטסקע לידער, אַ סאַטיריש ליד, אין וועלכען ער שפּעט אָפּ פון די פעלערען פון די קאָמאַנדירען, וואָס האָבען גע־פירט צו דער באַלאַקלאַווער קאַטאַסטראָפע. דאָס ליד, געשריבען אין אַ וואונדערבאַרען פאָלקס־סטיל, האָט, פאַרשטעהט זיך, ניט געקאָנט אָפּגעדרוקט ווערן, איז פאַרשפּרייט געוואָרן איבער רוס־לאַנד אין טויזענטער געשריבענע קאָפּיעס, און געזונגען געוואָרן אומעטום, אין דער צייט פון'ם קריג און אויך באַלד נאָכדעם. דעם מחבר'ס נאָמען איז אויך באַקאַנט געוואָרן; מען האָט נאָר ניט געוואוסט אַקוראַט, צי איז דאָס דער פאַרפאַסער פון די סעוואַס־טאָפּאָלער סקיצען, אָדער עפּעס אַן אַנדער טאָלסטאָי.

ווען ער איז צוריק געקומען פון סעוואַסטאָפּאָל נאָך דעם ווי מען האָט געשלאָסען פרידען (אין'ם יאָהר 1856), האָט טאָלסטאָי צייטענווייז געוואוינט אין פּעטערבורג, צייטענווייז אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. אין דער הויפּט־שטאָדט איז ער באַגעגענט געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס פון אַלע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט, סיי פון דער

ליטעראַרישער, סיי פון דער וועלטליכער, אַלס סעוואַסטאָפּאָלער העלד און צוקונפטיגער גרויסער שריפטשטעלער. וועגען דעם לעבען אָבער, וואָס ער האָט געפירט אין יענער צייט, קאָן טאָלסטאָי איצט ניט ריידען אָהן עקעל: דאָס איז געווען דאָס געוועהנליכע לעבען פון הונדערטער יונגע לייט — גוואַרדייסקע אָפיצערען און די גאָלדענע יוגענט פון זיין אייגענעם קלאַס — וואָס ווערט צו'פּטר'ט אין די רעסטאָראַנען און קאַפע־שאַנטאַנען פון דער רוסישער הויפּט־שטאָדט, צווישען קאָרטען־שפּילער, פערד־הענדלער, ציגייגער־כאָרען און פראַנצויזישע אוואַנטוריסטקעס. אין יענער צייט איז ער באַפריינדעט געוואָרן מיט טורגעניעוו'ן און פלעגט איהם אָפט זעהן אי אין פעטערבורג, אי אין יאַסנאַיאַ פּאָ־ליאַנאַ — די גיטער פון די צוויי גרויסע שריפטשטעלער זיינען געווען נאָהענט איינער פון דעם אַנדערן; נאָר, הגם זיין פריינט טורגעניעוו האָט דעמאָלט גענומען אַ טיכטיגען אַנטייל אין דער באַוואוסטער רעוואָלוציאָנערער צייטונג „קאָלאָקאָל”, וואָס הערצען האָט אין יענער צייט אַרויסגעגעבען (ז. קאַפּיטעל אַכט), האָט טאָלסטאָי זיך דערמיט ניט פאַראינטערעסירט; און הגם טאָל־סטאָי איז גוט באַקאַנט געווען מיט די רעדאַקטערע פון דעם דע־מאָלט באַוואוסטען רעוואָלוציאָנערן זשורנאַל „סאָווּרעמעניק”, וואָס האָט אָנגעפירט אַ גלענצענדען קאַמף געגען לייב־אייגענטום און בכלל פאַר פרייהייט, איז ער אָבער צוליב דער אָדער יענער אורזאַך קיינמאָל ניט געווען אין קיין פריינטליכע באַציהונגען מיט די ראַדיקאַלע פירער פון אָט־דעם זשורנאַל — מיט טשערנישעוו־סקי'ן, דאָבראָליובאָוו'ן, מיכאַילאָוו'ען און זייערע פריינט.

בכלל איז טאָלסטאָי געבליבען גאַנץ קאַלט צו דער גרויסער אינטעלעקטועלער און רעפאָרמאַציאָנס־באַוועגונג, וואָס איז דע־מאָלט אָנגעגאַנגען אין רוסלאַנד. ער איז ניט צוגעשטאַנען צו דער פּאַרטיי פון רעפאָרמען. נאָך ווינציגער איז ער געווען געניינגט צו צושטעהן צו יענע יונגע ניהיליסטען, וועלכע טורגעניעוו האָט געשילדערט אין „פאָטערס און קינדער”, אָדער, שפּעטער, אין די זיבעציגער יאָהרען, צו דער יוגענט, וועמעס דעוויז עס איז געווען „זיך צונויפגיסען מיט'ן פאָלק”, און מיט וועמען טאָלסטאָי האָט אַזוי פיל געמיינשאַפטליכעס אין דער געגענוואַרטיגער צייט. די אורזאַך פון אָט־דער אָפּגעפרעמדקייט קאָן מען ניט באַשטימען.

צי איז דאָס געווען דער טיפער אָפּגרונט, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם יונגען עפּיקורעער־אריסטאָקראט פון די אולטראַ־דעמאָקראַטישע שריפטשטעלער, ווי דאָבראָליובאָוו, וואָס האָבען געארבייט אויף דער פאַנאַנדערשפרייטונג פון סאָציאַליסטישע און דעמאָקראַטישע אידעען אין רוסלאַנד, און נאָך מעהר פון מענשען, ווי ראַכמעטאָוו אין טשערנישעווסקי'ס ראָמאַן „וואָס טוט מען?", וואָס האָבען געלעבט דאָס לעבען פונ'ם פּויער און אויף אַזאַ אופן שוין דעמאָלט פּראַקטיצירט, וואָס טאָלסטאָי האָט אָנגעפאַנגען צו פּרעדיגען מיט צוואַנציג יאָהר שפּעטער? אָדער דער חילוק צווישען צוויי דורות — צווישען דעם דרייסיג יאָהריגען מאַן, וואָס טאָלסטאָי איז דעמאָלט געווען און די יונגע בחורים, פול מיט גאוה'נער אומטאָלעראַנץ — האָט זיי געשטערט זיך צוזאַמענקומען? און אפשר דאַרף מען דערצו נאָך צוגעבען די טעאָרעטישע חלוקי־דעות? נעמליך, דעם פונדאַמענטאַלען חילוק אין די איבערצייגונגען פון די פּאַרטגעשריטענע רוסישע ראַדיקאַלען, וואָס זיינען אין יענער צייט מעהרסטענס געווען פּאַרעהרערער פון דעם רעגירונגס יאַקאָביניזם, — און די איבערצייגונגען פונ'ם „נאַראָדניק", וואָס האָט זיך נעגאַטיוו באַצויגען צו רעגירונג, ווי טאָלסטאָי איז שוין, וואַרשיינליך, דעמאָלט געווען, אורטיילענדיג פון זיין שטעלונג צו דער מערב־אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע און זיינע פּעדאַגאָגישע ארבייטען, וועלכע ער האָט אָנגעפאַנגען אין דער יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ שול אינ'ם יאָהר 1861.

די נאָוועלען, וואָס טאָלסטאָי האָט אָפּגעדרוקט אינ'ם משך פון אַכט די יאָהרען (1856—1862), כאַראַקטעריזירן ניט זיין גייסטיגען צושטאַנד, ווייל הגם זיי זיינען אין אַ גרויסער מאָס אויטאָביאָגראַפישע, האָבען זיי אָבער מעהרסטענס אַ שייכות צו פריערדיגע פּעריאָדען פון זיין לעבען. אין יענער צייט האָט ער אויך ארויסגעגעבען נאָך צוויי פון זיינע סעוואַסטאָפּאָלער מלחמה־סקיצען. די גאַנצע קראַפט פון זיין באַאָבאַכטונג, זיין וואונדערבארע קענטניש פון דער מלחמה־פּסיכאָלאָגיע, זיין טיפע אומפּאַסונג פונ'ם רוסישען סאָלדאַט, ספּעציעל פון דעם באַשיידענעם פּשוט'ען העלד, וואָס געווינט די שלאַכטען, און דאָס פולשטענדיגע באַגרייפען פונם אינערליכען גייסט פון אַן ארמיי, פון וועלכער עס העננט אָפּ דער ערפאָלג אָדער די מפּלה, — קורץ, אַלץ, וואָס האָט

זיך אַנטוויקעלט אין דער שעהנקייט און ריכטיגקייט פון „קריג און פרידען", האָט זיך שוין ארויסגעצייגט אין אָט־די סקיצען, וואָס שטעלען מיט זיך, אָהן צווייפעל, פאַר אַ נייע ווענדונג אין דער מלחמה־ליטעראַטור איבער דער גאַנצער וועלט.

„יוגענט": די זוכעניש פון אַן אידעאַל.

„יוגענט", „דער פרימאָרגען פון אַ פריץ" און „לוצערן" זיינען ערשינען אין דעם משך פון די זעלביגע יאָהרען, נאָר זיי האָבען געמאַכט אויף אונז, לעזער, ווי אויך אויף די ליטעראַטור־קריטיקער, אַ מאָדנעם און עפּעס אַן אומאַנגענעמען איינדרוק. דער גרויסער שריפטשטעלער איז פאַרבליבען; זיין טאַלאַנט האָט געוויזען מערקבאַרע סימנים פון וואוקס; די פּראָבלעמען פון לעבען, וואָס ער האָט באַרירט אין זיינע ווערק האָבען זיך, אָהן ספק, אַלץ אויס־געברייטערט און פאַרטיפט; אָבער די העלדען, וואָס האָבען אויס־געדריקט די געדאַנקען פון'ם פאַרפאַסער גופא, האָבען ניט גע־קאָנט געווינען אונזער סימפּאַטיע. אין „קינדהייט" און „בחור'־שאַפט" האָבען מיר פאַר זיך געהאַט דאָס אינגעל אירטעניעוו. איצט, אין „יוגענט", באַקענט זיך אידטעניעוו מיט פירשט נע־כליודאָוו'ן; עס ווערט צווישען זיי אַ שטאַרקע פריינטשאַפט און זיי גיבען זיך דאָס וואָרט צו דערצעהלען איינער דעם אַנדערן, ניט פאַרדעקענדיג קיין זאַך, פון אַלע זייערע מאָראַלע פעהלערן. פאַר־שטעהט זיך, ניט שטענדיג האַלטען זיי וואָרט; אָבער דאָס פירט זיי צו אַ שטענדיגען זעלבסט־אַנאַליז, צו אַ חרטה, וואָס ווערט באַלד פאַרגעסען, און צו אַן אומפאַרמיידליכער דואַליטעט, וואָס האָט אַ העכסט קרענקליכע ווירקונג אויף די כאַראַקטערן פון ביידע יונגע לייט. טאָלסטאָי האָט ניט פאַרדעקט די שלעכטע רעזול־טאַטען פון אָט־די מאָראַלישע אָנשטרענגונגען. ער שילדערט זיי בפרט מיט דער גרעסטער אויפריכטיגקייט וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלען, אבער דאָך, דוכט זיך, אז ער האלט זיי פאַר פאַר'ן לעזער, ווי עטוואָס ווינשענסווערטעס; און דערמיט האָבען מיר, פאַרשטעהט זיך, ניט געקאָנט איינשטימען.

די יוגענט איז, אָהן צווייפעל, די צייט, ווען די העכערע מאָראַלע אידעאַלען וואַכען אויף אינ'ם געדאַנק פונ'ם צוקונפטיגען

מאַן אָדער פּרוי; דאָס זיינען די יאָהרען, ווען דער מענש שטרעבט זיך צו באַפרייען פון די חסרונות פון בחור'שאַפט אָדער מיידעל־שאַפט; אָבער אַט־דער צוועק קאָן קיינמאָל ניט דערגרייכט ווערן אויף דעם וועג, וואָס ווערט רעקאָמענדירט אין די מאָנאַסטירען און אין די יעזואיטישע שולען. דער איינציגער ריכטיגער וועג איז צו עפענען פאַר'ן יונגען מוח נייע ברייטע האָריזאָנטען; איהם באַפרייען פון אַבערגלויבענס און שרעק; אָנצייגען דעם פּלאַץ פון מענשען אין דער נאַטור און מענשהייט, און ספּעציעל זיך אי־דענטיפיצירן מיט עפּעס אַ גרויסער זאַך און אַנטוויקלען די אייגע־נע קרעפטען מיט'ן אַבזיכט מסוגל צו ווערען צו קעמפען מאַר דער זאַך. אידעאַליזם, ד. ה. די פעהיגקייט צו דערפיהלען אַ פּאָעטישע ליבע צו עטוואָס גרויסעס און דערצו זיך צוגרייטען — איז דער איינציגער זיכערער פאַרהיטונגס־מיטעל געגען אַלץ, וואָס צו־שטערט די לעבענס־כחות פון'ם מענשען; פאַרדאָרבענהייט, זנות א. אז. וו. אזא באַגייסטערונג, אזא ליבע צו אַן אידעאַל, פּלעגט די רוסישע יוגענט געפינען אין די סטודענטישע קרייזלאַך, פון וועלכע טורגעניעוו האָט אונז איבערגעלאָזט אַזעלכע באַגייס־טערטע שילדערונגען. אירטעניעוו אָבער און נעכליודאָוו, איבער־בלייבענדיג אינ'ם משך פון זייערע אוניווערזיטעטס־יאָהרען אין זייער גלענצענדער אַריסטאָקראַטישער אָפּגעזונדערטקייט, זיינען אומפעהיג זיך צו באַשאַפען אַ העכערען לעבענס־אידעאַל און זיי פאַרשווענדען זייערע כחות אויף אומזיסטיגע פאַרזוכען פון האַלב־רעליגיעזער און מאָראַלער זעלבסט־פאַרפּאָלקאָמונג, אויף אַ שטייגער, וואָס וואָלט אפשר געווען ערפאָלגרייך אין דער אָפּגעזונדערט־קייט פון אַ מאָנאַסטיר, וואָס קאָן אָבער ניט דורכגעפירט ווערן אינ'ם רייץ, וועלכער רינגעלט אַרום דעם וועלטליכען יונגען מענ־שען. וועגען אַט־די דורכפאַלען דערצעהלט טאָלסטאָי, ווי גע־וועהנליך, מיט פולשטענדיגער ערנסטקייט און אויפריכטיגקייט.

„דער פריהמאָרגען פון אַ פריץ" האָט ווידער געמאַכט אין זיין צייט אַ מאָדנעם איינדרוק. אין דער דערצעהלונג ווערן געשיל־דערט די ניט־געלונגענע פילאַנטראָפּישע פאַרזוכען פון אַ פּריץ, וואָס וויל גליקליך און רייך מאַכען זיינע פּויערים און פאַרקלערט זיך ניט אפילו אויף איין רגע, אַז דער ערשטער שריט אין דער ריכטונג דאַרף זיין די באַפרייאונג פון אַט די פויערים. אין יענע

יאָהרן פון דער באַפרייאונג פון די פּאַנשטשעוויקעס און באַגייסטערטע האָפנונגען, האָט אָט־די נאָוועלע געקלונגען, ווי עפּעס אַן אַנאַכראָניזם, נאָך מעהר, ווייל בעת איהר ערשיינונג האָבען די מעהרסטע לעזער ניט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ בלעטעל פון טאָלסטאָי'ס פריהערדיגער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס האָט אַ שייכות צום יאָהר 1847, בעת ער האָט זיך באַזעצט אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, באַלד ווי ער איז אַרויס פונ'ם אוניווערזיטעט, ווען זעהר ווייניג מענשען האָבען געקלערט וועגען דער באַפרייאונג פון די פּויערים. דאָס איז געווען איינע פון יענע סקיצען, וועגען וועלכע בראַנדעס האָט אַזוי ריכטיג געזאָגט, אַז אין זיי „דענקט טאָלסטאָי אין דער הויך" וועגען עפּעס אַ בלעטעל פון זיין אייגען לעבען. און דאָך האָט מען פּשוט געמוזט באַוואונדערן אין איהר דעם גרויסען אָביעקטיווען טאַלאַנט, וואָס האָט זיך אַרויסגעצייגט מיט אַזאַ קראַפט אין „קינדהייט" און אין די סעוואַסטאָפּאָלער סקיצען. דערצעהלענדיג וועגען די פּויערים, וואָס האָבען זיך מיט גרויס חשד באַצויגען צו די טובות, מיט וועלכע זייער פּריץ האָט זיי געוואָלט מזכה זיין, וואָלט געווען גאַנץ לייכט און פולשטענדיג־נאַטירליך פאַר אַ געבילדעטע מענשען צו דערקלערן מיט זייער אומוויסענהייט די אומוויליגקייט צו צונעהמען די דרעש־מאַשין (וועלכע איז, אגב, שוין געווען קאַליע), אָדער דעם אָפּזאָג פון אַ פּויער צו נעהמען במתנה אַ געמויערט הויז (וואָס געפינט זיך ווייט פון דאָרף)... נאָר אין טאָלסטאָי'ס נאָוועלע איז אַפילו קיין שאָטען פון אַזאַ תירוץ צום גונסטען פון פּריץ ניטאָ, און דעם דענקענדען לעזער בלייבט נאָר איבער צו לויבען דעם געזונטען פאַרשטאַנד פון די פּויערים.

נאָכדעם איז ערשינען די דערצעהלונג „לוצערן". אין דער דערצעהלונג ווערן מיר געוואר, ווי דערזעלביגער נעכליודאָוו — שטאַרק געקרענקט פון דער האַרצלאָזיגקייט פון אַ גרופּע ענגלישע טוריסטען, וועלכע זיינען געזעסען אויף אַ באַלקאָן פון אַ רייכען שווייצאַרישען האָטעל און ניט צוגעוואָרפען אפילו עטליכע פּענים צו אַן אָרימען זינגער, צו וועמעס לידער זיי האָבען זיך צוגעהערט מיט מערקבאַרן פאַרגעניגען — פיהרט אַריין אָט־דעם זינגער אין האָטעל, לאַדט איהם איין אין דעם עס־זאַל, צום גרויסען סקאַנדאַל פון די ענגלישע באַזוכער, און איז איהם

דאָרט מכבד מיט אַ פלעשעל שאַמפּאַניער. די געפיהלען פון נעכ־ליודאָוו'ן זיינען זיכער גערעכטע; נאָר בעת איהר לייענט אָט־די דערצעהלונג, ליידט איהר די גאַנצע צייט פאר דעם אָרימען זינגער און עס כאַפּט אייך אָרום אַ געפיהל פון אנטריסטונג קעגען דעם רוסישען אַדעלמאַן, וואס באַנוצט דעם זינגער ווי אַ בייטש צו שטראָפען די טוריסטען, און באַמערקט אפילו ניט, ווי עס ליידט דער אָרימער זינגער אין דער צייט פון אָט־דער לעקציע אין מאָראַל. ערגער פון אַלץ איז, וואָס דער פארפאַסער גופא באַמערקט הפנים אויך ניט דעם פאַלשען טאָן, וועלכער קלינגט אין דער אויפפיהרונג פון נעכליודאָוו'ן און וויל ניט פארשטעהן, אז אַ מאַן מיט אמת־מענשליכע געפיהלען, וואָלט איינגעלאַדען דעם זינגער ערגעץ אין אַ קלייניקען שענקעל און דאָרטען מיט איהם געהאט אַ פריינטליכען געשפּרעך ביי אַ גלעזעל פּראָסטען וויין. דאָך שיינט אויף טאָלסטאָי'ס גרויסער טאַלאַנט אויך אין אָט־דער דערצעהלונג. ער באַשרייבט די אומבאַקוועמליכקייט פונ'ם זינגער בעת אָט־דער גאַנצער סצענע אַזוי ארענטליך, אַזוי פולשטענדיג און אַזוי טריי, אַז דער לעזער קומט אומפארמיידליך צום שלוּם, אַז הגם דער יונגער אריסטאָקראַט איז געווען גערעכט, פּראָטעסטירענדיג קעגען דער האַרט־הערציגקייט, איז אָבער זיין אויפפיהרונג אַזוי אומסימפּאַטיש, ווי די אויפפיהרונג פון די זעלבסט־צופרידענע ענגלענדער אין דעם האָטעל. טאָלסטאָי'ס מעכטיגער טאַלאַנט האָט איהם אָוועקגעטראָגען ווייטער און העכער פון זיינע טעאָריעם.

דאָס איז ניט דער איינציגער פאַל, וואו אַזאַ באַמערקונג קען געמאכט ווערן וועגען טאָלסטאָי'ס ווערק. זיין אָפּשאַצונג פון דער אָדער יענער טאַט פון זיינע העלדען קען זיין פאַלש; זיין אייגענע „פילאָזאָפיע" קען אַרויסרופען אויסזעצונגען; אָבער די קראַפט פון זיין טאַלאַנט צו שילדערן און זיין ליטעראַרישע ארענטליכקייט זיינען שטענדיג אַזוי גרויס, אַז די געפיהלען און טאַטען פון זיינע העלדען ריידען אָפּט קעגען זייער באַשעפער און דערוויי־זען זאַכען, וואָס זיינען פולשטענדיג געגענזעצליך צו דעם, וואָס ער האָט געוואָלט דערווייזען*). ווארשיינליך צוליב דעם פלעגט

*) דאָס האָבען באַמערקט די מעהרסטע רוסישע קריטיקער. ריי־דענדיג וועגען „קריג און פרידען" האָט פּיסאַרעוו געשריבען: „די ביל־

טורגענעוו און אַנדערע ליטעראַרישע פריינט פון טאָלסטאָי׳ען איהם זאָגען: „לעג ניט אריין דיין „פילאָזאָפיע" אין דער קונסט. פאַרלאָז זיך אויף דיין חוש פאַר קונסט און דו וועסט שאַפען גרויסע ווערק". באמת, ניט קוקענדיג אויף טאָלסטאָי׳ס אומ־צוטרויען צו דער וויסענשאַפט, מוז איך זאָגען, אַז בעת איך לייען זיינע ווערק, פיהל איך אַז ער באַזיצט אַ מעהר וויסענשאַפטליכען בליק אויף זאַכען, ווי יעדער אַנדער קינסטלער, וואָס איז מיר באַ־קאַנט. ער קען אַ טעות האָבען אין זיינע שלוסען, אָבער קיינמאָל איז ער זיך ניט טועה אין דער באַהויפּטונג פון די פאַקטען. אמת׳ע וויסענשאַפט און אמת׳ע קונסט זיינען ניט פיינטליך: זיי האַרמאָנירן שטענדיג איינע מיט דער אַנדערער.

קליינע דערצעהלונגען — „קאַזאַקען".

עטליכע דערצעהלונגען און נאָוועלען פון טאָלסטאָי׳ען זיינען ערשינען אין די יאָהרען 1857—1862 („דער שטורם", „די צוויי הוסאַרן", „דריי טויטען", „קאַזאַקען") און יעדע פון זיי האָט אַרויסגערופען אַלץ מעהר אַנטציקונג פאַר זיין טאַלאַנט. די ער־שטע פון אָט־די דערצעהלונגען, הגם אומוויכטיג לויט איהר אינ־האַלט, איז באמת אַ ליטעראַרישער פערל; עס ווערט אין איהר געשילדערט די וואַנדערונגען פון אַ רייזענדען אין אַ זאַווערוכע אויף די שנעהיגע פעלדער פון צענטראַל־רוסלאַנד. די זעלביגע באַמערקונג איז אויך ריכטיג בנוגע צו דער צווייטער דערצעהלונג „די צוויי הוסאַרן", אין וועלכער צוויי דורות ווערן אָנגעוואָרפען אויף עטליכע זייטלאַך מיט אַן איבערראַשענדער פּינקטליכקייט. וואָס איז שייך צו דער טיף־פאַנטעאיסטישער דערצעהלונג „דריי טויטען", אין וועלכער עס ווערן געשילדערט דער טויט פון אַ ריי־כער פריצה, דער טויט פון אַן אָרימען אַנטרייבער און דער טויט פון אַ בערעזע, איז דאָס אַ פּאָעמע אין פּראָזע, וואָס פאַרדינט

דער, וואָס ער האָט באַשאַפען באַזיצען זייער אייגענעם לעבען, אומאָפּ־הענגיג פון די אַבזיכטען פונ׳ם פאַרפאַסער; זיי קומען אין דירעקטע באַציהונגען מיט׳ן לעזער, רעדען פאַר זיך אַליין און ברענגען אומפאַר־מיידליך דעם לעזער צו אַזעלכע געדאַנקען און שלוסען, וואָס דער פאַר־פאַסער האָט קיינמאָל אין זין ניט געהאַט און מיט וועלכע ער וואָלט פיליכט קיינמאָל ניט איינגעשטימט." (פיסאַרעוו׳ס ווערק 6, ז. 420).

אוועקגעשטעלט צו ווערן נעבען די בעסטע מוסטערן פון דער פאַנ־טעאיסטישער פּאָעזיע פון גנעטע'ן. אין דער זעלביגער צייט איז אָט-די דערצעהלונג, לויט איהר סאָציאַלער באַדייטונג, די פאָר־לויפערין פון טאָלסטאָי'ס ווערק פון דער שפּעטערדיגער עפּאָכע.

„קאָזאַקען" איז אַן אויטאָביאָגראַפישע נאָוועלע און האָט אַ שייכות צו דער צייט, וואָס מיר האָבען אויבען דערמאָנט, ווען דער פיר־און־צוואַנציג יאָהריגער טאָלסטאָי איז אַנטלאָפען פון'ם פוסטען לעבען אין פּעטערבורג, געקומען קיין פּיאַטיגאָרסק, און נאָכדעם אוועק אין דעם פאַרוואָרפענעם קאַזאַקען־דערפעל ארום טייך טערעק. דאָרט איז ער געגאַנגען אויף געיעג מיט'ן אַלטען קאָזאַק יעראָשקא און מיט'ן יונגען לוקאַשקאַ און דאָרט, אין דעם פּאָעטישען גענוס פון דער וואונדערבארער נאַטור, אין דער איינפאַכקייט פונ'ם לעבען פון אָט־די נאַטור־קינדער און אין דער שטומער פארגעטערונג פון אַ יונגער קאזאקען־מיידעל, דערוועקט זיך אין איהם זיין וואונדערליכער ליטעראַרישער זשעני.

די דערשיינונג פון אָט־דער נאָוועלע, אין וועלכער מען שפּירט אַ ווירקליכען שטריך פון אמת'ן זשעניע, האָט אַרויסגערופען הייסע ויכוחים. אָנגעפאַנגען די דערצעהלונג האָט טאָלסטאָי נאָך אינ'ם יאָהר 1852 און זי אָפּגעדרוקט ערשט אינ'ם יאָהר 1860, ווען גאַנץ רוס־לאַנד האָט מיט אומגעדולד ערוואַרטעט די רעזולטאַטען פון דער אַר־בייט פון די „קאָמיטעטען צו פארניכטען לייב־אייגענטום", פאָר־אויסזעהענדיג, אַז מיט'ן פאַלען פון דעם לייב־אייגענטום־רעכט וועלען אָנהויבען צעפאַלען אַלע אַנדערע, פארפוילטע, פאָר־עלטערטע און באַרבאַרישע אינסטיטוציעס פון די פאַרגאַנגענע צייטען. רוסלאַנד האָט דעמאָלט געזוכט באַגייסטערונג און לעהרע אין דער מערב־אייראָפּעאישער ציוויליזאציע פאַר אָט־דער גרוי־סער רעפאָרמאַציאָנס־ארבייט. און אין יענער צייט באַווייזט זיך אַ יונגער שריפטשטעלער, וועלכער רעוואָלטירט, אַזוי ווי רוססאָ, קעגען יענער ציוויליזאַציע, פּרעדיגט זיך אומקערן צו דער נאַטור און רופט אונז אַראָפּצוּוואַרפען פון זיך דעם קינסטליכען צודעק, וואָס מיר רופען ציוויליזירטעס לעבען, וואָס איז אָבער באמת אַ שלעכטער אויסבייט פאַר'ן גליק פון פרייער ארבייט אויף דער פרייער נאַטור. יעדען איינציגען איז שוין היינט באַקאַנט די גרונט־אידעע פון די „קאַזאַקען": דער קאָנטראַסט צווישען דעם נאַטיר־

ליכען לעבען פון אָט־די פרייע זיהן פון די סטעפּעס און דעם קינסטליכען לעבען פונ׳ם יונגען אָפיציר, וואָס איז צופעליג אריינגעפאַלען אין זייער סביבה.

טאָלסטאָי מאָלט דאָ די שטאַרקע מענשען, וואָס זיינען עהנליך צו די אַמעריקאַנער סקוואַטערס, וועלכע האָבען זיך אַנטוויקעלט אין די סטעפּעס נעבען די קאַווקאַזער בערג, דורך אַ לעבען, וואָס איז פול מיט סכנות, און וואו פיזישע קראַפט, אויסדויער און רוהיגער מוט זיינען אַבסאָלוט נויטווענדיג. אין זייער סביבה פאַלט אַריין איינער פון די קרענקליכע פּראָדוקטען פון אונזער האַלב-אינטעלעקטועלען שטאָדטישען לעבען און אויף יעדען שריט קומט איהם אוים צו שפּירן די העכערקייט פון דעם קאָזאַק לוקאשקאַ. ער וויל טאָן עפּעס אַ גרויסע זאַך, פאַרמאָגט ער אָבער ניט ניט קיין אינטעלעקטועלע, ניט קיין פיזישע קראַפט דאָס דורכצופיהרן. אפילו זיין ליבע איז ניט די שטאַרקע געזונטע ליבע פון אַ מענשען, וואָס איז אויסגעוואַקסען אין די סטעפּעס, נאָר בלויז אַ מין שוואַכע נערוועז־אויפרעגונג, וואָס וועט זיכער ניט לאַנג דויערן און וואָס רופט נאָר אַרוים אַן עהנליכע אומרוהיגקייט אין דעם קאַזאקען־מיידעל, אָבער קען זי בשום אופן ניט באַרוישען. און ווען ער רעדט צו איהר וועגען ליבע, אין וועמעס קראַפט ער אַליין גלויבט ניט, שיקט זי איהם אַוועק מיט די ווערטער: טשעפּע זיך פון מיר אָפּ, דו שוואַכלינג!״

אייניגע האָבען אין אָט־דער נאָוועלע געזעהן פּונקט אַזאַ „לויב־געזאַנג צום האַלב־ווילדען לעבענס־אַרט״, אין וועלכען מען האָט באַשולדיגט (אומגעלומפּערט באַשולדיגט) די שריפטשטעלער פונ׳ם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט, און ספּעציעל רוססאָ׳ן. אין דער אמת׳ן איז טאָלסטאָי אַזוי ווייט דערפון, ווי רוססאָ. טאָלסטאָי האָט אָבער געזעהן אין דעם לעבען פון די קאַזאַקען מעהר וויטאַליטעט, מעהר ענערגיע און קראַפט, ווי אין דעם לעבען פון דעם וואוילגעבאָרענעם העלד — און ער האָט דאָס דערצעהלט אין אַ שעהנער איינדרוקספולער פאָרם. זיין העלד — און אַזעלכע זיינען פאַראַן טויזענטער און טויזענטער — באַזיצט ניט קיין איין כח, וואָס קומט פון פיזישער ארבייט און פון דעם קאַמף מיט דער נאַטור; ער פאַרמאָגט אויך ניט די קרעפטען, וואָס די וויסענשאַפט און די אמת׳ע ציוויליזאַציע וואָלטען איהם געקענט געבען. אַן

אמת-אינטעלעקטועלע קראַפט פרעגט זיך ניט יעדע מינוט: „בין איך גערעכט אָדער אומגערעכט?‟ אַזאַ קראַפט פיהלט, אַז עס זיינען פאַראַן געוויסע פּרינציפּען, אין וועלכע זי איז ניט אומגערעכט. דאָס זעלביגע איז אויך אמת וועגען אַ מאָראַלער קראַפט: זי ווייס, אַז ביז אַ באַשטימטען גראַד קען זי זיך אַליין טרויען. נאָר פּונקט ווי טויזענטער אַנדערע מענשען, וואָס געהערען צו די אַזוי־גערופענע געבילדעטע קלאַסען, האָט נעכליודאָוו ניט באַזעסען קיין איינע פון אָט־די קרעפטען. ער איז אַ שוואַכלינג, און טאָלסטאָי האָט אָנגעוויזען זיין גייסטיגע און מאָראַלע שוואַכקייט מיט אַזאַ קלאָרקייט, אַז זי האָט געמוזט שאַפען אַ שטאַרקען איינדרוק.

פּעדאַגאָגישע אַרבייט.

אין די יאָהרען 1859—1862 האָט דער קאַמף צווישען די „פאָטערס‟ און „קינדער‟, וועלכער האָט ארויסגערופען ביטערע אטאַקעס קעגען דעם יונגען דור אפילו פון אַזוינע „אָביעקטיווע‟ שריפטשטעלער, ווי גאָנטשאַראָוו — שוין ניט ריידענדיג וועגען פּיסעמסקי׳ן צוזאַ אַ סך אַנדערע — זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד. מיר ווייסען אָבער ניט אויף וועלכער זייט עס זיינען געווען טאָלסטאָי׳ס סימפּאַטיעס. עס מוז דערמאָנט ווערען, אַז דאָס גרעסטען טייל פון אָט־דער צייט האָט ער פאַרבראַכט אין אויסלאַנד מיט זיין עלטערן ברודער ניקאָלאַי, וועלכער איז געשטאָרבען פון שווינדזוכט אין זיד־פראַנקרייך. מיר ווייסען נאָר, אַז די אומפעהיגקייט פון דער מערב־אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע צו געבען די ברייטע פאָלקס־מאַסען וואוילזיין און גלייכהייט, האָט אויף טאָלסטאָי׳ן געמאַכט אַ טיפען איינדרוק. לויט ווי ווענגעראָוו דערצעהלט אונז, האָט טאָלסטאָי, בעת זיין רייזע אין אויסלאַנד, נאָך באַזוכט אויערבאַך׳ן, וועלכער האָט דעמאָלט געשריבען זיינע שוואַרצוואַלדער דערצעהלונגען פון דעם פּויערישען לעבען און האָט רעדאַקטירט פּאָפּולערע אַלמאַנאַכען, און פּרודאָנ׳ען, וועלכער האָט דעמאָלט געוואוינט אַלס פאַרשיקטער אין בריוסעל. טאָלסטאָי האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד באַלד נאָכדעם, ווי די פּויערים זיינען באַפרייט געוואָרן, האָט אָנגענומען אַ שטעלע אַלס „מיראָוואָי פּאָסרעדניק‟ אָדער אַ פריעדענס־בורר צווישען די

פריצים און פויערים, זיך באַזעצט אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און דאָר־טען אָנגעפאַנגען זיין פּעדאַגאָגישע אַרבייט. צו אָט־דער אַר־בייט איז ער צוגעטראָטען אויף אַ גאַנץ זעלבסטשטענדיגען שטייגער, — דאָס הייסט, בויענדיג זי אויף אַנאַרכיסטישע פּרינציפּען, לחלוטין פריי פון די קינסטליכע מעטאָדען פון ערציהונג, וואָס די דייטשע פּעדאַגאָגען האָבען געהאַט אויסגעאַרבייט, און וועלכע פלעגען שטאַרק באַוואונדערט ווערן אין רוסלאַנד. ביי איהם אין שול איז ניט געווען קיין שום דיסציפּלין. אַנשטאָט אויסצואַר־בייטען פּראָגראַמען, לויט וועלכע מען דאַרף לערנען מיט די קינדער, מוז דער לעהרער, האָט טאָלסטאָי געזאָגט, זיך לערנען ביי די קינדער, וואָס מיט זיי צו לערנען, און מוז צופּאַסען זיין לערנען צו די אינדיווידועלע געשמאַקען און פעהיגקייטען פון יעדען קינד. טאָלסטאָי האָט אָט־די פּראָגראַם דורכגעפיהרט אין זיין שולע און זי האָט געבראַכט גלענצענדע רעזולטאַטען. זיינע מעטאָדען האָבען אָבער נאָך ביז איצט צוגעצויגען ווינציג אויפמערקזאַמקייט; און נאָר איין גרויסער שריפטשטעלער — אַן אַנדער דיכטער, וויליאַם מאָריס—האָט פאַרטיידיגט (אין "News from Nowhere", „נייעס פון ערגעץ ניט") די זעלביגע פרייהייט אין ערציהונג. מיר זיינען אָבער זיכער, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען טאָלסטאָי'ס יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ אַרטיקלען וועלען דורכשטודירט ווערן דורך עפּעס אַ באַגאַבטען פּעדאַגאָג, פּונקט ווי רוססאָ'ס „עמיל" איז געשטודירט געוואָרן דורך פרעבעל'ן, און וועלען ווערן דער אויס־גאַנגס־פּונקט פון אַ נייער ערציהונגס־רעפאָרם, נאָך אַ פיל טיפע־רער, ווי די רעפאָרמען פון פּעסטאַלאָצי און פרעבעל.

איצט איז באַוואוסט, אַז די רוסישע רעגירונג האָט אויף אַ ברוטאַלען אופן געמאַכט אַ סוף צו אָט־די ערציהונגס־עקספּערי־מענטען. אין דער צייט פון טאָלסטאָי'ס אָפּוועזענהייט פון זיין גוט, האָבען די זשאַנדאַרמען דורכגענישטערט און דורכגעזוכט יעדעס ווינקעלע פון זיין הויז, דערביי האָבען זיי ניט נאָר אויף טויט איבערגעשראָקען טאָלסטאָי'ס אַלטע מומע (זי איז נאָך דעם שטאַרק קראַנק געוואָרן), נאָר האָבען אויך געלייענט אין דער הויך, מיט ציניש באַמערקונגען, דעם אינטימען טאָג־בוך, וואָס דער גרויסער שריפטשטעלער האָט געפיהרט נאָך פון זיין יוגענט. מען האָט איהם געסטראַשעט מיט נאָך הויז־זוכונגען אַזוי, אַז טאָל־

סטאַי איז געווען גענייגט אויף שטענדיג צו עמיגרירן קיין לאָנדאָן און האָט געוואָרענט אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, דורך דער גרעפין א. א. טאָלסטאַיאַ, אַז ער האַלט שטענדיג אַ געלאַדענעם רעוואָלווער ביי זיך און וועט דערשיסען דעם ערשטען פּאָליציי-באַאַמטען, וואָס וועט וואַגען אַריבערטרעטען זיין שוועל. פאַרשטעהט זיך, אַז די שולע אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ האָט געמוזט צוגעמאַכט ווערן.

„קריג און פרידען".

אינ'ם יאָהר 1862 האָט טאָלסטאָי חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון אַ מאָסקווער דאָקטאָר, מיט'ן נאָמען בערס, און, וואוינענדיג כמעט אָהן אַן אונטערברעכונג אויף זיין טולע'ער מאַיאָנטעק אינ'ם משך פון פופצעהן יאָהר, האָט ער געשאַפען אין אָט־דער צייט זיינע צוויי גרויסע ווערק: „קריג און פרידען" און „אַנאַ קאַרענינאַ". לכתחילה האָט ער געוואָלט אָנשרייבען (אויסנוצענדיג אייניגע פאַמיליען־לעגענדעס און דאָקומענטען) אַ גרויסען היסטאָרישען ראָמאַן, „די דעקאַבריסטען", און אינ'ם יאָהר 1863 האָט ער פאַרענדיגט די ערשטע קאַפּיטלאך פון אָט דעם ראָמאַן (ז. ב. 3 פון זיינע ווערק אין רוסיש; מאָסקווע, 10טע אויסגאַבע). אָבער בעת ער האָט פּרובירט צו באַשאַפען די טיפען פון די דעקאַבריסטען, האָט ער זיך, מסתמא, אין זיינע געדאַנקען אַריבערגעטראָגען צו דער גרויסער מלחמה פון 1812. ער האָט וועגען איהר זיך אַזוי פיל אָנגעהערט אין די פאַמיליען־לעגענדעס פון די טאָלסטאָיס און וואָלקאָנסקיס, און אָט־די מלחמה האָט געהאַט אַזוי פיל געמיינזאַמעס מיט דער קרימער מלחמה, וואָס ער אַליין האָט דורכגעלעבט, אַז זיינע געדאַנקען זיינען אַלץ מעהר פאַרכאַפּט געוואָרן מיט אָט־דעם סוזשעט, און ער האָט ענדליך באַשאַפען די גרויסע עפּאָפּעע „קריג און פרידען", וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכען אין דער אַלוועלטליכער ליטעראַטור.

אַ גאַנצע עפּאָכע, פונ'ם יאָהר 1805 ביז'ן יאָהר 1812, איז אויפס־ניי צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין אָט־די בענדער, און איהר באַדייטונג שווימט אַרויס — ניט פונ'ם קאָנווענציאָנעלען היסטאָרישען שטאַנדפּונקט, נאָר פּונקט ווי זי איז אויפגענומען

געוואָרן פון יענע מענשען, וואָס האָבען געלעבט און געווירקט אין יענע יאָהרן. די גאַנצע געזעלשאַפט פון יענער צייט געהט פאַר־ביי דעם לעזער, אָנפאַנגענדיג פון די העכסטע ספערן, מיט זייער הארצרייסענדיגער לייכטזיניגקייט, קאָנווענציאָנעלען ארט־דענקען און אויבערפלעכליכקייט, ביז דעם איינפאַכסטען סאָלדאַט פון דער אַרמיי, וועלכער האָט אויף זיך איבערגעטראָגען די שוועריג־קייטען פון אָט־דעם צוזאַמענשטויס, ווי עפּעס אַ מין נסיון, וואָס דער אויבערשטער האָט אַראָפּגעשיקט אויף די רוסען, און וועל־כער האָט זיך אַליין פארגעסען אין דעם לעבען און אין די ליידען פון׳ם גאַנצען פאָלק. אַן עלעגאַנט גאַסט־צימער אין פעטערבורג, דער סאַלאָן פון אַ דאַמע, וואָס איז אַ מיטגליד פון דעם אינטימען קרייז פון דער קייזערין־אַלמנה; די קוואַרטיר פון די רוסישע דיפּ־לאָמאַטען אין עסטרייך און דער עסטרייכישער הויף; דאָס זאָרג־לאָזע לעבען פון דער פאַמיליע ראָסטאָוו אין מאָסקווע און אויף זייער מאַיאָנטעק; דאָס שטרענגע הויז פון׳ם אַלטען גענעראַל, פירשט באָלקאָנסקי; נאָכדעם דאָס לאַגער־לעבען פון דעם רוסי־שען גענעראַל־שטאַב און פון נאַפּאָלעאָנ׳ען פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט — דאָס אינערליכע לעבען פונ׳ם פּשוט׳ען הוסאַרן־פאָלק אָדער פון אַ פעלד־באַטאַרעע; די בילדער פון אַזעלכע וועלט־שלאַכטען, ווי שענגראַבען; די מפּלה נעבען אויס־טערליץ, סמאָלענסק און באָראָדינאָ; די עוואַקואַציע און די שריפה פון מאָסקווע; דאָס לעבען פון די רוסישע געפאַנגענע, וואָס מען האָט אַרעסטירט אין דער צייט פון דער שריפה און אומגעבראַכט גרופּענווייז; און ענדליך די שרעקען פון נאַפּאָ־לעאָנ׳ס צוריקציהונג פון מאָסקווע און דער „גערילאַ״־קאַמף—אָט־די אומגעהייערע פארשידענאַרטיגקייט פון סצענעס, גרויסע און קליינע עפּיזאָדען, וואָס פלעכטען זיך צוזאַמען מיט דעם ראָמאַן פון טיפסטען אינטערעס אַנטפּלעקען זיך פאַר אונזערע אויגען אויף די זייטען פון אָט־דער עפּאָפּעע פון רוסלאַנד׳ס גרויסען צוזאַמענ־שטויס מיט מערב־אייראָפּאַ.

מיר באַקענען זיך מיט אַריבער הונדערט פארשיידענע פּער־זאָנען און יעדער איינציגער פון זיי איז אַזוי גוט געשילדערט, די מענשליכע פיזיאָנאָמיע פון יעדען איינציגען פון זיי איז אַזוי באַ־שטימט, אַז יעדער באַזיצט די שטריכען פון זיין אייגענער אינ־

דיווידואַליטעט, וואָס טיילט איהם אויס פון צעהנדליגער אַנדערע אַנטיילנעהמער אין אָט־דער גרויסער דראַמע. דעם לעזער איז פּשוט שווער צו פאַרגעסען אפילו די וויניגער וויכטיגע פיגורען, מעג דאָס זיין דער מיניסטער פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטען אָדער אַ פּשוט'ער באַדינער פון די קאַוואַלעריע אָפיצירן. נאָך מעהר, יעדער נאָמענלאָזער סאָלדאַט — דער אינפאַנטעריע־סאָלדאַט, דער הוסאַר, אָדער דער אַרטעלעריסט — האָט אויך זיין אייגענע פיזיאָנאָמיע; אפילו די פאַרשידענע קריגס־פערד פון ראָסטאָוו'ן און דעניסאָוו'ן טרעטען אַרויס מיט זייערע אייגענע אינדיווידועלע שטריכען. ווען איהר פאַרטראַכט זיך וועגען דער מאַסע מענשליכע כאַראַקטערן, וואָס געהען פאַרביי פאַר אייך אויף אָט־די זייטען, באַקומט איהר אַ רעאַלע עמפּינדונג פון אַ גרויסער מחנה — פון היסטאָרישע געשעהענישען, וואָס איהר אַליין, דוכט זיך, האָט איבערגעלעבט — פון אַ גאַנץ פאָלק, וועמען דאָס אומגליק האָט אויפגעוועקט. אין דער זעלביגער צייט גיבען די איינדרוקען, וואָס זיינען ביי אייך איבערגעבליבען וועגען די מענשען, וועמען איהר האָט ליב באַקומען אין „קריג און פרידען", אָבער וועמעס לײדען איהר אַליין האָט דערפיהלט, ווען עס האָט זיי געטראָפען אַן אומגליק, אָדער ווען זיי האָבען פאַראורזאַכט יסורים צו אַנדערע (ווי, למשל, די אַלטע גרעפין ראָסטאָווא אין איהרע באַציהונגען צו סאָניטשקע'ן) — די איינדרוקען, וואָס אָט־די פּערזאָנען לאָזען אייך איבער, בעת זיי טרעטען אַרויס אין אייער זכרון פון דער גאַנצער מחנה, גיבען אָט־דער מנחה דיזעלבינע אילוזיע פון רעאַליטעט, ווי קליינע דעטאַלען גיבען דאָס צו צו דער פּערזענליכקייט פון אַ העלד.

די הויפּט־שוועריגקייטען אין אַ היסטאָרישען ראָמאַן איז ניט אַזוי דאָס שילדערן פון די מינדערוויכטיגע פיגורען, ווי דאָס אָפּמאָלען פון די גרויסע היסטאָרישע פּערזענליכקייטען — די הויפּט־אַקטיאָרן פון דער היסטאָרישער דראַמע — אַזוי, אַז זיי זאָלען ווירקליך ערשיינען אַלס לעבעדיגע וועזענס. אָבער טאַקע דאָ האָט זיך טאָלסטאָי'ס ליטעראַרישער זשעני אַרויסגע־צייגט אַם שטאַרקסטען. זיין באַגראַטיאָן, זיין אַלעקסאַנדער דער ערשטער, זיין נאַפּאָלעאָן און קוטוזאָוו זיינען לעבעדיגע מענשען, אַזוי רעאַליסטיש געשילדערט, אַז דער לעזער זעהט זיי פּשוט

און ווערט געבראַכט צום נסיון צו נעהמען דאָס פּענזעל און זיי מאָלען, אָדער אימיטירן זייערע באַוועגונגען און רייד־מאַנירען.

די „פילאָזאָפיע פון מלחמה", וואָס טאָלסטאָי האָט אַנטוויקעלט אין „קריג און פרידען", האָט אַרויסגערופען, ווי עס איז גוט באַוואוסט, היציגע ויכוחים און שאַרפע קריטיקען; און דאָך מוז מען אָנערקענען די ריכטיגקייט פון אָט־דער פילאָזאָפיע. פאַקטיש ווערט זי אָנערקענט פון אַזעלכע מענשען, וואָס זיינען אינערליך באַקאַנט מיט קריג, אָדער וואָס האָבען אַליין באָאָבאַכטעט די טעטיגקייט פון מאַסען. פאַרשטעהט זיך, יענע, וואָס זיינען באַקאַנט מיט קריג נאָר פון ציימונגס־באַריכטען, ספּעציעל אַזעלכע אָפיצירען, וועלכע האָבען ליב „אויסגעבעסערטע" באַריכטען, וואָס מאָלען די שלאַכטען אַזוי, ווי זיי וואָלט זיך געגלוסט, און טיילען דערביי זיך אַליין איין די לייטענדע ראָלעם — אַזעלכע מענשען וועלען מיט טאָלסטאָי'ס בליקען אויף דער טעטיגקייט פון „העלדען" ניט איינשטימען; נאָר עס איז גענוג איבערצולייענען, וואָס, למשל, מאָלטקע און ביסמאַרק האָבען געשריבען אין זייערע פּריוואַטע בריף וועגען דער מלחמה פון'ם יאָהר 1870—1871, אָדער די פּשוט'ע, אָרענטליכע באַשרייבונגען פון עפּעס אַ היסטאָרישער געשעהעניש, וואָס מיר באַגעגענען אַמאָל אין דער ליטעראַטור, כדי מיר זאָלען פאַרשטעהן טאָלסטאָי'ס בליקען אויף קריג און מסכים זיין מיט זיין באַגריף וועגען דער זעהר באַגרעניצטער ראָלע, וואָס די „העלדען" שפּילען אין אַ היסטאָרישער געשעהעניש. טאָלסטאָי האָט כלל ניט אויסגעטראַכט דעם אַרטילעריע־אָפיציר טימאָכין, אָן וועלכען די אויבער־קאָמאַנדירען האָבען אינגאַנצען פאַרגעסען אויפ'ן מיטעלפּונקט פון דער שענגראַבען פּאָזיציע, און וועלכער האָט מיט זיינע פיר האַרמאַטען, וואָס ער האָט אַ גאַנצען טאָג דירעקטירט מיט איניציאַטיווע און אויסרעכענונג, ניט דערלאָזען די שלאַכט זאָל זיך ענדיגען מיט אַ מפּלה פאַר דער רוסישער הינטען־אַרמעע. ער האָט צו־גוט געוואוסט וועגען אַזעלכע טימאָכינס אין סעוואַסטאָפּאָל. זיי זיינען די אמת־לעבעדיגע קראַפט אין יעדער אַרמיי פון דער וועלט; און דער ערפאָלג פון אַן אַרמיי הענגט פיל מעהר אָפּ פון דער צאָהל פון די טימאָכינס, ווי פון דעם זשעני פון איהרע הויכע קאָמאַנדירען. אָט אין דעם פּונקט געהען זיך טאָלסטאָי און מאָלטקע צוזאַמען און דאָ

צוגעהען זיי זיך פולשטענדיג מיט די קריגס־קאָרעספּאָנדענטען און מיט די היסטאָריקער פון דעם גענעראַל־שטאַב.

א שריפטשטעלער, וואָס באַזיצט ניט אַזאַ טאַלאַנט ווי טאָלסטאָי, וואָלט זיך קוים איינגעגעבען איבערצוגעבען אַזאַ טע־זיס איבערצייגענד גענוג; אָבער אין „קריג און פרידען" קומט ער אַרוים כמעט מיט דער קראַפט פון אַן אַקסיאָמע. טאָל־סטאָי'ס קוטוזאָוו איז — ווי ער איז געוועזען אין דער ווירקליכ־קייט — א גאַנץ געוועהנליכער מענש; ער איז אָבער געוועזען א גרויסער מענש שוין דערפאַר אַליין, וואָס ער האָט פאָראויסגע־זעהן, ווי אומפאַרמיידליך און כמעט פאַטאַל די געשעהענישען ווע־רען געטריבען און האָט ניט פּרובירט זיי צו ריכטען, נאָר ער האָט אָנגעווענדט אַלע זיינע כחות דאַרויף, כדי אויסצונוצען די לע־בענס־קרעפטען פון זיין אַרמיי און אויסמיידען נאָך א גרעסערע מפּלה און גרעסערע פאַרלוסטען.

מען דאַרף קוים אָנדייטען, אַז „קריג און פרידען" איז א מעכטיגער באַשולדיגונגס־אַקט קעגען מלחמה. די ווירקונג, וואָס דער גרויסער שריפטשטעלער האָט אויסגעאיבט אין דער ריכטונג אויף זיין דור, קען מען ווירקליך זעהן אין רוסלאַנד. מען האָט זי שוין געקענט זעהן בעת דער גרויסער טערקישער מלחמה פון 1877־78, ווען עס איז אַבסאָלוט אוממעגליך געווען צו געפינען א קריגס־קאָרעספּאָנדענט, וואָס זאָל באַשרייבען ווי „מיר האָבען פאַרשאָטען דעם שונא מיט שראָט", אָדער „ווי מיר האָבען זיי אויסגעשאָסען ווי די האָזען". און וואָלט מען אפילו געפונען א קאָ־רעספּאָנדענט, וואָס זאָל נוצען אַזעלכע ווילדע פראַזען אין זיינע בריף, וואָלט קיין צייטונג זיי ניט געוואָגט צו דרוקען. דער אַל־געמיינער כאַראַקטער פון דעם רוסישען קריגס־קאָרעספּאָנדענט האָט זיך פולשטענדיג אומגעביטען; און אין דער צייט פון יענער מלחמה טאַקע האָבען זיך אַרויסגערוקט אַזעלכע בעלעטריסטען, ווי גאַרשין און אַזעלכע מאָלער ווי ווערעשטשאַגין, פאַר וועמען באַ־קעמפען דעם קריג אין געוואָרן א לעבענס־אויפגאַבע.

יעדער איינער, וואָס האָט געליינט „קריג און פרידען", גע־דענקט, פאַרשטעהט זיך, די ביטערע ערפאַהרונגען פון פּיער'ן און זיין פריינטשאַפט מיט דעם סאָלדאַט קאַראַטאַיעוו. מען פילט, אַז טאָלסטאָי איז פשוט אנטציקט פון דער פילאָזאָפיע פון אָט־

דעם פאָלקס־מענשען — דעם טיפּישען פארשטעהער פון דעם געװעהנטליכען קלוגען רוסישען פּויער. אייניגע ליטעראַרישע קריטיקער זיינען געקומען צום שלוס, אַז טאָלסטאָי האָט אין דער פּערזאָן פון קאַראַטאַיעוו'ן געפּרעדיגט עפּעס א מין אָריענטאַלישען פאַטאַליזם. לויט מיין מיינונג, איז אין אָט־דעם שלוס ניטאָ אפילו קיין טראָפּען אמת. קאַראַטאַיעוו, וועלכער איז א קאָנסעקװענטער פאַנטעאיסט, פארשטעהט זעהר גוט, אַז עס זיינען פאראַן אַזעלכע נאַטירליכע אומגליקען, קעגען וועלכע עס איז אוממעגליך צו קעמפּען; ער ווייס, אַז די אומגליקען, וואָס האָבען איהם געטראָפען — זיינע פּערזענליכע ליידען און דער טויט־שטראָף פון די געפאנגענע סאָלדאַטען, צווישען וועלכע ער אליין קען אפשר זיין מאָרגען — זיינען אומפארמיידליכע פאָלגען פון א סך א גרעסערער געשעהעניש: פון דעם באַוואַפענטען צוזאַמענשטויס צווישען נאַציאָנען, וואס ווי באלד נאָר ער האָט זיך אָנגעפאַנגען, מוז ער זיך אויפוויקלען מיט אלע זיינע אפּשטויסענדיגע און פּולשטענדיג־אומגעצוימטע פאָלגען. קאַראַטאַיעוו פיהרט זיך אויף, ווי איינע פון די קיה, אויף די משופּע'דיגע זייטען פון אַן אַלפּישען בארג, וואָס ווערן דערמאָנט פונ'ם פילאָזאָף גיואָ; בעת זי דערפיהלט, אַז זי פאַנגט זיך אָן צו גליטשען אויף דער משופּה'דיגקייט פון א שאַרפען בארג־אַראָפּ, מאַכט זי צוערשט אלע אָנשטרענגונגען זיך אויפצוהאַלטען, אָבער ווען זי זעהט שוין אַז קיין אָנשטרענגונג וועט ניט העלפען, וועט ניט אָפּהאַלטען איהר פאַטאַלען גליטש, לאָזט זי זיך רוהיגערהייט אַראָפּגעשלעפּט ווערן אין אָפּגרונט. קאַראַטאַיעוו נעמט אָן דאָס אומפארמיידליכע; ער איז אָבער ניט קיין פאַטאַליסט. וואָלט ער געפיהלט, אַז זיינע אָנשטרענגונגען קענען שטערן מלחמה, וואָלט ער אָט־די אָנשטרענגונגען זיכער געמאַכט. ביים ענד פון ראָמאַן, ווען פּיער זאָגט צו זיין פרוי, נאַטאַשע'ן, אַז ער וויל צושטעהן צו די דעקאַבריסטען (וועגען אָט־דער אבזיכט פון פּיער'ן ווערט אין דעם ראָמאַן גערעדט נעבעלדיג, צוליב דער רוסישער צענזור, אָבער די רוסישע לעזער פארשטעהען דאָס), און נאַטאַשאַ פרעגט איהם: „וואָלט פּלאַטאָן קאַראַטאַיעוו דערצו מסכים זיין?" ענטפערט פּיער, נאָכדענקענדיג א קורצע ווײַלע, באַשטימט: „יאָ, ער וואָלט מסכים זיין".

איך ווייס ניט, וואס עס פיהלט א פראנצויז, אן ענגלענדער אָדער א דייטש בעת ער לייענט „קריג און פרידען" — געבילדעטע ענגלענדער האָבען מיר געזאגט, אז דער ראָמאַן איז אומעטיג — איך ווייס אָבער, אז פאַר דעם געבילדעטען רוס איז יעדע סצענע אין „קריג און פרידען" א קוואל פון אומבאשרייבליכען עסטעטישען פארגעניגען. ווי א סך אנדערע רוסען, האָב איך דאָס ווערק איבערגעלייענט פיל מאָל, איך וואָלט אָבער ניט געקענט, ווען מען פרעגט מיך, אָנצייגען וועלכע סצענעס עס געפעלען מיר בעסער: צי די ראָמאַנען צווישען די קינדער, צי די מאַסען־עפעקטען אין די קריגס־סצענעס, דאָס לעבען אין פאָלק, די ניט־אימיטירבאַרע סצענעס פון לעבען פון הויף, פון דער אריסטאָקראַטיע, צי די קליינע דעטאַלען, וואס כאראקטעריזירן נאַפּאָלעאָנ'ען, אָדער קוטוזאָוו'ן, אָדער דאָס לעבען פון די ראָסטאָווס — די סעודה, דאָס געיעג, דאָס פאַרלאָזען מאָסקווע א. אז. וו.

א סך מענשען, לייענענדיג אָט־די־ עפּאָפּעע, פיהלען זיך באַליידיגט, בעת זיי זעהען, ווי זייער העלד, נאַפּאָלעאָן, ווערט געמאכט צו קליינגעלט און ווערט אפילו פארגעשטעלט אין א קאָמישען אויסזעהן. אָבער דער נאַפּאָלעאָן, וואָס איז געקומען קיין רוסלאַנד, איז שוין מעהר ניט געווען יענער מענש, וועלכער האָט אזוי באַגייסטערט די אַרמייען פון די סאַנקיולאָטען ביי זייערע ערשטע שריט צו מזרח, כדי צו פארניכטען לייב־אייגענטום, אבסאָלוטיזם און אינקוויזיציע. אלע מענשען, וואָס פארנעמען א הויכע שטעלונג אין לעבען זיינען אין א גרויסער מאָס אקטיאָרען — ווי טאָלסטאָי צייגט דאָס אָן אויסגעצייכענט אין א סך פּלעצער פון זיין גרויס ווערק — און נאַפּאָלעאָן איז צווישען זיי זיכער ניט געווען דער קלענסטער אַקטיאָר. אָבער בעת ער איז געקומען אין רוסלאַנד, שוין א קייסער, פארדאָרבען, סיי פון דער חניפה פון אלע אייראָפּעאישע הויף־לייט, סיי פון דער פארגעטערונג פון די מאַסען, וועלכע האָבען צו איהם צוגעשריבען אלץ וואָס איז אייגענטליך געווען א רעזולטאַט פון דער גרויסער אינטעלעקטועלער אויפרודערונג, וואס די פראנצויזישע רעוואָלוציע האָט ארויסגערופען, און האָבען, פאלגליך, אין איהם געזעהן כמעט א גאָט — בעת ער איז געקומען קיין רוסלאַנד, האָט דער אַקטיאָר אין איהם מנצח געווען דעם מענשען,

אין וועלכען עס איז פריהער פאַרקערפּערט געוואָרן די יוגענט־ליכע ענערגיע פון דעם פּלוצלונג־אויפגעוואַכטען פראַנצויזישען פאָלק, און וועמען אָט־די ערוואַכונג האָט געפונען איהר אויס־דרוק, און מיט וועמעס הילף זי האָט ווייטער אַנטוויקעלט איהרע כחות. דערמיט ערקלערט זיך דער צויבער, וואָס נאַפּאָלעאָנ׳ס נאָמען האָט אויסגעאיבט אויף די מענשען פון זיין צייט. נעבען סמאָ־לענסק, בעת די פראַנצויזישע ארמיי האָט געהאַלטען אין צוריק־ציהען זיך, האָט קוטוזאָוו אליין געמוזט דערפיהלען אָט־דעם צויבער, ווען ער האָט, אָנשטאָט אויפרייצען דעם לייב צו אַן אנט־שלאָסענער שלאכט, האָט ער איהם אויפגעעפענט אַ וועג פאַר אַ פרייען צוריק־צוג.

„אַנאַ קאַרענינאַ."

פון אַלע טאָלסטאָי׳ס בעלעטריסטישע ווערק איז „אַנאַ קאַרענינאַ" אַם מערסטען געלייענט געוואָרן אין אַלע שפּראַכען. אַלס קונסט־ווערק איז דאָס מייסטערהאַפט. פון דער ערשטער ערשיינונג פון דער העלדין פילט איהר, אַז דאָס לעבען פון אָט־דער פרוי מוז זיך ענדיגען מיט אַ דראַמע. איהר טראַגישער סוף איז אַזוי אומפאַרמיידליך ווי אין אַ שעקספּיר־דראַמע. אין דעם זין איז דער ראָמאַן דורכאויס טריי צום לעבען. דאָ האָבען מיר פאַר זיך אַ ווינקעל פונ׳ם ווירקליכען לעבען. בכלל, ציינט טאָל־סטאָי ניט אַרויס זיין טאַלאַנט אין שילדערן פרויען — מיט׳ן אויסנאַם פון זעהר יונגע מיידלאַך — און איך אַליין קלער, אַז אַנאַ קאַרענינאַ איז ניט אַזוי טיף, אַזוי פּסיכאָלאָגיש פולקאָם און אַזוי לעבעדיג ווי זי וואָלט געקענט זיין, אָבער די מעהר געוועהנטליכע פרוי, דאָללי, איז אָנגעזאַפּט מיט לעבען. וואָס איז שייך צו די פאַרשידענע סצענעס פון דעם ראָמאַן — דער באַל, די וועט־לויפען פון די אָפיצערען, דאָס אינערליכע פאַמיליען־לעבען פון דאָללי׳ן, די דאָרפ׳ס־סצענעס אויף לעווינ׳ס מאַיאָנ־טעק, דער טויט פון זיין ברודער א. אז. וו. — זיינען זיי אַלע אַזוי געשילדערט, אַז לויט איהרע קונסט־אייגענשאַפטען פאַר־נעמט „אַנאַ קאַרעניגאַ" דעם ערשטען פּלאַץ אפילו צווישען די פיל שעהנע ווערק, וואָס טאָלסטאָי האָט אָנגעשריבען.

און דאָך, ניט קוקענדיג אויף דעם, האָט דער ראָמאַן גע־

מאַכט אין רוסלאַנד אַן אַבסאָלוט אומאַנגענעמען איינדרוק; אין׳ם רעאַקציאָנערען לאַגער האָט מען איהם מען אויפגענומען וואָרעם, מען האָט טאָלסטאָי׳ען גראַטולירט, און אין דעם פּאַרגעשריטענעם טייל פון דער געזעלשאַפט האָט מען איהם אויפגענומען קיהל. די זאַך איז, וואָס די פראַגע וועגען הייראַט און וועגען דער מעגליכער שיידונג צווישען מאַן און ווייב איז זעהר ערנסט באַטראַכט געוואָרן אין רוסלאַנד פון די בעסטע מענער און פרויען, סיי אין דער ליטעראַטור, סיי אין לעבען. עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַזאַ אינדיפערענט־לייכטזיניגע באַציהונג צו הייראַט ווי מיר זעהען אָפט אין די גט־פּראָצעסען פון דער „העכערער געזעלשאַפט", איז אַבסאָלוט און אָהן באַדינגונגען פאַרדאַמט געוואָרן; פונקט אַזוי איז פון דער דיסקוסיע וועגען אָט־דער פראַגע פולשטענדיג אויסגעשלאָסען געוואָרן יעדע פאָרם פון באַטרוג, וואָס איז דער הויפּט־סוזשעט פאַר אומצעהליגע פראַנצויזישע נאָוועלען און דראַמען. אָבער, נאָכדעם ווי לייכטזיניגקייט און באַטרוג זיינען שטרענג פאַרדאַמט געוואָרן, האָט מען די רעכט פון אַ נייער ליבע, אַן ערנסטער און טיפער, וואָס קומט נאָך יאָהרען פון אַ גליקליך פאַרהייראַט לעבען, אַזוי פיל ערנסטער אַנאַליזירט. טשערנישעווסקי׳ס ראָמאַן „וואָס טוט מען" קען מען באַטראַכטען אַלס דעם בעסטען אויסדרוק פון די מיינונגען וועגען הייראַט, וועלכע האָבען געהערשט צווישען דעם בעסערן טייל פון דעם יונגען דור. האָט איהר חתונה געהאַט — פלעגען די פאַרשטעהער פון אָט־דעם דור זאָגען — באַציהט זיך ניט אַזוי לייכטזיניג צו ליבעס, צום אַזוי־גערופענעם פלירט. ניט יעדער אָנפאַל פון ליידענשאַפט פאַרדינט דעם נאָמען פון אַ נייער ליבע, און דאָס, וואָס ווערט אַמאָל באַשריבען אַלס ליבע, איז אין די מעהרסטע פאַלען קיין אַנדער זאַך, ווי צייטווייליגע תאוה. אפילו אין פאַל פון אַ ווירקליכער ליבע איז, איידער זי וואַקסט אויס אין אַ רעאַלען טיפען געפיהל, אין די מעהרסטע פאַלען, פאַראַן אַ פעריאָד ווען ס׳איז נאָך דאָ צייט גענוג זיך צו פאַרטראַכטען וועגען די פאַלגען, וואָס אָט־די סימפּאַטיע קען אַרויסרופען אויב זי וועט דערגרייכען די טיפקייט פון ליבע. נאָר פונדעסטוועגען מוז מען מודה זיין, אַז עס זיינען פאַראַן פאַלען, ווען עס קומט פאַרט אַ נייע ליבע און עס זיינען דאָ

פאַלען ווען אזא געשעהעניש מוז כמעט פאַטאַל פּאַסירן, למשל, ווען א מיידעל האָט חתונה געהאַט כמעט געגען איהר ווילען נאָר צוליב דעם עקשנות'דיגען געבעט פון איהר ליבהאָבער, אָדער ווען צוויי מענשען האָבען חתונה, ניט פארשטעהענדיג איינער דעם אַנדערן, אָדער ווען איינער פון די צוויי איז ווייטער אוועק אין זיין אַנטוויקלונג אויפ'ן וועג צו א העכערן אידעאַל, בעת דער צווייטער אָדער די צווייטע, מיד ווערענדיג צו טראָגען די מאַסקע פון אידעאַליזם, ווערט פאַרזונקען אין דעם פיליסטער־גליק פון ווארעמע שטעק־שיך. אין אזעלכע פאַלען איז שיידונג ניט נאָר אומפאַרמיידליך, נאָר אָפט נויטיג אין די אינטערעסען פון ביידע צדדים. עס וואָלט פאַר ביידען א סך בעסער געווען דורכ־צולעבען די ליידען פון א צושיידונג (עהרליכע נאַטורען ווערן דורך אזעלכע ליידען בעסער), ווי צו פאַרדאַרבען דאָס גאַנצע ווייטערדיגע לעבען פון איינעם — אין די מעהרסטע פאַלען, פון ביידע — און דערביי וויסען, אז די רעזולטאַטען פון דעם צוזאַ־מענלעבען אונטער אזעלכע אומשטאַנדען וועלען זיך פאַטאַל אָפּ־רופען אויף די קינדער. אַט־דאָס יעדענפאַלס, איז געווען דער שלום צו וועלכען עס זיינען געקומען סיי די רוסישע ליטעראַטור, סיי דער בעסטער דענקענדער טייל פון אונזער געזעלשאַפט.

און אָט קומט אַרויס טאָלסטאָי מיט זיין „אַנאַ קאַרענינאַ", מיט דעם דראָהענדען ביבלישען עפּיגראַף אויפ'ן ערשטען בלע־טעל: „די נקמה איז ביי מיר און איך וועל זיך נוקם זיין", און וואו אַט־די ביבלישע נקמה פאַלט אויף דער אומגליקליכער קאַ־רענינא, וועלכע מאַכט אַן ענד צו איהרע ליידען, נאָך דער צושיי־דונג מיט איהר מאַן, דורך זעלבסטמאָרד. די רוסישע קריטיקער האָבען, פאַרשטעהט זיך, ניט געקענט מסכים זיין מיט טאָלסטאָי'ס בליקען. די ליבע, וואס האָט אַרומגעכאַפּט קאַרענינאַ'ן, האָט ווינציגער פון אלץ געקענט אַרויסרופען „נקמה". נאָך אלס יונגע מיידעל האָט זי חתונה געהאַט מיט אַן עלטערען און ניט־אָנציהענ־דען מאַן. אין יענער צייט האָט זי ניט געוואוסט אקוראַט וואס זי טוט און קיינער האָט דאָס איהר ניט דערקלערט. זי האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, וואס ליבע הייסט ביז זי האָט זיך באַ־געגענט מיט ווראָנסקי'ן. באַטרוג איז אבסאָלוט געווען קעגען איהר נאַטור; און פּשוט ווייטער אויפהאַלטען די קאָנווענציאָ־

נעלע הייראט, וואָלט געווען אן אויפאָפּפערונג, וואס וואָלט ניט גליקליכער געמאכט איהר מאן און קינד. שיידונג און א נייע לעבען מיט ווראָנסקי׳ן וועלכער האָט איר ערנסט ליב געהאט, איז געווען דער איינציגער מעגליכער אויסגאנג אין איהר לאגע. יעדענפאלס, אויב די געשיכטע פון אנא קארענינא האָט זיך געמוזט ענדיגען מיט א טראגעדיע, איז זי, די טראגעדיע, ניט געקומען אין דעם מינדסטען גראד אלס אקט פון „העכסטער גערעכטיגקייט". אָבער, ווי אין אנדערע פאלען, איז טאָלסטאָי׳ס ערנסטער קונסט־זשעניע אויך דאָ ארויסגעטראָטען געגען זיין טעאָרעטישען פארשטאנד און אָנגעוויזען אן אַנדערע, א ווירקליכע אורזאך. דאָס איז געווען די ניט אויסגעהאלטענקייט פון ווראָנסקי׳ן און קארענינא׳ן. נאָכדעם ווי זי האָט זיך צושיידט מיט איהר מאן און געוואגט ארויסצוטרעטען קעגען דער „געזעלשאפטליכער מיינונג" — ד. ה. קעגען דער מיינונג צו האָבען דאָס באשטימונגס־רעכט אין אזא פראגע—האָבען ניט זי, און ניט ווראָנסקי געהאט דעם מוט אינגאנצען אפּשניידען מיט אָט־דער „געזעלשאפט", וועמעס פוסטקייט טאָלסטאָי ווייס און באשרייבט אזוי גלענצענד. אַנשטאָט דעם, ווען אנא מיט ווראָנסקי׳ן קעהרן זיך אום צוריק קיין פּעטערבורג, זיינען זיי ביידע פארנומען מיט איין געדאנק: ווי אזוי בעטסי און אנדערע, אזעלכע ווי זי, וועלען אנא׳ן אויפנעמען, אויב זי וועט זיך צווישען זיי באווייזען. אויף אזא׳ן אופן ברענגט קארענינא׳ן צו זעלבסטמאָרד ניט די „העכסטע גערעכטיגקייט" נאָר די מיינונג פון די בעטסיס.

דער רעליגיעזער קריזיס.

יעדער איינער ווייס, וואס פאר טיפע ענדערונגען עס זיינען פאָרגעקומען אין טאָלסטאָי׳ס פונדאמענטאלע באגריפען פון לעבען אין די יאָהרען 1875-1878, בעת ער האָט דערגרייכט דעם עלטער פון ארום פופציג יאָהר. איך גלויב, אז קיינער האָט ניט קיין רעכט צו באטראכטען עפּענטליך, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין די טיפענישען פון אן אנדער מענשענ׳ס נשמה; נאָר, אליין דערצעהלענדיג אונז וועגען דער אינערליכער דראמע און

דעם קאמף, וואָס ער האָט דורכגעלעבט, האָט דער גרויסער שריפטשטעלער אונז, אזוי צו זאָגען, איינגעלאַדען נאָכצוקוקען, ווי ווייט גערעכט ער איז געווען אין זיין ארגומענטאַציע און שלוסען. מיר וועלען זיך דערפאַר באַגרעניצען מיט'ן פּסיכאָלאָגישען מאטעריאַל, וואָס ער האָט אונז געגעבען, ניט אריינרייסענדיג זיך צופיל אין די מאָטיווען פון זיינע טאַטען.

עס איז איבערראַשענד צו זעהן, ווען מען לייענט איבער נאָכאַמאָל טאָלסטאָי'ס ערשטע ווערק, ווי די אידעען, וואָס ער פּרעדיגט איצטער, פלעגען שטענדיג ארויפשווימען אין זיינע פרייהערסטע שריפטען, פילאָזאָפישע פראַגען און פראַגען וועגען די מאָראַלע יסודות פון לעבען האָבען איהם אינטערעסירט פון זיין פריהער יוגענט. צו זעכצעהן יאָהר פלעגט ער לייענען פילאָזאָפישע ווערק; אין זיינע אוניווערזיטעטס־יאָהרען און אפילו אין די „שטורמישע טעג פון די ליידענשאַפטען", האָבען זיך די פראַגען וועגען דעם, ווי אזוי מיר דאַרפען לעבען, פאַר איהם אוועקגעשטעלט אין זייער גאַנצער וויכטיגקייט. זיינע אויטאָביאָגראַפישע נאָוועלען, ספּעציעל „יוגענט", טראָגען טיפע שפּורן פון אָט־דער אינערליכער גייסטיגער ארבייט זיינער, הגם ווי ער זאָגט אין זיין „וידוי", ער האָט קיינמאָל ניט ארויסגעזאָגט אלץ וואָס ער וואָלט געקענט ארויסזאָגען וועגען אָט־דעם געגענשטאַנד. נאָך מעהר, עס איז אייגענשיינליך, אז הגם ער באַשרייבט זיך אין יענע יאָהרען אלס „פילאָזאָפישען ניהיליסט", האָט ער אין דער ווירקליכקייט זיך קיינמאָל ניט צושיידט מיט'ן גלויבען פון זיין קינדהייט*). ער איז שטענדיג געווען א פאַרעהרער און נאָכפאָלגער פון רוסאָ'ן.

---

*) „דער אַריינפיהר צום קריטיציזם פון דער דאָגמאַטישער טעאָלאָגיע און צום אנאליז פון דער קריסטליכער לעהרע", אָדער „די וידוי"; דער ערשטער באַנד פון טשערטקאָוו'ס אויסגאַבע פון די „ווערק, וועלכע זיינען פארבאָטען געוואָרן דורך דער רוסישער צענזור" (אין רוסיש) קריסטטשוירטש, 1902, ז. 13. זינט אָט־די שורות זיינען אָנגעשריבען געוואָרן איז ארויס די ביאָגראַפיע פון ל. נ. טאָלסטאָי, וואָס בירויקאָוו האָט אָנגעשריבען, וואָס אַנטהאַלט אַ גאַנצע רייהע אינטערעסאַנטע אויטאָביאָגראַפישע בריף און באַמערקונגען פון ל' נ'ן. פון זיי קען מען זעהן, אַז ל. נ. איז קיינמאָל ניט געווען קיין פילאָזאָפישער ניהיליסט אינ'ם אייגענטליכען זין פון וואָרט. ער האָט שטענדיג געגלויבט און מתפלל געווען.

אין זיינע אַרטיקלען וועגען ערציהונג (אויפגעזאַמעלט אינ'ם פערטען באַנד פון דער צעהנטער מאָסקווער אויסגאַבע פון זיינע ווערק) ווערען באַהאַנדעלט זעהר ראַדיקאַל די מעהרסטע ברענענדיגסטע סאָציאַלע פראַגען, וואָס ער האָט באַטראַכט אין די שפּעטערדיגע יאָהרען. אָט־די פראַגען האָבען איהם שוין דעמאָלט אַזוי געמוטשעט, אַז בעת ער האָט געמאַכט זיינע פּעדאַגאָגישע עקספּערימענטען אין דער שול פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און איז געווען אַ „מיראָוואָי פּאָסרעדניק" — ד. ה., אין די יאָהרען 1861-62 — האָט ער דערפיהלט אַזאַ עקעל צום אומפאַרמיידליכען דואַליזם פון זיין לאַגע אין דער ראָלע פון אַ וואָלטעטיגען פריץ, אַז, לויט זיינע אייגענע ווערטער, „וואָלט איך אפשר דעמאָלט געווען געקומען צו דעם קריזיס, צו וועלכען איך בין געקומען מיט פופצעהן יאָהר שפּעטער, ווען עס זאָל ניט געווען איבערבלייבען איין זייט פון לעבען, וואָס האָט מיר פאַרשפּראָכען דערלייזונג — נעמליך, דאָס פאַרהייראַט לעבען." מיט אַנדערע ווערטער, טאָלסטאָי איז שוין דעמאָלט געווען גאַנץ נאָהענט אָפּצורייסען זיך פון דעם בליק פון די פּריווילעגירטע קלאַסען אויף אייגענטום און אַרבייט און צוּשטעהן צו דער גרויסער פאָלקס־באַוועגונג, וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט געהאַט אָנגעפאַנגען אין רוסלאַנד. מעגליך, אַז ער וואָלט טאַקע געווען צוגעשטאַנען צו איהר, ווען אַ נייע וועלט פון ליבע, פון פאַמיליען־לעבען, פון פאַמיליען אינטערעסען, צו וועלכע ער האָט זיך איבערגעגעבען מיט'ן גאַנצען ברען פון זיין ליידענשאַפטליכער נאַטור, זאָלען ניט געווען פאַרשטאַרקען זיינע פאַרבינדונגען מיט דעם פּריווילעגירטען קלאַס, צו וועלכען ער האָט געהערט.

די קונסט האָט, אָהן ספק, אויך אָפּגעצויגען זיין אויפמערקזאַמקייט פון סאָציאַלע פּראָבלעמען, לכל הפחות, פון זייער עקאָנאָמישער זייט. אין „קריג און פרידען" האָט ער אַנטוויקעלט די פילאָזאָפיע פון ד י מ א ס ע ן, להיפך צו ד י ה ע ל ד ע ן, אַ פילאָזאָפיע, וועלכע האָט אין יענע יאָהרען געקענט קריגען צווישען די געבילדעטע מענשען פון אייראָפּאַ זעהר ווייניג אָנהענגער. צי איז דאָס געווען זיין פּאַטישער זשעניע, וואָס האָט אַנטפּלעקט צו איהם די ראָלע, וועלכע די מאַסען האָבען געשפּילט אין דעם גרויסען קריג פון 1812, און

איהם געלערנט, אז זיי, די מאסען און ניט די העלדען האָבען אויפגעטאָן אלע גרויסע זאכען אין דער געשיכטע? אָדער אפשר איז דאָס געווען נאָר די ווייטערדיגע אנטוויקלונג פון די אידעען, וואָס האָבען איהם באגייסטערט אין זיין שול פון יאסנאיא פאָ־ליאנא און וועלכע זיינען געשטאנען אין א ווידערשפרוך צו אלע פעדאגאָגישע טעאָריעס, וואָס זיינען באשאפען געוואָרן פון דער קירך און פון דעם שטאַט אין די אינטערעסען פון די הערשענדע קלאסען? יעדענפאלס „קריג און פרידען" האָט איהם אוועקגעשטעלט א פראב־לעם, גרוים גענוג צו פארשלינגען זיינע געדאנקען פאר א משך פון היבשע עטליכע יאָהר; און בעת ער האָט געשריבען דאָס דאָזיגע מאָנומענטאלע ווערק, אין וועלכען ער האָט געשטרעבט דורכצופיהרן א נייעם בליק אויף היסטאָרישע געשעהענישען, האָט ער געמוזט פיהלען, אז ער געהט אויפ'ן ריכטיגען וועג. וואָס ס'איז שייך צו „אנא קארענינא", וואו ער האָט זיך ניט אוועקגעשטעלט אזעלכע רעפאָרמאטאָרישע אָדער פי־לאָזאָפישע צוועקען, האָט דאָס ווערק געמוזט געבען טאָלסטאָי'ען די מעגליכקייט נאָכאמאָל איבערצולעבען, מיט דער גאנצער אָנ־שטרענגונג פון פעאָטישער שאפונג, דאָס פלאכע לעבען פון די פארמעגליכע קלאסען און פארגלייכען דאָס מיט'ן לעבען פון די פויערים און זייער ארבייט. און ערשט, בעת ער האָט געהאלטען אין פארענדיגען אָט־דעם ראָמאן, האָט ער אנגעפאנגען פולשטענ־דיג צו באגרייפען אויף ווי ווייט זיין אייגען לעבען ווידערשפרעכט די אידעאלען פון זיין יוגענט.

אין דער נשמה פונ'ם גרויסען שריפטשטעלער האָט געמוזט דעמאָלט אָנגעהן א שרעקליכער קאמף. דער קאָמוניסטישער גע־פיהל, וואָס האָט איהם געצוואונגען אָפצודרוקען אין קורסיוו־שריפט דעם פאקט וועגען דעם זינגער אין „לוצערן" און צוגעבען דערצו א היציגע באשולדיגונג געגען דער ציוויליזאציע פון די פאר־מעגליכע קלאסען; דער געדאנקען־גאנג, וואָס האָט איהם דיקטירט די שארפע קריטיק געגען פריוואט־אייגענטום אין „כאלסטא־מיער": די געשיכטע פון א פערד; די אנארכיסטישע אידייען, וואָס האָבען איהם געבראכט, אין זיינע יאסנאָפאָליאנער ארטיקלען וועגען בילדונג, צו דער אָפלייקענונג פון א ציוויליזאציע, וואָס איז געבויט אויף קאפיטאליזם און שטאאט; און, פון דער

צווייטער זייט, זיינע בליקען אויף פריוואט־אייגענטום, וועלכע ער האט פראבירט צופאסען צו זיינע קאמוניסטישע נייגונגען (זעה דעם געשפרעך צווישען די צוויי ברידער לעווין אין „אננא קארענינא"); די אפּוועזענהייט פון סימפּאטיע צו די פארטייען, וועלכע זיינען געשטאנען אין אפּאזיציע צו דער רוסישער רעגירונג און, אין דערזעלביגער צייט זיין טיף־איינגעוואר־צעלטער עקעל צו אט־דער רעגירונג — אט־די אלע טענדענציעס האבען געמוזט פיהרען א הארטנעקיגען קאמף אין דעם מוח פונ'ם גרויסען שריפטשטעלער, מיט דער גאנצער ליידענשאפטליכער העפטיגקייט, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר טאלסטאי'ען, ווי פאר יעדען זשעני. אט־די שטענדיגע ווידערשפּרוכען זיינען געווען אזוי אויגענשיינליך, אז אין דער זעלביגער צייט, ווען אייניגע וועניגער שארפזיכטיגע רוסישע קריטיקער און די „מאסקאווסקיא וועדאמאסטי", די באשיצערין פון לייב־אייגענטום, האבען טאלסטאי'ען אריינגערעכענט אין זייער לאגער, האט דער באגאבטער רוסישער קריטיקער מיכאילאווסקי אפּגעדרוקט אינ'ם יאהר 1875 א סעריע אויסגעצייכענטע ארטיקלען אונטער'ן נאמען: „די רעכטע און לינקע האנט פון גראף טאלסטאי", אין וועלכע ער האט אנגעצייגט, אז צוויי באזונדערע מענשען פיהרען א שטענדיגען קאמף אין דעם גרויסען שריפטשטעלער. אין אט־די ארטיקלען, האט דער יונגער קריטיקער, א גרויסער פארהערער פון טאלסטאי'ען, אנאליזירט די פארגעשריטענע אידעען, וועלכע טאלסטאי האט אנטוויקעלט אין זיינע פעדאגאגישע ארטיקלען, וואס זיינען כמעט געווען אומבאקאנט אין יענער צייט און זיי פארגליכען מיט די מאדנע קאנסערוואטיווע בליקען פון זיינע שפּעטערדיגע ווערק. צום שלום האט מיכאילאווסקי פאראויסגעזאגט א קריזיס, צו וועלכען דער גרויסער שריפטשטעלער דערנעהענטערט זיך אומפארמיידליך.

„איך וועל ניט רעדען", האט ער געשריבען, „וועגען „אננא קארענינא", ראשית צוליב דעם, ווייל דאס ווערק איז נאך ניט פארענדיגט; צווייטענס, ווייל וועגען דעם מוז מען רעדען א סך, אדער גאר ניט רעדען. איך וועל נאר באמערקען, אז אין אט־דעם ראמאן — מעהר אויבערפלעכליך, נאר צוליב דעם טאקע קלארער, ווי אין אלע זיינע אנדערע ווערק — קאן מען זעהן די שפּורען פון

דער דראַמע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער נשמה פון'ם פאַר־פאַסער. עס פרעגט זיך, וואָס זאָל אזא מענש טאָן, ווי אזוי זאָל ער לעבען, ווי אזוי זאָל ער אויסמיידען יענעם סם פון זיין באַוואוסטזיין, וואָס רייסט זיך אַלע רגע אריין אין דעם פאַרגעניגען פון אַ באַפרידיגטער באַדערפעניש? קיין צווייפעל, אַז ער מוז, אויב אפילו אינסטינקטיוו, אָפּזוכען אַ מיטעל צו מאַכען אַ סוף צו דער אינערליכער דראַמא פון זיין נשמה, אַראָפּלאָזען דעם פאַר־האַנג; אָבער, ווי אזוי טוט מען דאָס? איך מיין, אַז אויב אַ געוועהנליכער מענש וואָלט געוועזען אין אזא לאַגע, וואָלט ער אָדער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אָדער זיך פאַרזונקען אין שכרות. אַ וויכ־טיגער מענש וועט זוכען אַנדערע אויסגאַנגען, און אַזעלכע זיינען פאַראַן גענוג." (אָטיעטשעסטוועניא זאַפּיסקי, אַ זשורנאַל, יוני, 1875; אויך מיכאַילאָווסקי'ס ווערק, 3טער באַנד, ז. 491).

איינער פון אָט־די אויסגאַנגען איז, לויט מיכאַילאָווסקי'ס מיינונג, צו שרייבען פאַר'ן פאָלק. פאַרשטעהט זיך, זעהר ווינציג מענשען זיינען אזוי גליקליך צו באַזיצען דעם טאַלאַנט און די פעהיגקייטען, וועלכע זיינען דערצו נויטיג.

„נאָר אויב ער (טאָלסטאָי) איז זיכער, אַז דאָס פאָלק באַ־שטעהט פון צוויי טיילען, און אַז אפילו די „אומשולדיגסטע" פאַרגעניגענס פון איין טייל זיינען גורם היזק צום צווייטען טייל — וואָס קאָן איהם שטערן צו ווידמען זיינע אומגעהייערע כיחות צו אָט־דער גרויסער אויפגאַבע? עס איז אפילו שווער זיך פאָרצושטע־לען, אַז עפּעס אַנדערע טעמען קאָנען פאַראינטערעסירן אַ שריפט־שטעלער, וואָס טראָגט אין זיין נשמה אזא שרעקליכע דראַמע, ווי די דראַמע, וואָס גראַף טאָלסטאָי טראָגט. אזוי טיף און ערנסט איז זי, אזוי טיף גרייכט זי צום סאַמע וואָרצעל פון יעדער ליטעראַרישער טעטיגקייט, אַז זי וואָלט, דאַכט זיך, געדאַרפט פאַרטויבען אַלע אַנדערע אינטערעסען, ווי די קריך־פּלאַנץ דערשטיקט אַלע אַנדערע געוויקסען. און, איז דאָס דען ניט קיין גענוג הויכער ציל אין לעבען, צו דערמאָנען דער „געזעלשאַפט", אַז איהרע פאַרגעניגענס און פאַרוויילונגען זיינען ניט די פאַרגעניגענס און פאַרוויי־לונגען פון דער גאַנצער מענשהייט; צו דערקלערען דער „געזעל־שאַפט" דעם אמת'ן זין פון די „ערשיינונגען פון פּראָגרעס"; אויפ־צואוועקען, לכל הפּחות אין עטליכע, אין די מעהר עמפּפינדליכע

נאטורען, דעם באוואוסטזיין און דעם געפיל פון גערעכטיגקייט?
איז דען אָט־דאָס פעלד ניט גענוג ברייט פאַר פּאָעטישער שאַפונג?"

„די דראמע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער נשמה פון גראף טאָלסטאָי, איז מיין היפּאָטעזע, נאָר דאָס איז אַ גענוגליכע היפּאָ־טעזע, ווייל אָהן איהר קאָן מען ניט פארשטעהן זיינע שריפטען."
(„ווערק", דריטער באנד, ז. 493-494, 496).

איצט ווייס מען שוין, אז מיכאַילאָווסקי'ס היפּאָטעזע איז, באמת, געווען אַ נבואה. אין די יאָהרען 1875-76, בעת טאָלסטאָי האָט געהאַלטען אין פארענדיגען „אננא קארענינא", האָט ער אָנגעפאנגען פולשטענדיג צו באגרייפען די פלאכקייט און דואליטעט פון דעם לעבען, וואָס ער האָט ביז איצט געפיהרט. „עפּעס מאָדנע זאכען", זאָגט ער, „האָבען זיך מיט מיר אָנגע־פאנגען צו טרעפען: עס פלעגען אויף מיר אָנקומען מינוטען פון פארווירונג, מינוטען, בעת דאָס לעבען פלעגט זיך ביי מיר אָפּ־שטעלען, גלייך ווי איך וואָלט ניט געוואוסט, ווי אזוי צו לעבען, וואָס צו טאָן... „צוליב וואָס?"... „נו, און שפּעטער?" זיינען געווען די פראגען, וועלכע האָבען זיך פאר איהם אָנגעפאנגען אוועקצו־שטעלען. „נו, גוט", פלעגט ער צו זיך זאָגען, „דו וועסט האָבען פופצעהן טויזענד אקער לאנד אין סאמארא, דריי טויזענד פערד — נו, טאָ וואָס־זשע איז שוין? און איך בין פארווירט געוואָרען, איך האָב ניט געוואוסט, וואָס ווייטער צו טראכטען." ליטעראַרישער רוהם האָט פאר איהם פארלאָרען יעדע צוציהונגס־קראפט, נאָכדעם, ווי ער האָט באשטיגען זיינע גרעסטע הויכען, צו וועלכע „קריג און פרידען" האָט איהם געבראכט. דאָס קליינע בילד פון דעם פּיליסטערישען פאמיליען־גליק, וואָס ער האָט געשילדערט אין דער נאָוועלע „פאמיליען־גליק" איידער ער האָט חתונה געהאט, האָט ער שוין איצט אליין דורכגעלעבט און עס האָט איהם שוין מעהר ניט באפרידיגט. דאָס עפּיקורעער־לעבען, וואָס ער האָט ביז איצט געפיהרט, האָט פאר איהם אָנגעוואוירן יעדען זין. „איך האָב געפיהלט", שרייבט ער אין זיין „ווידוי", „אז אלץ, אויף וואָס איך בין געשטאנען איז אונטער מיר צעבראָכען געוואָרען; אז איך האָב שוין ניט אויף וואָס צו שטעהן; אז דאָס, מיט וואָס איך האָב געלעבט, איז שוין מעהר נישטאָ, אז איך האָב שוין ניט מיט וואָס צו לעבען. מיין לעבען האָט זיך אָפּגעשטעלט". די אזוי־

נערופענע „פאַמיליען־פּליכטען" האָבען פאַר איהם פאַרלאָרן זייער אינטערעס. בעת ער האָט געקלערט וועגען דער דערציהונג פון זיינע קינדער, האָט ער זיך אַליין געפרעגט: „צוליב וואָס"? און, וואהרשיינליך, האָט ער דערפיהלט, אַז אין זיין פּריצ'ישער אומ־געבונג וועט ער זיי קיינמאָל ניט קאָנען געבען קיין בעסערע דער־ציהונג, ווי ער אַליין האָט געקראָגען און וועלכע ער האָט פאַר־דאַמט; און האָט ער אָנגעפאַנגען צו טראַכטען וועגען דעם וואויל־שטאַנד פון די מאַסען, פלעגט ער זיך פלוצלונג אַ פרעג טאָן: „וואָס איז דאָס מיין עסק דערפון צו טראַכטען?"

ער האָט געפיהלט, אַז ער האָט ניט צוליב וואָס צו לעבען. ער האָט אפילו ניט געהאַט קיין פאַרלאַנגען, וועלכע ער אַליין זאָל קאָנען אנערקענען אַלס פאַרנינפטיגע. „ווען אַ פעע וואָלט צו מיר געקו־מען און זיך אָנגעבאָטען צו באַפרידיגען אַלע מיינע וואונשען, וואָלט איך ניט געוואוסט וואָס צו בעטען . . . איך האָב אפילו ניט גע־קאָנט בעטען צו דערוויסען זיך דעם אמת, ווייל איך האָב זיך שוין אָנגעשטויסען אויף זיין תוך. דער אמת איז געווען, אַז דאָס לעבען איז אַן אומזין". ער האָט ניט געהאַט קיין צוועק אין לע־בען, און מיט זיינע אומפאַרמיידליכע ליידען איז דאָס לעבען גאָר־נישט ווערט („ווידוי", 6, 7).

ער האָט ניט באַזעסען — באַנוצענדיג זיינעם אַן אויסדרוק — „די מאָראַלישע טעמפּקייט פון פאָרשטעלונג", וואָס וואָלט זיך געפאָדערט, אַז זיין עפּיקורייאיש לעבען זאָל ניט פאַר'סמ'ט ווערן פון דעם ארומיגען עלענד; און דאָך האָט ער, ווי שאָפּענ־הויער, ניט געהאַט דעם ווילען, צוצופאַסען זיין אויפפיהרונג צו די באַפעהלען פון זיין פאַרשטאַנד. זעלבסט־פאַרניכטונג, טויט, איז דערפאַר געווען די איינציגע לעזונג פון דער פראַגע.

אָבער טאָלסטאָי איז געווען צו אַ שטאַרקער מענש ער זאָל ענדיגען זיין לעבען מיט זעלבסטמאָרד. ער האָט געפונען אַן אויסגאַנג, און אָט־דער אויסגאַנג האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם צוריק־קעהר צו יענער ליבע, וואָס ער האָט אַזוי געשעצט אין זיין יוגענט: די ליבע צו די פּויערים־מאַסען. „צי אַ דאַנק עפּעס אַ מאָדנער פיזישער ליבע צום אמת'ן ארבייטער־פאָלק", שרייבט ער, „צי אפשר צוליב עפּעס אַן אַנדער אורזאַך?", נאָר ער האָט ענדליך באַגריפען, אַז דעם אמת'ן זין פון לעבען דאַרף

מען זוכען צווישען די מיליאָנען ארבייטער, וואָס ארבייטען זייער גאנצען לעבען. ער האָט אָנגעפאנגען צו שטודירן מיט א גרעסערער אויפמערקזאמקייט, ווי פריהער, דאָס לעבען פון אָט־די מיליאָנען. „און איך האָב", זאָגט ער, „אָנגעפאנגען ליב צו האָבען אָט־די מענשען". און וואָס מעהר ער איז אריינגעדרונגען אין זייער לעבען, אין דעם פארגאנגענעם און געגענווערטיגען, אלץ מעהר האָט ער זיי ליב געקראָגען און „אלץ גרינגער איז מיר געוואָרן צו לעבען". וואָס ס'איז שייך צום לעבען פון די מענשען פון זיין אייגענעם קרייז — די רייכע און געלערענטע, איז דאָס איהם „ניט נאָר פאר'מיאוס'ט געוואָרן, נאָר עס האָט פארלוירן יעדען זין". ער האָט פארשטאנען, אז אויב ער האָט ניט געזעהען קיין צוועק אין לעבען, איז די אורזאך דערפון געווען זיין אייגען לעבען „און די אויסשליסליכע באדינגונגען פון עפיקורעאיזם", וואָס האָט פאר איהם פארשטעלט דעם אמת.

„איך האָב פארשטאנען, — זעצט ער פאָרט — אז מיין פראגע „וואָס איז לעבען?" און מיין ענטפער: „בייז" — זיינען געווען ריכטיג. אומגערעכט בין איך נאָר געווען דערמיט, וואָס איך האָב זיי אָנגעווענדעט צום לעבען בכלל. איך האָב זיך געפרעגט: „וואָס איז לעבען?" און געקראָגען אַן ענטפער: „בייז און אומזין". און אזוי, איז דאָס טאקע געווען. מיין אייגען לעבען — א לעבען פון זיך נאָכגעבען, פון ליידענשאפטען — איז געווען זינלאָז און פול מיט בייז, אָבער דאָס איז געווען אמת נאָר בנוגע צו מיין אייגען לעבען, אָבער ניט צום לעבען פון אלע מענשען. אָנפאנגענדיג פון די פויגעלעך און די נידעריגסטע חיות, ארבייטען אלע כדי צו אויפהאלטען דאָס לעבען און פארזיכערן דאָס אויך פאר אנדערע, א חוץ פאר זיך אליין, איך אָבער האָב פאר אנדערע קיין לעבען ניט פארזיכערט: איך האָב דאָס אפילו ניט פארזיכערט פאר זיך גופא. איך האָב געלעבט ווי א פאראזיט, און בעת איך האָב זיך געשטעלט די פראגע: „צוליב וואָס לעב איך?" האָב איך באקומען דעם ענטפער: „צוליב גאָרנישט".

אויף אזא אופן האָט די איבערצייגונג, אז ער מוז לעבען ווי עס לעבען די מיליאָנען מענשען, וואָס פארדינען זיך אויפ'ן לעבען דורך אייגענער פראצע; אז ער מוז ארבייטען, ווי עס ארבייטען די מיליאָנען מענשען; און אז אזא ארט לעבען איז דער איינציג־מעגלי־

בער ענטפער צו דער פראַגע, וואָס האָט איהם געבראַכט צו פאַר־צווייפלונג — דער איינציגער וועג אויסצומיידען די שרעקליכע ווידערשפּרוכען, וואָס האָבען געצוואונגען שאָפּענהויער'ן צו פּרע־דיגען זעלבסט־פאַרניכטונג, און שלמה'ן, סאַקיא־מוני'ן, און אַזוי פיל אַנדערע צו פּרעדיגען דעם פאַרצווייפעלטען פּעסימיזם, אָט־די איבערצייגונג האָט געראַטעוועט טאָלסטאָי'ען, איהם אומגעקעהרט זיין פאַרלוירענע ענערגיע און ווילען צו לעבען. אָבער אָט דיזעלביגע אידעע האָט באַגייסטערט טויזענטער פון דער רוסישער יוגענד, טאַקע אין יענער צייט, און אַרויסגערופען די גרויסע באַוועגונג „אין פאָלק!" צום פאָלק! צונויפגיסען זיך מיט'ן פאָלק!

טאָלסטאָי האָט אונז דערצעהלט אין דעם אויסגעצייכענטען בוך „וואָס־זשע זאָלען מיר טאָן?" וועגען די איינדרוקען, וואָס די אָרימע קוואַרטאַלען אין מאָסקווע האָבען אויף איהם געמאַכט אינ'ם יאָהר 1881, און וועגען דער ווירקונג, וואָס אָט־די איינ־דרוקען האָבען געהאַט אויף דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון זיינע געדאַנקען. מיר ווייסען אָבער נאָך ניט ביז איצט, וואָס פאַר פאַקטען און איינדרוקען פונ'ם ווירקליכען לעבען האָבען איהם גע־צוואונגען אין די יאָהרען 1875־1881 אַזוי טיף צו באַגרייפען די פּוסטקייט פון לעבען, וואָס ער האָט געפיהרט ביז יענער צייט. וואָלט עס געווען צו־געוואַגט פון מיין זייט אָנצודייטען, אַז די זעל־ביגע באַוועגונג „אין פאָלק", וואָס האָט באַגייסטערט אַזוי פיל רוסישע יונגע לייט און יונגע מיידלאַך זיך אוועקצולאָזען אין די דערפער און אין די פאַבריקען און לעבען דאָרט דאָס לעבען פונ'ם פאָלק, האָט אויך געצוואונגען טאָלסטאָי'ען זיך צו פאַרטראַכטען וועגען זיין לאַגע אַלס רייכער פּריץ?

אַז ער האָט געוואוסט וועגען אָט־דער באַוועגונג איז גאָר קיין ספק ניטאָ. דער פּראָצעס פון די נעטשאַיעווצעס אינ'ם יאָהר 1871 איז פולשטענדיג געווען אָפּגעדרוקט אין די רוסישע צייטונגען, און מען האָט, ניט קוקענדיג אויף דער יוגענדליכער אומרייפקייט פון די רעדעס פון די באַשולדיגטע, לייכט געקאָנט אין זיי איינזעהען די הויכע אידעאַלען און די ליבע צום פאָלק, וואָס האָט זיי באַגייס־טערט. דער פּראָצעס פון די דאָלגושינצעס אינ'ם יאָהר 1875 האָט נאָך געמאַכט אַ טיפערען איינדרוק אין דער זעלביגער ריכ־טונג; און ספּעציעל דער פּראָצעס, אין מאַרט 1877, פון די חויך־

אידעאַליסטישע מיידלאַך באַרדינאַ, ליובאַטאָוויטש און די שוועס־טער סובאָטיני, — פון די „מאָסקווער פּופּציגער", ווי מען פּלעגט זיי דעמאָלט רופן אין די קרייזלאַך, — מיידלאַך, וואָס האָבן גע־שטאַמט פון רייכע פאַמיליעס, און וועלכע האָבן, ניט קוקענדיק דערויף, געפירט אַ לעבן פון פאַבריק־מיידלאַך, געלעבט אין די שרעקליכע פאַבריק־קאַזאַרמעס, געאַרבייט 14־16 שעה אַ טאָג, כדי צו לעבן מיט די אַרבייטער און האָבן די מעגליכקייט זיי צו לערנען... און ענדליך, דער פּראָצעס פון די „הונדערט־דריי־און־נײַנציק" און פון וויערא זאַסוליטש אין'ם יאָהר 1878. ווי גרויס עס זאָל ניט געווען זיין טאָלסטאָי'ס ווידערווילען צו די רעוואָלו־ציאָנערען, פונדעסטוועגן, בעת ער האָט געלייענט די באַריכטען וועגען אָט־די פּראָצעסען, אָדער געהערט די געשפּרעכען וועגען זיי אין מאָסקווע און אין טולע און באַאָבאַכטעט דעם איינדרוק, וואָס זיי האָבן געמאַכט, האָט ער, דער גרויסער קינסטלער, געדאַרפט געוועזן דערשפּירן, אַז אָט־די בחורים און מיידלאַך זיינען געווען נעהענטער צו דעם, וואָס ער אַליין איז געווען אין די יאָהרען 1861־1862, ווי צו יענע, צווישען וועלכע ער האָט איצט געלעבט — די קאַטקאָווס, די פעטס און זייער גלייכען. און אויב ער האָט אפילו גאָר ניט געוואוסט פון אָט־די פּראָצעסען און האָט קיין זאַך ניט געהערט וועגען די „מאָסקווער פּופּציגער", האָט ער, לכל הפּחות, געוואוסט פון טורגעניעוו'ס „נייעם באָדען", וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאַנואַר, 1877, און ער האָט געמוזט פיהלען שוין פון אָט־דעם אומפאָלקאָמען בילד, וואָס איז אַזוי וואַרעם באַגריסט גע־וואָרן פון דער יונגער רוסלאַנד, מיט וואָס פאַר אידעאַלען זי האָט זיך אַרומגעטראָגען.

וואָלט טאָלסטאָי דעמאָלט געווען אַ צוואַנציג־יאָהריגער בחור, וואָלט ער וואַהרשיינליך, צוגעשטאַנען צו דער אָדער יענער פאָרם פון דער באַוועגונג, ניט קוקענדיק אויף אַלע שטערונגען אין זיין וועג. נאָר אין זיינע יאָהרען, אין זיין סביבה און, ספּעציעל ווען זיין מח איז געווען פאַרנומען מיט דער פראַגע, — „וואו נעמט מען יענעם הויב־שטאַנג, וועלכער קאָן באַוועגען מענשליכע הערצער און ווערן דער קוואַל פון אַ טיפער מאָראַלישער רעפאָרם פון יעדען מענשען באַזונדער?" — האָט טאָלסטאָי געמוזט פיהרן אַ לאַנ־גען און עקשנות'דיגען קאַמף מיט זיך אַליין איידער ער איז באַ־

וואוסטזיניג גרייט געוואָרן צו מאַכען אַזאַ שריט. פאַר אונזער יוגענד איז די דערקלעהרונג, אַז יעדער, וואָס האָט באַקומען אַן ערציהונג, אַ דאַנק דער פּראַצע פון די אַרבייטער־מאַסען, דאַרף זיי אָפּצאָהלען, אַרבייטענדיג פאַר זיי, פאַר אָט־די מאַסען — אָט די פּשוט'ע דערקלערונג איז פאַר זיי געווען גענוג. זיי, די יונגע לייט און מיידלאַך, האָבען פאַרלאָזט זייערע רייכע הייזער, האָבען געפיהרט דאָס איינפאַכסטע לעבען, אָהן דעם קלענסטען אונ־טערשייד פונ'ם לעבען פון די אַרבייטער, און געווידמעט זייער לעבען צום פאָלק. אָבער צוליב אַ סך אורזאַכען — ווי, למשל, בילדונג, געוואוינהייטען, די סביבה, דער עלטער, און אפשר, צוליב דער גרויסער אַלגעמיין־פילאָזאָפישער פראַגע, מיט וועל־כער זיין מח איז געווען באַשעפטיגט, האָט טאָלסטאָי געמוזט דורכלעבען דעם ביטערסטען קאַמף, איידער ער איז געקומען צו דעם זעלביגען שלום, נאָר אויף אַן אַנדער וועג; ד. ה., איידער ער האָט באַשלאָסען, אַז ער, ווי אַ באַוואוסטזיניגער טייל פון דעם געטליכען אומבאַוואוסטען, האָט געמוזט אויספילען דעם ווילען פון אָט־דעם אומבאַוואוסטען, וואָס איז באַשטאַנען דערין, אַז יעדער מוז אַרבייטען פאַר'ן אַלגעמיינעם וואוילזיין.*).

ווי נאָר אָבער טאָלסטאָי איז געקומען צו אָט־דעם שלום, האָט ער גלייך צו אים צוגעפאַסט זיין לעבען. די שוועריגקייטען, וועלכע ער האָט באַגעגענט אויף אָט־דעם וועג, איידער ער האָט געקאָנט אויספאָלגען דעם באַפעהל פון זיין געוויסען, זיינען, וואַהרשיינליך,

---

*) „דאָס, וואָס איניגע מענשען פלעגען מיר זאָגען, — באַמערקט טאָלסטאָי, — און וואָס איך אַליין פלעג זיך אויך איינרעדען, נעמליך, אַז אַ מענש דאַרף ווינשען גליק ניט נאָר זיך אליין, נאָר אויך אַנדערע, זיינע שכנים, און בכלל אַלעמען, האָט מיך ניט באַפרידיגט. ראשית, האָב איך ערנסט ניט געקענט ווינשען קיין גליק פאַר אַנדערע, ווי פאַר זיך; צווייטענס, און הויפּטזעכליך, דערפאַר, וואָס אַנדערע, פונקט ווי איך זיינען געווען אָפּגע'משפט צו אומגליק און טויט, און דערפאַר זיינען אַלע מיינע אָנשטרענגונגען וועגען זייער וואוילזיין גע־ווען נוצלאָז. איך בין געוואָרן פאַרצווייפעלט". די אידעע, אז פער־זענליך גליק קען מען אַם בעסטען געפינען אין דעם גליק פון אַנדערע מענשען, האָט צו איהם ניט אַפּעלירט, און אויף אַזאַ'ן אופן זיינען די שטרעבונג צום גליק פון אַלע און די מיטווירקונג צו פּראָגרעס אין אָט־דער ריכטונג ניט געווען קיין גענוגענדער צוועק אין לעבען.

געוועז גרויסע: מיר קאָנען זיך וועגען זיי קוים אָנשטויסען. עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלען די סאָפיזמען, קעגען וועלכע ער האָט געדאַרפט קעמפען — ספּעציעל, בעת אַלע, וועלכע האָבען פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון זיין אומגעהויערען טאַלאַנט, האָבען אָנגעפאַנגען צו פּראָטעסטירן קעגען זיין פאַרדאַמען די לעצטע ווערק זיינע. און מען מוז פשוט באַוואונדערן די קראַפט פון זיינע איבערצייגונגען, ווען ער האָט אַזוי פולשטענדיג געקאָנט ענדערן זיין לעבען, וואָס ער האָט ביז דעמאָלט געפיהרט.

דאָס קליינע צימערל, וואָס ער האָט פאַרנומען אין זיין רייך הויז, איז גוט באַקאַנט לויט די אַלגעמיין־פאַרשפּרייטע פאָטאָגראַפישע בילדער. טאָלסטאָי מיט'ן אַקער (אויף רעפּין'ס בילד) איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע וועלט; די רוסישע רעגירונג האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַזאַ געפעהרליך בילד, אַז זי האָט באַפוילען דאָס אַראָפּנעמען פון דער אויסשטעלונג. באַגרעניצענדיג זיין חיונה מיט דעם סאַמע מינימום פון דער איינפאַכסטער שפּייז, האָט ער, כל זמן די כוחות האָבען איהם דערלויבט, דאָס ביסעל אַליין פאַרדינט דורך פיזישער אַרבייט. און אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט ער געשריבען אַ סך מעהר, ווי אין די יאָהרען פון זיין גרעסטער ליטעראַרישער פּראָדוקטיוויטעט.

די רעזולטאַטען פון אָט־דעם ביישפּיל, וואָס טאָלסטאָי האָט געגעבען דער מענשהייט זיינען יעדען איינעם באַוואוסט. ער האָט אָבער אויך געגלויבט, אַז ער מוז געבען די פילאָזאָפישע און רעליגיעזע באַגרינדונגען פון זיין אויפפיהרונג, און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן אין אַ רייע מערקווירדיגע ווערק.

געלייטעט פון דער אידעע, אַז די מיליאָנען פשוט'ע אַרבייטער באַגרייפען דעם זין פון לעבען און זיי קוקען דאַרויף, ווי אויף דער ערפילונג פונ'ם „ווילען פון דעם באַשעפער", האָט ער אָנגענומען אָט־דעם איינפאַכען גלויבען פון די רוסישע פויערים־מאַסען, הגם זיין געדאַנק האָט זיך געוואָקעלט דאָס אָנצונעמען, און האָט אָפּגעהיט אַלע רעליגיעזע צערעמאָניעס פון דער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער קירך. אָט־די קאָנצעסיע האָט, פונדעסטוועגען, געהאַט איהר גרענעץ, און געוויסע גלויבונגען האָט ער בשום אופן ניט געקאָנט אָננעמען. ער האָט, למשל, געפילט, ווען ער דערקלערט פייערליך אין קלויסטער פאַר קאָמוניאָן, אַז ער נעמט די קאָמוניאָן

אָן אין דעם בוכשטעבליכען זין פון די ווערטער — ניט פיגוראַטיוו — באַשטעטיגט ער אַ זאַך, וואָס ער קאָן ניט זאָגען מיט זיין פולען געוויסען. אויסער דעם, האָט ער זיך אין גיכען באַקאַנט מיט די קירך־שפּאַלטער, די פויערים סוטאַיעוו און באָנדאַריאָוו, צו וועלכע ער האָט זיך באַצויגען מיט גרויס רעספּעקט און ער האָט געזעהן, דורך זיין פאַרקער מיט זיי, אַז צושטעהענדיג צו דער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער קירך שטיצט ער אויך איהרע עקעלהאַפטיגע פאַר־פאָלגונגען אויף די קירך־שפּאַלטער — אַז ער האָט אויך אַ חלק אין דעם האַס, וואָס אַלע קירכען פּרעדיגען איינע קעגען דער צווייטער.

צוליב אָט־די אויבענדערמאָנטע אורזאַכען, האָט טאָלסטאָי אונטערנומען אַ גרינטליכען שטודיום פון קריסטענטום, ניט נע־מענדיג אין אנבאַטראַכט די לערען פון די פאַרשיידענע קירכען, האָט געשענקט ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט דער פאַרגלייכונג פון די פאַרשיידענע איבערזעצונגען פון דעם עוואַנגעליום, מיט'ן צוועק צו געפינען דעם אמת'ן מיין פון די פאָרשריפטען פון דעם גרויסען לערער און וואָס עס איז צוגעגעבען געוואָרן פון זיינע נאָכפאָלגער. אין אַ מערקווירדיג ווערק („די קריטיק פון דער דאָגמאַטישער טעאָלאָגיע”), אויף וועלכען ער האָט פאַרבראַכט אַ מאַסע צייט, האָט ער באַוויזען, ווי פונדאַמענטאַל עס צוגעהען זיך די פאַר־שיידענע קירך־אויסטייטשונגען פון די ווערק פון קריסטוס. באַלד נאָך דעם האָט ער אויסגעאַרבייט, גאַנץ זעלבסטשטענדיג, אַן אויס־טייטשונג פון דער קריסטליכער לערע, וואָס איז זעהר עהנליך צו די אויסטייטשונגען, וואָס אַלע גרויסע פאָלקס־באַוועגונגען האָבען איהר געגעבען — אין דעם ניינטען יאָהרהונדערט אין אַרמעניע, שפּעטער — דורך וויקלעפ'ן און די ערשטע אַנאַבאַפּטיסטען, ווי, למשל, האַנס דעק *), אָבער פונקט ווי די קווייקערס האָט ער דאָס הויפּט געוויכט געלעגט אויף דער טעאָריע פון זיך ניט אַנטקעגענשטעלען.

זיין אויסטייטשונג פון דער קריסטליכער לערע.

די אידעען, וואָס טאָלסטאָי האָט אַזוי לאַנגזאַם אויסגעאַר־

*) זעה: “Anabaptism from its rise at Zwickau to its fall at Munster”

בייט, ווערן דערקלערט אין אַ רייע פון דריי באַזונדערע ווערק: 1) „די קריטיק פון דער דאָגמאַטישער טעאָלאָגיע", דער אַריינפיר צו וועלכער איז בעסער באַוואוסט אונטער'ן נאָמען „ווידוי" און איז אָנגעשריבען געוואָרן אין'ם יאָהר 1882; 2) „וואָס איז מיין גלויבען?" (1884); און 3) „וואָס זשע זאָלען מיר טאָן?" (1886). צו דער קאַטעגאָריע פון טאָלסטאָי'ס ווערק מוז מען צו־רעכענען „די קעניגרייך פון גאָט איז אין אייך אַליין", אָדער „דאָס קריסטענטום ניט אַלס מיסטישע לערע, נאָר אַלס נייער באַגריף פון לעבען" (1900), און דערהויפּט אַ קליין ביכעל, „די קריסטליכע לעהרע" (1902), וואָס איז געשריבען געוואָרן אין קורצע, פאַר־ענדיגטע, נומערירטע פאַראַגראַפען, ווי אַ קאַטעכיזים, און אַנט־האַלט אַ פולשטענדיגע ערקלערונג פון טאָלסטאָי'ס אַנשויאונגען. אין דעם משך פון דעם זעלביגען יאָהר זיינען אַרויסגעגעבען גע־וואָרן אַ רייע אַנדערע ווערק זיינע, וועלכע באַשעפטיגען זיך מיט דעם זעלביגען געגענשטאַנד, ווי, למשל, „דאָס לעבען און די לערע פון קריסטוס", „מיין ענטפער צום סינאָד", „וואָס איז אַזוינס רעליגיע?", „וועגען לעבען", אַ. אַז. וו. אָט־די ביכער זיינען דער רעזולטאַט פון טאָלסטאָי'ס אַרבייט אין'ם משך פון די לעצטע צוואַנציג יאָהר, און, לכל הפחות, פיער פון זיי („ווידוי", „וואָס איז מיין גלויבען?", „וואָס זשע זאָלען מיר טאָן?" און „די קריסטליכע לערע") מוזען געלייענט ווערען אין דער אָנגעצייגטער אָרדנונג, אויב דער לעזער וויל זיך באַקענען מיט די רעליגיעזע און מאָראַלישע אַנשויאונגען פון טאָלסטאָי'ען און זיך פאַנאַנדער קלייבען אין יענעם פּלאָנטער פון אידעען, וועלכער ווערט אָפט פאַרגעשטעלט אַלס „טאָלסטאָאיזם". וואָס ס'איז שייך צום קורצען ווערק, „דאָס לעבען און די לערע פון קריסטוס", איז דאָס, אַזוי צו זאָגען, די פיער טיילען פון דעם עוואַנגעליום אין איין ווערק, אָנגעשריבען אין אַ לייכט־פאַרשטענדליכער שפּראַך און פריי פון אַלע מיסטישע און מעטאַפאָרישע עלעמענטען; עס אַנטהאַלט דאָס עוואַנגעליום, ווי טאָלסטאָי האָט דאָס פאַרשטאַנען.

אָט־די ווערק זיינען דער מערקווירדיגסטער פאַרזוך, וואָס עס איז ווען געמאַכט געוואָרן, ראַציאָנאַל אויסצוטייטשען דאָס קריס־טענטום. דאָס קריסטענטום ערשיינט אין זיי פריי פון יעדען מין גנאָסטיציזם און מיסטיציזם, נאָר אַלס אַ ריין גייסטיגע לערע וועגען

דעם וועלטליכען גייסט, וואָס פירט דעם מענשען צו א העכערן לעבען — א לעבען פון גלייכהייט, פון פריינטליכע באַציהונגען צווישען אַלע מענשען. אויב טאָלסטאָי נעמט אָן דאָס קריסטענטום אַלס דעם פונדאַמענט פון זיין גלויבען, טוט ער דאָס ניט, ווייל ער קוקט דאַרויף, ווי אויף אַ געטליכע אַנטפּלעקונג, נאָר דערפאַר, ווייל אָט־די לערע, אָפּגערייניגט פון אַלע צוגאָבען, וואָס די קירכען האָבען צו איהר צוגעלעגט, אַנטהאַלט „די זעלביגע לעזונג פון די לעבענס־פּראָבלעמען, וועלכע איז מעהר אָדער ווייניגער קלאָר ארויס־געזאָגט געוואָרן פון די בעסטע מענשען סיי פאַר, סיי נאָכדעם, ווי דאָס עוואַנגעליום איז צו אונז געגעבען געוואָרן, אָנפאַנגענדיג פון משה׳ן, ישעיה׳ן, קאָנפוציוס׳ן, די אַלטע גריכען, בודא און סאָק־ראַטעס ביז פּאַסקאַל׳ן, שפּינאָזא׳ן, פיכטע׳ן, פייערבאַכ׳ן און אַלע אַנדערע, אָפט אומבאַמערקטע און אומבאַוואוסטע מענשען, וואָס נעמען ניט אָן קיין לערע אויף נאמנות, האָבען אונז געלערענט און אין ערנסט צו אונז גערעדט וועגען דעם זין פון לעבען״*). די לערע גיט אַ „דערקלערונג צום זין פון לעבען און אַ לעזונג צו דעם ווידערשפּרוך צווישען דער שטרעבונג צו וואוילזיין און לעבען און דעם באַוואוסטזיין פון זייער אומדערגרייכבאַרקייט״ („די קריסט־ליכע לערע״, § 13) — „צווישען דעם פאַרלאַנג צו גליק און לעבען פון איין זייט, און דעם באַגריף פון טויט און אומגליק, וואָס ווערט אַלץ קלאָרער, פון דער צווייטער זייט״ (דאָרטען § 10).

וואָס ס׳איז שייך צו די דאָגמאַטישע און מיסטישע עלעמענ־טען פון דעם קריסטענטום, וועלכע טאָלסטאָי באַהאַנדעלט, ווי פשוט׳ע צוגאָבען צו דער אמת׳דיגער לערע פון קריסטוס, באַטראַכט ער זיי אויף אַזוי פיל אַלס שעדליכע, אַז אויף איין פּלאַץ מאַכט ער אפילו די פאָלגענדע באַמערקונג: „עס איז שרעקליך צו זאָגען (אָבער אַמאָל דוכט זיך מיר אַזוי): אויב די לערע פון קריסטוס, צוזאַמען מיט דער לערע פון דער קירך, וואָס איז אויף איהר אָנ־געוואַקסען, וואָלטען גאָר ניט עקזיסטירט, וואָלטען יענע, וועלכע רופען זיך איצטער קריסטען, געווען אַ סך נעהענטער צו דער לערע

*) „די קריסטליכע לעהרע״, דער אריינפיהר, ז. 6. אין אַן אַנדער פּלאַץ שטעלט טאָלסטאָי צו צו די אויבענאויסגערעכענטע לעהרער פון דער מענשהייט מארקוס אורעליוס און לאַאָ־טזע.

פון קריסטוס, ד. ה. צו אַ פאַרנינפטיגער לערע װעגען דעם גוטס־
קייט פון לעבען, ווי זיי זיינען איצטער. די מאָראַלע לערעס פון
אַלע נביאים פון דער מענשהייט וואָלטען פאַר זיי ניט געווען אָפּ־
געשלאָסען *).

אוועקשטעלענדיג אָן אַ זייט אַלע מיסטישע און מעטאַפיזישע
קאָנצעפּציעס, וואָס זיינען געווען אַריינגעוועבט אין'ם קריסטענ־
טום, קאָנצענטרירט ער זיין הויפּט אויפמערקזאַמקייט אויף דער
מאָראַלער זייט פון דער קריסטליכער לערע. איינע פון די מעכ־
טיגסטע אורזאַכען — זאָגט ער — וואָס שטערן די מענשען צו
לעבען אין אַנקלאַנג מיט אַט־דער לערע, איז דער „רעליגיעזער באַ־
טרוג". „די מענשהייט באַוועגט זיך לאַנגזאַם, אָבער אַהן אָן אָפּ־
שטעל אַלץ ווייטער, צו אַ העכערן באַגריף פון דעם אמת'ן מיין
פון לעבען און צו דער אָרגאַניזירונג פונ'ם לעבען אין אַנקלאַנג
מיט אַט־דעם העכערן באַגריף"; אָבער אין אַט־דעם פּראָגרעסי־
ווען מאַרש באַוועגען זיך ניט אַלע מיט איינעם און דעם זעל־
ביגען טעמפּאָ, און „די וויניגער עמפּפינדליכע מענשען האַלטען
זיך ביי די פריהערדיגע באַגריפען פון לעבען, ביי דער פריהער־
דיגער לעבענס־אָרדנונג, און שטרענגען זיך אָן זי צו שטיצען". אַט־
דאָס דערגרייכען זיי הויפּטזעכליך דורך דעם רעליגיעזען באַטרוג,
וואָס באַשטעהט „פון אַבזיכטליכער צומישעניש פון גלויבען און
אַבערגלויבען, און דורך דעם, וואָס זיי שטעלען אַוועק איינס
אַנשטאָט דעם צווייטען" („קריסטליכע לערע", §§ 187, 188). דער
איינציגער מיטעל זיך צו באַפרייען פון אַט־דעם באַטרוג איז, —
זאָגט ער, — צו באַגרייפען און געדענקען, אַז דער איינציגער
אינסטרומענט פאַר דער אַנזאַמלונג פון וויסען, וואָס דער מענש

---

*) „וואָס איז מיין גלויבען", קאַפּיטעל 10, ז. 145, פון
טשערטקאָוו'ס אויסגאַבע „די ווערק פון ל. נ. טאָלסטאָי, וואָס זיינען
פאַרבאָטען געוואָרען פון דער רוסישער צענזור". אויף ז. 18 און 19
אין דעם קליינעם ווערק „וואָס אַזוינס איז רעליגיע און וואָס איז איהר
עצם", דריקט זיך טאָלסטאָי אויס נאָך שאַרפער וועגען דעם קירכליכען
קריסטענטום. אין אַט־דעם מערקווירדיגען ווערק רעדט טאָלסטאָי וועגען
דעם עצם פון רעליגיע בכלל, און יעדער קען דערפון אַרויסדרינגען
די ווינשענסווערטע באַציהונגען פון רעליגיע צו וויסענשאַפט, צו סיב־
טעמישער פילאָזאָפיע און צו פילאָזאָפישער עטיק.

באַזיצט, איז זיין פאַרשטאַנד, און דערפאַר איז יעדע לערע, וואָס באַשטעטיגט זאַכען, וועלכע געהען להיפוך צום פאַרשטאַנד — אַ באַטרוג. בכלל, שטרייכט טאָלסטאָי ספּעציעל אונטער אָט־דעם פּונקט פון דער וויכטיגקייט פון פאַרשטאַנד (ז. „די קריסטליכע לערע", §§ 206, 214).

נאָך אַ גרויסע שטערונג צו דער פאַרשפּרייטונג פון דער קריסטליכער לערע זעהט טאָלסטאָי אין דעם פאַרשפּרייטען גלױ־בען אין אומשטערבליכקייט פון דער נשמה — ווי מען פאַרשטעהט דאָס איצטער („מיין גלויבען ז. 134 פון טשערטקאָוו'ס רוסישער אויסגאַבע). ער לייקענט עס אָפּ אין אָט־דער פאָרם; מיר קאָנען אָבער, זאָגט ער, צוגעבען אַ טיפערע באַדייטונג צו אונזער לעבען, ווען מיר מאַכען עס זאָל דינען צום נוצען מענשען פון דער גאַנצער מענשהייט, דורך דעם, וואָס מיר גיסען צונויף אונזער לעבען מיט דעם לעבען פון דעם וועלט־אַל; און הגם אָט־די אידעע צייגט זיך אויס ווינציגער אָנציהענד, ווי די אידעע פון אינדיווי־דועלער אומשטערבליכקייט, איז זי אָבער דערפאַר „כאָטש קליין, דאָך זיכער" („קריסטליכע לערע").

ריידענדיג וועגען גאָט, שטעלט ער זיך אָפּט אויפ'ן פאַנטע־איסטישען שטאַנדפּונקט, און באַשרייבט גאָט אַלס לעבען אָדער אַלס ליבע, אָדער גאָר אַלס אידעאַל, וואָס דער מענש פילט אין זיך אַליין (געדאַנקען וועגען גאָט, געזאַמעלט דורך וו. און אַ. טשערטקאָוו); אָבער אין זיין לעצטען ווערק („קריסטליכע לערע", קאַפּיטלען 7 און 8) אידענטיפיצירט ער בעסער גאָט מיט דעם „אַלוועלטליכען פאַרלאַנג צו גוטס, וואָס איז דער קוואַל פון לעבען". אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז, לויט דער קריסטליכער לערע איז גאָט יענער תמצית פון לעבען, וואָס דער מענש דער־שפּירט אין זיך גופא, און אין דעם גאַנצען וועלט־אַל, אַלס וואונש צו וואוילזיין; און אָט־דער תמצית איז אין דער זעלביגער צייט די אורזאַך, דורך וועלכער ער ווערט איינגעשלאָסען אין די באַ־דינגונגען פון דעם אינדיווידועלען און קערפּערליכען לעבען" § 36). יעדער דענקענדער מענש, — לעגט טאָלסטאָי צו, — קומט צו אַן ענליכען שלום. אַ פאַרלאַנג צו אוניווערסאַלען וואוילזיין צייגט זיך אַרויס אין יעדען דענקענדען מענשען, נאָכדעם ווי זיין ראַציאָנאַלער באַוואוסטזיין וואַכט אויף אין איהם ביי אַ געוויסען

עלטער; און אין דער וועלט, וואָס רינגעלט אַרום דעם מענשען, ציינט זיך אַרויס דערזעלביגער פאַרלאַנג אין אַלע באַזונדערע וועזענס, וואָס שטרעבען יעדער צו זיין אייגענעם וואוילשטאַנד (§ 37). אָט־די צוויי פאַרלאַנגען „קומען זיך צוזאַמען אין איין קלאָרן צוועק — אַ באַשטימטען, דערגרייכבאַרען און צופרידענעם פאַר׳ן מענשען". פאָלגליך, פירט ער אויס, אַז די באַאָבאַכטונג, אַז די טראַדיציע (רעליגיעזע), אַז דער פאַרשטאַנד, אַלע דריי ציינען איהם, „אַז דער גרעסטער וואוילשטאַנד פון מענשען, צו וועלכען אַלע מענשען שטרעבען, קאָן נאָר דערגרייכט ווערן דורך אַ פאָלקאָמענער אייניגקייט און הארמאָניע צווישען מענשען". „אַלע דריי ציינען, אַז די נאָהענטסטע אויפגאַבע פון דער אַנטוויקלונג פון דער וועלט, אין וועלכער דער מענש ווערט גערופען צו נעמען אַן אַנטייל, איז אוועקצושטעלען אייניגקייט און הארמאָניע אָנשטאָט צוטיילונג און קריג". „די אינערליכע טענדענץ פון יענעם גייסטיגען וועזען — די ליבע — וואָס געפינט זיך ביי איהם אין דער פראָצעס פון געבורט, טרייבט איהם אין דער זעלביגער ריכטונג".

אייניגקייט און הארמאָניע און אַ שטענדיגע, עקשנות׳דיגע שטרעבונג זיי איינצופירן, צוליב וואָס עס פאָדערט זיך ניט נאָר די גאַנצע אַרבייט, וואָס איז נויטיג כדי אויפצוהאַלטען די אייגענע עקזיסטענץ, נאָר אויך אַרבייט צו פאַרגרעסערן דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד — אָט־די זיינען די ענדליכע צוויי אַקאָרדען, אין וועלכע עס האָבען זיך אויפגעלעזט אַלע דיסאָנאַנסען און שטורעמס, וואָס האָבען געבושעוועט מעהר פון צוואַנציג יאָהר אינ׳ם מוח פונ׳ם גרויסען קינסטלער, — אַלע רעליגיעזע עקסטאַזען און ראַציאָנאַליסטישע ספקות, וואָס האָבען אויפגעשטורעמט זיין מוח אין דער אָנגעשטרענגטער זוכעניש פונ׳ם אמת. אויף די העכסטע מעטאַפיזישע הויכען איז די שטרעבונג פון יעדען לעבעדיגען וועזען צו זיין אייגענעם וואוילשטאַנד, וואָס איז אַז עגאָאיזם, אַז ליבע אין דער זעלביגער צייט, ווייל עס איז זעלבסט־ליבע, און ראַציאָנאַלע זעלבסט־ליבע מוז אַרומכאַפּען יעדע באַשעפעניש פון דעם זעלביגען מין — אָט־די שטרעבונג צו פערזענליכען גליק, לויט דעם סאַמע עצם פון איהר נאַטור, מוז אַרומנעמען אַלץ, וואָס עקזיסטירט. „אויף אַ נאַטירליכען אופן פאַרגרעסערט זי אירע גרענעצען דורך ליבע, צוערשט צו דער פאַמיליע: — צו דער פרוי און קינ־

דער; נאָכדעם צו פריינד, שפעטער צו מיט־בירגער; נאָר די ליבע באַפרידיגט זיך ניט דערמיט און שטרעבט אַרומצוכאַפּען אַלץ" (§ 46).

די הויפּט שטריכען פון דער קריסטליכער עטיק.

דעם צענטראַלען פּונקט פון דער קריסטליכער לערע זעהט טאָלסטאָי אין ניט מאַכען קיין ווידערשטאַנד. אין די ערשטע יאָהרען נאָך זיין קריזיס האָט ער געפּרעדיגט דאָס אַבסאָלוטע „זיך ניט קעגענשטעלען קעגען שלעכטס" — אין פולשטענדיגען אָנקלאַנג מיט'ן בוכשטעבליכען און גענויען זין פון די עוואַנגעלישע ווערטער, וועלכע, ווען מען נעמט זיי אין פאַרבינדונג מיט דעם זאַץ וועגען דער רעכטער און לינקער באַק, האָבען, וואַרשיינליך, באַדייט אַ פולקאָמענע זעלבסט קליין־האַלטונג און זעלבסט־ענטזאַגונג. פונדעסטוועגען האָט טאָלסטאָי אין גיכען געמוזט באַגרייפען, אַז אַזאַ לערע איז ניט נאָר ניט קיין פּאָר מיט זיין אויבענדערמאָנטער קאָנצעפּציע וועגען גאָט, נאָר באַטייט פּשוט אַן ערמוטיגונג צו שלעכטס. זי ענטוויקעלט פּונקט דעמזעלביגען היתר אויף שלעכטס, וואָס איז שטענדיג געפּרעדיגט געוואָרען דורך די שטאַטס־רעליגיעס אין די אינטערעסען פון די הערשענדע קלאַסען, און טאָלסטאָי האָט דאָס שנעל געמוזט איינזעהן. אין איינעם פון זיינע לעצטערע ווערק דערצעהלט ער אונז, ווי ער האָט איין מאָל ביים אייזענבאַן באַגעגענט דעם טולער גוּבערנאַטאָר, וואָס איז געפאָרן בראש פון אַן אָפּטיילונג סאָלדאַטען, באַוואַפענט מיט ביקסען און באַזאָרגט מיט אַ וואָגען ריטער. דאָס זיינען זיי געפאָרן שמייסען די פויערים פון אַ דאָרף, כדי ארויפצוצווינגען אויף זיי אַ פּשוט־רויבערישע פאַראָרדנונג, וואָס די אַדמיניסטראַציע האָט דורכגעפיהרט לטובה פון אַ פריץ און אָפען געגען געזעץ. מיט זיין גוט־באַוואוסטען שילדערונגס־טאַלאַנט באַשרייבט טאָלסטאָי, ווי אַזוי אַ „ליבעראַלע דאַמע", וואָס איז דעמאָלט גראָד געווען אויפ'ן וואָקזאַל, האָט אין דער הויך און שאַרף פאַרדאַמט דעם גובערנאַטאָר און די אָפיצערן, און ווי די לעצטע האָבען זיך פאַרשעמט. נאָכדעם באַשרייבט ער, וואָס עס קומט געוועהנליך פאָר ביי אַזעלכע עקספּעדיציעס: ווי די פויערים, מיט אמת־

קריסטליכער זעלבסט־ענטזאגונג, צלמ'ען זיך איבער מיט ציטערדיגע הענט און לעגען זיך אוועק אויף דער ערד צו ווערן געפייניגט און געשמיסען, ביז דאָס הארץ פון דעם קרבן הערט אויף צו קלאַפּען, און ווי די אָפיצירען ווערן גאָר ניט גערירט פון אָט־דער קריסטליכער עניוות. וואָס טאָלסטאָי האָט געטאָן בעת ער האָט באַגעגענט די עקספּעדיציע, ווייסען מיר ניט: ער דערצעהלט דאָס אונז ניט. וואַרשיינליך האָט ער אויסגע'מוסר'ט דעם גובערנאַטאָר מיט די אָפיצערן און געראַטען די סאָלדאַטען זיי ניט צו פאָלגען — ד. ה. צו רעוואָלטירן. יעדענפאַלס, האָט ער געמוזט דערפילען, אַז אַ פּאַסיווע שטעלונג אין אנגעזיכט פון אָט־דעם שלעכטס — דאָס זיך ניט קעגענשטעלען קעגען דעם — וואָלט באַדייט, אַז מען גיט דאַרויף אַ שטילע הסכמה. נאָך מעהר, אַ פּאַסיווע שטעלונג פון געהאַרכזאַמקייט אין דער געגענוואַרט פון אָט־דעם שלעכטס איז אַזוי ווידערשפּרעכליך צום כאַראַקטער פון טאָלסטאָי'ען, אַז ער וואָלט ניט געקאָנט בלייבען אויף לאַנג קיין אָנהענגער פון אַזאַ דאָקטרין, און ער האָט באַלד געענדערט זיין אויסטייטשונג פון דעם טעקסט פון דעם וואַנגעליום אין דעם זין פון: „שטעל זיך ניט קעגען שלעכטס מיט גוואַלט". אַלע זיינע שפּעטערדיגע שריפטען זיינען, פאָלגליך, געווען אַ לײדענשאַפטליך קע־גענשטעלען זיך קעגען די פאַרשײדענע פאָרמען פון שלעכטס, וואָס ער האָט אַרום זיך געזעהן אין דער וועלט. זיין מעכטיג קול האָט שטענדיג געקלונגען אי קעגען דעם שלעכטס, אי קעגען די, וואָס טוען שלעכטס; ער איז נאָר קעגען אָנווענדען פיזישע מאַכט, בעת מען שטעלט זיך קעגען שלעכטס, ווייל ער גלויבט, אַז דאָס ברענגט שאָדען.

די אַנדערע פיער פּונקטען פון דער קריסטליכער לערע (פאַר־שטעהט זיך, לויט טאָלסטאָי'ס אויסטייטשונג) זיינען: ווער ניט אין כעס, אָדער, לכל הפחות, האַלט זיך אָפּ פון כעס אויף וויפיל עס איז מעגליך; בלייב טריי צו דער פרוי, מיט וועלכער דו האָסט זיך פאַרבונדען, און מייד אויס אַלץ, וואָס רייצט אויף ליידענשאַפט; גיב ניט קיין שבועה; דערמיט מיינט טאָלסטאָי: בינד זיך קיינמאָל ניט די הענט מיט קיין שבועה; אַ שבועה איז אַ מיטעל, דורך וועלכען די רעגירונגען בינדען דעם געוויסען פון מענשען, צווינגען זיי זיך צו אונטערוואַרפען צו אַלע זייערע פאַר־

אָרדנונגען; און ענדליך, האָב ליב דיינע שונאים, אָדער, ווי טאָל־סטאָי האָט דאָס ניט איין מאָל פאָרמולירט אין זיינע שריפטען: זאָלסט קיינמאָל אַליין ניט משפט'ן און קיינמאָל ניט פארפאָלגען א צווייטען פאר'ן געריכט.

צו אָט־די פינף כללים גיט ער די מעגליך ברייטסטע אויס־טייטשונג און פירט פון זיי אויס אַלע לערעס פון דעם פרייען קאָ־מוניזם. ער באווייזט מיט א סך ארגומענטען, אז לעבען פון דער פראצע פון אנדערע, ניט פארדינענדיג אויף אייגענער חיונה, הייסט — איבערטרעטען דעם וויכטיגסטען געזעץ פון דער נאטור; אָט־די איבערטרעטונג איז די הויפט אורזאך פון אַלע עקזיסטירענדע סאָציאַלע אומגליקען, ווי אויך פון אַלע פערזענליכע אומגליקען און אומבאקוועמליכקייטען. ער צייגט אָן, אז די איצטיגע קאפיטאַליס־טישע אָרגאַניזאציע פון ארבייט איז ניט בעסער פון דער אמאָליגער שקלאפעריי און לייב־אייגענטום.

ער איז זעהר פיל מדקדק אויף דער פאראיינפאכונג פון לע־בען — אין שפייז, קליידונג און וואוינונג — וועלכע קומט אַלס רעזולטאט פון דער באשעפטיגונג מיט פיזישער אַרבייט, ספּעציעל מיט ערד־ארבייט, און צייגט אָן אויף די נוצען, וואָס די היינטיגע רייכע פוילענצער אפילו וואָלטען געהאט פון אָט־דער ארבייט. ער צייגט אָן, ווי דאָס גאנצע שלעכטס פון דער היינטיגער שלעכ־טער רעגירונג שטאמט דערפון, וואָס די זעלביגע מענשען, וועלכע פּראָטעסטירן קעגען שלעכטע רעגירונגען, מאכען אַלע אָנשטרענ־גונגען צו ווערן א טייל פון אָט־די רעגירונגען.

מיט דעם זעלביגען אנטשלאָסענעם פּראָטעסט, מיט וועלכען טאָלסטאָי טרעט ארויס קעגען דער קירך, טרעט ער אויך ארויס קעגען שטאט. ער ראט אַלע מענשען לחלוטין ניט האָבען צו טאָן מיט דעם שטאט. דאָס איז דער איינציגער רעאַלער מיטעל צו מאכען א סוף צו דער היינטיגער שקלאפעריי, וואָס די שטאטס־אינסטי־טוציע צווינגט ארויף אויף דעם מענשען. און, ענדליך, באווייזט ער מיט א מענגע אילוסטראציעס, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס די גאנצע מאכט פון זיין טאלאַנט, אז די יאָגעניש פון די פאר־מעגליכע קלאסען צו רייכטום און לוקסוס — א יאָגעניש, וואָס האָט און קאָן ניט האָבען קיין גרעניץ, — האַלט אויף אָט־די שקלאפעריי, אָט־די אַלע אבנאָרמאַלע באדינגונגען פון לעבען און

אלע אבערגלויבונגען און לערעס, וואָס די קירך און דער שטאַט פאַרשפּרייטען אין די אינטערעסען פון די הערשענדע קלאַסען.

פון דער צווייטער זייט, ווען טאָלסטאָי רעדט וועגען גאָט אָדער וועגען אומשטערבליכקייט, צייגט ער שטענדיג, אַז ער נוי־טיגט זיך כלל ניט אין די מיסטישע קאָנצעפּציעס און אין די מעטאַפיזישע ווערטער, וועלכע ווערן געוועהנליך געברויכט אין אַזעלכע פאַלען. און הגם זיין שפּראַך אונטערשיידט זיך ניט פון דער שפּראַך פון רעליגיעזע שריפטען, פונדעסטוועגען ברענגט ער שטענדיג אַרויס די ראַציאָנאַלע אויסטייטשונגען פון רעליגיעזע קאָנצעפּציעס. פּאַרזיכטיג נעמט ער אַרויס פון דער קריסטליכער לערע אַלץ, וואָס קאָן ניט אָנגענומען ווערען פון נאָכפאָלגער פון אַנדערע רעליגיעס און ברענגט אַרויס בולט אַלץ, וואָס איז געמיינ־זאַם אי פאַר דעם קריסטענטום, אי פאַר די אַנדערע פּאָזיטיווע רעלי־גיעס, אַלץ וואָס איז פּשוט מענשליך אין זיי, וואָס קאָן באַרעכ־טיגט ווערן דורכ׳ן פאַרשטאַנד און אָנגענומען ווערן פון אומגלוי־ביגע, פונקט ווי פון גלויביגע.

מיט אַנדערע ווערטער, וואָס מעהר טאָלסטאָי האָט שטודירט די לערעס פון די פאַרשיידענע גרינדערס פון רעליגיעס און מאָראַל־פילאָזאָפען, אַלץ מעהר האָט ער געזוכט צו באַשטימען און פעסט־זעצען די עלעמענטען פון אַן אוניווער־סאַלער רעליגיע, וואָס זאָל קאָנען פאַראייניגען אַלע מענשען — אַ רעליגיע, וואָס זאָל יעדענפאַלס זיין פריי פון איבערנאַטירליכע עלעמענטען, וואָס זאָל ניט איינשליסען קיין זאַך, וואָס דאָס וויסען און פאַר פאַרשטאַנד מוזען פאַרוואַרפען, נאָר וואָס זאָל אַנטהאַלטען אַ מאָראַלע לייטונג פאַר אַלע מענשען, אויף וואָס פאַר אַ שטופע פון אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג זיי זאָלען זיך ניט געפינען. אָנפאַנגענדיג, אויף אַזאַ אופן, אין די יאָהרן 1875—77, דערמיט, וואָס ער איז צוגעשטאַנען צו דער גריכישער אָרטאָדאָקסישער רעליגיע — אין דעם זין, ווי די רוסישע פּויערים פאַרשטעהען זי — איז ער סוף כל סוף אין דער „קריסטליכער לערע״ געקומען צו דער אויפבויאונג פון אַ מאָראַל פילאָזאָפיע, וועלכע קאָן, לויט זיין מיינונג, אָנגענומען ווערן פון דעם קריסט, פון דעם אידען, מאַכמעדאַנער, בודיסט א. אז. וו., ווי אויך פון דעם נאַטור־פילאָזאָף — אַ רעליגיע, וואָס וועט אַנטהאַלטען נאָר

רי וויכטיגסטע עלעמענטען פון אַלע רעליגיעס, נעמליך: א באַשטימונג פון יעדען מענשען׳ס באַציהונג צו דעם וועלט-אַל (ד.ה.אַ וועלטאַנשויאונג), אין אָנקלאַנג מיט דער היינטיגער וויסענשאַפט, און אַן אַנערקענונג פון דער גלייכהייט פון אַלע מענשען.

צי זיינען אָט־די צוויי עלעמענטען, פון וועלכע איינער געהערט צום געביט פון וויסענשאַפט, און דער אַנדערער (גערעכטיגקייט) — צום געביט פון עטיק, גענוג צוזאַמענצושטעלען א רעליגיע, אָהן אַ צומיש פון מיסטיציזם — איז אַ פראַגע, וואָס געהט אַרויס פון די גרענעצען פון אָט־דעם בוך.

די קונסט-ווערק פון זיינע לעצטע יאָהרן.

דער אומרוהיגער צושטאַנד פון דער ציוויליזירטער וועלט, און, ספּעציעל, פון רוסלאַנד, האָט געוויס מעהר ווי איין מאָל געצויגען טאָלסטאָי׳ס אויפמערקזאַמקייט און איהם באַוואויגען אָפּצודרוקען אַ היבשע צאָהל בריף, אַרטיקלען און אויפרופען אויף פאַרשיידענע געגענשטאַנדען. אין אָט־די אַלע ווערק פּרעדיגט ער פריהער און מעהר פון אַלץ אַ נעגאַטיווע באַציהונג צו דער קירך און צום שטאַט. ער ראָט די לעזער קיינמאָל ניט אַריינטרעטען אין דער דינסט פון׳ם שטאַט, אַפילו ניט אין די „זעמסקי־ און וואָלאָסט״־אינסטיטוציעס, וואָס ווערן אָרגאַניזירט פונ׳ם שטאַט נאָר אַלס אַ נעץ. זאָגט זיך אָפּ צו שטיצען עקספּלואַטאַציע אין יעדער פאָרם. זאָגט זיך אָפּ פון מיליטערישער דינסט, וואָס די פאָלגען זאָלען ניט זיין: ווייל דאָס איז די איינציגע מעטאָדע צו פּראָטעסטירן קעגען מיליטאַריזם. האָט קיינמאָל גאָרנישט צו טאָן מיט גערichטהייזער, אַפילו ווען איהר ווערט באַליידיגט אָדער אַטאַקירט; — קיין זאַך אויסער שלעכטס קומט דערפון ניט אַרויס. לויט טאָלסטאָי׳ס מיינונג, וועט אַזאַ נעגאַטיווע און ערנסטע באַציהונג מעהר דינען דעם אמת׳ן פּראָגרעס, ווי אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערע מיטלען. נאָר אַלס ערשטען שריט צו דער פאַרניכטונג פון דער מאָדערנער שקלאַפעריי, רעקאָמענדירט ער אויך די נאַציאָנאַליזאַציע אָדער מוניציפּאַליזאַציע פון דער ערד.

ווי מען האָט עס געקאָנט דערוואַרטען, טראָגען די קונסט־ווערק, וואָס טאָלסטאָי האָט אָנגעשריבען אין די לעצטע פינף און צוואַנציג יאָהר, נאָכ'ן יאָהר 1876, טיפע שפּורען פון זיין נייעם שטאַנדפּונקט. אָט־דעם פּעריאָד פון זיין קונסט־טעטיגקייט האָט ער אָנגעפאַנגען מיט שרייבען פאַר'ן פאָלק, און הגם דער גרעסטער טייל פון זיינע דערצעהלונגען פאַר'ן פאָלק ליידען קינסטלעריש דורך דעם צו בולט'ן פארלאַנג ארויספירן אַ געוויסע מאָראַל און דורך דער פאַרדרעהונג פון פאַקטען, וואָס מוז דערפון ארויסקומען, זיינען אָבער צווישען זיי פאַראַן עטליכע—ספּעציעל דאָס ביכעל „וויפיל ערד דאַרף אַ מענש האָבען" — וואָס זיינען וואונדערבאַר קינסטלעריש. מען דאַרף נאָר דערמאָנען „דעם טויט פון איוואַן איליאיטש", כדי ווידער ארויסברענגען אינ'ם זכרון דעם טיפען איינדרוק, וואָס אָט־די דערצעהלונג האָט געמאַכט בעת זי איז ערשינען. כדי צו ריידען צו אַ גרעסערן פּובליקום אין די פאָלקס־טעאַטערן, וואָס האָבען אין יענער צייט אָנגעפאַנגען צו אַנטשטעהן אין רוסלאַנד, האָט ער אָנ־געשריבען „די מאַכט פון פינסטערניש" — אַ דראַמע פול מיט שרעקען פון דעם פּויערים־לעבען, אין וועלכער ער האָט געשטרעבט צו מאַכען אַ טיפען איינדרוק דורך דעם רעאַליזם פון אַ שעקספּיר אָדער מאַרלאָו. זיין צווייטע דראַמע פון אָט־דעם פּעריאָד — „די פּרוכט פון ציוויליזאַציע", טראָגט אַ קאָמישען כאַראַקטער. אין אָט־דער דראַמע ווערן די אָבערגלויבונגען פון די העכערע קלאַסען אין באַצוג צו ספּיריטואַליזם אויסגעלאַכט און פאַרשפּעט. ביידע דראַמעס (די ערשטע מיט ענדערונגען אין דער לעצטער סצענע) ווערן מיט ערפאָלג געשטעלט אויף דער רוסישער ביהנע.

יעדענפאַלס זיינען טאָלסטאָי'ס דראַמעס און נאָוועלען פון אָט־דעם פּעריאָד ניט די איינציגע קונסט־ווערק. די פינף רעליגיעזע ווערק, וואָס זיינען אויבען דערמאָנט געוואָרן, זיינען אויך קונסט־ווערק אין דעם בעסטען זין פון דעם וואָרט, ווייל אין זיי זיינען פאַראַן אַ היבשע צאָהל זייטלאַך, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייערע הויך קינסטלערישע שילדערונגען; אין דער זעלבינער צייט קאָן דער אופן, מיט וועלכען טאָלסטאָי געהט צו צו דער דער־קלערונג פון די עקאָנאָמישע פּרינציפּען פון דעם סאָציאַליזם אָדער די אַנטי־שטאַט פּרינציפּען פון דעם אַנאַרכיזם, פאַרגליכען ווערן מיט די בעסטע ווערק פון אָט־דעם מין פון וויליאַם מאָריס. דערביי

ווערט דער אויבען־אָן בלייבען פאַר טאָלסטאָי׳ען, צוליב זיין איינ־פאַכקייט און קינסטלערישער קראַפט.

„די קרייצער סאָנאַטאַ" האָט, נאָך „אַנאַ קאַרעניִנאַ", זיכער געהאַט דעם ברייטסטען קרייז לעזער. די אומגעוועהנליכקייט פון דער טעמע פון אָט־דער נאָוועלע, ווי אויך די אָנפאַלען אויף דער הייראַט בכלל, וואָס זי אַנטהאַלט, ציהען אויף זיך אַזוי פיל צו די אויפמערקזאַמקייט פון די לעזער און רופען אַרוים צווישען זיי אַזוי פיל היציגע ויכוחים, אַז די קינסטלערישע מעלות פון דער נאָוועלע און דער אַנאַליז פון לעבען, וואָס זיינען דאָרט פאַראַן, האָבען ניט נעקראָגען די אָנערקענונג, וואָס זיי פאַרדינען. מען דאַרף קוים דערמאָנען די מאָראַלע לערע, וואָס טאָלסטאָי האָט אַריינגעלעגט אין „דער קרייצער סאָנאַטאַ", נאָך מעהר, ווייל דער פאַרפאַסער גופא האָט זי, אָט־די לערע, ביז אַ געוויסען גראַד צוריקגעצויגען. אָבער אָט־די נאָוועלע האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר יעדען, וואָס שטודירט טאָלסטאָי׳ס ווערק, און ווייל זיך באַקענען מיט דעם אי־נערליכען לעבען פון דעם גרויסען קינסטלער. קיין שטאַרקערער באַשולדיגונגס־אַקט קעגען הייראַטען, וואָס ווערן געמאַכט צוליב אויסערער צוציהונג, אָהן יעדער אינטעלעקטועלער אייניגקייט אָדער סימפּאַטיע צווישען מאַן און ווייב, איז נאָך ניט אָנגעשריבען געוואָרן; וואָס ס׳איז שייך צום קאַמף, וואָס ווערט געפירט צווישען פּאַזדנישעוו׳ן און זיין פרוי, ווערט ער איבערגעגעבען אין אַ הויך־קינסטלערישער פאָרם, און גיט די דראַמאַטישסטע שילדערונג פון דעם פאַרהייראַטען לעבען, וואָס מיר באַזיצען אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור.

וועגען טאָלסטאָי׳ס ווערק „וואָס איז אַזוינס קונסט?" ווערט גערעדט ווייטער, אין דעם אַכטען קאַפּיטעל פון אָט־דעם בוך. דאָס גרעסטע ווערק זיינס פון דעם שפּעטסטען פּעריאָד איז, „תחית המתים". עס איז ניט גענוג צו זאָגען, אַז די יוגענדליכע ענערגיע פון דעם זיבעציג־יאָהריגען פאַרפאַסער, וואָס צייגט זיך אַרוים אין אָט־דער נאָוועלע, איז וואונדערבאַר. איהרע אַבסאָליוטע קינסט־לערישע מעלות זיינען אַזוי הויך, אַז ווען טאָלסטאָי וואָלט קיין אַנדער זאַך, אַ חוץ „תחית המתים" ניט געווען געשריבען, וואָלט ער דאָך געווען אָנערקענט געוואָרן אַלס איינער פון די גרויסע שריפטשטעלער. די אַלע טיילען פון דער נאָוועלע, וואָס שילדערן

די געזעלשאַפט, אָנפאַנגענדיג פון „מיססי'ס" בריף, און „מיססי" אַליין, איהר פאָטער, א. אז. וו., קאָנען פארגליכען ווערן צו די בעסטע זייטלאך פון דעם ערשטען באנד פון „קריג און פרידען". אויף דער זעלביגער מדרגה פון קונסט שטעהען אויך די שילדערונגען פון דעם געריכט־הויז, פון די געשוואוירענע ריכטער און פון די תפיסות. אמת, מען קאָן זאָגען, אז דער הויפט העלד, נעכליודאָוו ,איז ניט גענוג לעבעדיג; אָבער אָט־דעם חסרון האָט מען ניט געקאָנט אויסמיידען אין אַ פיגור, וואָס האָט געדאַרפט מיט זיך פאָרשטעלען, אויב ניט דעם פארפאסער גופא, איז, לכל הפחות, זיינע אידעען אָדער ערפאַרונגען: דאָס איז דער חסרון פון אַלע נאָוועלען, אין וועלכע דער אויטאָביאָגראַפישער עלעמענט שפּילט אַזאַ ראָלע. וואָס ס'איז שייך צו די אַנדערע פערזאָנען פון אָט־דער נאָוועלע, וועלכע געהען פארביי פאר אונזערע אויגען אין אַזאַ גרויסער צאָל, זיינען זיי אַלע לעבעדיגע מענשען, יעדער מיט זיין אייגענעם כאַראַקטער שטאַרק בולט, אפילו ווען איינער פון אָט־די פערזאָנען (ווי, למשל, די ריכטער, די געשוואוירענע ריכטער, אָדער די טאָכטער פונ'ם אויפזעהער פון דער תפיסה א. אז. וו.) ערשיינט נאָר אויף אַ קורצער ווײַלע און ווערט שוין מעהר קיינמאָל ניט דערמאָנט.

די צאָהל פראַגען, וואָס ווערן באריהרט אין אָט־דער נאָוועלע, — סאָציאַלע, פּאָליטישע, פארטיי־פראַגען, א. אז. וו., — איז אַזוי גרויס, אז אַ גאַנצע געזעלשאַפט, אָט ווי זי איז, לעבענדיג און פולסירענדיג מיט אַלע איהרע פראַגען און ווידערשפּרוכען, ערשיינט פאר דעם לעזער, און דאָס איז ניט נאָר די רוסישע געזעלשאַפט, עס איז די געזעלשאַפט פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. אין דער ווירקליכקייט קאָן „תחית המתים", אַ חוץ עטליכע סצענעס, וואָס האָבען צו טאָן מיט פּאָליטישע ארעסטירטע, אָנגעווענדעט ווערן צו אַלע נאַציעס. דאָס איז דאָס אינטערנאַציאָנאַלסטע ווערק פון אַלע טאָלסטאָי'ס ווערק. אין דער זעלביגער צייט ווערט די הויפט פראַגע: „צי האָט די געזעלשאַפט אַ רעכט צו משפט'ן? צי איז פארנינפטיג אויפצוהאַלטען אַ סיסטעם פון געריכטען און תפיסות?" — אָט די שרעקליכע פראַגע, וואָס דער געגענוואַרטיגער יאָהרהונדערט וועט זיכער לעזען, ווערט מיט אַזאַ קראַפט ארויסגעדריקט אויפ'ן לעזער'ס געדאַנק, אז עס איז

אוממעגליך צו לייענען דאָס בוך און ניט אריינפאַלען אין ערנסטע ספקות מכח דער פּאַרנינפטיגקייט פון אונזער באַשטראָפונגס־סיסטעם. Ce livre pésera sur la conscience du siècle. („אָט דאָס בוך וועט דריקען אויפ'ן געוויסען פון דעם יאָהרהונ־דערט") איז געוועזן אַ באַמערקונג פון אַ פראַנצויזישען קריטיקער, וואָס איך האָב געהערט. און אין דער גערעכטיגקייט פון אָט־דער באַמערקונג האָב איך געהאַט די געלעגענהייט זיך צו איבערצייגען דורך אַ סך געשפּרעכען, וואָס איך האָב געהאַט אין אַמעריקע מיט פּערזאָנען, וועלכע האָבען אַ וועלכע עס איז באַציהונג צו תפיסות. דאָס בוך דריקט שוין אויף זייער געוויסען.

די זעלבּיגע באַמערקונג קאָן מען אָנווענדען צו טאָלסטאָי'ס גאַנצע טעטיגקייט. צו זיין פאַרזוך צו געבען מענשען צו פאַר־שטעהן די עלעמענטען פון אַן אוניווערסאַלער רעליגיע, וועלכע דער וויסענשאַפטליך־געאיבטער שכל, ווי ער מיינט, וואָלט געקאָנט אָננעהמען, און וועלכע וואָלט געקאָנט ווערן פאַר'ן מענשען דער וועג־ווייזער אין זיין מאָראַלען לעבען און דערגרייכען אין דער זעלביגער צייט די לעזונג פון דער גרויסער סאָציאַלער פראַגע און פון אַלע פראַגען, וועלכע זיינען מיט איהר פאַרבונדען — צי אָט־דער פאַר־זוך וועט זיין ערפאָלגרייך צי ניין, קאָן נאָר די צייט אליין פאַר־ענטפערן. אָבער עס איז אַבסאָלוט זיכער, אַז קיין מענש פון רוססאָ'ס צייטען אָן האָט אַזוי ניט אויפגערירט דעם מענשליכען געוויסען, ווי טאָלסטאָי מיט זיינע מאָראַלע שריפטען. ער האָט אָהן פחד אויפגעדעקט די מאָראַלע זייטען פון אַלע ברענענדיגע פראַגען פון טאָג, זיי אויפגעדעקט אין אַזאַ איינדרוקספולער פאָרם, אַז ווער עס האָט געלייענט זיינע שריפטען קאָן שוין קיינמאָל אָט־די פראַגען ניט פאַרגעסען אָדער אַפּרוקען זיי אָן אַ זייט; יעדערער פילט, אַז אַזוי אָדער אַנדערש, אָבער אַ לעזונג מוז מען אָפּזוכען. דערפאַר קאָן מען ניט מעסטען טאָלסטאָי'ס איינפלוס מיט יאָהרען אָדער צעהנדליגער יאָהרען: ער וועט ווירקען זעהר לאַנג. אויך

קאָן מען זיין איינפלוס ניט באַגרענעצען מיט איין איינציג לאַנד. זיינע ווערק ווערן געלייענט אין מיליאָנען קאָפּיעס אין אַלע שפּראַכען, וועקען דעם געוויסען פון מענער און פרויען פון אַלע קלאַסען און פון אַלע נאַציעס און ברענגען אומעטום די זעלביגע רעזולטאַטען. טאָלסטאָי איז איצטער דער באַליבטעסטער מענש — דער רירענד־באַליבטעסטער מענש — אין דער וועלט.

קאַפּיטעל פינף.

גאָנטשאַראָוו. — דאָסטאָיעווסקי. — נעקראַסאָוו.

ג אָ נ ט ש אַ ר אָ ו ו : „אָבלאָמאָוו". — די רוסישע אָבלאָמאָוו־קרענק. — איז זי טאַקע אַן אויסשליסליך רוסישע? — „ביים ראַנד". — ד אָ ס ט אָ י ע ו ו ס ק י : זיין ערשטע נאָוועלע׳ — דער אלגעמיינער כאַראַקטער פון זיינע ווערק. — „מעמואַרען פון אַ טויטהויז". — „די דערנידעריגטע און באַליידיגטע". — „פאַרברעכען און שטראָף". — „די ברידער קאַראַמאַזאָוו". — נ ע ק ר אַ ס אָ ו ו : דיסקוסיעס וועגען זיין טאַלאַנט. — זיין ליבע צום פאָלק. — דער אפּאָפעאָז פון אַ רוסישער פרוי. — אַנדערע פּראָזע־שרייבער פון דער זעלביגער עפּאָכע. — סערגעי אַקסאַקאָוו. — דאַל. — איוואַן פּאַנאַיעוו. — כוואָסטשינסקאַיאַ (וו. קרעסטאָווסקי פּסעוודאָנים). — דיכטער פון דער זעלביגער עפּאָכע. — קאָלצאָוו. — ניקיטין. — פּליעשטשעיעוו. — די פאַרהערער פון דער ריינער קונסט : טיוטשעוו. — אַ. מאַיקאָוו. — שטשערבינא. — פּאָלאָנסקי. — אַ. פעט. — אַ. ק. טאָלסטאָי. — די איבערזעצער.

גאָנטשאַראָוו

גאָנטשאַראָוו פאַרנעמט אין דער רוסישער ליטעראַטור דעם נעקסטען פּלאַץ נאָך טורגעניעוו׳ן און טאָלסטאָי׳ען, אָבער אָט־דער טיף־אינטערעסאַנטער שריפטשטעלער איז כמעט אינגאַנצען אומבאַקאַנט צו די ענגלישע לעזער. ער איז ניט געוועזן קיין פרוכטבאַרער שרייבער, און, מיט דעם אויסנאַם פון עטליכע קורצע סקיצעס און די באַשרייבונג פון אַ רייזע („פּעגאַט פּאַללאַס"), האָט ער איבערגעלאָזט נאָר דריי ראָמאַנען : „אַ געוועהנטליכע געשיכטע" (איבערזעצט אין ענגליש דורך קאָנסטאַנץ גאַרנעטט), „אָבלאָמאָוו" און „ביים ראַנד", און גראָד דער צווייטער פון אָט־די ראָמאַנען, „אָבלאָמאָוו", האָט ערוואָרבען פאַר איהם דאָס פּלאַץ זייט־ביי־זייט נעבען די צוויי אויבענדערמאָנטע שריפטשטעלער.

אין רוסלאַנד האָט מען גאָנטשאַראָוו׳ן שטענדיג כאַראַקטע־

ריזירט אַלס אַ שריפטשטעלער מיט אַ הויך־אָביעקטיווען טאַלאַנט, אָבער אָט־די איינענשאַפט מוז מען אָננעמען נאָר מיט אַ געוויסער באַגרעניצונג. אַ שרייבער איז קיינמאָל ניט אינגאַנצען אָביעקטיוו — ער האָט זיך זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, און וואָס ער זאָל ניט טאָן, וועלען זיי זיך שטענדיג דורכרייסען דורך זיינע אָביעקטיווע באַשרייבונגען. פון דער צווייטער זייט, ווערט אַ גוטער שריפטשטעלער זעלטען אַרויספיהרען זיינע פּערזענליכע נשמה־רעגונגען, כדי זיי זאָלען ריידען פאַר זיינע העלדען: דאָס ווערט איהר ניט טרעפען ניט ביי טורגעניעוו'ן, און ניט ביי טאָל־סטאָי'ען. דאָך, אין טורגעניעוו'ס אָדער טאָלסטאָי'ס ווערק פיהלט איהר, אַז זיי לעבען מיט זייערע העלדען, אַז זיי ליידען און פרעהען זיך מיט זיי — אַז זיי אַליין פאַרליבען זיך, ווען זייער העלד פאַר־ליבט זיך, אַז זיי פיהלען זיך אומגליקליך, ווען איהם טרעפט עפּעס אַן אומגליק; אין גאָנטשאַראָוו'ס ווערק אָבער פיהלט איהר דאָס ניט אין דער זעלביגער מאָס. קיין ספק ניט, אַז ער האָט אויך דורכ־געלעבט יעדען געפיהל פון זיינע העלדען, נאָר ער וויל אָבער מיט אַלע זיינע כוחות זיך פאַרהאַלטען צו זיי אומפּאַרטייאיש, און אַזאַ האַלטונג איז כלל ניט דערגרייכבאַר. די עפּישע רוהיגקייט און דער עפּישער איבערפלוס פון דעטאַלען זיינען, אָהן ספק, כאַראַק־טעריסטיש פאַר גאָנטשאַראָוו'ס ראָמאַנען; נאָר אָט־די דעטאַלען מאַטערן אייך ניט אויס, פאַרקלענערן ניט דעם איינדרוק, און דער אינטערעס פונ'ם לעזער צום העלד ווערט ניט אָפּגעצויגען דורך אָט־די קלייניגקייטען, ווייל אונטער גאָנטשאַראָוו'ס פּען זיי־נען זיי קיינמאָל ניט אומוויכטיג. דאָך פיהלט מען, אַז דער פאַר־פאַסער באַציהט זיך צום מענשליכען לעבען זעהר רוהיג, און וואָס עס זאָל זיך ניט טרעפען מיט זיינע העלדען, קאָן מען פון איהם ניט ערוואַרטען קיין ליידענשאַפטליכען אויסדרוק פון סימפּאַטיע אָדער אַנטיפּאַטיע צו זיי.

דער פּאָפּולאַרסטער פון אַלע גאָנטשאַראָוו'ס ראָמאַנען איז „אָבלאָמאָוו". צוגלייך מיט „פאָטערס און קינדער" פון טור־געניעוו'ן און מיט „קריג און פרידען" און „תחית־המתים" פון טאָלסטאָי'ען איז אָט־דער ראָמאַן, לויט מיין מיינונג, איינס פון די טיפסטע ליטעראַרישע ווערק פון דער לעצטער האַלב פונ'ם פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט. אָבלאָמאָוו איז דורכאויס אַ רוסי־

שער ראָמאַן, אויף אַזוי ווייט אַ רוסישער, אַז נאָר אַ רוס קאָן איהם פולשטענדיג אָפּשאַצען; אָבער אין דער זעלביגער צייט איז ער אוניווערסאַל־מענשליך, ווייל ער פּיהרט אַרויס אַ טיפּ, וואָס איז אַזוי אַלגעמיין־מענשליך, ווי האַמלעט אָדער דאָן קיכאָט.

אָבלאָמאָוו איז אַ רוסישער פּריץ מיט אַ מיטעלמעסיגען פאַר־מעגען — דער אייגענטימער פון אַ זעקס־זיבען־הונדערט פּאַנשטשע־וויקעס, און די האַנדלונג קומט פאָר, לאָמיר זאָגען, אין די פופ־ציגער יאָהרען פון דעם נייכצעהנטען יאָהרהונדערט. אָבלאָמאָוו'ס גאַנץ פריהע קינדהייט איז געווען אַזאַ, וואָס האָט געמוזט פאַר־ניכטען אין איהם יעדע פעהיגקייט אַליין עפּעס אָנהויבען צו טאָן. שטעלט אייך פאָר אַ גערעמען, גוט איינגעאָרדענטען פּריצ'ישען מאַיאָנטעק אין מיטעל־רוסלאַנד ערגעץ ביים בילדעריש־שעהנעם ברעג פון דער וואָלגא, אין אַ צייט, ווען עס זיינען נאָך ניט גע־ווען קיין אייזענבאַהנען, וואָס צושטערן דאָס רוהיגע פּאַטריאַרכאַלע לעבען, און קיינע „פראַגען", וואָס זאָלען באַאומרוהיגען די געדאַנקען פון זיינע איינוואוינער. סיי פאַר די אייגענטימער פון דעם מאַיאָנטעק, סיי פאַר די צעהנדליגער פון זייערע די־נער און אַלערליי נאָכשלעפּער, איז דאָס לעבען אויף דעם גוט געווען אַ מין „קעניגרייך פון שפע". ניאַנקעס, דינער, שיק־אינגלאַך און שיק־מיידלאַך רינגלען אַרום דאָס קינד פון זיינע ערשטע טעג, און אַלע קלערן נאָר ווי אַזוי איהם צו שפּייזען, ווי אַזוי איהם צו מאַכען וואַקסען, צו מאַכען איהם שטאַרק, ניט באַ־לעסטיגען איהם מיט דעם עול פון פיעל לערנען און, פּאַקטיש מיט קיין סאָרט אַרבייט ניט. „פון מיין פריהסטער יוגענד האָב איך קיין מאָל אויף מיין פוס ניט אַרויפגעצויגען קיין זאָק, דאַנקען גאָט",— זאָגט אָבלאָמאָוו. אין דער פריה באַשעפטיגט זיך דאָס גאַנצע הויז מיט דער פראַגע וועגען דעם מיטאָג מאָלצייט, און באַלד נאָכ'ן מאָלצייט, וואָס ווערט געפּראַוועט פאַרהעלטניסמעסיג פריה, רוקט זיך אָן די „קעניגרייך פון שלאָף" — שלאָף, וואָס דערהויבט זיך ביז אַן עפּישער מדרגה, און וואָס וואַרפט אַריין אין פולשטענדיגער פאַר־געסענהייט אַלע איינוואוינער פונ'ם פּריצ'ישען הויף — שלאָף, וואָס האַלט אויסגעשפּרייט די פליגעל אין אַ משך פון עטליכע שעה נאָכאַנאַנד פון דעם פּריצ'ס שלאָפצימער ביז די ווייטסטע ווינקעלאַך פון לאַקיי־ און דינסט־צימערן.

אין אַט־דער סביבה איז אוועק אָבלאָמאָוו׳ס קינדהייט און יוגענט. שפּעטער קומט ער אָן אין אוניווערזיטעט; אָבער זיינע טרייע דינער פאָלגען איהם נאָך אין דער הויפּטשטאָט, און די פוילע, שלעפערדיגע אַטמאָספערע פון זיין היימישער אָבלאָמאָווקא (דער מאַיאָנטעק) האלט איהם אפילו דאָרט אין איהרע פאַר׳כשופ׳־טע אָרעמס. אַ פּאָר לעקציעס אין אוניווערזיטעט, אַ געשפּרעך וועגען אַ הויכען געגענשטאנד מיט אַ יונגען פריינט אין אָווענט און עפּעס אַ נעבעלדיגער אימפּולס צו אַן אידעאַל פלעגען צייטענ־ווייז באַאומרוהיגען דאָס הארץ פון׳ם יונגען מאַן, און פאַר זיינע אויגען הויבט זיך אויף אַ שעהנע אילוזיע — אַט־די איינדרוקען פון דעם אוניווערזיטעטס־לעבען האָט אָבלאָמאָוו לחלוטין ניט גע־קאָנט אויסמיידען; אָבער די איינוויגענדע שלעפערדיגע ווירקונג פון אָבלאָמאָווקא, איהר רוהיגקייט און פוילקייט, איהר געפיהל פון פולשטענדיג־גאַראַנטירטער, ניט באַאומרוהיגטער עקזיסטענץ, האָ־בען אָפּגעטויט אפילו אַט־די איינדרוקען פון דער יוגענד. אַנדערע סטודענטען היצען זיך אין זייערע דיסקוסיעס, טרעטען אריין אין „קרייזלאַך”. אָבלאָמאָוו קוקט גאַנץ געלאַסען ארום זיך און שטעלט זיך די פראַגע: „צוליב וואָס איז דאָס?” און ווען ער קעהרט זיך אום צוריק אַהיים, נאָכדעם ווי ער ענדיגט דעם אוניווערזיטעט, כאַפּט איהם ווידער ארום די זעלביגע אַטמאָספערע. „וואָס דאַרפ־סטו קלערן אָדער זיך באַאומרוהיגען מיט דער אָדער מיט יענער פראַגע?” לאָז עס איבער פאַר „אַנדערע”. האָסטו דען ניט דיין אַלטע ניאַניע וואָס קלערט שטענדיג וועגען דיין באַקוועמליכקייט?

„מיינע שטוב־מענשען האָבען מיר אפילו ניט דערלאָזט האָבען אַ פּאַרלאַנג”, האָט גאָנטשאַראָוו געשריבען אין זיין קורצער אויטאָ־ביאָגראַפיע, פון וועלכער מען קאָן איינזעהען די נאָהענטע שייכות פונ׳ם פּראָפעסער מיט זיין העלד: „אַלץ איז שוין פון לאַנג גע־ווען פאָראויסגעזעהען און צוגעגרייט. די אַלטע דינער מיט מיין ניאַניע בראש קוקען מיר אין די אויגען, כדי צו דערמאָנען זיך אַלץ, וואָס איך פלעג אַמאָל ליב האָבען, אַלע מיינע אַלטע געוואוינ־הייטען: וואו איז געשטאַנען מיין שרייב־טיש, אויף וועלכען שטול פלעג איך שטענדיג זיצען, ווי אַזוי מיר אויסבעטען דאָס בעט. דער קוכער פּראָבירט זיך צו ערמאָנען, וועלכע געריכטען איך פלעג

אַם בעסטען ליב האָבען אין מיין קינדהייט — און פיינער האָט זיך אין מיר גאָר ניט געקאָנט זאַט אָנקוקען."

אַזוי איז געווען אָבלאָמאָוו'ס יוגענט, און פּונקט אַזוי איז, אין אַ גרויסער מאָס, אויך געווען די יוגענד פון גאָנטשאַראָוו'ן גופא, און דאָס האָט זיך געמוזט אָפּשפּיגלען אויך אויף זיין כאַראַקטער.

דער ראָמאַן פאַנגט זיך אָן מיט אַ פריהמאָרגען אין אָבלאָמאָוו'ס קוואַרטיר אין פּעטערסבורג. עס איז שוין שפּעט, אָבער ער ליגט נאָך אין בעט; ער האָט שוין עטליכע מאָל פּראָבירט זיך אויפהויבען, שוין עטליכע מאָל איז זיין פוס געווען אין דעם שטעקשוך, נאָר יעדעם מאָל פאַרקלערט ער זיך אַ ווײַלע און קעהרט זיך צוריק אום אונטער דער קאָלדרע. זיין טרייער דינער זאַכאַר, וואָס פלעגט איהם אין זיין קינדהייט אַרומטראָגען אויף די הענט, טראָגט איהם צו אַ גלאָז טיי צום בעט. עס קומען צוגעהן געסט; זיי פּראָבירען צו באַוועגען אָבלאָמאָוו'ן אַרויסגעהן, ריידען איהם איין אַרויסצופאָהרען אויף דעם יאָהרליכען מאַישפּאַציר; אָבער „צוליב וואָס?" פרעגט אָבלאָמאָוו. „צוליב וואָס זאָל איך נעמען אויף זיך אַזאַ טרחה און אַזאַ דרעהעניש?" און ער בלייבט אין בעט.

איהם באַאומרוהיגט נאָר, וואָס דער הויז־ווירט פאָדערט, אַז ער זאָל זיך אַרויסקלייבען פון זיין קוואַרטיר. די צימערען, וועלכע אָבלאָמאָוו פאַרנעהמט, זיינען כמורנע, שטויביגע — זאַכאַר איז ניט קיין גרויסער פאַרהערער פון ריינליכקייט; אָבער בייטען די קוואַרטיר איז ביי אָבלאָמאָוו'ן אַזאַ אומגליק, אַז ער זוכט מיט אַלע מיטלען דאָס אויסצומיידען, אָדער לכל הפחות, דאָס אָפּציהען.

אָבלאָמאָוו איז אַ גוט־געבילדעטער און וואויל־דערצויגענער מענש, ער באַזיצט אַ ראַפינירטען געשמאַק, און איז אַ פיינער מבין אויף קונסט. אַלץ, וואָס איז וואולגאַר שטויסט איהם אָפּ. ער קאָן ניט באַגעהן קיין אומאָרענטליכע טאַט, ער איז אָרגאַניש ניט פעהיג דאָס צו טאָן. ער איז אויך דורכגעדרונגען מיט די ערהאַבענסטע און העכסטע אידעען פון זיין צייט,

ווי אַ סך אַנדערע שעהמט ער זיך צו זיין אַ לייב־אייגענטימער און אין קאָפּ האָט זיך ביי איהם צוזאַמענגעשטעלט אַ טונקעלער פּלאַן, וועלכען ער קלייבט זיך אַלץ אַרויסברענגען אויף פּאַפּיר; אָט־דער פּלאַן, ווען ער ווערט נאָר דורכגעפיהרט, וואָלט זיכער פאַרבעסערט די לאַגע פון זיינע פויערים און וואָלט, סוף־כל־סוף זיי אינגאַנצען באַפרייט.

„די פרייד פון העכערע אידעען איז פאַר איהם געווען צו־גענגליך" — שרייבט גאָנטשאַראָוו וועגען אָבלאָמאָוו'ן; די אַל־געמיינע מענשליכעליידען זיינען איהם ניט געווען פרעמד. אַמאָל פלעגט ער אין דער טיף פון זיין נשמה, זיך ביטער צוואויינען אויף די מענשליכע צרות. ער פלעגט פיהלען אַזעלכע ליידען, וואס זיינען גאר אומבאַקאַנט און האָבען ניט קיין נאָמען, אַ בענקעניש אוועקצוגעהן ערגעץ ווייט, אַהין, — וואהרשיינליך, אין יענער וועלט, וואוהין זיין פריינד שטאָלץ פלעגט איהם אַמאָל ציהען. זיסע טרערן פלעגען זיך קייקלען אויף זיינע באַקען . . . עס פלעגט זיך אויך טרעפען אַז ער פלעגט פיהלען אַ האַס צו מענשליכע זינד, צו ליגען, צו רכילות, צו דאָס שלעכטס, וואָס איז צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט; דעמאָלט פלעגט ער דערפיהלען אַ פאַרלאַנג אָנצוצייגען דער וועלט איהרע וואונדען. עס פלעגען אויפפלאַמען אין איהם געדאַנקען, קאַטשען און וויגען זיך אין זיין קאָפּ, ווי די כוואַליעס אין ים, און פאַרוואַנדלען זיך אין פאַרלאַנגען, קאָכען אויף גאָר זיין בלוט; זיינע מוסקולען פאַנגען זיך אָן צו באַוועגען, די נערוועס ציהען זיך אָן, וואונשען ווערען פאַרוואַנדעלט אין שטרעבונגען: באַוועגט פון אַ מאָראַלישער קראַפט בייט ער אין איין מינוט שנעל איבער צוויי־דריי פּאָזעס, מיט לויכטענדיגע אויגען הויבט ער זיך אויף ביז האַלב אויפ'ן בעט, ציהט אויס אַ האַנט און קוקט זיך באַגייסטערט אַרום . . . אָט־באַלד ווערן די שטרעבונגען פאַרווירקליכט, ווערן פאַרוואַנדעלט אין העלדען־טהאַטען . . . און דעמאָלט, אָ, גאָט! ס'אַרא וואונ־דער, ס'אַרא גוטע רעזולטאַטען מען קאָן ערוואַרטען פון אַזאַ גרוי־סער אָנשטרענגונג! . . .

„אָבער — דער פרימאָרגען פליהט פאַרביי, דער טאָג האַלט שוין ביים אָפּשטאַרבען און אָבלאָמאָוו'ס אויסגעמאַטערטע קרעפ־טען נויגען זיך צו רוה: דער שטורם און די אויפרעגונגען אין

זיין נשמה שטילען זיך איין, דער קאָפּ ניכטערט זיך אויס פון געדאַנקען, דאָס בלוט פאַנגט אָן פליסען רוהיגער אין זיינע אָדערן. אָבלאָמאָוו דרעהט זיך אויס שטיל, פאַרטראַכט, אויפ׳ן רוקען, קוקט טרויעריג דורכ׳ן פענסטער צום הימעל און באַגלייט מעלאַנכאָליש די זון, וואָס זעצט זיך אַזוי פּרעכטיג הינטער עמיצענס פיר־שטאָקיגען הויז.

„און וויפיל מאָל האָט ער שוין באַגלייט אַזאַ זון־פאַרגאַנג!"

אין אַזעלכע שורות, ווי אָט־די, שילדערט גאָנטשאַראָוו דעם צושטאַנד פון אומטעטיגקייט, אין וועלכען אָבלאָמאָוו איז אַריינגעפאַלען צו פינף־און־דרייסיג יאָר. דאָס איז די העכסטע פאַזע פון פוילקייט — אַ פוילקייט, וואָס איז באַשאַפען געוואָרן דורך אַ גאַנץ לעבען פון דער אַמאָליגער פּריצים־ווירטשאַפט.

אָבלאָמאָוו׳ן, ווי איך האָב נאָר־וואָס געזאָגט, לעבט זיך אומבאַקוועם אויף זיין קוואַרטיר; נאָך מעהר, דער הויז־ווירט וויל מאַכען עפּעס אַ רעמאָנט אין הויז, און פאָדערט, אַז ער זאָל אַרויס פון דער קוואַרטיר; דאָס איבערקלייבען זיך איז פאַר אָבלאָמאָוו׳ן אַזוי שרעקליך, אַזוי אויסער־געוועהנטליך, אַז מיט אַלערליי קונצען פּראָבירט ער אָפּשטופען דעם אומאַנגענעהמען מאָמענט. דער אַלטער זאַכאַר פּראָבירט איהם איבערצייגען, אַז זיי קאָנען שוין מעהר ניט בלייבען אין דעם הויז, געגען דעם ווילען פון דעם הויז־ווירט, און אומבאַטראַכט כאַפּט זיך ביי איהם אַרויס די אומגליקליכע באַמערקונג, אַז, נאָך אַלעמען, קלייבען זיך דאָך „אַנדערע" אַריבער, ווען מען דאַרף.

— „איך האָב געקלעהרט, אַז אַנדערע מענשען זיינען ניט ערגער פון אונז, און קלייבען זיך אַמאָל איבער, מעגען מיר אויך... האָט זאַכאַר געזאָגט.

— וואָס? וואָס? — האָט פּלוצלונג ערשטוינט איליאַ איליאיטש געפרעגט, אויפהויבענדיג זיך פון שטול. — וואָס האָסטו געזאָגט?

זאַכאַר האָט זיך פאַרלוירן. ער האָט ניט באַגריפען, וואָס איינענטליך עס האָט אַרויסגערופען דעם פּאַטעטישען אויסגעשריי און זשעסט פונ׳ם פּריץ. ער האָט געשוויגען.

— אַנדערע זיינען ניט ערגער! — האָט מיט שרעק ווידערהאָלט איליאַ איליאיטש (אָבלאָמאָוו). — אָט צו וואָס דו האָסט

זיך דערערדט! איצט וועל איך וויסען, אז איך בין ביי דיר אלץ איינס ווי „די אנדערע".

אביסעל שפּעטער רופט אבלאמאוו ווידער אריין זאכאר'ן און צווישען זיי קומט פאר א דערקלעהרונג, וואס איז דא כדאי צו ברענגען:

— „האסטו א טראכט געטאן, וואס עס מיינט אן „אנדערער"?

— האט אבלאמאוו אנגעפאנגען.

ער האט זיך אפּגעשטעלט און ווייטער געקוקט אויף זאכאר'ן.

— זאל איך דיר זאגען, וואס דאס איז אזעלכעס?

זאכאר האט זיך אומגעדרעהט, ווי א בער אין זיין נארע, און א טיפען זיפץ געטאן.

— אן „אנדערער", — ווענען דו מיינסט, — דאס איז א פארשאלטענער בעטלער, א גראבער אומגעבילדעטער מענש, וואס לעבט שמוציג, ארעם, ערגעץ אויף א בוידעם; ער קאן זיך אויס־שלאפען ערגעץ אויף א שטיקעל פילץ אין הויף. וואס ארט דאס איהם? גאר ניט. ער שפּייזט זיך מיט קארטאפעל און הערינג. די נויט טרייבט איהם פון איין ווינקעל אין צווייטען, און א גאנצען טאג האלט ער אין איין אומלויפען. ער, ער קאן, פארשטעהט זיך איבערקלייבען אויף א נייער קווארטיר. לאגאיעוו, למשל, נעמט די ווירע אונטער'ן ארעם, א פאר העמדער, איינגעפּאקט אין א נאז־טיכעל, און געהט... „וואוהין געהסטו? — פרעגט מען איהם. איך קלייב זיך איבער", — זאגט ער. אט דאס הייסט אן „אנדע־רער". און איך מיינסטו בין איינער פון אט־די „אנדערע"? — הא?

זאכאר האט געווארפען א בליק אויף זיין האר, איבערגע־שטעלט זיך אלע מאל אויף אן אנדער פוס, נאר האט גארניט גע־זאגט.

— פארשטעהסטו איצטער וואס אן „אנדערער" מיינט? — האט אבלאמאוו פארגעזעצט: — אן „אנדערער" דאס איז א מענש, וואס פוצט אליין זיינע שטיוועל, טוט זיך אליין אן, גאר אהן באַ־דינסט! ער מעג אפילו אמאל אויסזעהן ווי א פריץ, דאס איז אבער א ליגען: ער ווייסט אפילו ניט, וואס א דינער הייסט; ער האט ניט ווענען א שיק טאן — לויפט ער אליין איינקויפען וואס מען דארף: אליין צושטורכעט ער דאס האלץ אין אויווען, אליין ווישט ער אמאל אפ דעם שטויב.

— צווישען די דייטשען זיינען פאַראַן אַ סך אַזעלכע, — האָט זאַכאַר כמורנע אַ זאָג געטאָן.

— אָט־אָט! און איך? ווי קלערסטו, איך בין אויך אַזוי ווי יענע?

— איהר זענט אינגאַנצען אַן אַנדערער! — האָט זאַכאַר טרויעריג געזאָגט, און נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען, וואָס דער פּריץ וויל אויסברייען... — גאָט ווייס, וואָס אויף אייך איז אָנגעקומען אַזעלכעס...

— איך בין אַן „אַנדערער"! לויף איך אַרום? אַרבייט איך? עס איך דען ווייניג? זעה איך דען אויס קרענקליך? פעהלט מיר דען עפּעס? דאַכט זיך, איך האָב ווער עס זאָל פאַר מיר עפּעס טאָן. זיינגט איך בין געבאָרן געוואָרן האָב איך קיינמאָל, דאַנקען גאָט, אַליין זיך ניט אָנגעטאָן. וועל איך דען, ווי אַנדערע, זיך באַאומרוהיגען? צוליב וואָס? — און וועמען דערצעהל איך דאָס? ביסטו דען ניט אַרום מיר אַרומגעגאַנגען פון מיין קינדהייט אָן?... דו האָסט דאָס אַלץ געזעהן, ווייסט, אַז איך בין דעליקאַט ערצויגען געוואָרן, אַז איך האָב קיינמאָל ניט געליטען קיין קעלט און קיין הונגער, קיינמאָל ניט געוואוסט פון קיין נויט, קיינמאָל ניט געאַרבייט אויף מיין ברויט און בכלל מיט קיין שמוציגע אַרבייט זיך ניט באַשעפטיגט. טאָ ווי־זשע וואָגסטו דאָס מיך צו פאַרגלייכען צו אַנדערע? בין איך דען אויך אַזוי געזונט, ווי אָט־די אַנדערע? קאָן איך דאָס אויך טאָן און איבערטראָגען?

שפּעטער, ווען זאַכאַר ברענגט איהם אַ גלאָז קוואַס, פאַנגט אָן אָבלאָמאָוו איהם ווידער צו מאַטערן:

—ניין, ניין, דו וואַרט אַ רגע! — האָט אָבלאָמאָוו אָנגעפאַנגען צו ריידען: — איך פרעג דיך נאָר, ווי האָסטו געקאָנט אַזוי ביטער באַליידיגען דיין האַר, וועמען דו האָסט אַרומגעטראָגען אויף די הענט, בעת ער איז געווען אַ פּיצעלע קינד, און וועמען דו באַדינסט דיין גאַנצען לעבען, און וועלכער איז שטענדיג געווען דיין בעל־טובה?

זאַכאַר האָט שוין מעהר ניט געקאָנט אויסהאַלטען: דאָס וואָרט „בעל טובה" האָט איהם אינגאַנצען דערשלאָגען. ער האָט אָנגעפאַנגען צו פינטלען מיט די אויגען אַלץ שנעלער און שנעלער.

וואָס ווינציגער ער האָט פאַרשטאַנען די פּאַטעטישע רעדע פון איליאַ איליטש אַלץ טרויעריגער איז איהם געוואָרן אויפ'ן האַרצען.

צום סוף האָבען זיין האַר'ס מוסר־רייד אַרויסגערופען ביי איהם טרעהרען, און איליאַ איליטש נוצט דערוייל אויס אָט־דעם אומשטאַנד, לעגט אָפּ דאָס שרייבען פון דעם בריף צום הויז־ווירט אויף מאָרגען און זאָגט זאַכאַר'ן:

— נו, איך וועל זיך איצט אַביסעל צולעגען: איך בין שטאַרק פאַרמאַטערט. לאָז אַראָפּ די שטאָרען, דעק מיך גוט איין און זעה, אַז קיינער זאָל מיך ניט באַאומרוהיגען. אפשר וועל איך איבערשלאָפען אַ שעה, אַרום האַלב־פינף וועק מיך אויף."

ווייטער ווערט דאָרט דערצעהלט ווי אָבלאָמאָוו האָט זיך באַקענט מיט אַ יונגער מיידעל, אָלגאַ, וועלכע איז פיליינכט די בעסטע פאָרשטעהערין פון די רוסישע פרויען, וואָס ווערן געשילדערט אין אונזער בעלעטריסטיק. שטאָלץ, אַ נאָהענטער פריינד פון אָבלאָמאָוו'ן און פון אָלגאַ'ן, האָט איהר אַ סך דערצעהלט וועגען אָבלאָמאָוו'ן, וועגען זיין טאַלאַנט און אויך וועגען זיין פוילקייט, וואָס וועט סוף כל סוף רואינירן זיין לעבען. פרויען זיינען שטענדיג גרייט אויפצונעמען רעטונגס־אַרבייט, און אָלגאַ פּראָבירט אַרויסציהען אָבלאָמאָוו'ן פון זיין שלעפּערדיגען און אָפּגעלאָזענעם לעבען. זי זינגט אויסגעצייכענט; אויף אָבלאָמאָוו'ן, וואָס איז אַ גרויסער ליבהאָבער פון מוזיק, מאַכט איהר זינגען אַ טיפען איינדרוק.

ביסלאַכווייז פאַנגען אָבלאָמאָוו און אָלגאַ זיך אָן צו ליבען, און זי פּראָבירט פון איהם אָפּטרייסלען זיין פוילקייט, אויפוועקען אין איהם שטרעבונגען צו העכערע אינטערעסען פון לעבען. זי פאָדערט, אַז אָבלאָמאָוו זאָל אַרויסענדיגען דעם גרויסען פּלאַן וועגען דעם וואוילזיין פון זיינע פויערים־פּאַנשטשעוויקעס, אויף וועלכען, ווי ער אַליין זאָגט, ער האָט יאָהרען־לאַנג געאַרבייט. זי מאַכט אַ פאַרזוך אויפוועקען אין איהם אַן אינטערעס צו דער קונסט און ליטעראַטור, צו באַשאַפען פאַר איהם אַ לעבען, אין וועלכען זיין טאַלאַנטפולע נאַטור זאָל קאָנען געפינען אַ פעלד פון טעטיגקייט. פון אָנפאַנג דוכט זיך אַז די ענערגיע און דער צויבער פון אָלגאַ'ן וועלען אומבאַמערקבאַר און שטופענווייז באַנייען אָב־

לאָמאָוו׳ן. ער וואַכט אויף, קעהרט זיך אום צום לעבען. אָלגאַ׳ס ליבע צו אָבלאָמאָוו׳ן, וועלכע ווערט געשילדערט אין איהר ענט־וויקלונג מיט אַזאַ מייסטער־קראַפט, וואָס קאָן באַלד פאַרגליכען ווערן צו טורגעניעוו׳ס, וואַקסט אַלץ טיפער און טיפער, און דער אומפאַרמיידליכער נעקסטער שריט — הייראַט — דערנעהענטערט זיך . . . נאָר גראַד אָט־דער לעצטער שריט שרעקט אָבלאָמאָוו׳ן. כדי צו מאַכען אָט־דעם שריט דאַרף ער זיך צואוויגען, דאַרף ער אוועקפאָהרען אויף זיין מאַיאָנטעק, מוז ער צושטערן די פוילע איינאַרטיגקייט פון זיין לעבען — דאָס איז ער ניט בכח צו טאָן. ער קווענקעלט זיך און וואַקעלט זיך צו מאַכען אָט־דעם נויטיגען שריט. ער לעגט איהם אָפּ פון טאָג אויף טאָג און, סוף־כל־סוף פאַלט ער ווידער אַריין אין דער אָבלאָמאָוו־קרענק, קעהרט זיך אום צו זיין כאַלאַט, צום בעט און צו די שטעק־שיך. אָלגאַ איז גרייט צו טאָן דאָס אוממעגליכע; מיט איהר ליבע און ענערגיע פּראָבירט זי איהם היגרייסען; נאָר, סוף־כל־סוף, מוז זי באַגרייפען, אַז אַלע איהרע אָנשטרענגונגען זיינען נוצלאָז, און אַז זי האָט זיך צופיל פאַרלאָזט אויף איהרע קרעפטען: אָבלאָמאָוו׳ס קרענק איז אומהיילבאַר. זי מוז איהם פאַרלאָזען, און גאָנטשאַראָוו באַשרייבט זייער שיידונג אין איינער פון די שעהנסטע סצענעס פונ׳ם ראָמאַן. אַ טייל פון אָט־דער סצענע וויל איך דאָ ברענגען:

— „דאַרפען מיר זיך צושיידען, — האָט זי באַשלאָסען. — און אויב דו וואָלסט שוין אפילו חתונה געהאַט, וואָס וואָלט דען נאָכדעם געווען?

„ער האָט געשוויגען.

— „דו וואָלסט מיט יעדען טאָג איינגעשלאָפען אַלץ טיפער — ניט אמת? און איך? דו זעהסט וואָס איך בין — איך וועל קיינמאָל ניט אַלט ווערן, קיינמאָל ניט מיד ווערן פונ׳ם לעבען. און מיט דיר וואָלטען מיר געלעבט אַזוי פון טאָג צו טאָג, פון יאָהר צו יאָהר, אַרויסגעקוקט אויף איין יום־טוב, נאָכדעם אויף אַ צווייטען, געפאָהרען צו־גאַסט, געטאַנצט, און פון קיין זאַך ניט גע־קלערט; מיר וואָלטען זיך געלעגט שלאָפען און געדאַנקט גאָט, וואָס דער טאָג איז שנעל אַריבערגעלאָפען, און אין־דער־פריה וואָלטען מיר זיך אויפגעכאַפּט מיט׳ן פאַרלאַנג, אַז דער היינט זאָל

עהנליך זיין צום נעכטען . . . אַט איז אונזער צוקונפט — יאָ? איז דאָס דען אַ לעבען? איך וועל פאַרדאַרט ווערן, איך וועל שטאַרבען . . . צוליב וואָס, איליאַ? וועסטו דען זיין גליקליך?

„ער האָט מיט אַנגסט אַ פיהר געטאָן מיט די אויגען איבער דער סטעליע, געוואָלט אַראָפּגעהן פון אָרט, אַנטלויפען — אָבער זיינע פיס האָבען איהם ניט געפאָלגט. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר אין מויל איז ביי איהם געווען טרוקען, זיין צונג איז געווען באַוועגלאָז, זיין קול איז ניט אַרויסגעקומען פון זיין האַלז. ער האָט צו איהר אויסגעשטרעקט זיין האַנט.

—„הייסט דאָס . . . — האָט ער אָנגעפאַנגען מיט אַ געזונ־קענער שטים, נאָר ער האָט ניט געענדיגט און מיט'ן בליק דער־זאָגט: „זיי געזונט!"

„זי האָט אויך געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר האָט גאָרניט גע־זאָגט, אויסגעשטרעקט צו איהם די האַנט, נאָר איידער זי האָט באַריהרט זיין האַנט איז זי אַראָפּגעפאַלען; זי האָט אויך געוואָלט זאָגען: „זיי־געזונט!", נאָר דאָס קול האָט זיך אינמיטען וואָרט איבערגעריסען און גענומען אַ פאַלשען טאָן. איהר געזיכט האָט זיך פאַרענדערט דורך אַ קאָנוואולסיווען ציטער, זי האָט אַרויפגע־לעגט איהר האַנט און קאָפּ צו איהם אויפ'ן אַקסעל און זיך צו־כליפּעט. עס האָט זיך געדוכט, אַז מען האָט פון האַנט איהר אַרויסגעריסען דאָס געוועהר. די חכמה איז פאַרשוואונדען, גע־בליבען איז נאָר אַ פרוי, אַ שוצלאָזע געגען איהר וועהטאָג.

— „זיי געזונט, זיי געזונט . . . — האָט זיך פון איהר כליפּען אַרויסגעריסען . . .

. . . „ניין, — האָט אָלגאַ געזאָגט און פּראָבירט צו קוקען אויף איהם דורך די טרעהרען. — איצט ערשט זעה איך, אַז איך האָב אין דיר נאָר ליב געהאַט, וואָס איך האָב פאַרלאַנגט, אַז אין דיר זאָל זיין, וואָס שטאָלץ האָט מיר אָנגעצייגט, וואָס מיר ביידע האָבען אויסגעטראַכט. איך האָב ליב געהאַט דעם צוקונפטיגען אָבלאָמאָוו! דו ביסט גוט, אָרענטליך, איליאַ, דו ביזט צערטליך, ווי אַ טויב, דו באַהאַלסט זיך אונטער דיין פליגעלע און ווילסט מעהר גאָרניט; דו ביזט גרייט דיין גאַנץ לעבען צו וואָרקען אונ־טער אַ דאַך . . . איך בין אָבער ניט אַזאַ: פאַר מיר איז דאָס צו ווינציג איך דאַרף נאָך עפּעס, וואָס — ווייס איך ניט! קענסטו

מיר זאָגען, וואָס דאָס איז אזעלכעס, וואָס מיר פעהלט? קענסטו מיר דאָס אלץ געבען, כדי איך . . . און צערטליכקייט . . . וואו פעהלט זי דען!"

זיי צושיידען זיך; אָלגא לעבט דורך א מסוכנ'ע קרענק, און אָבלאָמאָוו האָט אין עטליכע חדשים ארום חתונה געהאַט מיט דער אייגענטימערין פון זיינע צימערן — א זעהר בכבוד'יגע פערזאָן מיט שעהנע עלענבויגענס, אָן אויסגעצייכענטע באַלעבאָסטע, וואָס איז באַקאַנט מיט אַלע סודות פון הלכות קאָכען. אָלגא האָט שפּעטער חתונה מיט שטאָלץ'ן. אָבער אָט־דער שטאָלץ איז גיכער א סימבאָל פון אינטעליגענטער אינדוסטריעלער טעטיגקייט, ווי א לעבעדיגער מענש. איהם האָט גאָנטשאַראָוו צוגעטראַכט, און איך געה איהם פארביי.

דעם איינדרוק, וואָס אָט־דער ראָמאַן האָט געמאַכט אין רוס־לאַנד, בעת ער איז ערשינען אינ'ם יאָהר 1859, איז אוממעגליך צו באַשרייבען. דאָס איז געווען א סך א גרעסערע ליטעראַרישע געשעהעניש, ווי די ערשיינונג פון טורגעניעוו'ס א ניי ווערק. דאָס גאַנצע געבילדעטע רוסלאַנד האָט געלייענט „אָבלאָמאָוו", דיסקוטירט די „אָבלאָמאָוו־קרענק". יעדער איינציגער האָט אין אָבלאָמאָוו'ן דערקענט עטוואָס פון זיך אליין, זיך געפיהלט אָנגע־שטעקט פון אָט־דער קרענק. וואָס איז שייך צו אָלגא'ן האָבען זיך טויזענטער יונגעלייט אין איהר פאַרליבט: איהר ליבלינגס־ליד „קאַסטאַ דיוואַ" איז געוואָרען דאָס באַליבטע ליד פון דער יוגענד. און איצט, פערציג יאָהר שפּעטער, קען מען נאָך לייענען און ווידער איבערלייענען „אָבלאָמאָוו'ן" מיט דעם זעלביגען פאַר־גניגען, ווי מיט א האַלבען יאָהרהונדערט צוריק: דער ראָמאַן האָט זיין באַדייטונג ניט פאַרלאָרן, פאַרקעהרט, ער האָט נאָך צו־געקראָגען א סך נייע באַדייטונגען: עס זיינען שטענדיג פאַראַן לע־בעדיגע אָבלאָמאָווס.

בעת דער ראָמאַן איז ערשינען איז דאָס וואָרט „אָבלאָמאָוו־קרענק" געברויכט געוואָרען צו כאַראַקטעריזירן די לאַגע פון רוסלאַנד. דאָס גאַנצע רוסישע לעבען, די גאַנצע רוסישע געשיכטע טראָגט אויף זיך די שפּורן פון אָט דער קרענק — פון יענער פוילקייט פון פאַרשטאַנד און האַרץ: א פוילקייט, וואָס איז פּראַקלאַמירט

געוואָרן אַלס טוגענד, פון יענעם קאָנסערוואַטיזם און אינערציע, פון יענער פאַראַכטונג צו ענערגישער טעטיגקייט, וואָס כאַראַקטעריזירן אָבלאָמאָוו׳ן און זיינען אַזוי שטאַרק קולטיווירט געוואָרען אין דער צייט פון לייב־אייגענטום, אפילו צווישען די בעסערע מענשען פון רוסלאַנד, אפילו צווישען די דעמאָלסדיגע „אומצופרידענע״. „אַ טרויעריגער רעזולטאַט פון דעם לייב־אייגענטום״ — פלעגט מען דעמאָלט זאָגען. נאָר וואָס מיר געהען ווייטער אַוועק פון די צייטען פון לייב־אייגענטום, פאַנגען מיר אָן צו באַגרייפען, אַז די אָבלאָמאָוס צווישען אונז זיינען ניט אויסגעשטאָרבען: אַז לייב־אייגענטום איז ניט דער איינציגער פאַקטאָר, וואָס באַשאַפט אָט־דעם טיפּ מענשען, נאָר די באַדינגונגען פון דעם פאַרמעגליכען לעבען, די רוטינע פון דעם ציוויליזירטען לעבען העלפען אויפצוהאַלטען אָט־דעם טיפּ.

„אַ ראַסען־שטריך, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער רוסישער ראַסע״ — האָבען אַנדערע געזאָגט — און ביז אַ געוויסער מאָס זיינען זיי טאַקע גערעכט. די אָפּוועזענהייט פון ליבע צו קאַמף, די „לאָז מיך צורוה״ האַלטונג, דער מאַנגעל פון „אַגרעסיווער״ טוגענד, דאָס זיך ניט געגענשטעלען און די פּאַסיווע געהאָרכזאַמקייט — אָט־די אַלע שטריכען זיינען אין אַ גרויסער מאָס כאַראַקטעריסטיש פאַר דער רוסישער ראַסע. און דאָס איז פיליייכט די אורזאַך פאַרוואָס אַ רוסישער שריפטשטעלער האָט אַזוי גוט געשילדערט אָט־דעם טיפּ. נאָר ניט קוקענדיג דאַרויף, איז דער אָבלאָמאָוו־טיפּ ניט באַגרעניצט מיט רוסלאַנד אַליין; דאָס איז אַן אוניווערסאַלער טיפּ — אַ טיפּ, וואָס ווערט געשאַפען פון אונזער איצטיגער ציוויליזאַציע, צווישען איהר שפּעפּולען און זעלבסט־צופרידענעם לעבען. דאָס איז דער קאָנסערוואַטיווער טיפּ. דער קאָנסערוואַטיווער ניט אין פּאָליטישען זין, נאָר אינ׳ם זין פון קאָנסערוואַטיזם פון וואוילזיין. אַ מענש, וואָס האָט אַליין דערגרייכט אַ געוויסע מדרגה פון וואוילזיין, אָדער האָט געקריגען בירושה פון זיינע עלטערן אַ מעהר אָדער ווייניגער היבשען פאַרמעגען, וועט ניט אַזוי לייכט אונטערנעמען אַ נייע זאַך, ווייל אָט־די „נייע זאַך״ קאָן נאָך אַריינטראָגען אומרוהיגקייט און אומאַנגענעמליכקייטען אין זיין רוהיגער, גלאַטער עקזיסטענץ. דערפאַר וועט ער אַזוי שימלען אָהן יעדען אמת׳ן אימ־

פולם צום רעאַלען לעבען, מחמת שרעק, טאָמער וועט דאָס איהם צושטערען די רוהיגקייט פון זיין שלעפערדיגער עקזיסטענץ.

אָבלאָמאָוו ווייסט דעם ווערט פון קונסט און איהרע אָנרעגונ־גען; ער קען דעם העכערען ענטוזיאַזם פון פּאָעטישער ליבע: ער איז באַקאַנט מיט אַט־די געפיהלען פון אייגענער ערפאַהרונג. אָבער — „צוליב וואָס?" — פרעגט ער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. ווער דאַרף דאָס האָבען אַט־די אומרוהיגקייט? צוליב וואָס געהן צווישען מענשען. ער איז כלל ניט קיין דיאָגענעס, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע באַדערפעניש, אדרבא: אויב דאָס פלייש, וואָס מען סערווירט איהם, איז צו טרוקען אָדער דאָס עוף איז צוגעברענט, נעמט ער זיך דערפון טאַקע שטאַרק צום האַרצען. נאָר וועגען די העכערע אינטערעסען, קלערט ער, אַז זיי זיינען ניט ווערט די אומרוהיגקייט, וואָס זיי פאַרשאַפען. אין דער יוגענד האָט אָבלאָמאָוו געטרוימט וועגען באַפרייען זיינע פאַנסטשעווי־קעס, אָבער אויף אַזאַ אופן אַז אַט־דער שריט זאָל ניט פיל פאַר־קלענערן זיין הכנסה. נאָר אַט־די אַלע יוגענד־פלענער האָט ער ביסלעכווייז פאַרגעסען, און איצט קלערט ער נאָר ווי אַזוי וואַרפט מען פון זיך אַראָפּ אַלע זאָרגען פון דער פאַרוואַלטונג פון זיין גוט. „איך ווייס ניט", — זאָגט ער, — „וואָס אַזוינס איז גע־צוואונגענע אַרבייט אויפ'ן פריץ, וואָס איז פאַרם־אַרבייט, וואָס באַטייט אייגענטום־רעכט, וואָס איז אַן אָרימער פויער און וואָס — אַ רייכער; וואָס הייסט אַ מעסטעל ווייץ, ווען דאַרף מען ווייץ זייען און שניידען, אָדער ווען מען דאַרף דאָס פאַרקויפען".

און ווען אָבלאָמאָוו טרוימט וועגען דעם לעבען אין דאָרף אויף זיין אייגענעם גוט, טרוימט ער וועגען שעהנע אָראַנדזשערייען, וועגען פיקניקעס אין די וועלדער, וועגען אידילישע שפּאַצירען אין דער באַגלייטונג פון זיין גוטמוטיגער, געהאָרכזאַמער און פעטער וויב, וואָס קוקט איהם מיט פאַרגעטערונג אין די אויגען. די פראַגע פאַרוואָס און ווי אַזוי עס קומט צו איהם אַט־דאָס גאַנצע רייכ־טום, און פאַרוואָס אַט־די אַלע מענשען מוזען אַרבייטען אויף איהם באַאומרוהיגט קיינמאָל ניט זיין מח. אָבער וויפיל מענ־שען זיינען פאַראַן אויף דער וועלט, וואָס פאַרמאָגען פאַבריקען, ווייץ־פעלדער אָדער קוילען־גרובען, אָדער וואָס האַלטען אַקציעס אין פאַרשידענע אונטערנעמונגען, וועלכע קוקען אויף זייער איי־

גענטום פּונקט ווי אָבלאָמאָוו האָט געקוקט אויף זיין גוט, ד. ה. אידיליש, געניסען פון יענעמ׳ס פּראַצע אָהן דעם מינדסטען חשק אליין אַן אַנטייל נעמען אין טראָגען זייער משא?

די שטאָדטישע אבלאָמאָווס קאָנען פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון די דאָרפישע — דער טיפּ וועט זיך דערפון ניט ענדערן. יעדער אויפמערקזאַמער באַאָבאַכטער וועט געפינען אַ היבשע צאָל פאָר־שטעהער פון דעם אָבלאָמאָוו־טיפּ אין דעם אינטעלעקטועלען, סאָציאַלען און אפילו פּערזענליכען לעבען. יעדע נייאיגקייט אויף דעם אינטעלעקטועלען געביט מאכט זיי אומרוהיג; און זיי שטעלען זיך צופרידען נאָר דאַן, ווען אלע מענשען האָבען אָנגענו־מען די זעלביגע אידעען. זיי באַציהען זיך מיט חשד צו סאָציאַלע רעפארמען, ווייל אפילו ליבע שרעקט זי. די אָנדייטונג אויף אַן ענדערונג שרעקט זיי. אָבלאָמאָוו ווערט געליבט פון אָלגאַ׳ן; ער האָט זי אויך ליב, נאָר אַזאַ אַנטשלאָסענער שריט, ווי הייראַט, — שרעקט איהם אָפּ. זי איז פאַר איהם צו אומרוהיג. זי צווינגט איהם צו געהן אָנקוקען בילדער, לייענען און דיסקוטירן וועגען פאַרשיידענע זאַכען; זי וויל איהם אַריינשלעפּען אינ׳ם ווירבעל פון לעבען. זי האָט איהם אַזוי ליב, אַז זי איז גרייט איהם נאָכ־פאָלגען אפילו אָהן אָפיציעלע חתונה־צערעמאָניעס. אָבער טאַקע אָט־די קראַפט פון ליבע, אָט־די סאַמע לעבענס־שפּאַנונג שרעקט אָפּ אַן אָבלאָמאָוו׳ן.

ער פּראָבירט אפּזוכען אלערליי תירוצים, כּדי אפּצוצאַמען זיין שלעפּערדיגע עקזיסטענץ פון אָט־דעם צופּלוס פון לעבען; ער שעצט אַזוי הויך די קליינליכע מאַטעריעלע באַקוועמליכקייטען פון לעבען, אַז ער וואגט אפילו ניט ליבען, — ער וואגט ניט אויפ־נעמען די ליבע מיט איהרע אלע פאלגען, מיט איהרע „טרערן, איהרע אָנרעגונגען, איהר לעבען", און ער פאַלט באַלד אַריין צוריק אין דעם באַקוועמליכען אָבלאָמאָוויזם.

עס איז קיין ספק ניט, אַז די אָבלאָמאָוו־קרענק איז ניט קיין ראסען־קרענק. זי עקזיסטירט אויף ביידע קאָנטינענטען און אונ־טער אלערליי קלימאטען. און אויסער דעם אבלאָמאָוויזם, וואָס גאָנטשאַראָוו האָט אַזוי גוט געשילדערט, און וואָס אפילו אָלגאַ איז געווען מאכטלאָז דורכצוברעכען, איז נאָך פאראַן דער אבלאָ־מאָוויזם פון פּריצים, דער אָבלאָמאָוויזם פון די רעגירונגס־קאָנ־

צעליאַריעס, דער אבלאָמאָוויזם פון וויסענשאַפטס־לייט און וועל כולם דער אבלאָמאָוויזם פון פאַמיליען־לעבען, צו וועלכען מיר אַלע צאָהלען אזא גרויסען צינז.

„ביים ראַנד".

דער לעצטער און לענגסטער ראָמאַן פון גאָנטשאַראָוו'ן „ביים ראַנד", פאַרמאָגט ניט די גאַנצקייט פון פּלאַן און באַארבייטונג, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם ראָמאַן „אָבלאָמאָוו". עס זיינען דאָרט פאַראַן וואונדערבאַרע זייטלאַך, וואָס פּאַסען פאַר א געניאַלען שריפטשטעלער; נאָר אין אַלגעמיין איז דער ראָמאַן ניט קיין געלונגענער. גאָנטשאַראָוו האָט געאַרבייט צעהן יאָהר ביז ער האָט איהם אָנגעשריבען, און נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעפאַנגען צו שיל־דערן אין איהם די טיפּען פון איין דור, האָט ער דערנאָך זיי געמוזט איבעראַרבייטען אויף טיפּען פון א צווייטען דור — און גראָד אין א צייט, ווען די טיפּען פון די קינדער האָבען זיך טיף אונטערשידען פון די טיפּען פון די פּאָטערס: ער דערצעהלט דאָס אַליין אין א זעהר אינטערעסאַנטען קריטישען ארטיקעל איבער זיינע אייגענע ווערק. דערפון שטאַמט וואָס די הויפּט־פּערזאָנען פון דעם ראָמאַן צייכענען זיך ניט אויס מיט קיין גאַנצקייט, אזוי צו זאָגען. דער פּרויען־טיפּ, וואָס ער שילדערט מיט אזא באַגייסטערטער ליבע, וויערא, וועלכע ער שטרעבט פאַרצושטעלען אין דער סימפּאַטיש־סטער באַלייכטונג, איז זיכער אינטערעסאַנט אָבער כלל ניט סימ־פּאַטיש. מען קען זאָגען, אז גאָנטשאַראָוו'ס מוח איז פאַרפּאָלגט געוואָרן פון צוויי גאַנץ פאַרשיידענע טיפּען פון פרויען־געשטאַלטען בעת ער האָט געשילדערט זיין וויערא'ן: איין טיפּ, וואָס ער האָט פאַרזוכט צו שילדערן—אָבער וואָס האָט זיך איהם ניט איינגעגע־בען — אין דער פּערזאָן פון סאָפיע בעלאָוואָדאָוואַ, און דער צווייטער טיפּ — די פרוי פון די זעכציגער יאָהרען, וואָס האָט דעמאָלט געהאַלטען אין אנטשטעהן, פון וועלכען ער האָט אויפגע־כאַפּט עטליכע שטריכען און האָט איהם באַוואונדערט, הגם ער האָט איהם ניט פולשטענדיג באַגריפען. די גרויזאַמע באַציהונג פון וויערא'ן צו דער באָבען און צו ראַיסקי'ן, דעם העלד פון דעם ראָמאַן, מאַכט זי גוואַלטיג אומסימפּאַטיש, ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס איהר פיהלט, אז דער פאַרפאַסער פאַרגעטערט איהר פּשוט.

וואָס ס'איז אָבער שייך צום ניהיליסט וואָלאָכאָוו, איז ער פּשוט א קאַריקאַטור, פּיליכט טאַקע גענומען פון'ם ווירקליכען לעבען — ווי עס זעהט זיך אָן אפילו, פון דעם פאַרפאַפערם פּערזענליכע באַ־קאַנטע, — אָבער מען זעהט קלאָר, אז ער איז געמאָלען געוואָרן מיט'ן וואונש אויסצולופּטערן אביסעל פּערזענליכע געפיהלען פון ווידערווילען. מען קען אַנטאַפּען א פּערזענליכע דראַמע באַ־האַלטען הינטער די זייטלאַך פון דעם ראָמאַן. לויט גאָנטשאַראָוו'ס אייגענע ווערטער האָט ער אין וואָלאָכאָוו'ן לכתחילה געשילדערט א מין אומקאָנווענציאָנעלען ראַדיקאַל פון די 40־גער יאָהרען, וואס האָט אין זיך פולשטענדיג אויפגעהיט די דאָן דזשואַן שטריכען פון „בייראָניזם" פון דעם פריהערדיגען דור. נאָר באַארבייטענדיג דעם ראָמאַן, וואס איז נאָך ניט געווען פאַרענדיגט ביים סוף פון די פופציגער יאָהרען, האָט גאָנטשאַראָוו צוגעגעבען צו וואָלאָ־כאָוו'ן שטריכען פון א ניהיליסט פון די 60גער יאָהרען — פון א רעוואָלוציאָנער; דער פועל יוצא איז געווען, אז דער לעזער האָט געפיהלט די צווייאיגקייט פון וואָלאָכאָוו'ס אנטשטעהונג, פונקט ווי ער האָט געפיהלט אָט די צווייאיגקייט אין דעם אנ־שטעהן פון וויערא'ן.

די איינציגע פיגור אין אָט־דעם ראָמאַן, וואָס איז באמת טריי צום לעבען איז די פיגור פון וויערא'ס באָבען. דאָס איז אן אויס־געצייכענט־אָפּגעמאָלטע פיגור פון אן איינפאַכער, קלוגער, זעלבסט־שטענדיגער פרוי פון דעם אַלטען רוסלאַנד, בעת מאַרטאַ, וויערא'ס שוועסטער, איז אַן אויסגעצייכענט בילד פון דעם געוועהנטליכען מיידעל, פול מיט לעבען און מיט אכטונג צו די אַלטע טראַדיציעס, פון וועלכער עס וועט אמאָל ארויסוואקסען א גוטע ארענטליכע מוטער פון א פאַמיליע. אָט די צוויי פיגורען זיינען די ווערק פון א גרויסען קינסטלער; אָבער אַלע איבעריגע פיגורען זיינען צוגעטראַכטע און, פאַלגליך, נישט קיין געלונגענע; און דאָך מוז מען זאָגען, אז אין דעם טראַגישען אופן ווי די באָבע נעמט אויף דעם „פאַל" פון איהר אייניקעל, איז פאַראַן א היבשע ביסעל איבערטרייבונג. וואס ס'איז שייך צום הינטערגרונד פון דעם ראָמאַן — דעם מאַיאָנטעק ביים ראַנד פון פעלז, וואָס פיהרט צו דער וואָלגאַ — איז דאָס איינער פון די שעהנסטע פּייזאַזשען־בילדער פון דער רוסישער ליטעראַטור.

ד אָ ס ט אָ י ע ו ו ס ק י.

זעהר ווייניג פּראָפעסאָרס זיינען אזוי גוט אויפגענומען געוואָרן, פון זייער ערשטען אויפטריט אין דער ליטעראטור, ווי דאָסטאָיעווסקי. אין דעם יאָהר 1845 איז ער אָנגעקומען קיין פּעטערבורג א גאנץ אומבאוואוסטער יונגערמאן, וואָס האָט מיט צוויי יאָהר פאר דעם געענדיגט א מיליטערישע אינזשיניר־שול. נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעדינט צוויי יאָהר אלס אינזשעניר, האָט ער עס אוועקגעוואָרפען מיט דער אבזיכט זיך אָפּצוגעבען צו ליטעראטור. ער איז סך הכל אַלט געווען פיר־און־צוואנציג יאָהר, בעת ער האָט אָנגעשריבען זיין ערשטען ראָמאן „אָרימע מענשען", וועלכען זיין שול־חבר, גריגאָראָוויטש, האָט איבערגעגעבען צום דיכטער נעקראסאָוו, כדי איהם אפּצודרוקען אין זיין ליטעראַרישען אַלמאַנאך. דאָסטאָיעווסקי האָט שטאַרק געצווייפעלט אין דעם, צי זיין ראָמאן וועט אפילו האָבען די זכיה דורכגעלייענט צו ווערן פון'ם רעדאַקטאָר. ער האָט געוואוינט אין א קליין ארעם צימערל און גאנץ געשמאַק געשלאָפען, ווען גריגאָראָוויטש און נעקראסאָוו האָבען צו איהם אָנגעקלאַפּט ארום פיר אזייגער פאַרטאָג. זיי האָבען זיך ארויפגעוואָרפען אויף דאָסטאָיעווסקי'ס האלז און מיט טרערן אין די אויגען איהם גראַטולירט. עס האָט זיך ארויסגע־צייגט, אז נעקראסאָוו און זיין פריינט האָבען דעם ראָמאן אנגע־פאנגען צו לייענען אין אָוונט און זיך ניט געקענט אָפּשטעלען ביז זיי האָבען איהם געענדיגט, און ער האָט אויף זיי געמאכט אזא טיפען איינדרוק, אז זיי האָבען באשלאָסען זיך ניט אָפּהאַלטען פון אָט־דער נאַכטליכער עקספּעדיציע און מיטטיילען דעם פאַרפאַסער וועגען זייערע געפיהלען. אין עטליכע טעג ארום איז דאָסטאָ־יעווסקי פאָרגעשטעלט געוואָרן פאר'ן גרויסען קריטיקער פון יענער צייט, פאר ביעלינסקי'ן, און פון איהם אויך געקראָגען אזא וואַרימען אויפנאַם. צווישען די לעזער האָט דער ראָמאן געמאכט א גאנצע סענסאציע. דאָס זעלביגע מוז געזאָגט ווערן וועגען אַלע ווייטערדיגע ראָמאנען פון דאָסטאָיעווסקי'ן. זיי האָבען געהאַט א זעהר גרויסען אָפּגאנג איבער גאַנץ רוסלאַנד.

דאָסטאָיעווסקי'ס לעבען איז געווען אומגעהייער טרויעריג. אינ'ם יאָהר 1849, פיר יאָהר נאָכדעם ווי ער האָט געמאכט זיין

ערשטען ערפאָלג מיט די „אָרימע מענשען", איז ער פּאַרמישט געוואָרן אין די אָנגעלעגענהייטען פון איינינע פוריעריסטען (די מיטגלידער פון פּעטראַשעווסקי'ס קרייזלאַך), וועלכע פלעגען זיך פאַרזאַמלען צו לייענען פוריע'ס ווערק און באַשפּרעכען די נויטיגקייט פון א סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד. אויף איינער פון אָט־די פאַרזאַמלונגען האָט דאָסטאָיעווסקי געלייענט דעם באַוואוסטען בריף פון ביעלינסקי'ן צו גאָגאָל'ן, אין וועלכען דער גרויסער קריטיקער האָט זיך גאַנץ שאַרף אויסגעשפּראָכען קעגען דער רוסישער קירך און דעם רוסישען שטאַט. דאָסטאָיעווסקי האָט גענומען אַן אנטייל אין א פאַרזאַמלונג, וואו מען האָט דיסקוטירט די פראַגע וועגען עפענען א געהיימע דרוקעריי. מען האָט איהם אַרעסטירט, גע'משפט (פאַרשטעהט זיך, הינטער פאַרמאַכטע טירן) און, צוזאַמען מיט עטליכע אַנדערע, פאַראורטיילט צום טויט. אין דעצעמבער, 1849, האָט מען איהם אַרויסגעפיהרט אויף אַן אָפענעם פּלאַץ, אַוועקגעשטעלט אויפ'ן עשאַפאָט אונטער א תליה, וואו ער האָט געמוזט אויסהערן דעם לאַנגען טויט־אורטייל, און ערשט ביי דער לעצטער מינוט איז געקומען א שליח פון ניקאָלאַי דעם ערשטען מיט א באַגנאַדיגונג. אין דריי טעג אַרום נאָך אָט־דעם דראַמאַטישען עפּיזאָד, האָט מען איהם אַרויסגעשיקט קיין סיביר און פאַרשפּאַרט אין א קאַטאָרזשנע תפיסה אין דער שטאָדט אָמסק. ווען ער איז אָפּגעזעסען פיר יאָהר איז ער, דורך פּראָטעקציע אין פּעטערבורג, באַפרייט געוואָרן, אָבער גלייך נאָכדעם אָפּגעגעבען געוואָרן פאַר א סאָלדאַט. בעת דאָסטאָיעווסקי איז געווען אין דער קאַטאָרזשנער טורמע האָט מען איהם, פאַר עפּעס א קלייניגקייט, באַשטראָפט מיט שמיץ, און פון יענער צייט אָן האָט זיך אָנגעפאַנגען זיין קרענק — עפּילעפּסיע — פון וועלכער ער איז שוין קיינמאָל ניט פּטור געוואָרן אינ'ם משך פון זיין גאַנצען לעבען. די אַמנעסטיע ביי דער קרוינונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען האָט אויך ניט פאַרלייכטערט דאָסטאָיעווסקי'ס גורל. ערשט אינ'ם יאָהר 1859 — פיר יאָהר נאָכדעם ווי אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז אַרויף אויפ'ן טראָן — איז דער גרויסער שריפטשטעלער באַגנאַדיגט געוואָרן, און מען האָט איהם ערלויבט זיך אומצוקערן קיין רוסלאַנד. ער איז געשטאָרבען אינ'ם יאָהר 1883.

דאָסטאָיעווסקי איז געווען אַ שנעלער שרייבער, און פאַר זיין ערעסט האָט ער ארויסגעגעבען צעהן ראָמאַנען, צווישען וועלכע „חער דאָפּעלטער מענש" איז שוין געווען דער פארלויפער פון זיינע שעפּטערדיגע פּסיכאָ־פּאטאלאָגישע ראָמאַנען און „ניע־טאָטשקאַ ניעזוואַנאָווא" האָט אַנגעצייגט אויף אַ שנעלער צייטיגונג פון אַן ערשט־קלאַסיגען ליטעראַרישען טאַלאַנט. נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען פון סיביר האָט ער אָנגעפאַנגען צו דרוקען אַ רייהע ראָמאַנען, וועלכע האָבען געמאַכט אַ טיפען איינדרוק אויף די לעזער. די סעריע האָט ער אנגעפאַנגען מיט אַ גרויסען ראָמאַן „ערנידעריגטע און באַליידיגטע", נאָך וועלכען עס האָבען באַלד נאָכגעפאָלגט „מעמוארן פון אַ טויטען הויז", וואו ער באַשרייבט זיינע ערפאַהרונגען אויף קאַטאָרגע. נאָכדעם איז ערשינען אַן עקסטרעם־סענסאַציאָנעלער ראמאַן „פאַרברעכען און שטראָף", וועלכער איז די לעצטע צייט פיל געלייענט געוואָרן איבער גאַנץ איירָאָפּאַ און אמעריקע. „די ברידער קאַראַמאַזאָוו", וואָס ווערט גערעכענט פאַר זיין בעסט־באַארבייט ווערק, איז נאָך מעהר סענסאַציאָנעל, בעת דער „ניט־דערוואַקסענער", „אידיאָט" און „שדים" געהערן צו דער סעריע ראָמאַנען, וואָס זיינען געווידמעט צו דיזעלביגע פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגישע פּראָבלעמען.

ווען מען זאָל דאָסטאָיעווסקי'ס ווערק באַטראַכטען אויסשליסליך פון עסטעטישען שטאַנדפּונקט, וואָלט דער אורטייל פון די קריטיקער מכח זייער ליטעראַרישען ווערט גאָר ניט געווען קיין גינסטיגער. דאָסטאָיעווסקי האָט געשריבען אין אַזאַ איילעניש און ער האָט זיך אַזוי ווינציג געקימערט צו באַארבייטען זיינע ראָמאַנען, אַז, ווי דאָבראָליובאָוו האָט אָנגעוויזען, זייער ליטעראַרישע פאָרם איז כמעט געווען נידעריגער פון קריטיק. די העלדען זיינע ריידען אַזוי אָפּגעלאָזען, ווידערהאָלען זיך, און וואָס פאַר אַ העלד עס זאָל ניט ערשיינען אין דעם ראָמאַן (ספּעציעל איז דאָס אַזוי אין דעם ראָמאַן „די ערנידעריגטע"), פיהלט איהר, אַז דער פאַרפאַסער אַליין רעדט. אויסער דעם קומט נאָך צו צו אָט־די ערנסטע חסרונות זיינע העכסט ראָמאַנטישע און פאַרעלטערטע פאָרמען פון די סיוזשעטען פון זיינע ראָמאַנען, די אומאָרדנונג פון זייער געבוי און דער אומנאַטירליכער לויף פון זייערע געשעהענישען, — שוין ניט ריידענדיג פון דער אַטמאָספערע פון

א משוגעים־הויז, אין וועלכער אַט־די אַלע געשעהענישען קומען פּאָר. און דאָך, ניט קוקענדיג אויף אַט־די אַלע חסרונות אַטעמען דאָסטאָיעווסקי׳ס ווערק מיט א טיפען געפיהל פון רעאַליטעט, און אינאיינעם מיט די העכסט פאַנטאַסטישע כאַראַקטערען טרעפט מען אַנדערע, אַזוינע גוט־באַקאַנטע און אַזוינע רעאַליס־טישע, אז מיר פאַרגעסען אן אַלע דאָסטאָיעווסקי׳ס חסרונות. אפילו ווען איהר קלערט אמאָל, אז די געשפּרעכען פון דאָסטאָיעווסקים העלדען זיינען ניט ריכטיג איבערגעבען, פיהלט איהר אָבער, אז די מענשען, וועלכע ער באַשרייבט — לכל הפּחות, איינינע פון זיי — זיינען פּונקט אַזעלכע, ווי ער האָט זיי געוואָלט שילדערן.

די „מעמוארן פון א טויטען הויז" איז דאָס איינציגע דאָס־טאָיעווסקי׳ס ווערק, וואָס קען אַנערקענט ווערען אַלס אן אמת׳דיג קונסט־ווערק: די לייטענדע אידעע פון אַט־דעם ווערק איז שעהן און די פאָרם איז פולשטענדיג צוגעפּאַסט צו דער אידעע; אָבער אין זיינע וויטערדיגע ווערק איז דער פאַרפאַסער אַזוי געדריקט פון זיינע אידעען, וואָס זיינען אַלע זעהר נעבעלדיג, און ער ווערט אַזוי נערוועז־אויפגערעגט צוליב זיי, אַז ער איז ניט בכח צו גע־פינען די ריכטיגע פאָרם. דאָסטאָיעווסקי׳ס באַליבטע טעמעס זיינען מענשען, וועלכע זיינען דורך די אומשטענדען פון זייער לעבען אַזוי נידעריג געזונקען, אַז זיי האָבען אפילו קיין באַגריף ניט וועגען א מעגליכקייט זיך ווען עס איז צוריק אויפהויבען. נאָך מעהר, איהר פיהלט, אַז דאָסטאָיעווסקי האָט עפּעס אן אמת׳ען פאַרגעניגען אין באַשרייבען די ליידען, מאָראַלע און פיזישע, פון די ערנידעריגטע — און אַז ער האָט באמת הנאה, בעת ער שילדערט יענע גייסטיגע ליידען, יענע אַבסאָלוטע הילפלאָזיגקייט, יענע פולשטענדיגע דערשלאָגענהייט פון דער מענשליכער נאַטור, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די נערוואָ־פּאַטאָלאָגישע פאַלען. נעבען אַט־די ליידענדע געפינט איהר אויך עטליכע אַנדערע, וועלכע זיינען אַזוי טיעף־מענשליך, אַז איהר סימפּאַטיזירט מיט זיי מיט׳ן גאַנצען האַרצען. אָבער דאָך זיינען די באַליבטע העלדען פון דאָסטאָיעווסקי׳ן דער מאַן און די פרוי, וואָס קלערן וועגען זיך אליין, אַז זיי באַזיצען ניט גענוג כח, כדי ארויסצורופען רעספּעקט צו זיך, אָדער זיי האָבען אפילו קיין רעכט ניט, מען זאָל זיך מיט

זיי באַגעהן, ווי מיט מענשליכע ברואים. זיי האָבען אַמאָל געמאַכט א שרעקענדיגען פּאַרזוך צו באַשיצען זייער פּערזענליכקייט, אָבער עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען, און זיי ווילען איהם שוין קיינמאָל ניט ווידערהאָלען. זיי זינקען אַלץ טיפער און טיפער אין זייער האָפנונגסלאָזער פאַרצווייפלונג און שטאַרבען, אָדער פון שווינדזוכט, אָדער פון אָרעמקייט, אָדער זיי ווערן קרבנות פון עפּעס א פּסיכישער קרענק, פון עפּעס א מין האַלב־קלאָרער משוגעת, בעת א מענש דערהויבט זיך אַמאָל ביז צו די העכ־סטע באַגריפען פון דער מענשליכער פילאָזאָפיע; אַנדערע ווידער ווערן אַזוי פאַרביטערט, אַז זיי באַגעהען א פאַרברעכען, אויף וועלכען זיי האָבען, אַגב, טאַקע באַלד חרטה.

אין די „ערנידעריגטע און באַליידיגטע" ווערט געשילדערט א יונגערמאַן, וואָס איז פאַרליבט ביז משוגעת אין א מייחעל פון א פאַרהעלטניסמעסיג אָרעמער פאַמיליע. אָט־דאָס מיידעל פאַר־ליבט זיך אין א זעהר אַריסטאָקראַטישען פּרינץ — א מענש אָהן פּרינציפּען, נאָר צויבערליך־שעהן אין זיין קינדערשען עגאָאיזם— וועלכער איז גוואַלטיג אַנציהענד מיט זיין אויפריכטיגקייט, אָבער באַזיצט די פעהיגקייט צו באַגעהן אומבאַוואוסטזיניג די ערגסטע פאַרברעכענס קעגען די מענשען, מיט וועלכע דאָס לעבען ברענגט איהם אין באַרירונג. די פּסיכאָלאָגיע אי פון'ם מיידעל, אי פון דעם יונגען אַריסטאָקראַט איז זעהר גוט, נאָר די בעסטע סצענעס פון'ם ראָמאַן זיינען יענע, אין וועלכע דאָסטאָיעווסקי שילדערט דעם צווייטען יונגען פאַרעהרער פון דער מיידעל, וועמען זי שטויסט אָפּ, און וואָס ווידמעט זיין גאַנצע עקזיסטענץ געהאָרכזאַם צו דינען דער מיידעל, און קעגען זיין ווילען, העלפט ער איהר אַריינפאַלען אין די הענט פון'ם יונגען אַריסטאָקראַט. דאָס איז אַלץ פולשטענדיג מעגליך; דאָס אַלץ עקזיסטירט אין לעבען און דאָס אַלץ ווערט דערצעהלט פון דאָסטאָיעווסקי'ן אויף אַזא אופן, אַז דער לעזער פיהלט דעם טיפסטען מיטלייד צו די ער־נידעריגטע און באַליידיגטע; נאָר אפילו אין אָט־דעם ראָמאַן ווירקט דער פאַרגעניגען, וואָס דער פאַרפאַסער געפינט אין שיל־דערן די גרעניצלאָזע דערנידערונג און שקלאַפעריי פון זיינע העל־דען און די הנאָה, וואָס זיי אַליין פיהלען פון די דערנידערונג און

ליידען, וועלכע מען פאַרשאַפט זיי — אָפּשטויסענד פאַר אַ מענ־שען מיט אַ געזונטען פאַרשטאַנד.

חער געקסטער גרויסער ראָמאַן פון דאָסטאָיעווסקי׳ן, „פאַרברעכען און שטראָף" האָט געמאַכט אַ גאַנצע סענסאַציע. דער העלד פון דעם ראָמאַן איז אַ יונגער סטודענט, ראַסקאָלני־קאָוו, וואָס האָט זעהר ליב זיין מוטער און שוועסטער —ביידע שטאַרק אָרעם, פונקט ווי ער אַליין — און איז פאַרפאָלגט פונ׳ם פאַרלאַנג צו קריגען ערגעץ געלט, כדי צו פאַרענדיגען זיין שטודיום און באַקומען די מעגליכקייט ארויסצוהעלפען די, וואָס זיינען איהם אַזוי טייער. ער פאַלט אויפ׳ן געדאַנק צו הרג׳ענען אַן אַלטע פרוי — אַ פּראָצענטניצע, וועלכע ער קען, און וואָס פאַר־מאָגט, ווי מען זאָגט, עטליכע טויזענט רובעל. אַ גאַנצע רייהע פון מעהר אָדער ווענינער צופעליגע אומשטענדען פאַרשטאַרקען אין איהם אָט־דעם געדאַנק און שטופּען איהם דורכצופיהרען, וואָס ער האָט פאַרטראַכט. אַזוי, למשל, באַשליסט זיין שוועסטער, וואָס זעהט ניט קיין אויסגאַנג פון זייער אָרעמקייט, זיך מקריב צו זיין פאַר איהר פאַמיליע און חתונה האָבען מיט אַן עלטערן אומווירדיגען מאַן, וואָס פאַרמאָגט אַ סך געלט; און ראַסקאָלניקאָוו איז פעסט אַנטשלאָסען צו שטערן די חתונה. אין דער זעלביגער צייט באַגעגענט ער זיך מיט אַן אַלטען טשינאָווניק, אַ שיכור, וואָס האָט אַ זעהר סימפּאַטישע טאָכטער פונ׳ם ערשטען ווייב, סאָניא. די פאַמיליע פונ׳ם טשינאָווניק איז אויפ׳ן סאַמע אָפּ־גרונט פון נויט — אַזאַ וואָס מען טרעפט נאָר אין אַזעלכע גרויסע שטעדט, ווי פּעטערבורג, און ראַסקאָלניקאָוו ווערט טיף־פאַראינטערעסירט אינם שיקזאַל פון דער פאַמיליע. אַ דאַנק אָט־די אַלע אומשטענדען, און אויך ווייל ער אַליין זינקט אַלץ טיפער און טיפער אין דער פינסטערסטער נויט און באַגרייפט די געוואַלטיגע האָפנונגסלאָזיגקייט פון דער נויט און פון דעם עלענד, וואָס רינגלען איהם אַרום, פאַרשטאַרקט זיך אין ראַסקאָל־ניקאָוו׳ן אַלץ מעהר דער געדאַנק צו הרג׳ענען די אַלטע פּראָ־צענטניצע. ער פיהרט דורך דעם פאַרברעכען און, ווי מען האָט דאָס נאָך פריהער געקענט פאָראויסזעהן, באַנוצט ער זיך ניט מיט׳ן געלט: ער איז אַזוי אויפגערעגט, אַז ער געפינט אפילו ניט דאָס געלט. באַלד נאָכדעם, דורכלעבענדיג עטליכע שרעקליכע

טעג פון חרטה און שאנד — ווידער טאָקע אונטער'ן דרוק פון פארשיידענע אומשטענדען, וואס פארשטאַרקען אין איהם דעם געפיהל פון געוויסענביסע — גיט זיך ראסקאָלניקאָוו איבער דער פּאָליציי אלס מערדער פון דער אַלטער פּראָצענטניצע און איהר שוועסטער.

דאָס איז, פארשטעהט זיך, נאָר דער סקעלעט פונ'ם ראָ־מאן; אין דער ווירקליכקייט איז ער פול מיט סצענעס פון ארעמקייט און מאָראלער געזונקענהייט, וואס פארכאַפּען פשוט דאָס הארץ; א חוץ די הויפּט־פּערזאָנען ערשיינען אין אָט־די סצענעס נעבען־פּערזאָנען, ווי למשל, דער באַיאָרנטער פריץ, אין וועמעס פאמיליע ראסקאָלניקאָוו'ס שוועסטער האָט געדינט אלס גואווערנאנטין, דער געריכטס־אויספאָרשער א. אז. וו.

נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעוויזען א מענגע אורזאכען, וואָס האָבען געשטויסען ראסקאָלניקאָוו'ן צו באַגעהן דעם פארברעכען, געפינט דאָסטאָיעווסקי פאר נויטיג אריינצופיהרן נאָך איין מאָ־טיוו, א ריין טעאָרעטישען. דער לעזער ווערט געוואר שוין אין מיטען פון דעם ראָמאן, אז ראסקאָלניקאָוו, פארכאַפּט פון די היינטיגע אידעען פון דער מאטעריאליסטישער פילאָזאָפיע, האָט אָנגעשריבען און אָפּגעדרוקט א צייטונג־ארטיקעל, וואו ער האָט באוויזען, אז מענשען ווערן צוטיילט אויף העכערע און נידעריגע וועזענס, און אז פאר די ערשטע (פון וועלכע נאַפּאָלעאָן איז א מוסטער), זיינען די געוועהנליכע געזעצען פון מאָראל ניט אב־ליגאטאָריש.

די מעהרסטע לעזער פון אָט־דעם ראָמאן און די מעהרסטע ליטערארישע קריטיקער ריידען מיט אנטציקונג וועגען דעם פּסי־כאָלאָגישען אנאליז פון ראסקאָלניקאָוו'ס נשמה און וועגען די מאָטיווען, וואס האָבען איהם געבראכט צו אזא מין פארצוויי־פעלטען שריט. פונדעסטוועגען, וויל איך זיך ערלויבען צו באַ־מערקען, אז טאקע דאָס גופא, וואס דאָסטאָיעווסקי האָט צו־נויפגעקליבען אזויפיל צופעליגע אורזאכען באַווייזט, אז ער האָט אליין געפיהלט, ווי שווער עס איז צו איבערצייגען, אז די פּראָפּאגאנדע פון די מאטעריאליסטישע אידעען קענען באמת ברענגען אן אָרענטליכען יונגענמאן צו אזא פארברעכען, ווי

ראסקאָלניקאָוו איז באגאנגען. די ראסקאָלניקאָווס ווערן ניט קיין מערדער אונטער דעם איינפלוס פון אזעלכע טעאָרעטישע באטראכטונגען; בעת פארקעהרט, די מענשען, וועלכע באגעהן א מאָרד און זיינען זיך סומך אויף ענליכע מאָטיוועץ, ווי למשל, Lebiês*) אין פאריז, זיינען גאָר ניט עהנליך צום ראסקאָלניקאָוו־טיפּ. הינטער ראסקאָלניקאָוו'ן פיהל איך, ווי דאָסטאָיעווסקי גופא פּרובירט צו באשטימען, צי ער אליין, אָדער אזא מענש, ווי ער, וואָלט געקענט געבראכט ווערן צו באגעהן אזא פארברע־כען, ווי ראסקאָלניקאָוו איז באגאנגען און וואָס וואָלט געווען די פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג, ווען ער וואָלט דאָס געטאָן. אָבער אזעלכע מענשען הרג'ענען נ י ט. אויסער דעם, זיינען די מענ־שען, ווי, למשל, דער געריכטס־אויספאָרשער אָדער סווידריגאַי־לאָוו ריין־ראָמאנטיש אויסגעטראכטע פיגורען.

ניט קוקענדיג אויף אָט־די אלע חסרונות, מאכט אָט־דער ראָמאן פון דאָסטאָיעווסקי'ן א שטאַרקען איינדרוק א דאנק די אומגעהייער רעאליסטישע בילדער פון דעם ארימען לעבען, און וועקט אויף אין יעדען אָרענטליכען לעזער דעם טיפסטען מיט־לייד צו אָט־די נידעריג־געזונקענע איינוואוינער פון די שמוציגע קוואַרטאַלען. ווי נאָר דאָסטאָיעווסקי קומט צו זיי צו, ווערט ער א רעאליסט אין דעם בעסטען זין פון דעם וואָרט, ווי טורגע־נעוו און טאָלסטאָי. מארמעלאַדאָוו — דער אלטער שיכור'ער טשינאָווניק — זיין שיכור'ער געשפּרעך און זיין טויט, זיין פאמי־ליע, די אינצידענטען, וואָס פאסירן נאָך זיין קבורה, זיין ווייב און זיין טאָכטער סאָניא — אָט־די אלע זיינען לעבעדיגע וועזענס און ווירקליכע אינצידענטען פון דעם לעבען פון די ארימסטע מענשען, און די זייטלאַך, וואָס דאָסטאָיעווסקי ווידמעט צו זיי, געהערן צו די איינדרוקפולסטע און ריהרענדסטע זייטלאַך אין דער אַלוועלטליכער ליטעראטור. אין זיי שפּירט מען א זשעניע.

דער ראָמאן „די ברידער קאַראמאזאָוו" איז אין פּרט פון

*) Lebies, א פאַריזער סטודענט, וואָס האָט געה'רג'עט א פּראָצענט־ניטשקע אונטער'ן איינפלוס פון דער טעאָריע פון'ם קאַמף פאר דער עק־זיסטענץ. ער האָט קיינמאָל קיין חרטה ניט געהאט און האָט זיך געהאל־טען אַרויספאָדערנד צו זיינע באשולדיגער און צום געריכט.

קונסט דער אמבעסטען באארבייטעטער פון אַלע דאָסטאָיעווסקי׳ס ראָמאַנען. אָבער ער איז אויך אַ ראָמאַן, וואו אַלע אינערליכע חסרונות פונ׳ם פּראָפעסער׳ס געדאנק און פאָרשטעלונג האָבען גע־פונען זייער פולקאָמסטען אויסדרוק. די פילאָזאָפיע פון אָט־דעם ראָמאַן — די אומגלויביגע מערב־אייראָפּאַ; די ווילד־לײדענשאַפט־ליכע און שיכור׳ענדע רוסלאַנד; און רוסלאַנד אַ רעפאָרמירטע דורך מאָנאַכען און גלויבען; אַלע דריי פאָרגעשטעלט דורך די דריי ברידער קאַראַמאַזאָוו — אָט־די פילאָזאָפיע ערשיינט נאָר נע־בעלדיג אין דעם הינטערגרונד פון דעם ראָמאַן. אָבער אין קיין שום ליטעראַטור געפינט זיך ניט אַזאַ קאָלעקציע פון די אָפּ־שטויסענדסטע טיפּען פון דער מענשהייט — משוגעים, האַלב־משוגעים, פאַרברעכער אין ווערן און אַקטיווע פאַרברע־כער אין אַלע מעגליכע גראַדאַציעס, ווי אין „די ברידער קאַראַ־מאַזאָוו“. אַ רוסישער ספּעציאַליסט פון געהירן און נערווען־קראַנקהייטען האָט געפונען פּאָרטרעטער פון אַלע אַזוינע קראַנק־הייטען אין דאָסטאָיעווסקי׳ס ראָמאַנען, און ספּעציעל אין „די ברי־דער קאַראַמאַזאָוו“,—אַלץ אין אַזאַ ראַם, וואָס שטעלט פאָר אַ וויל־דען געלויף פון דעם זאָנדערבאַרסטען געמיש פון רעאַליזם און ראָ־מאַנטיזם. וואָס עס זאָלען ניט געווען שרייבען געוויסע קריטי־קער פון יענער צייט, וועלכע האָבען ליב געהאַט יעדען מין קרענקליכע ליטעראַטור, וועגען אָט־דעם ראָמאַן, דער פּראָפעסער אָבער פון דעם איצטיגען בוך קען נאָר זאָגען, אַז ער געפינט איהם אַזוי אומנאַטירליך, אַזוי קינסטליך פאַבריצירט פאַר ספּע־ציעלע צוועקען — אין איינינע פּלעצער צוליב שטיקלאַך מאָראַל, אין אַנדערע צוליב דער שילדערונג פון עפּעס אַן עקעלהאַפטיגען כאַראַקטער, אַנטנומען פון אַ פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגישען שפּיטאָל, און ווידער אין אַנדערע, כדי צו אַנאַליזירען די געפיהלען פון עפּעס אַ ריין־פאַנטאַסטישען פאַרברעכער, — אַז די עטליכע גוטע זייט־לאַך, וואָס מען טרעפט אַמאָל אָן, באַצאָלען ניט דעם לעזער פאַר דער שווערער אַרבייט פון איבערלייענען אָט־די צוויי בענדער.

דאָסטאָיעווסקי ווערט נאָך אַלץ זעהר פיל געלייענט אין רוסלאַנד; און ווען, מיט אַ צוואַנציג יאָהר צוריק, זיינען זיינע ראָמאַנען איבערזעצט געוואָרען אין פראַנצויזיש, דייטש און ענג־ליש האָט מען זיי אויפגענומען, ווי אַן אַנטפּלעקונג. מען האָט איהם

געלויבט, ווי איינעם פון די גרעסטע שריפטשטעלער פון אונזער צייט, ווי דעם איינציגסטען, וואס האָט „בעסער פון אלץ אויסגעדריקט די מיסטישע סלאַווישע נשמה" — וואָס אָט־דער אויסדרוק זאָל ניט באַדייטען! טורגענעוו איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אין שאָטען, טאָלסטאָי איז אויף א ווײַלע פארגעסען געוואָרן. פארשטעהט זיך, אין דעם אלעמען איז געווען א היבש ביסעל היסטערישע איבערטרייבונג; אין היינטיגער צייט האלטען די געזונטע ליטעראטור־קריטיקער זיך אָפּ פון אזעלכע לויבגעזאנגען. דער אמת איז, אז עס איז געוויס פאראַן זעהר פיל קראפט אין אלץ, וואָס דאָסטאָיעווסקי האָט געשריבען: זיין שאפונגס־קראפט ברענגט ארויף אויפ'ן געדאנק די שאפונגס־קראפט פון האָפמאַן; און זיין סימפאַטיע צו די ערנידעריגטע און ניחערגעשלאָגענסטע פראָדוקטען פון דער ציוויליזאציע פון אונזערע גרויסע שטעדט, איז אזוי גרויס, אז זי פארכאפּט דעם אינדיפערענטסטען לעזער און מאכט א זעהר שטארקען איינדרוק אין דער געהעריגער ריכטונג אויף יונגע לעזער. זיין אנאַליז פון די פארשיידענארטיגסטע מינים פסיכישע קרענק אין זייער אַנהויב איז, לויט דער באשטעטיגונג פון ספעציאַליסטען, דורך און דורך ריכטיג. נאָר פונדעסטוועגען זיינען די קונסט־מעלות פון זיינע ראָמאנען נידעריגער פון יענע מעלות, מיט וועלכע עס צייכענען זיך אויס די ווערק פון אונזערע קינסטלער: טאָלסטאָי טורגעניעוו אָדער גאָנטשאַראָוו. ביי דאָסטאָיעווסקי'ן ווערן זייטלאַך פון פאָלקאָמענעם רעאַליזם אריינגעוועבט אין די פאַנטאַסטישסטע אינצידענטען, וועלכע פאַסען זיך נאָר פאַר דעם ערגסטען מין ראָמאַנטיזם. הארץ־פארכאַפּענדיגע סצענעס ווערן פּלוצלונג איבערגעהאַקט, נאָר כדי אריינצופיהרן די אומנאַטירליכסטע טעאָרעטישע דיסקוסיעס. אויסער דעם, איז דער פארפאַסער אין אזא איילעניש, אז עס דוכט זיך, ער אליין האָט קיין צייט ניט געהאט איבערצולייענען זיינע ראָמאַנען איידער ער האָט זיי אָפּגעשיקט אין דרוק. און ערגער פון אלץ איז, וואָס יעדער איינציגער העלד פון זיינע ראָמאַנען, ספּעציעל פון די ראָמאַנען פונ'ם שפּעטערדיגען פעריאָד, ליידט פון עפּעס א פּסיכישער קרענק, אָדער איז א קרבן פון מאָראַלער פארדאָרבונג. דערפון שטאַמט דער פאַקט, וואָס הגם מען לייענט איי־

ניגע פון דאָסטאָיעווסקי'ס ווערק מיט גרויס אינטערעס, רופען זיי אָבער קיינמאָל ניט אַרויס דעם פאַרלאַנג נאָך אַמאָל זיי צו לייענען, ווי למשל, טורגעניעוו'ס אָדער טאָלסטאָי'ס ווערק און אפילו די ווערק פון א סך מינדערוויכטיגע ראָמאַנען־שרייבער; דער שרייבער פון אָט־דעם בוך מוז זיך מודה זיין, אז איהם האָט געקאָסט א סך מיה אָט־דאָ ניט לאנג איבערצולייענען „די ברידער קאַראַמאַזאָוו", און ער האָט באַין אופן ניט געקענט פאַרענדיגען דעם ראָמאַן „דער אידיאָט". פונדעסטוועגען קען מען דאָסטאָיעווסקי'ן אַלץ מוחל זיין, ווייל בעת ער רעדט וועגען די אונטערדריקטע און פאַרגעסענע קינדער פון אונזער שטאָדט־ציוויליזאַציע, ווערט ער באמת גרויס דורך זיין ברייטער און אומענדליכער ליבע צו דער מענשהייט — פון דעם מענשען אפילו אין דער טיפעניש פון זיין פאַלען. דורך זיין ליבע צו אָט־די שיכורים, בעטלערס, קליינע גנבים א. אז. וו., וועמען מיר געהען געוועהנליך פאַרביי און שענקען אפילו ניט קיין רחמנות־קוק; דורך זיין קראַפט צו אנטחעקען, וואָס ס'איז מענשליך און אָפט וואס ס'איז גרויס אין דעם נידעריגסט־געזונקענעם וועזען; דורך דער ליבע, וואָס ער וועקט אין אונז אויף אפילו צו די ווינציג אינטערעסאַנטע טיפען פון דער מענשהייט, אפילו צו יענע, וואס וועלען קיינמאָל ניט מאכען קיין אָנשטרענגונג זיך ארויסצורייסען פון דער נידעריגער און אומגליקליכער לאגע, אין וועלכער דאָס לעבען האָט זיי אריינגעוואָרפען — דורך אָט־די מעלות האָט דאָסטאָיעווסקי זיכער ערארבערט פאַר זיך א זעלטענעם פלאַץ צווישען די שריפטשטעלער פון דער מאָדערנער צייט, און ער וועט געלייענט ווערען — ניט צוליב דער קינסטליכער באַארבייטונג פון זיינע שריפטען, נאָר צוליב די גוטע געדאַנקען, וואָס זיינען אין זיי צואוואָרפען, פאַר דער רעאַלער רעפּראָדוקציע פון דעם לעבען אין די שמוציגע קוואַרטאַלען פון די גרויסע שטעדט — און פאַר דער אומענדליכער סימפּאַטיע, וואָס אַזאַ וועזען ווי סאָניאַ, קען ארויסרופען אין דעם לעזער.

נעקראַסאָוו.

אין נעקראַסאָוו'ן האָבען מיר א דיכטער, וועמעס ווערק האָבען ארויסגערופען לעבעדיגע ויכוחים אין דער רוסישער ליטעראַטור. ער איז געבאָרן געוואָרן אינ'ם יאָהר 1821, — זיין פאָטער איז געוועזן

אַן אָרעמער ארמעע אָפיצער, וואס האָט חתונה געהאט מיט א פוילישער דאמע אוים ליבע. די דאָזיגע פרוי האָט געמוזט באזיצען מערקווירדיגע מעלות, ווייל נעקראסאָוו רעדט וועגען זיין מוטער מיט אזא ליבע און אכטונג, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכען אין די ווערק פון אלע אנדערע דיכטער. זיין מוטער איז אָבער געשטאָרבען זעהר יונג, און זייער גרויסע פאמיליע, וואס איז באשטאנען פון דרייצעהן ברידער און שוועסטער, האָט זיך געמוזט געפינען אין א שווערער לאגע. ניקאָלאי נעקראסאָוו האָט שוין צו זעכצעהן יאָהר פארלאָזט דאָס פראווינציעלע שטעדטעל, וואו זיין פאמיליע האָט געוואוינט און זיך אוועקגעלאָזט קיין פעטערסבורג, כדי אָנצוקומען אין אוניווערזיטעט אויפ'ן פילאָלאָגישען פאקולטעט. די מעהרסטע פון די רוסישע סטודענטען לעבען זעהר ארעם — מעהרסטענס פון לעקציעס, אָדער זיי פארנעהמען שטעלעס פון פריוואטע לערער אין פאמיליעס, וואו מען צאָהלט זיי זעהר ווייניג, אָבער וואו זיי זיינען לכל הפחות, זיכער מיט קעסט און מיט א קווארטיר. אויף נעקראסאָוו'ס גורל איז אָבער אויסגעפאלען די ביטערסטע נויט. „דריי יאָהר נאָכאַנאַנד", האָט ער אין א צייט ארום דערצעהלט, „האָב איך יעדען טאָג געליטען הונגער". „ניט איינמאָל איז דאָס אזוי ווייט אוועק, אז איך פלעג אוועקגעהן אין איינעם פון די גרויסע רעסטאָראנען, וואו מען פלעגט ערלויבען צו לייענען צייטונגען, אפילו ווען מען האָט קיין באשטעלונג ניט געמאכט. דאָרטען פלעג איך זיך אוועקזעצען, ארויסנעמען מיין צייטונג פון „יוצא" וועגען און פאמעלאך צושלעפען צו זיך דעם טעלער ברויט און עסען... און דאָס איז געווען מיין איינציגע שפייז". ענדליך איז ער קראנק געווארן. פאר זיין קליין צימערל, וואָס ער האָט געהאט געדונגען ביי עפעס אַן אלטען סאָלדאט, האָט ער ניט געקענט צאָלען, און איינמאָל, באלד ווי ער איז אויפגעשטאנען פון דער קרענק, אין א קאלטער נאָוועמבער־נאכט, האָט איהם דער באַלעבאָס מעהר ניט געוואָלט ארייננעלאָזען צו זיך אין צימער. נעקראסאָוו וואָלט געמוזט איבערקומען די נאכט אין דרויסען, נאָר עפעס א פארבייגעהענדיגער אלטער בעטלער האָט אויף איהם רחמנות געקראגען און איהם מיטגענומען צו זיך ערגעץ אין א שמוציגען געגענד אויסער דער שטאָדט אויף נאכט־לעגער; דאָ האָט נעקראסאָוו ניט נאָר געפו־

נען אן אבדאַך, נאָר אויך באקומען א געלעגענהייט צו פאַרדינען פופצעהן קאָפּיקעס פאַר א „פּראַשעניע“, וואָס ער האָט אנגעשריבען פאַר איינעם פון די איינוואוינער.

אָט אזא איז געווען נעקראַסאָוו׳ס יוגענט; אָבער אין יענע יאָהרען האָט ער געהאַט די געלעגענהייט נאָהענט זיך צו באקאנען מיט די ארעמסטע און נידעריגסטע קלאַסען פון דער פּעטערבורגער באפעלקערונג, און די ליבע, וואס ער האָט צו זיי ערוואָרבען אין׳ם משך פון יענע וואַנדערונגען, האָט ער אויפגעהיט אין דעם משך פון זיין גאנצען לעבען. שפּעטער האָט ער, דורך שווערער ארבייט און דורך די פאַרשידענע אַלמאַנאַכען, וואָס ער האָט ארויסגעגעבען, פאַרבעסערט זיין מאַטעריעלע לאגע. ער איז געוואָרען א שטענדיגער מיט־ארבייטער פון׳ם גרעסטען זשורנאַל פון יענער צייט, פון׳ם „סאָווערעמעניק“, פאַר וועלכען טורגעניעוו, דאָסטאָיעווסקי, הערצען און אַלע אונזערע בעסטע שריפטשטעלער האָבען געשריבען, און אין דעם יאָהר 1846 איז ער אפילו געוואָרען דער אייגענטימער פון דעם זשורנאַל „סאָווערעמעניק“, וועלכער האָט צוגעצויגען צו זיך די בעסטע ליטעראַרישע קרעפטען פון רוסלאַנד און האָט אין פאַרלויף פון די נעקסטע 15 יאָהר געשפּילט אן אומגעהייער גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַרישער און פּאָליטישער אנטוויקלונג פון רוסלאַנד. אין דעם אָנפאַנג פון די זעכציגער יאָהרען פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט, איז נעקראַסאָוו, אַלס ארויסגעבער פון דעם „סאָווערעמניק“ געקומען אין ענגע באַציהונגען און זיך באפריינדעט מיט צוויי מערקווירדיגע מענשען, מיט טשערנישעווסקי׳ן און מיט דאָבראָליובאָוו׳ן, און ארום יענער צייט האָט ער אנגעשריבען זיינע בעסטע פּערזען. אין דעם יאָהר 1875 איז ער ערנסט קראַנק געוואָרען, און די פאָלגענדיגע צוויי יאָהר פון זיין לעבען זיינען פּשוט געווען יאָהרען פון אַגאָניע. ער איז געשטאָרבען אין דעצעמבער 1877, און טויזענטער מענשען, ספּעציעל די סטודענטען פון׳ם אוניווערזיטעט, האָבען באַגלייט זיין קערפּער צום קבר.

שוין דאָ, ביי זיין פריש־פאַרשאָטענעם קבר, האָבען זיך אָנגעפאַנגען ליידענשאַפטליכע ויכוחים, וועלכע האָבען זיך קיינמאָל ניט געענדיגט, איבער דער באדייטונג פון נעקראַסאָוו׳ן אלס דיכטער. אין זיין רעדע, וואס דאָסטאָיעווסקי האָט געהאַלטען אויף נעקראַ־

סאָוו׳ס קבר, האָט ער איהם אוועקגעשטעלט אין איין רייהע מיט פּושקינ׳ען און לערמאָנטאָוו׳ן („נאָך העכער פון פּושקינ׳ען און לערמאָנטאָוו׳ן“, האָט אויגעשריען צווישען דעם עולם א יונגער ענטוזיאזסט). און די פראגע — „איז נעקראַסאָוו אזא גרויסער דיכטער, ווי פּושקין און לערמאָנטאָוו?“ — ווערט עד היום דעבאַטירט אין דער רוסישער ליטעראַטור.

נעקראַסאָוו׳ס פּאָעזיע האָט געשפּילט אזא וויכטיגע ראָלע אין מיין אייגענער אנטוויקלונג, אינ׳ם משך פון מיין יוגענט, אז איך וואָג ניט צו פארלאָזען זיך אויף מיין אייגענער הויכער אפּשאַצונג פון אָט דער פּאָעזיע; און כדי זיך צו איבערצייגען אין דער ריכטיג־קייט פון מיינע איינדרוקען און אפּשאַצונגען, האָב איך זיי פאר־גליכען מיט די מיינונגען פון די רוסישע קריטיקער: ארסיעניעוו, סקאביטשעווסקי און ווענגעראָוו (דער פּראָפעסער פון א גרויסען ביגראַפישען ווערטער־בוך פון רוסישע שריפטשטעלער).

בעת מיר טרעטען אריין אין דעם יוגענט־פּעריאָד, פון זעכצען ביז צוואַנציג יאָהר, נויטיגען מיר זיך אין ווערטער, כדי אויסצו־דריקען די שטרעבונגען און די העכערע אידעאַלען, וואס פאַנגען אָן אויפצוואַקסען אין אונזערע מחות. עס איז ניט גענוג צו פיהלען אָט־די שטרעבונגען: מיר נויטיגען זיך אין ווערטער, כדי זיי אויס־צודריקען. אייניגע געפינען אָט־די ווערטער אין די תפילות, וואָס זיי הערען אין די קלויסטערס; אנדערע — און איך געהער צו זייער צאָהל — באנוגענען זיך ניט מיט אזא מין אויסדרוק פון זייערע געפיהלען; ער, אָט־דער אויסדרוק, איז פאר זיי צו אומ־באשטימט, און זיי זוכען א מעהר קאָנקרעטע פאָרם צו אויסדריקען אין איהר זייער וואַקסענדיגע סימפּאַטיע צו דער מענשהייט און די פילאָזאָפישע פראגען וועגען דעם לעבען פון דעם וועלט־אַל, מיט וועלכע זיי זיינען פארנומען. זיי זוכען פּאָעזיע. פאר מיר האָט געטהען פון איין זייט, דורך זיין פילאָזאָפישער פּאָעזיע, און נעק־ראַסאָוו פון דער צווייטער זייט, דורך זיינע קאָנקרעטע בילדער, אין וועלכע ער האָט אויסגעדריקט זיין ליבע צו די פויערים־מאַסען, מיך באַזארגט מיט די נויטיגע ווערטער, וואס דאָס הארץ האָט אזוי געגאַרט אויף אויסצודריקען זיינע פּאָעטישע געפיהלען. אבער, דאָס איז נאָר אַ פּערזענליכע באמערקונג. די פראגע איז, צי נע־

קראַסאָוו קען באמת אוועקגעשטעלט ווערן אין איין רייהע מיט פּושקינ'ען און לערמאָנטאָוו'ן, ווי א גרויסער דיכטער.

אייניגע מענשען פּערוואַרפען אפילו די מעגליכקייט פון אזא פּארגלייך. ער איז ניט געווען קיין דיכטער, זאגען זיי, ווייל זיין פּאָעזיע איז געווען טענדענציעז. אָבער אַט־דער שטאַנדפּונקט, וואָס ווערט אָפט פּארטיידיגט פון די נאָכפאָלגער פון דער ריינער עסטעטיק, איז אויגענשיינליך ניט ריכטיג. שעלי איז אויך ניט געווען אינגאַנצען פרעמד פון טענדענציעס, וועלכע האָבען איהם דאָך ניט געשטערט צו זיין א גרויסער דיכטער; בראַונינג איז טענ־דענציעז אין אייניגע פון זיינע פּאָעמעס, און דאָס האָט איהם ניט געשטערט צו זיין א גרויסער דיכטער. יעדער גרויסער דיכטער האָט א געוויסע טענדענץ אין די מעהרסטע פון זיינע פּאָעמעס, און די פראַגע איז נאָר, צי האָט ער געפונען א שעהנע פאָרם אויף אויסצודריקען זיין כונה, צי ניין. דער דיכטער, וועמען עס וועט זיך איינגעבען צו פּאַרייניגען אן אמת שעהנע פאָרם, ד. ה. איינ־דרוקספולע בילדער און וואויל־קלינגענדיגע פערזען מיט אן ערהאָ־בענער טענדענץ, וועט זיין דער גרעסטער דיכטער.

מען מוז מודה זיין, אז בעת מען לייענט נעקראַסאָווס ווערק, פילט מען, אז די פערזען זיינען איהם שווער אָנגעקומען. איהר וועט אין זיין פּאָעזיע ניט געפינען יענע לייכטקייט, מיט וועלכער פּושקין האָט געניצט זיינע פערזען כדי אויסצודריקען זיינע געדאַנ־קען; איהר וועט אין איהר ניט געפינען אפילו קיין דערנעהנטערונג צו דער מוזיקאַלישער האַרמאָניע פון לערמאָנטאָוו'ס פערז אָדער פון דעם פערז פון א. ק. טאָלסטאָי. אפילו אין זיינע בעסטע פּאָעמעס זיינען פאַראַן הילצערנע און אומגעלומפּערטע שורות, וואָס שניי־דען פּשוט אין די אויערן; איהר פיהלט אָבער, אז אַט־די אומגע־לונגענע פערזען קענען אויסגעבעסערט ווערן, ווען מען שטעלט איבער אָדער מען בייט איבער עטליכע ווערטער און די שעהנקייט פון די בילדער אין וועלכע די געפיהלען זיינען אויסגעדריקט וואָלטען זיך דערפון דאָך ניט געענדערט. זיכער פילט מען, אז נעקראַסאָוו איז ניט געווען קיין גלענצענדיגער מייסטער פון וואָרט און פערז, ער איז אָבער געווען א דיכטער. אין זיינע שאַפונגען וועט איהר זעלטען געפינען א פּאָעטיש בילד, וואָס זאָל ניט פּאַסען צו דער אַלגעמיינער אידעע פון דער פּאָעמע, וואָס זאָל זיין ניט

שעהן, אָדער קלינגען, ווי אַ דיסאָנאַנס; אין דער זעלביגער צייט האָט זיך נעקראַסאָוו'ן איינגעגעבען אין אייניגע פון זיינע פערזען צו באַצירן אַ זעהר הויכע מדרגה פון פּאָעטישער אינספּיראַציע מיט אמת-שעהנע פאָרמען. מען טאָר ניט פאַרגעסען, אַז די „יאַמ-בען" פון באַרביע'ן און די „שאַטימענטס" פון וויקטאָר הוגאָ, וואָלטען אויך אין מאַנכע פלעצער געמעגט האָבען אַ פולקאָמענערע פאָרם..

נעקראַסאָוו'ס ווערק האָבען ניט אַלע איינעם און דעם זעלביגען ווערט. נאָר איינער פון די אויבען-דערמאָנטע קריטיקער האָט אָנ-געצייגט, אַז אפילו צווישען די סאַמע פּראָזאַישע פּאָעמען פון נע-קראַסאָוו'ן, למשל, די פּאָעמע, אין וועלכער ער באַשרייבט אין זעהר שלעכטע פערזען די דרוקעריי פון אַ צייטונג — איז ווי נאָר ער באַריהרט די ליידען פונ'ם אַרבייטער קומען דאָרטען צוועלף שורות, וועלכע, לויט דער שעהנקייט פון די פּאָעטישע בילדער און מוזי-קאַלישקייט, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט זייער אינערליכער קראַפט, האָבען זעהר ווינציק ביישפּילען צו זיך אין דער גאַנצער רוסישער ליטעראַטור.

ווען מיר שאַצען אָפּ אַ דיכטער, האָבען מיר שטענדיג אין אויג דעם אַלגעמיינעם טאָן פון זיינע ווערק, וועלכען אָדער מיר האָבען ליב, אָדער מיר געהען גלייכגילטיג פאַרביי, און צו רעדוצירן די ליטעראַרישע קריטיק אויסשליסליך צום אַנאַליז פון דער שעהנ-קייט אין דעם דיכטער'ס פערזען, אָדער צו דער צוגעפּאַסטקייט צווי-שען „אידעע און פאָרם", וואָלט זיכער גוואַלטיג רעדוצירט דעם ווערט פון דער קריטיק גופא. יעדער איינציגער אַנערקענט, אַז טעניסאָן איז געווען אַן אויסערגעוויינטליכער מייסטער פון פאָרם, פונקטסטווענען וועט איהם קיינער ניט אוועקשטעלען העכער פון שעלי'ן פשוט, ווייל די אַלגעמיינע באַדייטונג פון שעלי'ס אידעען איז אַ סך העכער פון דער אַלגעמיינער באַדייטונג פון טעניסאָנ'ס אידעען. נעקראַסאָוו'ס סופּעריאָריטעט האַלט זיך גראַד אויף דעם אַלגעמיינעם טאָן פון זיינע ווערק.

אין דער רוסישער ליטעראַטור קען מען אָנצייגען אויף עטליכע דיכטער, וועמעס ווערק עס באַריהרן סאָציאַלע טעמעס און וועלכע ריידען וועגען די פליכטען פון אַ בירגער — ווי, למשל, פּליטשעיעוו און מיניאַעוו — און זיי האָבען טאַקע אַמאָל דערגרייכט פונ'ם

שטאַנדפּונקט פון דעם פּערזען־מאַכער, א העכערע מדרגה אין שעהנקייט פון פאָרם, ווי נעקראַסאָוו. אָבער אין אַלץ, וואָס נע־קראַסאָוו האָט געשריבען איז פאַראַן עפּעס אַן אינערליכע קראַפט, וואָס איהר קענט ניט געפינען ביי קיינעם פון אָט־די דיכטער און אָט־די קראַפט שטויסט איהם אָן אויף בילדער, וועלכע ווערן מיט רעכט באַכטראַכט, ווי פּערל פון דער רוסישער פּאָעזיע.

נעקראַסאָוו פּלעגט רופען זיין מוזע „א מוזע פון נקמה און טרויער", און זיין מוזע האָט ווירקליך קיינמאָל ניט געמאַכט קיין קאָמפּראָמיס מיט אומגערעכטיגקייט. נעקראַסאָוו איז א פּעסי־מיסט, אָבער זיין פּעסימיזם, ווי ווענגעראָוו באַמערקט, טראָגט אַן אָריגינעלען כאַראַקטער. הגם זיין פּאָעזיע אנטהאַלט אזוי פיל דריי־קענדע בילדער, וואָס שילדערן די נויט און דעם עלענט פון די רוסישע מאַסען, פונדעסטוועגען מאַכען דאָך זיינע ווערק סוף־כל־סוף א דערהויבענדען איינדרוק אויפ׳ן לעזער. דער דיכטער בויגט ניט זיין קאָפּ פאַר דער טרויעריגער ווירקליכקייט: ער קעמפּט קעגען איהר און ער איז זיכער מיט א נצחון. לייענט מען נעקראַסאָוו׳ס ווערק דערוועקט זיך יענע אומצופרידענהייט, וואָס טראָגט שוין אין זיך גופא די זאָמען פון גענעזונג.

די מאַסען פון דעם רוסישען פאָלק, די פּויערים און זייערע לײדען, זיינען די הויפּט טעמעס פון אונזער דיכטער׳ס פּערזען. זיין ליבע צום פאָלק געהט דורך, ווי א רויטער פאָדים, דורך אַלע זיינע ווערק; ער איז צו איהר געבליבען טריי אינ׳ם משך פון זיין גאַנ־צען לעבען. אין זיינע יונגע יאָהרען האָט אָט־די ליבע איהם אפּגע־האַלטען פון פאַרשווענדען זיין טאַלאַנט אין יענעם סאָרט לעבען, וועלכען אזוי פיל פון זיינע צייט־חברים האָבען געפיהרט; שפּעטער האָט זי איהם באַגייסטערט צום קאַמף קעגען לייב־אייגענטום; און ווען לייב־אייגענטום איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, האָט ער ניט באַ־טראַכט זיין קאַמף אַלס פאַרענדיגט, ווי א סך פון זיינע פריינט: ער איז געוואָרן דער דיכטער פון די פינסטערע פאָלקס־מאַסען, וואָס טראָגען דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען יאָך: און, ענדליך, אויף דער עלטער שוין, האָט ער ניט געזאָגט: „איך האָב געטאָן אַלץ, וואָס איך האָב געקענט"; אדרבא, ביז׳ן סוף פון זיין לעבען האָט אין זיינע לידער געקלונגען דער צער, פאַרוואָס ער איז ניט געווען קיין גענוג גרויסער קעמפער. ער האָט געשריבען: „מיר האָט דער

קאַמף געשטערט צו זיין א דיכטער, די לידער האָבען מיר געשטערט צו ווערן א קעמפער"; אין דעם זעלבינען ליד זאָגט ער: „נאָר ווער עס דינט די גרויסע צוועקען פון דער צייט, ווער עס גיט אוועק זיין לעבען אין קאַמף פאר זיין ברודער־מענש—יענער נאָר וועט זיך אליין איבערלעבען"...

אַמאָל קלינגט ארוים פון זיינע ווערק א טאָן פון פארצווייפ־לונג, אָבער דאָס טרעפט פארהעלטניסמעסיג זעלטען. דער רו־סישער פויער, ווי נעקראַסאָוו שילדערט איהם, איז ניט א מענש, וואָס גיסט נאָכאַנאַנד מיט טרעהרען. ער איז רוהיג, אַמאָל וויציג, און אַמאָל א זעהר פרעהליכער ארבייטער. נעקראַסאָוו אידעאַליזירט זעהר זעלטען דעם פויער; אין די מעהרסטע פאַלען מאָלט ער איהם, ווי ער איז אין דער ווירקליכקייט; און דעם דיכ־טער'ס גלויבען אין די גייסטיגע קרעפטען פון אָט־דעם רוסישען פויער איז טיף און קרעפטיג. „אביסעל מעהר פרייהייט צו אָטע־מען, — זאָגט ער, — און רוסלאַנד וועט צייגען, אז זי האָט מענ־שען, אז זי האָט א צוקונפט." אָט דער געדאַנק קלינגט אָפט אין זיין פּאָעזיע.

נעקראַסאָוו'ס בעסטע פּאָעמע איז „דער פראָסט רויטע־נאָז". דאָס איז די פארגעטערונג פון דער רוסישער פויערטע; אין דער פּאָ־עמע איז ניטאָ אפילו קיין שפור פון סענטימענטאַליטעט; זי איז אָנגעשריבען אין א געהויבענעם עפּישען סטיל, און דער צווייטער טייל איהרער, וואו דער פערזאָניפיצירטער פראָסט געהט דורך אויף זיין וועג איבער דעם וואַלד, און וואו די פויערטע ווערט לאַנגזאַם פארפרוירען צום טויט, בעת די העלע בילדער פון איהר פארגאַנגענעם גליק טראָגען זיך פארביי פאר איהרע געדאַנקען — אָט דאָס אלץ איז אויסגעצייכענט, אפילו פונ'ם שטאַנדפּונקט פון דעם עסטעטישען קריטיקער, ווייל די פּאָעמע איז אָנגעשריבען אין גוטע פערזען און אין א רייע פראַכטפולע געשטאַלטען און בילדער.

„די פויערים־קינדער" איז א וואונדערבארע דאָרפס־אידיליע. די „מוזע פון נקמה און טרויער", — באַמערקט איינער פון אונ־זערע קריטיקער, — ווערט אויסערגעוועהנטליך מילד און צאַרט, ווי נאָר זי פאַנגט אָן צו ריידען וועגען פרויען און קינדער. באמת איז קיינער פון די רוסישע דיכטער ניט דערגאַנגען צו אזא פאר־

געטערונג פון דער פרוי, ספּעציעל פון דער פרוי־מוטער, ווי אַמ־דער כלומר'שטדיג־בייזער דיכטער פון „נקמה און טרויער". ניי נאָר נעקראסאָוו פאַנגט אָן צו ריידען וועגען דער מוטער ווערט ער מעכטיג; און די סטראָפען, וועלכע ער האָט געווידמעט צו זיין אייגענער מוטער — אַ פרוי, וואָס בלאָנקעט זיך אַרום אין אַ פרי'ציש הויז, צווישען מענשען, וועלכע קלערן נאָר וועגען גע־יעג, שיכרות, און איבען אויס זייער מאַכט ווי שקלאַפען־האַלטער אין זייער גאַנצער ברוטאַליטעט, — אָט די סטראָפען זיינען אמת'ע פערעל אין דער פּאָעזיע פון אַלע פעלקער.

זיין פּאָעמע, וואָס איז געווידמעט צו די פאַרשיקטע קיין סי־ביר און צו די רוסישע פרויען, — ד. ה., צו די ווייבער פון די דעקאַבריסטען, — וועלכע האָבען נאָכגעפאָלגט זייערע מענער קיין סיביר, איז אָן אויסגעצייכענטע און אַנטהאַלט אמת־שעהנע פּלע־צער, שטעהט אָבער נידריגער סיי פון די פּאָעמעס, וואָס זיינען געווידמעט צו די פּויערים, סיי פון דער פּאָעמע „סאַשאַ", אין וועלכער ער שילדערט, גלייכצייטיג מיט טורגעניעוו'ן, אַזעלכע טיפּען, ווי רודין און נאַטאַשאַ.

עס איז טאַקע אמת, אַז נעקראסאָוו'ס פערזען טראָגען אָפט די שפּורען פון אַ ביטערען קאַמף מיט'ן גראַם, און אַז אין זיי זיינען פאַראַן שורות פּאָלשטענדיג ניט קיין געלונגענע. עס איז אָבער גאָר קיין ספק ניט, אַז ער איז איינער פון די פּאָפּולערסטע דיכ־טער פון רוסלאַנד. אַ טייל פון זיין פּאָעזיע איז שוין איצטער געוואָרן די ירושה פון דעם גאַנצען רוסישען פּאָלק. זיינע ווערק לייענען ניט נאָר מענשען פון די געבילדעטע קלאַסען, נאָר אויך די אָרעמסטע פּויערים. איינער פון אונזערע קריטיקער האָט גאַנץ ריכטיג באַמערקט, אַז צו פאַרשטעהן פּושקין'ס ווערק פּאָדערט זיך אַ געוויסע מדרגה פון קינסטלערישער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג; כדי אָבער צו פאַרשטעהן נעקראסאָוו'ס ווערק איז פאַר'ן פּויער גענוג צו קאָנען פּשוט לייענען. מען מוז אַליין זעהן, אַנדערש איז דאָס גאָר שווער זיך פּאָרצושטעלען, די פרייד, מיט וועלכער די אָרימסטע קינדער אין די אָרימסטע דאָרפס־שולען לייענען איצטער און חזר'ן אויס אויף אויסוועניג גאַנצע זייטלאַך פון נעקראסאָוו'ס ווערק.

אנדערע פראָזע־שרייבער פון דער זעלביגער עפּאָכע.

נאָכדעם, ווי איך האָב באטראכט די ווערק פון יענע שריפט־שטעלער, וועלכע מען קאָן אנערקענען אלס די אמת'ע גרינדער פון דער מאָדערנער רוסישער ליטעראטור, וואָלט איך איצטער געדאַרפט באטראכטען די ווערק פון אייניגע וועניגער בארימטע פראָזע־שרייבער און דיכטער, וואס געהערן צו דערזעלביגער עפּאָכע. אָבער לויט דעם פּלאַן פון אָט־דעם בוך, וועל איך זיך באנוגענען נאָר מיט עטליכע ווערטער און דערמאָנען דאָ נאָר די מערקווירדיגסטע פון זיי.

א זעהר באדייטענדער שריפטשטעלער, וואָס איז איינגאַנצען אומבאקאַנט אין מערב־אייראָפּע און וואָס פארנעמט א זאַנ־דערבאַר אָרט אין דער רוסישער ליטעראטור, איז סערגעי טימאָפעיעוויטש אקסאַקאָוו (1791־1859), דער פאָטער פון די צוויי שריפטשטעלער־סלאַוויאַנאָפילען, קאָנ־סטאַנטין און איוואַן אקסאַקאָוו. באמת איז ער א צייט־חבר פון פושקינ'ען און פון לערמאָנטאָוו'ן, נאָר אין דער ערשטער צייט פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט האָט ער ניט ארויסגעוויזען קיין שפּור פון אָריגינאַליטעט, און איז געווען א פּסעוודאָ־קלאַסיקער. ערשט נאָכדעם ווי גאָגאָל האָט זיך באוויזען אין דער ליטעראטור, — ד. ה. נאָכ'ן יאָהר 1846 — איז אקסאַקאָוו ארויס אויף א נייעם וועג און זיין גרויסער טאַלאַנט האָט זיך איינגאַנצען אנט־וויקעלט. אין די יאָהרען 1847־1855 האָט ער אָפּגעדרוקט זיינע „מעמוארען פון פיש־פאַנג", „די מעמוארען פון א יעגער מיט זיין ביקס אין אָרענבורגער גובערניע" און „דערצעהלונגען און זכרונות פון א יעגער"; שוין אָט־די דריי ווערק וואָלטען גענוג געווען צו ערובערן פאר איהם א רעפּוטאַציע פון אן ערשט־קלאַסיגען שריפט־שטעלער. די אָרענבורגער גובערניע, אין דעם זידליכען טייל פון די אוראַל־בערג, איז זעהר שיטער באפעלקערט געווען אין יענער צייט, און די נאַטור דאָרטען און דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פונ'ם געגענט זיינען אזוי גוט באשריבען אין אקסאַקאָוו'ס ווערק, אז זיי דערמאָנען אונז אָן דער באוואוסטער „נאַטור־געשיכטע פון סעלבאָורן". עס איז באשריבען מיט דערזעלביגער פּינקטליכקייט. נאָך מעהר, אקסאַקאָוו ערשיינט דאָרטען ווי א דיכטער און ערשט־קלאַסיגער פּייזאַזשען־מאָלער. אויסער דעם איז ער אזוי וואונ־

דערבאַר געווען באַקענט מיט דעם לעבען פון די חיות, ער האָט זיי אַזוי גוט פאַרשטאַנען, אַז אין דעם באַצוג קאָנען זיינע קאָנקור־רענטען נאָר זיין קרילאָוו פון איין זייט, און דער עלטערער ברעהם און אַדיבאָן צווישען נאַטוראַליסטען פון דער צווייטער זייט.

אונטער גאָגאָל'ס ווירקונג האָט זיך ס. ט. אַקסאַקאָוו פולשטענ־דיג באַפרייט פון דעם פסעוודאָ־קלאַסיציזם. אין דעם יאָהר 1846 האָט ער אָנגעפאַנגען צו באַשרייבען דאָס ווירקליכע לעבען, און אַלס רעזולטאַט איז אַרויסגעקומען דאָס גרויס ווערק „אַ פאַמיליען־כראָניק און זכרונות" (1856) נאָך וועלכען עס האָט באַלד נאָכגע־פאָלגט „די ערשטע יאָהרען פון באַגראָוו דעם אייניקעל" (1858), וועלכע האָבען אוועקגעשטעלט אַקסאַקאָוו'ן אין די ערשטע רייהען פון די שריפטשטעלער פונ'ם יאָרהונדערט. די ענטוזיאַסטען סלאַ־וויאַנאָפילען האָבען איהם פאַרגליכען צו שעקספּיר'ן און אפילו צו האָמער'ן; נאָר אַוועקשטעלענדיג אַלע איבערטרייבונגען אָן אַ זייט, האָט זיך ס. ט. אַקסאַקאָוו'ן איינגעגעבען ניט נאָר צו רע־פּראָדוצירן אַ גאַנצע עפּאָכע אין זיינע „מעמואַרען", נאָר אויך צו באַשאַפען רעאַלע טיפּען פון די מענשען פון זיין צייט, וועלכע האָבען געדינט אַלס מוסטערן פאַר אַלע אונזערע שפּעטערדיגע שריפטשטעלער. וואָלט די לייטענדע אידעע פון אַט־די „מעמו־אַרען" ניט אַנטהאַלטען אין זיך אַזאַ לויב־געזאַנג צו די „גוטע אַלטע צייטען" פון לייב־אייגענטום, וואָלטען זיי אפילו איצטער געווען אַ סך מעהר פּאָפּולער. די ערשיינונג פון „אַ פאַמיליען־כראָניק" — אין 1856 — איז געווען אַ גרויסע געשעהעניש און האָט מיט זיך באַצייכענט אַ נייע עפּאָכע אין דער רוסישער לי־טעראַטור.

וו. דאַל (1801—1872) קאָן אויך ניט אויסגעלאָזען ווערן פון אָט דער קורצער אָפּהאַנדלונג. ער איז געבאָרן געוואָרן אין דרום־מזרח פון רוסלאַנד; זיין פאָטער איז געווען אַ דענמאַרקער און זיין מוטער פון פראַנצויזיש־דייטשער אָפּשטאַמונג; זיין ביל־דונג האָט ער באַקומען אין דעם דאָרפּאַטער אוניווערזיטעט. ער איז געווען אַ נאַטוראַליסט און אַ דאָקטאָר לויט זיין פּראָפעסיע, נאָר זיין ליבלינגס־שטודיום איז געווען עטנאָגראַפיע און ער איז געוואָרען אַן אויסגעצייכענטער עטנאָגראַף און אויך איינער פון די גרעסטע קענער פון דער רוסישער שפּראַך און אַלע איהרע פּראָ־

ווינציעלע די אַלעקטען. זיינע סקיצען פון דעם פאָלקס־לעבען אונ־טער דעם פסעוודאָנים „קאָזאַק לוגאַנסקי" (אַרום הונדערט פון אַט־די סקיצען זיינען אויפגעזאַמעלט אין דעם בוך „בילדער פון דעם רוסישען לעבען", 1861) זיינען זעהר פיל געלייענט געוואָרן אין די פערציגער און אין די פופציגער יאָהרען, און טורגעניעוו און בעלינסקי האָבען זיי שטאַרק געלויבט. הגם אַט־די סקיצען באַזיצען ניט קיין סמנים פון פּאָעטישער שאַפונג און זיינען פּשוט'ע בלעטלאַך פון אַ טאָג־בוך, פונדעסטוועגען קאָן מען זיי לייענען מיט פאַרגעניגען. וואָס ס'איז שייך צו דאַל'ס עטנאָגראַפישער אַר־בייט איז זי געוועזן קאָלאָסאַל. אין דער צייט פון זיינע שטענדיגע וואַנדערונגען איבער רוסלאַנד, אַלס מיליטער־דאָקטאָר, האָט זיך דאַל'ן איינגעגעבען אויפצוזאַמלען די וואונדערבאַרסטע קאָלעקציעס פון ווערטער, אויסדרוקען, רעטענישען, שפּריכווערטער, א. אז. וו., וועלכע ער האָט דערנאָך אַרויסגעגעבען אין צוויי גרויסע ווערק. זיין הויפּט־ווערק איז „אַ דערקלעהרענדער ווערטערבוך פון דער רוסישער שפּראַך אין פיר „קוואַרטאַ"־בענ־דער (די ערשטע אויסגאַבע אין 1861 — 1866, די צווייטע אויס־גאַבע אין 1880—1882). דאָס איז ווירקליך אַ מאָנומענטאַל ווערק, — דער ערשטער און זעהר געלונגענער פאַרזוך צו געבען אַ לעקס־סיקאָלאָגיע פון דער רוסישער שפּראַך, וועלכער, ניט קוקענדיג אויף איינינע צופעליגע ט[illegible]ת'ן, האָט אַ זעהר גרויסען ווערט פאַר דער קענטעניש און פאַר דער עטימאָלאָגיע פון דער רוסישער שפּראַך, ווי זי ווערט גערעדט אין די פאַרשיידענע פּראָווינצען. אין דער זעלביגער צייט אנטהאַלט אַט דאָס ווערק אַ ווערט־פולע און זעהר רייכע קאָלעקציע פון לינגוויסטישען מאַ־טעריאַל פאַר צוקונפטיגע אויספאָרשונגען, אַ טייל פון וועל־כען וואָלט שוין איצט זיכער געגאַנגען לאיבוד, ווען דאַל וואָלט דאָס ניט אויפגעזאַמעלט מיט פופציג יאָהר צוריק, איידער די אייזענבאַנען זיינען איינגעפיהרט געוואָרען. דאָס צוויי־טע גרויסע ווערק פון דאַל'ן, עטוואָס וועניגער וויכטיג, לויט זיין באַדייטונג, איז די זאַמלונג פון שפּריכווערטער אונטער'ן נאָמען „די שפּריכווערטער פון דעם רוסישען פאָלק" (די צווייטע אויס־גאַבע אינ'ם יאָהר 1879).

אַ שריפטשטעלער, וואָס פאַרנעמט אַ באַדייטענדען פּלאַץ

אין דער אנטוויקלונג פון דער רוסישער נאָוועלע, וועלכער איז נאָך אָבער ניט גענוג אפּגעשאצט געווארן איז איוואַן פּאַנאַיעוו (1812—1862), וואס איז שטארק באַפריינדעט געוועזן מיט׳ן גאַנ־צען ליטעראַרישען קרייז פון דעם „סאָוורעמעניק״. ער איז געוועזן צו־זאַמען מיט נעקראַסאָוו׳ן דער מיט־רעדאַקטאָר פון אָט־דעם זשור־נאַל און האָט פאַר איהם געשריבען אַ מאַסע ליטעראַרישע נאָטי־צען און פעליעטאָנען, אין וועלכע ער האָט באַריהרט פאַרשיי־דענע געגענשטאַנדען, וואָס זיינען גוואַלטיג אינטערעסאַנט פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון יענער צייט. אין זיינע נאָוועלען האָט פּאַנאַיעוו,פּונקט ווי טורגעניעוו,זיינע טיפּען גענומען הויפּטזעכליך פון די געבילדעטע קלאַסען אי פון פּעטערבורג, אי פון דער פּראָווינץ. די קאָלעקציע פון זיינע „כליסטיקעס״, גענומען פון די העכסטע קלאַסען פון די הויפּט־שטעט, ווי אויך פון דער פּראָווינץ, שטעהען ניט נידעריגער פון טעקערי׳ס קאָלעקציע פון „סנאָבס״. באמת איז דער „כליסטיק״, ווי פּאַנאַיעוו האָט איהם פאַרשטאַנען, אַ ברייטערער און אַ מעהר קאָמפּליצירטער מענשליכער טיפּ, ווי דער „סנאָב״, און עס איז ניט אַזוי גרינג איהם צו באַשרייבען אין עטלי־ליכע ווערטער. נאָר דער גרעסטער פאַרדינסט פון פּאַנאַיעוו׳ן איז, וואָס ער האָט באַשאַפען אין זיינע נאָוועלען אַ רייע פון אַזעלכע פאָלקאָמענע טיפּען פון רוסישע פּרויען, וועלכע זיינען מיט רעכט באַצייכענט געווארן דורך אייניגע קריטיקער, אַלס די „גייסטיגע מוטערס פון טורגעניעוו׳ס העלדינען״.

אַ. הערצען (1812—1870) געהערט אויך צו דער זעלביגער עפּאָכע, אָבער וועגען איהם וועלען מיר ריידען אין איינעם פון די שפּעטערדיגע קאַפּיטלען פון אָט־דעם בוך.

אַ זעהר סימפּאַטישע שריפטשטעלערין, וואָס געהערט אויך צו אָט־דער זעלביגער גרופּע און וואָס פאַרדינט באמת אַ סך מעהר ווי אַ קורצען נאָטיץ, איז נ. ד. כוואָסטשינסקאַיאַ (1825 — 1869; לויט איהר מאַנ׳ס פאַמיליען־נאָמען זאַיאָנטשקאָווסקאַיאַ). זי האָט געשריבען אונטער דעם מענליכען פּסעוודאָנים פון וו. קרעסטאָוו־סקי״, און כדי מען זאָל זי ניט צוזאַמענמישען מיט דעם זעהר פּרוכטבארן ראָמאַנען־שרייבער אין דעם סטיל פון די פראַנצויזישע דעטעקטיוו־נאָוועלען, דעם פאַרפאַסער פון „פּעטערבורגער הינטער־געסלאַך״, וואָס זיין נאָמען איז געוועזן וסעוואָלאָד קרעסטאָווסקי,

רופט מען זי אין רוסלאַנד געוועהנליך „וו. קרעסטאָווסקי פּסעוו־דאָנים".

נ. ד. כוואָסטשינסקאַיאַ האָט אָנגעפאַנגען צו שרייבען זעהר פרי, אינ'ם יאָהר 1847, און איהרע נאָוועלען האָבען געאָטעמט מיט אַזאַ אינערליכען צויבער, אַז זיי זיינען אַלעמאָל געווען באַליבט ביים אַלגעמיינעם פּובליקום און זיינען פיל געלעזען געוואָרן. אָבער מען מוז פונדעסטוועגען זאָגען, אַז אין דעם משך פון דעם ערשטען טייל פון איהר ליטעראַרישער קאַריערע, האָט די קריטיק ניט גענוג אָפּגעשאַצט איהר ווערט, און אַז ביז דעם סוף פון די זיבעציגער יאָהרען האָט זי זיך צו איהר באַצויגען פיינדליך. ערשט ביים סוף פון איהר ליטעראַרישער קאַריערע (אין די יאָהרען 1878 — 1880) האָבען אונזערע בעסטע ליטעראַטור־קריטיקער — מיכאַילאָווסקי, אַרסעניעוו און דער נאָוועליסט באָבאָריקין — אַנערקענט דעם פולען ווערט פון אָט־דער שריפטשטעלערין, וואָס פאַרדינט זיכער אַוועקגעשטעלט צו ווערן נעבען דזשאָרדזש עליאָט און דעם פאַרפאַסער פון „דזשעין איר".

נ. ד. כוואָסטשינסקאַיאַ האָט זיכער ניט געהערט צו יענע, וואָס ערֹאָבערן זייער רעפּוטאַציע מיט איין מאָל; נאָר די אורזאַך פון דער פיינדליכער באַציהונג פון די רוסישע קריטיקער צו איהר איז געווען, ווייל אַזוי ווי זי האָט געשטאַמט פון אַן אָרימער פריצ'ישער פאַמיליע פון ריאַזאַן, און האָט פאַרבראַכט איהר גאַנץ לעבען אין דער פּראָווינץ, האָבען איהרע נאָוועלען פון דעם ערשטען פּעריאָד, וואו זי האָט געמאָלען דאָס פּראָווינציעלע לעבען און פּראָווינציעלע טיפּען, געליטען פון אַ שמאָלען קוק. אָט־דער חסרון איז ספּעציעל קענטיג אין די מענער־טיפּען, פאַר וועמען די פאַרפאַסערין האָט געזוכט צו געווינען די סימפּאַטיע פון די לעזער, און וועלכע האָבען דאָס נאָך אַלעמען ניט פאַרדינט; וואָס עס האָט באַוויזען, אַז די פאַרפאַסערין, אין אַזאַ טרויעריג פאַרוואָרפען ווינקעל, וואו זי האָט געלעבט, האָט פשוט געהאַט אַ באַדערפניש עמיצען צו אידעאַליזירן.

אַ חוץ דעם חסרון אָבער, האָט נ. ד. כוואָסטשינסקאַיאַ זעהר גוט געשילדערט דאָס פּראָווינציעלע לעבען, מיט וועלכען זי איז פולשטענדיג באַקאַנט געווען. זי האָט עס געשילדערט אין דעם זעלביגען פּעסימיסטישען ליכט, אין וועלכען טורגעניעוו האָט דאָס

געזעהן אין דיזעלביגע יאָהרן—אין די לעצטע יאָהרן פון דער הער־שאַפט פון ניקאָלאַי דעם ערשטען. באַזאָנדערס אויסגעצייכענט זיי־נען איהרע שילדערונגען פון דער טרויעריגער און האָפנונגסלאָזער עקזיסטענץ פון די מיידלאַך אין די מעהרסטע פאַמיליעס פון יענער צייט.

אין איהר אייגענער פאַמיליע ליידט זי פון דער פאַנאַטישער טיראַניי פון איהר מוטער און פון דעם „לאָז מיך צורוה" עגאָאיזם פון איהר פאָטער, און צווישען איהרע פאַרעהרער טרעפט זי אַ קאָלעקציע טויגעניכטסען, וואָס פאַרדעקען זייער פלאַכקייט מיט פוסטע, קלינגענדיגע פראַזען. יעדע נאָוועלע, וואָס אונזער פאַר־פאַסערין האָט אָנגעשריבען אין דעם משך פון אָט־דעם פעריאָד, אַנטהאַלט אַ דראַמע פון אַ מיידעל, וועמעס בעסטע געפיהלען עס ווערן פאַרשטיקט אין אַזאַ אומגעבונג, אָדער זי שילדערט די מעהר האַרצרייסענדיגע דראַמע פון אַן אַלט מיידעל, וואָס איז געצוואונגען צו לעבען אונטער דער טיראַניי פון די קליינליכע פאַרפאָלגונגען און שטעך־ווערטלאַך פון איהרע קרובים.

ווען רוסלאַנד איז אַריינגעטראָטען אין אַ בעסערן פעריאָד, אין אָנפאַנג פון די זעכציגער יאָהרן, האָבען די נאָוועלען פון נ. ד. כוואָסטשינסקאַיאַ אויך אָנגענומען אַ מעהר לעבעדיגען כאַראַקטער; צווישען אָט־די נאָוועלען צייכענט זיך ספּעציעל אויס „דער גרויסער בער" (1870—71). בעת אָט־די נאָוועלע איז ערשינען, האָט זי געמאַכט אַ גאַנצע סענסאַציע צווישען אונזער יוגענד, און האָט אויף איהר געהאַט אַ טיפערע ווירקונג, אין דעם בעסטען זין פון דעם וואָרט, ווי יעדע אַנדער נאָוועלע. די העלדין, קאַטיאַ באַגע־גענט אין דער פּערזאָן פון ווערכאָווסקי'ן אַ מענשען פון דעם זעל־ביגען שוועכלינג טיפּ, מיט וועלכען מיר זיינען באַקאַנט פון טור־געניעוו'ס „קאָרעספּאָנדענץ", אָבער איז איצטער געקליידט אין די בגדים פון אַ סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָר, וועמען עס שטערן רק „באַ־דינגונגען" און „אומגליקען" צו דורכפיהרן גרויסע זאַכען. ווער־כאָווסקי, וועמען קאַטיאַ האָט ליב און וועלכער פאַרליבט זיך אין איהר אויך — אויף וויפיל עהנליכע מענשען קאָנען בכלל זיך פאַר־ליבען — ווערט געמאָלען וואונדערבאַר. דאָס איז איינער פון די בעסטע פאָרשטעהער אין דער רייכער גאַלערעע פון עהנליכע טיפּען אין דער רוסישער ליטעראַטור. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז אין

„דעם גרויסען בער" איז דאָ איינער אָדער צוויי טיפּען, וואָס זיינען ניט גאַנץ רעאַל, אָדער אַזעלכע, לכל הפחות, וואָס די פּאַרפאַסערין האָט ניט פולשטענדיג אָפּגעשאַצט (למשל, דער אַלטער באַגרינסקי); אָבער מיר געפינען דאָרטען אויך אַ גאַנצע רייהע אויסגעצייכענט אָפּגעמאָלטע כאַראַקטערען; אין דער זעלביגער צייט שטעהט קאַטיאַ העכער און איז אַ סך לעבעדיגער און פולקאָמענער געשילדערט, ווי טורגעניעוו'ס נאַטאַשאַ אָדער אפילו זיין העלענאַ. זי פילט שוין אַן עקעל צו אַלע געשפּרעכען וועגען העלדישע טאַטען, וואָס די „אומשטענדען" דערלאָזען ניט די כלומרשטיגע העלדען צו דורכפיהרען, און זי נעמט זיך פאַר אַ פיל קלענערער אויפגאַבע: זי ווערט אַ לערערין אין אַ דאָרפישער שול און נעמט זיך אונטער אריינצוברענגען אין דער דאָרפישער פינסטערניש איהרע העכערע אידעאַלען און איהרע האָפנונגען פאַר אַ בעסערער צוקונפט. די ערשיינונג פון אָט־דער נאָוועלע פונקט אין דעם פעריאָד, ווען עס האָט זיך אין רוסלאַנד אָנגעפאַנגען די גרויסע באַוועגונג פון דער יוגענד „אין פאָלק", האָט זי שטאַרק פּאָפּולאַר געמאַכט און מען האָט זי געכאַפּט לייענען, ווי, למשל, מאָרדאָווצעוו'ס „די צייכענס פון דער צייט", און שפּילהאַגענ'ס „אמבאָס און האַממער" און „אין רייה אונד גליעד". דער וואַרמער טאָן פון דער נאָוועלע און די ראַפינירטע טיף מענשליכע פּאָעטישע שטריכען, מיט וועלכע זי איז אָנגעפּיקעוועט, דערהויבען גוואַלדיג איהר ווערט. אין רוסלאַנד האָט זי פאַרזייט אַ היבשע ביסעל גוטע אידעען, און עס איז קיין ספק ניט, אז ווען זי וואָלט געווען באַוואוסט אין מערב־אייראָפּע, וואָלט זי אויך דאָרטען געווען אַ ליבלינג ביי אַלע דענקענדע און אידעאַליסטישע יונגע מענער און פרויען.

ביים סוף פון די זיבעציגער יאָהרען האָט זיך אָנגעפאַנגען צו מערקען אַ דריטער פעריאָד אין דער קונסט פון נ. ד. כוואָסטשינסקאַיאַ. די נאָוועלען פון אָט־דעם פעריאָד, צווישען וועלכע עס צייכענט זיך ספּעציעל אויס די סעריע אונטער'ן נאָמען „דער אַלבאָם: גרופּען און פּאָרטרעטען", — טראָגען שוין אַ נייעם כאַראַקטער. ווען די גרויסע ליבעראַלע באַוועגונג, וואָס רוסלאַנד האָט דורכגעלעבט אין דעם אָנפאַנג פון די זעכציגער יאָהרען איז געקומען צו אַן ענד, און די רעאַקציע האָט באַקומען די אויבערהאַנט, נאָכ'ן יאָהר 1864, האָבען פיל הונדערטער מענשען, וואָס

פלעגען פיגורירן אלס פארשטעהער פון דעם פאָרטגעשטריטענעם געדאנק און פון אלערליי רעפאָרמען, זיך אָפּגעזאָגט פון די אידעאלען פון זייערע בעסטע יאָהרן. מיט טויזענטער פארשיידענע תירוצים האָבען זיי זיך פראָבירט איינרעדען, — און, פארשטעהט זיך, אויך יענע פרויען, וועלכע האָבען זיי געטרויט, — אז עס זיינען געקומען נייע צייטען און נייע פאָדערונגען זיינען אויסגעוואקסען; אז זיי זיינען נאָר געוואָרן „פראקטיש" דערמיט וואָס זיי פארלאָזען די אלטע פאָן און שטעלען זיך אוים הינטער א נייער — הינטער דער פאָן פון פערזענליכער בארייכערונג; אז אזוי צו האנדלען הייסט פאר זיי פשוט א זעלבסט־אויפאָפּפערונג, אן ארויסווייז פון „געזונטער בירגערליכקייט" וואס פאָדערט פון יעדען מענשען זיך ניט אָפּצושטעלען אפילו פאר אויפאָפּפערן זיינע אידעאלען אין די אינטערעסען פון דער „זאך". „וו. קרעסטאָווסקי", אלס א פרוי, וואָס האָט ליב געהאט די אידעאלען, האָט פארשטאנען בעסער פון יעדען מאן דעם אמת'ן זין פון אָט־די סאָפיזמען. זי האָט שטארק געמוזט ליידען פון זיי אין איהר פערזענליכען לעבען, און איך צווייפעל, צי עס איז פאראן ערגעץ אין אן אנדער ליטעראטור א קאָלעקציע פון אזעלכע „גרופען און פאָרטרעטען" פון אלערליי פאררעטער, ווי מיר זעהען אין דעם „אלבאָם" און ספּעציעל אין דעם „ביים פאָטאָגראף". לייענענדיג אָט־די דערצעהלונגען פיהלט איהר, אז דער פארפאסערינ'ס הארץ בלוטעט, בעת זי באשרייבט אָט־די פאררעטער, און דאָס מאכט די „גרופען און פאָרטרעטען" פון נ. ד. כוואָסטשינסקאיא אלס איינעם פון די בעסטע מוסטערן פון „סוביעקטיווען רעאליזם", וואָס מיר פארמאָגען אין דער רוסישער ליטעראטור.

צוויי שוועסטער פון נ. ד. כוואָסטשינסקאיא, וועלכע האָבען געשריבען אונטער די פסעוודאָנימען זימאראָוו און וועסעניעוו, זיינען אויך געוועזן נאָוועליסטען. די ערשטע האָט אָנגעשריבען א ביאָגראפיע פון איהר שוועסטער נאטאליע.

דיכטער פון דער זעלביגער עפּאָכע.

וואָלט דאָס איצטיגע בוך פרעטענדירט צו זיין א קורס אין דער רוסישער ליטעראטור, וואָלט איך זיך איצטער געדארפט אָפּ־

שטעלען און אנאליזירן גענוי עטליכע דיכטער, וואָס געהערן צו דער זעלביגער עפּאָכע, וועלכע איז באַשריבען געוואָרן אין די לעצטע צוויי קאַפּיטלאַך. איך וועל אָבער זיך מוזען באַגרענעצען מיט קורצע באַמערקונגען, הגם די מעהרסטע פון אָט־די דיכטער וואָלטען זיכער געוואָרן די ליבלינגען פון אַנדערע פעלקער, ווען זיי וואָלטען געווען געשריבען אין אַ שפּראַך, וואָס איז מעהר באַקאַנט אין מערב־איירָאָפּע, ווי די רוסישע שפּראַך.

דאָס קאָן מען ספּעציעל זאָגען וועגען קאָלצאָוו'ן (1808—1842), דעם דיכטער פון פאָלק, וואָס האָט באַזונגען אין זיינע לידער, וועלכע קלינגען אַזוי טיף אָפּ אין יעדען פּאָעטישען מוח, די ענדלאָזע סטעפּעס פון זיד־רוסלאַנד, דאָס אָרימע לעבען פונ'ם האָרעפּאַשניק אויפ'ן לאַנד, די טרויעריגע עקזיסטענץ פון דער רוסישער פּויערים־פרוי, די ליבע, וואָס איז פאַר דער ליבענ־דיגער נשמה נאָר אַ קוואַל פון שאַרפע ליידען, דעם שיקזאַל וואָס איז ניט קיין מוטער, נאָר אַ שטיף־מוטער, און דאָס גליק, וואָס איז געווען אַזוי קורץ, אַז עס האָט נאָך זיך געלאָזט נאָר טרערן און טרויער.

דער סטיל, דער אינהאַלט, די פאָרם — אַלץ איז געווען אָרי־גינעל אין אָט־דעם דיכטער פון די סטעפּעס. אפילו די פאָרם פון זיין פערז איז ניט געווען די אָנגענומענע פערזען־פאָרם פון דער רוסישער פּראָזאָדיע: דאָס איז עפּעס אַזאַ מין פאָרם, וואָס איז אַזוי מוזיקאַליש, ווי דאָס רוסישע פאָלקס־ליד און ערטערווייז טאַקע פּונקט אַזוי ניט רעגולאַר. אָבער, יעדע שורה פון קאָל־צאָוו'ס פּאָעזיע (פון זיין צווייטען פּעריאָד, ווען ער האָט זיך באַפרייט פון אימיטאַציע און איז געוואָרן אַן אמת'ער פאָלקס־דיכטער), יעדער אויסדרוק און יעדער געדאַנק אַפּעלירן צום האַרצען און פילען איהם אָן מיט פּאָעטישער ליבע צו דער נאַטור און צו מענשען. ווי אַלע בעסטע רוסישע דיכטער איז קאָלצאָוו געשטאָרבען זעהר יונג, פּונקט דעמאָלט, ווען זיין טאַלאַנט האָט זיך פולשטענדיג אַנטוויקעלט, און אין זיינע פערזען האָבען אָנגעפאַנגען צו קלינגען טיפערע מאָטיוון.

ניקיטין (1824—1861) איז געווען דער צווייטער דיכטער פון דעם זעלביגען טיפּ. ער איז געבאָרן געוואָרן אין אַן אָרימער האַנט־ווערקער פאַמיליע, אויך אין זיד־רוסלאַנד. זיין לעבען אין אָט־

דער פאַמיליע, פון וועלכער דער הויפּט איז שטענדיג געווען אונ־טער׳ן טרונק, און וועלכע דער יונגער מאַן האָט אַליין געמוזט אויסהאַלטען, איז געווען שרעקליך. ער איז אויך געשטאָרבען יונג, אָבער ער האָט איבערגעלאָזט עטליכע זעהר שעהנע און טיף־ריהרענדע פּאָעטישע ווערק, אין וועלכע ער באַשרייבט סצענעס פון דעם פאָלקס־לעבען מיט אַן איינפאַכקייט, וועלכע מיר טרעפען ערשט שפּעטער ביי די בעלעטריסטען־פאָלקיסטען; אָט־די ווערק זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ טיפען טרויער, וואָס זיין אייגען אומ־גליקליכער לעבען האָט איינגעקריצט אויף זיין מח.

אַ. פלעשטשעיעוו (1825—1893) איז פאר די לעצטע 30 יאָהר פון זיין לעבען געווען איינער פון די באַליבטע רוסישע דיכטער. ווי אַ סך אַנדערע טאַלאַנטפולע מענשען פון זיין דור, איז ער אויך אַרעסטירט געוואָרען אינ׳ם יאָהר 1849 אין פאַרבינדונג מיט דער אַנגעלעגענהייט פון דעם פּעטראַשעווסקי־קרייז, פאַר וועלכער דאָסטאָיעווסקי איז פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע. פלעשטשעיעוו׳ן האָט מען אפילו געפונען ווינציגער „שולדיג״, ווי דעם גרויסען נאָוועליסט, און מען האָט איהם אָפּגעגעבען פאַר אַ סאָלדאַט און פאַרשיקט אין אָרענבורגער געגענד, וואו ער וואָלט פיליכט געווען געשטאָרבען אַלס סאָלדאַט, ווען ניקאָלאַי דער ער־שטער וואָלט אַליין ניט געווען געשטאָרבען אינ׳ם יאָהר 1856. אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט איהם באַגנאַדיגט און איהם ער־לויבט זיך צו באַזעצען אין מאָסקווע.

אויף פלעשטשעיעוו׳ן האָבען די פאַרפאָלגונגען גראַד ניט גע־ווירקט, ווי אויף אַלע זיינע איבעריגע צייט־חברים; ער האָט ניט אָנגעוואוירען זיין מוט אין דעם משך פון די אַלע פינסטערע יאָהרן, וואָס רוסלאַנד האָט דורכגעלעבט. אדרבא, ער האָט שטענדיג אָויפ־געהיט דעם זעלביגען טאָן פון ענערגיע, פרישקייט און גלויבען אין זיינע הומאַניטאַרישע, הגם אפשר צו אבסטראַקטע אידעאַלען, וואָס האָבען כאַראַקטעריזירט זיינע ערשטע פּאָעטישע שאַפונגען אין די פערציגער יאָהרן. ערשט אַרום סוף פון זיין לעבען, אונטער דער ווירקונג פון שלעכטען געזונט, האָבען זיך אין זיינע פערזען אָנ־געפאַנגען אַריינרייסען פעסימיסטישע טענער. אויסער זיינע אָרי־גינעלע פערזען האָט ער אויך פיל, און זעהר גוט, איבערזעצט פון דייטשע, ענגלישע, פראַנצויזישע און איטאַליענישע דיכטער.

אויסער אַט־די דריי דיכטער, וואָס האָבען געזוכט זייער באַ־גייסטערונג אין דער ווירקליכקייט פון לעבען אָדער אין העכערע הומאַניטאַרישע אידעאַלען, איז אין דער רוסישער ליטעראַטור נאָך פאַראַן אַ גרופּע דיכטער, וועלכע ווערן געוועהנליך באַצייכענט אַלס פאַרעהרער פון „ריינער שעהנקייט״ און פון „קונסט צוליב קונסט״.

טה. טיוטשעוו (1803—1873) קאָן באַטראַכט ווערן, ווי דער בעסטער, אָדער, אַלענפאַלס, ווי דער ערשטער פאָרשטעהער פון אַט־דער גרופּע. טורגעניעוו האָט איהם זעהר געלויבט — אין דעם יאָהר 1854 — געלויבט זיין איידעלען און אמת׳ען חוש פאַר דער נאַטור און זיין ראַפינירטען געשמאַק. אויף טיוטשעוו׳ן מערקט זיך די ווירקונג פון פּושקינ׳ס עפּאָכע, און עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז ער האָט באַזעסען די עמפּפינדליכקייט און ערנסטקייט, וואָס זיינען נויטיג פאַר אַ גוטען דיכטער. ניט קוקענדיג אָבער דאַרויף, ווערן זיינע פּערזען ווינציג געלייענט, און, ווי עס זעהט אויס, זיינען ניט אינטערעסאַנט פאַר אונזער דור.

אַפּאָללאָן מאַיקאָוו (1821—1897) ווערט אָפט באַצייכענט אַלס אַ דיכטער פון ריינער קונסט צוליב קונסט; יעדענפאַלס, האָט ער דאָס אַליין געפּרעדיגט אין טעאָריע; אָבער אין דער ווירקליכקייט געהערט זיין פּאָעזיע צו פיער באַשטימטע געביטען. אין זיין יוגענד איז ער געוועזען אַ ריינער פאַרעהרער פון דעם אַלטען גריכענלאַנד און רוים, און דאָס הויפּט ווערק זיינס פון אַט־דעם פּע־ריאָד, „די צוויי וועלטען״, איז געווידמעט צום קאָנפליקט צווישען רעם אַלטען הייַדענטום מיט זיין נאַטוריזם און דעם קריסטענטום — דערביי זיינען אין זיין פּאָעמע די בעסטע טיפּען די פאָרשטעהער פון דעם היידענטום. שפּעטער האָט ער אָנגע־שריבען עטליכע זעהר גוטע פּאָעמען פון דער געשיכטע פון דער קירך אין די צייטען פון מיטעל־אַלטער. נאָך שפּעטער, אין די זעכציגער יאָהרן, איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער ליבעראַלער באַוועגונג אין רוסלאַנד און אין מערב־אייראָפּע, און זיינע פּאָעמען זיינען געוועזען דורכגעדרונגען מיט איהר גייסט פון פרייהייט. אינ׳ם משך פון אַט־די יאָהרן האָט ער אָנגעשריבען זיינע בעסטע פּאָעמען און האָט געמאַכט אַ היבשע ביסעל אויסגעצייכענטע איבערזעצונגען פון היינע׳ן. און, ענדליך, ווען דער ליבעראַלער פּעריאָד האָט זיך

געענדיגט אין רוסלאַנד, האָט ער אויך געביטען זיינע מיינונגען און האָט אָנגעפאַנגען צו שרייבען פּונקט דעם היפּוך דערפון, וואָס ער האָט פריהער געשריבען. אין אָט־דער צייט האָט ער אָנגע־הויבען אַלץ מעהר און מעהר צו פאַרלירן אי די סימפּאַטיע פון זיינע לעזער, אי זיין טאַלאַנט. מיט דער אויסנאַם פון אייניגע פון זיינע שאַפונגען, וואָס ער האָט אָנגעשריבען אין אָט־דעם לעצ־טען פעריאָד פון אונטערגאַנג, זיינען מאַיקאָוו'ס פערזען זעהר מוזי־קאַליש, אמת פּאָעטיש און קרעפטיג. אין זיינע ערשטע שאַפונגען און אין אייניגע פּאָעמען פון זיין דריטען פעריאָד האָט מאַיקאָוו דערגרייכט צו אמת'ער שעהנקייט.

נ. שטשערבינאַ (1821—1869), אויך אַ פאַרעהרער פון דעם קלאַסישען גריכענלאַנד, איז כדאי צו דערמאָנען פאַר זיינע אמת־שעהנע אנטאָלאָגישע פערזען פון דעם לעבען פון דער אַמאָליגער גריכענלאַנד, אין וועלכע ער האָט אפילו איבערשטיגען מאַיקאָוו'ן.

פּאָלאָנסקי (1820—1898), אַ צייט־חבר און אַ גרויסער פריינט פון טורגעניעוו'ן, האָט ארויסגעצייגט אַלע עלעמענטען פון אַ גרויסען קינסטלער. זיינע פערזען זיינען שטאַרק מעלאָדיש, זיינע פּאָעטישע בילדער זיינען רייך, און דאָך נאַטירליך און איינ־פאַך, אין די סיוזשעטען פון זיינע ווערק פעלט ניט קיין אָריגי־נאַליטעט. דאָס איז די אורזאַך, וואָס זיינע פערזען זיינען שטענדיג געלייענט געוואָרן מיט אינטערעס. ער האָט אָבער ניט באַזעסען יענע קראַפט, יענע אידעען־טיפקייט, יענע אָנגעשטרענג־טע ליידענשאַפט, וואָס וואָלטען געקאָנט פון איהם שאַפען אַ גרוי־סען דיכטער. זיין בעסט ווערק „אַ מוזיקאַלישער גריל" איז אָנגע־שריבען געוואָרן אין אַ לוסטיגען טאָן, און זיינע פּאָפּולערסטע פער־זען זיינען יענע, וועלכע ער האָט געשריבען אין דעם סטיל פון דער פאָלקס־פּאָעזיע. מען קאָן זאָגען, אַז זיי זיינען געוואָרן דעם פאָלקס אייגענטום. בכלל, איז פּאָלאָנסקי הויפּטזעכליך געוועזען דער דיכטער פון דעם רוהיגען, מעסיגען „אינטעליגענט", וואָס האָט פיינט זיך צו דערגריבלען ביז צום תמצית פון די לעבענס־פּראָבלע־מען. און האָט ער אַמאָל בארירט אַזאַ פראגע, איז דאָס געוועזען נאָר פאַרבייגעהענדיג, און ניט ווייל ער האָט זיך בלוטיג אינטערעסירט מיט איהר.

נאָך איין דיכטער פון אָט־דער גרופּע, פיליכט דער כאַראַק־

טעריסטישסטער פון זיי, איז געווען **א. שענשין** (1820—1892), א סך מעהר באקאנט אונטער דעם פסעוודאָנים פון א. פעט. ער איז פארבליבען זיין גאנץ לעבען א דיכטער פון „ריינער קונסט צוליב קונסט". ער האָט געשריבען א היבש ביסעל וועגען עקאָנאָמישע און סאָציאַלע ענינים, שטענדיג אין א רעאקציאָנערען טאָן, אָבער — אין פּראָזע. וואָס ס'איז אָבער שייך צו זיינע פערזען, האָט ער זיי קיינמאָל ניט באנוצט פאר קיין אנדער זאך, ווי פאר דער פאר־געטערונג פון שעהנקייט צוליב שעהנקייט. אין אָט־דער ריכטונג האָט ער געהאט א גאנץ גוטען ערפאָלג. זיינע קורצע פערזען זיינען ספּעציעל חנ'עוודיג און אמאָל כמעט שעהן. די נאטור, אין איהר שטילען, ליבליכען אויסזעהן, וואָס אָטעמט ארויף א שטילען, צוועקלאָזען טרויער, פלעגט ער אמאָל אָפּשילדערן מיט א זעלטענער פולקאָמענהייט, און אויך יענע נשמה־געמיטען, וואָס טראָגען אן אומבאשטימטען עטוואָס־עראָטישען כאראקטער. פונדעסטוועגען, איינגאנצען גענומען, איז זיין פּאָעזיע מאָנאָטאָן.

צו דער זעלביגער גרופּע קאָן מען אויך צורעכענען **א. ק. טאָלסטאָי'ען**, וועמעס פערזען דערגרייכען אמאָל צו א זעלטענער פולקאָמענהייט און קלינגען, ווי די בעסטע מוזיק. די געפילען, וועלכע ווערן אין זיי אויסגעדריקט, צייכענען זיך אמאָל ניט אויס מיט קיין טיפקייט, אָבער די פאָרם און די מוזיק פון די פערזען זיינען פשוט אנטציקענד. נאָך מעהר, זיינע פערזען טראָגען דעם שטעמפּעל פון אָריגינאַליטעט, ווייל קיינער האָט ניט געקאָנט שריי־בען קיין פּאָעמען אין דעם סטיל פון דער רוסישער פאָלקס־פּאָעזיע, ווי אַלעקסיי טאָלסטאָי. טעאָרעטיש האָט ער אויך געפּרעדיגט קונסט צוליב קונסט. ער איז אָבער קיינמאָל ניט געבליבען טריי צו אָט־דעם געבאָט, און מאָלענדיג דאָס לעבען פון דער אַלטער עפּי־שער רוסלאנד, אָדער דעם פעריאָד פון דעם קאמף צווישען די מאָסקווער צארען און די פעאָדאַלע באָיארען, האָט ער אויסגע־דריקט זיין אנטציקונג פאר די אַלטע צייטען אין זעהר שעהנע פערזען. ער האָט אויך אָנגעשריבען א ראָמאַן „קניאז סערעבריאַני" פון די צייטען פון יאָהאַן דעם שרעקליכען, וועלכער איז זעהר פיל געלייענט געוואָרען; אָבער זיין הויפּט ווערק איז געווען א דראַמאַ־טישע טרילאָגיע פון דעם זעלביגען אינטערעסאנטען פעריאָד פון דער רוסישער געשיכטע (זעה קאפּיטעל זעקס).

כמעט אַלע דיכטער, וואָס זיינען דאָ גאָר וואָס דערמאָנט געוואָרן, האָבען געמאַכט זעהר פיל איבערזעצונגען, און זיי האָבען באַרייכערט די רוסישע ליטעראַטור מיט אַזאַ צאָהל איבערזעצונגען פון אַלע שפּראַכען — געוועהנליך זעהר גוטע — אַז קיין שום ליטעראַטור אין דער וועלט, ניט אפילו די דייטשע, קאָן זיך ניט באַרימען מיט אַזאַ אוצר. איינינע איבערזעצונגען, אָנהויבענדיג מיט זשוקאָווסקי'ס באַארבייטונג פון „דעם געפאַנגענעם פון שילאָן", אָדער די איבערזעצונגען פון הייאַוואַטהאַ, זיינען פּשוט קלאַסיש. אַלע ווערק פון שיללער, די מעהרסטע ווערק פון געטע, כמעט גאַנץ בייראָן, אַ היבשע ביסעל פון שעלליי'ס ווערק, אַלץ, וואָס ס'איז כדאי צו וויסען פון טעניסאָנ'ס ווערק, פון וואָרדסוואָרטה'ס, פון קראַבע, אַלץ וואָס מען האָט געקאָנט איבערזעצען פון בראַונינג, באַרביע, וויקטאָר הוגאָ א. אז. וו. זיינען אַזוי באַקאַנט אין רוסלאַנד, ווי אין דעם פאָטערלאַנד פון די דאָזיגע דיכטער, און אַמאָל אפשר נאָך מעהר. וואָס ס'איז שייך אַזעלכע ליבלינגס, ווי, למשל, היינע, צווייפעל איך צי זיינע בעסטע ווערק האָבען עטוואָס פאַרלוירען אין אָט־די אויסגעצייכענטע איבערזעצונגען, פאַר וועלכע מיר האָבען צו פאַרדאַנקען אונזערע בעסטע דיכטער; דאָס זעלביגע קאָן מען זאָגען וועגען בעראַנזשעס לידער, אין די פרייע איבערזעצונגען פון קוראָטשקין, וועלכע שטעהען ניט נידעריגער פון די אָריגינעלע לידער.

נאָך מעהר, אין רוסלאַנד זיינען געווען איינינע אויסגעצייכענטע, דיכטער, וואָס זיינען באַוואוסט הויפּטזעכליך צוליב זייערע איבערזעצונגען. אַזעלכע זיינען: נ. גערבעל (1827 — 1883), וועלכער האָט זיך ערוואָרבען אַ נאָמען אין דער ליטעראַטור מיט דער אויסגעצייכענטער איבערזעצונג פון „דער באַלאַדע פון איגאָר'ס איבערפאַל" (ז. קאַפּיטעל 1) און שפּעטער, מיט פיל איבערזעצונגען פון מערב־איראָפּעאישע דיכטער. „שילער'ס ווערק אין דער איבערזעצונג פון רוסישע דיכטער" (1857) וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען, און באַלד נאָכדעם עהנליכע אויסגאַבען פון די ווערק פון שעקספּיר, בייראָן און געטע, האָבען געמאַכט אַ געוואַלטיגען רושם.

מיכאַאיל מיכאַילאָוו (1826—1865), איינער פון די בריליאַנטענסטע שרייבער פון דעם „סאָוורעמעניק", פאַר'משפּט אינ'ם

יאָהר 1861 צו קאַטאָרגע אין סיביר, וואו ער איז פיר יאָהר שפּעטער געשטאָרבען, האָט זיך ספּעציעל באַריהמט געמאַכט מיט זיינע איבערזעצונגען פון היינע, לאָנגפעלאָו, הוד, טעניסאָן, לענאַו און אַנדערע.

פּ. וויינבערג (געבאָרן אינ'ם יאָהר 1830), האָט זיך ערוואָרבען אַ נאָמען דורך זיינע אויסגעצייכענטע איבערזעצונגען פון שעקספּיר, בייראָן (סאַרדאַנאַפּאַל), שעלי, (סענסי), שערידאַן, קאָפּע, גוצקאָוו, היינע, א. אַז. וו., און פאַר דער אויסגאַבע פון געטע'ס און היינע'ס ווערק אין רוסישע איבערזעצונגען. ער באַרייכערט נאָך עד היום די רוסישע ליטעראַטור מיט אויסגעצייכענטע איבערזעצונגען פון די מייסטער־ווערק פון פרעמדע ליטעראַטורען.

ל. מעי (1822—1862), דער פאַרפאַסער פון אַ גאַנצער רייהע פּאָעמען פון דעם פאָלקס־לעבען, געשריבען אין זעהר אַ בילדליכער שפּראַך, און פון עטליכע דראַמען, צווישען וועלכע עס צייכענען זיך ספּעציעל אויס די דראַמען פון דעם אַלטען רוסישען לעבען (איינינע פון זיי האָבען געגעבען רימסקי־קאָרסאַקאָוו'ן סיזושעטען פאַר אָפּערעס), האָט אויך געמאַכט אַ גרויסע צאָהל איבערזעצונגען. ער האָט איבערגעזעצט ניט נאָר פון די מאָדערנע וועסט־אייראָפּעאישע דיכטער — פון ענגלישע, פראַנצויזישע, דייטשע, איטאַליענישע און פּוילישע — נאָר אויך פון גריכיש, לאַטייניש און העברעאיש, קענענדיג זעהר גוט אַט־די אַלע שפּראַכען. אַ חוץ די אויסגעצייכענטע איבערזעצונגען פון אַנאַקרעאָן און די אידיליעס פון טעאָקריטוס, האָט ער אויך געשריבען פּראַכט־פולע פּאָעטישע ווערסיעס פון „שיר־השירים" און פון אַנדערע טיילען פון דער ביבעל.

ד. מינאַיעוו (1835—1889), דער פאַרפאַסער פון אַ גרויסער צאָהל פון סאַטירישע פערזען, געהערט אויך צו אַט־דער גרופּע איבערזעצערס. זיינע איבערזעצונגען פון בייראָן, בוירנס, קאָרנוואָל און מאָר, געטהע און היינע, לעפּאַרדי, דאַנטע און עטליכע אַנדערע, זיינען בדרך כלל געווען זעהר שעהן.

אַ. אַ. סאָקאָלאָווסקי (געבאָרן אין דעם יאָהר 1837) האָט געמאַכט אַ סך איבערזעצונגען סיי אין פּראָזע, סיי אין פערזען פון געטהע און בייראָן פאַר גערבעל'ס אויסגאַבע; נאָר זיין הויפּט־ווערק איז געווען זיין אייגענע איבערזעצונג פון אַלע שעקספּיר'ס

ווערק, וועלכע ער האָט אַרויסגעגעבען אין'ם יאָהר 1898, מיט היבשע באַמערקונגען.

ענדליך, מוז איך אויך דערמאָנען איינעם, לכל הפחות, פון די פּראָזע־איבערזעצערס, וועדענסקי (1813—1855), פאַר זיינע זעהר גוטע איבערזעצונגען פון דיקענס הויפּט־ראָמאַנען. זיינע איבערזעצונגען זיינען אמת'ע קונסט־ווערק, דער רעזולטאַט פון א פולקאָמער באַקאַנטשאַפט מיט דעם ענגלישען לעבען און פון אַזא טיפען געפיהל פאַר דיקענס'עס זשעניע, אַז דער איבערזעצער האָט זיך כמעט אידענטיפיצירט מיט דעם אָריגינעלען פאַרפאַסער.